This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

1

1983

היימלאַנד

טײַערע לייענער!
דעם דאָזיקן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד״
וועט איר באַקומען
אין די ערשטע טעג
פונעם נײַעם, 1983 יאָר,
ווען אונדזער סאָוועטיש פֿאָלק,
אונדזער סאָציאַליסטיש היימלאַנד
איז שוין אַרײַנגעטראָטן
אינעם דריטן יאָר פון דעם 11 פינפיאָר.
דער היסטאָרישער גאַנג
פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהײַט
צום קאָמוניזם,
דער קאַמף פאַר שאָלעם
און סאָציאַלער גערעכטיקײַט
ווערן אַלץ פעסטער און זיגרײַכער.
מיר ווינטשן אײַך,
טײַערע כאַווײרים,
אַז אין דעם נײַעם יאָר
זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן
די בעסטע ווונטשן אײַערע,
דער טרוים צו לעבן
מיט מאַזל און מיט גליק.

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

■

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

■

דערשײַנט פון 1961

■

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

1

יאַנואַר

1983

אינהאַלט

מאַטעריאַלן פון דעם אויסעראָרדנטלעכן פּלענום פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס דעם 12 נאָיאַבער 1982

רעדע פונעם כאַווער י. וו. אַנדראָפּאָוו 5

רעדע פונעם כאַווער ק. או. טשערנענקאָ . . . 7

יורי וולאַדימיראָוויטש אַנדראָפּאָוו 9

געאָרגי מאַרקאָוו. אונדזער רודערער — די פּאַרטיי 10

טעאַרעטישע קאָנפערענץ פון „סאָוועטיש היימלאַנד". אַל־בערט בעליאַיעוו. די פּאַראַדאָקסן פון ראָנאַלד הינלי 12

אַרן ווערגעליס. פונעם ציקל „רינג נאָך רינג" . . 24

טעוויע גען. נײַע דערציילונגען 28

הירש דאָבין. צוויי ברעגן (דערציילונג) 51

פיניע פּלאָטקין. דאָרטן, ווו די צאַרטע רויזן ליגן (לידער) 71

יעווגעניע מאַלאַכאָווסקאַיאַ. וואַרעמע רעגנס 75

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. נויעך פּרילוצקי. דיאַלעקטאָלאָגישער פענאָמען; מוישע טײַטש. איבער פעלדער, איבער וועלדער 102

מ. גאָלדין. אַ קאַפּיטאַל ווערק „וועגן ייִדישן מוזיקאַלן פאָלקלאָר" 106

געפונענע מאַנוסקריפּטן. מירע כענקין. אין פּעט־ליורעס קרוינשטאָט (ראָמאַן) 110

זיכרוינעס. כאַיִם טאַמאַרקין. דורך יאָרן און גע־שעענישן 134

ליטעראַטור און קונסט. דאָוויד בעלקין. ייִדישע סוזשעטן אין דער לערמאָנטאָוו־ענציקלאָפּעדיע . . . 143

קורצע רעצענזיעס. זאַלמען ליבינזאָן. אין אָנ־דענק פונעם ייִדישן שטעטל; א. טשערניאַווסקי. די ערד פון ראָמאַנטיק 147

ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער 154

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען 160

כראָניק 50, 163

פריילעכע שורעס 167

מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 169

פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש 170

דאָס איז טשיקאַווע. ג. קאָלפּאַקאָוו. ווער זײַט איר, ראָבינזאָן קרוזאָ 173

רעזומע לויט די מאַטעריאַלן פון נומער (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
נאָטע לוריע, ב. מאַגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (פּאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

דעם 12 נאָיאבער 1982 איז פאָרגעקומען אן אויסער־
אָרדנטלעכער פּלענום פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון
קפּסס.
אלס גענעראל־סעקרעטאר פונעם צענטראל־קאָמיטעט
פון קפּסס האָט דער פּלענום איינשטימיק אויסגעוויילט דעם
כאַווער אנדראָפּאָוו יורי וולאדימיראָוויטש.

מאַטעריאַלן פון דעם אויסעראָרדנטלעכן פּלענום
פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס
דעם 12 נאָיאַבער 1982

רעדע פונעם כאַווער יו. ו. אַנדראָפּאָוו

כאַווייריִם!

אונדזער פּאַרטיי און דאָס לאַנד, דאָס גאַנצע סאָוועטישע פאָלק האָבן געליטן אַ שווערן פאַרלוסט. עס האָט אויפגעהערט צו שלאָגן דאָס האַרץ פון דעם אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און פון דער סאָוועטישער מעלוכע, דעם אָנגעזעענסטן טוער פון דער צווישנפעלקערלעכער קאָמוניסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג, דעם פלאַמיקן קאָמוניסט, געטרייַען זון פונעם סאָוועטישן פאָלק — לעאָניד איליטש ברעזשנעוו.

עס איז אוועק פון דער וועלט דער באַדייַטנדיקסטער פּאָליטישער טוער פון דער הייַנט־צייַטיקייַט. אוועק אונדזער כאַווער און פרייַנט, אַ מענטש מיט אַ גרויסער נשאָמע און אַ גרויס האַרץ, אַ פילבאַרער און גוטווייליקער, אַ האַרציקער און טיף־מענטשלעכער. מעסירעס־נעפעשדיקע איבערגעגעבנקייַט דער אַרבעט, אומקאָמפּראָמיסלעכע פּאָדערהאַפטיקייַט צו זיך און צו אַנדערע, קלוגע פאָרזיכטיקייַט באַם אָנעמען פאַראַנטוואָרטלעכע באַשלוסן, פּרינציפּיעלקייַט און דרייסטקייַט בייַס די שאַרפע קערן פון דער געשיכטע. שטענדיקע אכטונג, פילבאַרקייַט און אויפמערקזאַמקייַט צו מענטשן — אָט דאָס זייַנען יענע וווּנדערלעכע מייַלעס, פאַר וועלכע מע האָט געשעצט און ליב געהאַט לעאָניד איליטשן אין דער פּאַרטיי און אין פאָלק.

איך בעט באַערן דעם ליכטיקן אָנדענק פון לעאָניד איליטש ברעזשנעוון מיט אַ מינוט פון שטילשווייַגן.

לעאָניד איליטש האָט געזאָגט, אַז יעדן טאָג פון זייַן לעבן איז ניט אָפּצוטיילן פון די טוונגען, מיט וועלכע עס לעבט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, דאָס גאַנצע סאָוועטישע לאַנד. און דאָס איז בעעמעס אַזוי טאַקע געווען.

די אינדוסטריִאַליזירונג פונעם לאַנד און קאָלעקטיוויזירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט, די גרויסע פּאַטערלענדישע מילכאָמע און די נאָכמילכאָמעדיקע אויפשטעלונג, די באַהערשונג פון דער צעלינאַ און די פאָרשונג פונעם קאָסמאָס — דאָס אַלץ זייַנען גרויסע ריכט־צייכנס אַף דעם וועג פון מי און קאַמף פונעם סאָוועטישן פאָלק און אין דער זעלבער צייַט ריכט־צייכנס אין דער ביִאָגראַפיע פונעם קאָמוניסט לעאָניד איליטש ברעזשנעוו.

מיטן נאָמען און אויפטוען פון לעאָניד איליטשן איז אומצערייַסבאַר פאַרבונדן דער וווּקס פון דער מעכטיקייַט און די פאַרטיפערונג פון דער אַלזייַטיקער מיטאַרבעט צווישן די לענדער פון דער גרויסער סאָציִאַליסטישער פרייַנטשאַפט־פאַריניקונג, דער אַקטיווער אָנטייל פון דער אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער באַוועגונג אינעם לייזן די היסטאָרישע אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַר דער מענטשהייַט אין אונדזער עפּאָכע, די פאַרפעסטיקונג פון דער סאָלידאַריטעט צווישן אַלע קרעפטן פון נאַציִאָנאַלער באַפרייַונג און סאָציִאַלן פּראָגרעס אַף דער וועלט.

לעאָניד איליטש ברעזשנעוו וועט אַף אייביק פאַרבלייַבן אינעם זיקאָרן פון דער דאַנקבאַרער מענטשהייַט ווי אַ קאָנסעקווענטער לייַדנשאַפטלעכער און אומדערמידלעכער קעמפער

פאַר שאָלעם און זיכערהייַט פון די פעלקער, פאַר באַזייַטיקן די הענגענדיקע איבער דער מענטשהייַט געפאַר פון אַ נוקלעאַרער מילכאָמע.

מיר ווייסן גוט, אַז דעם שאָלעם וועסטו בא די אימפּעריאַליסטן ניט אויסבעטן. מע קאָן אים אויסקעמפן, נאָר שטיצנדיק זיך אַף דער אומצעשטערלעכער מעכטיקייַט פון די סאָוועטישע באַוואָפנטע קרעפטן. אַלס אָנפירער פון דער פּאַרטיי און פון דער מעלוכע, אַלס פאָרזיצער פונעם לאַנדשוץ־ראַט פון פּססר האָט לעאָניד איליטש באַשטענדיק געשענקט אַכט אַף דעם, אַז די שוצפעיִקייַט פונעם לאַנד זאָל זיך געפינען אויפן ניוואָ פון די הייַנטצייַטיקע פאָדערונגען.

דאָ, אין אָט דעם זאַל, האָבן זיך צונויפגעקליבן די, וואָס גייען אַרייַן אינעם שטאַב פון אונדזער פּאַרטיי, בעראָש פון וועלכן עס איז אַכצן יאָר דורכאַנאַנד געשטאַנען לעאָניד איליטש. יעדערער פון אונדז ווייסט, וויפל קויכעס און וויפל נעשאָמע ער האָט אַרייַנגעלייגט אינעם אָרגאַניזירן די געמיינזאַמע, קאָלעקטיווע אַרבעט, דעריין, אַז אָט דער שטאַב זאָל דורכלייגן אַ ריכטיקן לענינישן קורס. יעדערער פון אונדז ווייסט, וואָס פאַר אַן אומאָפּשאַצלעכן צושטייַער לעאָניד איליטש האָט אַרייַנגעטראָגן אינעם שאַפן יענע געזונטע מאָראַליש־פּאָליטישע אַטמאָספער, וועלכע כאַראַקטעריזירט הייַנט דאָס לעבן און די טעטיקייַט פון אונדזער פּאַרטיי.

מיט לעאָניד איליטשס נאָמען איז פאַרבונדן דער פּרינציפּיעלער קאַמף פון אונדזער פּאַרטיי אַף צו באַשיצן דעם מאַרקסיזם־לעניניזם, דאָס פאַנאַנדעראַרבעטן די טעאָריע פונעם אַנטוויקלטן סאָציאַליזם, די וועגן פון לייזן די סאַמע אַקטועלע אויפגאַבן פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. זייַן טעטיקייַט אין דער אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער באַוועגונג האָט מיט רעכט באַקומען די העכסטע אָפּשאַצונג בא די ברידערלעכע פּאַרטייען, בא אונדזערע אויסלענדישע ברידער לויטן קלאַס, די כאַווײרים לויטן קאַמף פאַר סאָציאַליזם, קעגן דעם יאָך פון קאַפּיטאַל, פאַרן טריִומף פון די גרויסע קאָמוניסטישע אידעאַלן.

דאָס לעבן פון לעאָניד איליטשברעזשנעוון איז איבערגעריסן געוואָרן, ווען זייַנע געדאַנקען, באַמיִונגען זייַנען געווען געווענדט אַף צו לייזן די גרויסע אויפגאַבן פון דער עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און קולטורעלער אַנטוויקלונג, וועלכע זייַנען באַשטימט געוואָרן אויפן XXVI צוזאַמענפאָר פון קפּסס, אַף די שפּעטערדיקע פּלענומס פון צק. פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אויפגאַבן, קאָנסעקווענט דורכפירן אין לעבן דעם אינערלעכן און אויסערן־פּאָליטישן קורס פון אונדזער פּאַרטיי און פון דער סאָוועטישער מעלוכע, וועלכער איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אונטער דער אָנפירונג פון לעאָניד איליטש ברעזשנעוון, — איז אונדזער ערשטראַנגיקער כויוו. און דאָס וועט זייַן אונדזער בעסטע באַערונג פון דעם ליכטיקן אָנדענק פונעם אוועקגעגאַנגענעם פון אונדז אָנפירער.

גרויס איז אונדזער טרויער. שווער איז דער פאַרלוסט, וועלכן מיר האָבן געליטן.

אין דער דאָזיקער אומגעבונג איז דער כויוו פון יעדערן פון אונדז, דער כויוו פון יעדן קאָמוניסט נאָך ענגער צונויפשליסן אונדזערע רייען, נאָך שטאַרקער זיך באַהעפטן אַרום דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, טאָן אַף זייַן פּאָסטן, אין זייַן לעבן ווי ווייַט מעגלעך מער פאַר דעם ווױלזייַן פונעם סאָוועטישן פאָלק, פאַר דער פעסטיקונג פונעם שאָלעם, פאַרן טריִומף פון קאָמוניזם.

דאָס סאָוועטישע פאָלק ווייַזט אַרויס גרענעצלאָזן צוטרוי זייַן קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווייַזט אַרויס צוטרוי דערפאַר, ווייַל זי האָט ניט געהאַט און האָט ניט קיין אַנדערע אינטערעסן, אַחוץ די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פון די סאָוועטישע מענטשן. באַרעכטיקן אָט דעם צוטרוי — הייסט גיין פאָרויס אויפן וועג פון קאָמוניסטישער בויונג, זיך דערשלאָגן אַ ווייַטערדיקן אויפבלי פון אונדזער סאָציאַליסטיש היימלאַנד.

מיר, כאַווײרים, פאַרמאָגן אַזאַ קראַפט, וועלכע האָט אונדז געהאָלפן און העלפט אונדז אין די סאַמע שווערע מאָמענטן, וועלכע גיט אונדז אַ מעגלעכקייַט צו לייזן די סאַמע קאָמפּליצירטע אויפגאַבן. די דאָזיקע קראַפט — דאָס איז די איינהייַט פון אונדזערע פּאַרטיייִשע רייען, די דאָזיקע קראַפט — דאָס איז די קאָלעקטיווע קלוגשאַפט פון דער פּאַרטיי, איר קאָלעקטיווע אָנפירונג, די דאָזיקע קראַפט — דאָס איז די איינהייַט פון דער פּאַרטיי און פון דעם פאָלק.

אונדזער פּלענום האָט זיך הייַנט פאַרזאַמלט, קעדיי צו באַערן דעם אָנדענק פון לעאָניד איליטש ברעזשנעוו און צו זיכערן די פאָרזעצונג פון דער זאַך, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן זייַן לעבן.

דעם פּלענום שטייט פאָר צו לייזן די פראַגע וועגן אויסוויילן דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

איך בעט די כאַווײרים זיך אַרויסזאָגן וועגן אָט דער פראַגע.

רעדע פונעם כאווער ק. או. טשערנענקאָ

טײַערע כאווײרים!

די פּאָליטביוראָ האָט מיך באופטראָגט ארויסצוטרעטן פאר די אָנטיילנעמער פון אָט דעם אויסעראָרדנטלעכן פּלענום פון צק.

אונדזער אויסעראָרדנטלעכער פּלענום פון צק האָט ווירקלעך אַן אויסשליסלעכן כאראקטער. דאָס לאַנד און די פּארטיי זײַנען אין טיפן טרויער. ס'האָט פארלאָזט דאָס לעבן לעאָניד איליטש ברעזשנעוו.

דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט פארלאָרן דעם אָנגעזעענסטן אָנפירער, וועלכער איז קימאַט צוויי צענדליק יאָר געשטאַנען בעראָש פון דער פּארטיי און פון דער מעלוכע, אָפּגעבנדיק אַלע זײַנע קויכעס און קאָלאָסאַלע פעיִקײַטן פארן גליק פון די סאָוועטישע מענטשן, פאר דער זאך פון דער קאָמוניסטישער בויונג בא אונדז אין לאַנד. מיר מעגן זאָגן, אַז די מענטשהײַט האָט פארלאָרן א גרויסן, א בעעמעס אומדערמידלעכן קעמפער פאר די אידעאַלן פון שאָלעם, פרײַהײַט און סאָציִאַלן פּראָגרעס. מיר, די סאָוועטישע קאָמוניסטן, אונדזערע ברידער אין די סאָציִאַליסטישע לענדער, אונדזערע מיטקעמפער אין דער אַלוועלטלעכער קאָמוניסטישער באוועגונג האָבן פארלאָרן א טאַלאַנטפולן פאָרזעצער פון דער לענינישער זאך, א מענטש, בא וועלכן מע האָט זיך געלערנט זײַן מעסירעסנעפעשדיק טרײַ די אינטערעסן פון די ארבעטנדיקע.

ווערטער זײַנען ניט אימשטאַנד ארויסצודריקן די גאַנצע ביטערניש פון אונדזער פארלוסט, אָבער אין אָט די טרויעריקע טעג דינט אונדז, ווי א גרויסע הילף, דער בײַשפּיל פונעם לעבן פון דעם אונדז אַלעמען טײַערן לעאָניד איליטש.

לעאָניד איליטש האָט אין דער פולער מאָס באזיצט דעם טאַלאַנט צו לעבן מיט די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט, מיט די אינטערעסן פונעם פאָלק. אַזוי איז געווען טאָמיד, אָנגעהויבן פון די יוגנט־יאָרן און ביז דעם לעצטן טאָג פונעם לעבן.

לעאָניד איליטש האָט גוט געוווּסט, אַז אײנע גוטע ווונטשן — דאָס איז א פּוסטער קלאַנג. עס איז ווייניק ארויסצוזאָגן ריכטיקע געדאַנקען, מע דאַרף זיי שטיצן מיט פּינקטלעכער אָרגאַניזאַטאָרישער ארבעט, מאכן זיי פארשטענדלעך און צוגענגלעך פאר מאַסן ארבעטנדיקע. ער האָט ליב געהאַט מענטשן. ער האָט געוווּסט וויִאַזוי צו טרויען מענטשן.

לעאָניד איליטש איז געווען א מענטש פון אויסשליסלעכן מוט. ער האָט דאָס דערוויזן ניט בלויז בײַס דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, וועלכע ער האָט דורכגעמאכט פון ערשטן ביזן לעצטן טאָג. דער מוט האָט אים ניט פארלאָזט אפן גאַנצן לעבנסוועג. און ער האָט הויך, זייער הויך געשעצט אין יעדן כאווער דרייסטקײַט, פּרינציפּיִעלקײַט, שטאַנדהאַפטיקײַט בײַס יעטווידע ניסיוינעס.

זײַן באַנאַנד מיט לעאָניד איליטשן, אים הערן, באשײַמפּערלעך פילן די שאַרפקײַט פון זײַן סייכל, זײַן אײַנפאַלערישקײַט, זײַן ליבע צום לעבן — דאָס איז געווען א שול פאר אונדז אַלעמען, ווען ס'איז אויסגעפאַלן דאָס גליק צו ארבעטן מיט אים האַנט בא האַנט.

לעאָניד איליטש ברעזשנעוו לאָזט אונדז איבער אַן אויסערסט ווערטפולע יערושע. אונדזער 18־מיליאָניקע פּארטיי איז אײנהײַטלעך און באהעפט. דאָס סאָוועטישע פאָלק גלייבט אומענדלעך אין דער קלוגשאַפט פון דער פּארטיי. באַרמעס פון אונדזער לעבן זײַנען געוואָרן פּאָדערעוודיקײַט און אכטונג צו די קאַדרען, פעסטע דיסציפּלין און שטיצע פון דרייסטע נוצלעכע איניציִאַטיוון, אומבעשאָלעמדיקײַט צו יעטווידע אנטפּלעקונגען פון ביוראָקראַטיזם און שטענדיקע זאָרג וועגן דער אנטוויקלונג פון די פארבינדונגען מיט די מאַסן, וועגן דעם עכטן דעמאָקראַטיזם פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט.

היטן און אנטוויקלען אָט דעם סטיל פון אָנפירונג, האַלטן טײַער אַלץ, וואָס עס האָט אונדז איבערגעלאָזט אַלס געבאָט מיט זײַן וואָרט און טאַט לעאָניד איליטש, — דאָס איז אונד־

זער כויוו פאַר זײַן אָנדענק, אונדזער כויוו פאַר דער פּאַרטיי און פאַרן לאַנד. אַלס פעסטע גאַראַנטיע, אַז דאָס וועט אַזוי זײַן, דינט דער אָנפירנדיקער קערן פון דער פּאַרטיי, איר צענטראַל־קאָמיטעט, די פּאָליטביוראָ, וואָס האָט זיך אויסגעפאָרמירט בא לעאָניד איליטשס באַשליסנדיקן אָנטייל.

אין נאָמען פון דער פּאָליטביוראָ וויל איך אויסדריקן די טיפסטע איבערצײַגונג, אַז אונדזער פּלענום וועט דורכדעמאָנסטרירן פאַרן גאַנצן לאַנד, פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז די פּאַרטיי וועט פעסט גיין ווײַטער מיטן לענינישן קורס, וועלכער איז אויפן הײַנטיקן עטאַפּ קלאָר און פול אויסגעדריקט אין די באַשלוסן פון XXIII — XXVI צוזאַמענפאָרן פון קפּסס. די אינערן־ און אויסערן־פּאָליטיק פון אונדזער פּאַרטיי, וואָס אין איר פאַנאַנדעראַרבעטונג און פאַרווירקלעכונג עס האָט אַ קאָלאָסאַלן צושטײַער אַרײַנגעטראָגן לעאָניד איליטש ברעזשנעוו, וועט דורכגעפירט ווערן זיכער, קאָנסעקווענט און צילגעווענדט.

אונדזערע אָריִענטירן זײַנען געווען, זײַנען און וועלן פאַרבלײַבן דאָס וווילזײַן פונעם פאָלק און דאָס אײַנהיטן דעם שאָלעם אויף דער וועלט.

בא אונדז איז פאַראַן אַ פאַנאַנדערגעוויקלטע, גוט אָפּגעמאָסטענע סאָציִאַל־עקאָנאָמישע פּראָגראַם. די עקאָנאָמיק דאַרף זײַן עקאָנאָמיש. אַזאַ איז די אײַנשטעלונג פון דער פּאַרטיי. און דאָס באַטײַט טעכנישע איבערבאַוואָפּענונג פונעם אינדוסטריִעלן און פונעם אַגראַרן סעקטאָר, פאַרפולקומונג פון דער אָנפירונג און, פאַרשטייט זיך, אַ פאַרבעסערונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער מי, אַ וווּקס פון איר פּראָדוקטיווקײַט, אויף וועלכן באַזע וועט אומאָפּנויגלעך זיך אַנטוויקלען די עקאָנאָמיק פון אונדזער מעלוכע, ס׳וועט זיך העכערן דער וווילשטאַנד פונעם פאָלק. אויף דער באַזע וועט געפעסטיקט ווערן די שוצפעיִקײַט פונעם לאַנד.

בא אונדז איז פאַראַן אַ ברייטע, קאָנקרעטע שאָלעם־פּראָגראַם פאַר די אַכציקער יאָרן. זי אַנטשפּרעכט די האָפענונגען פונעם פאָלק. אַנטשפּאַנונג, אַנטוואָפענונג, דאָס בײַקומען די קאָנפליקט־סיטואַציעס, די באַזײַטיקונג פון דער געפאַר פון אַ נוקלעאַרער מילכאָמע — אָט דאָס זײַנען די אויפגאַבן, וואָס מיר שטעלן פאַר זיך. מיר ווילן אַ זיכערע געפאַרלאָזיקײַט פאַר זיך, פאַר אונדזערע פרײַנט, פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט.

טײַערע כאַווײרים!

מיר אַלע, וואַרשײַנלעך, באַזיניקן, אַז עס איז אויסערסט שווער פאַרפילן דעם פאַרלוסט, וועלכן עס האָט אונדז פאַרשאַפט לעאָניד איליטשס טויט. איצט איז צוויי מאָל אַזויפיל, דרײַ מאָל אַזויפיל וויכטיק פירן די אַרבעט אין דער פּאַרטיי אויף אַ קאָלעקטיוון אויפן. פרײַנטשאַפטלעכע, געמיינזאַמע אַרבעט אין אַלע פּאַרטיי־אָרגאַנען וועט זיכערן די ווײַטערדיקע דערפאָלגן סײַ אין דער קאָמוניסטישער בויונג, סײַ אין אונדזער טעטיקײַט אויף דער צווישנפעלקערלעכער אַרענע.

באַהאַנדלט די געשאַפענע לאַגע, האָט די פּאָליטביוראָ פון צק קפּסס מיך באַאויפטראָגט פאָרלייגן דעם פּלענום אויסצוווײלן אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון צק קפּסס דעם כאַווער אַנדראָפּאָוו יורי וולאַדימיראָוויטש. כ׳מיין, ס׳איז ניטאָ קיין נויטווענדיקײַט צו דערציילן זײַן ביִאָגראַפיע. יורי וולאַדימיראָוויטש איז גוט באַוווּסט אין דער פּאַרטיי און אין לאַנד ווי אַ מעסירעסנעפּעשדיקער, טרײַער דער זאַך פון דער לענינישער פּאַרטיי קאָמוניסט, לעאָניד איליטשס נאָענטסטער מיטקעמפער.

יורי וולאַדימיראָוויטש האָט הינטער זיך אַן אַלזײַטיקע טעטיקײַט אין געביט פון אינערן־ און אויסערן־פּאָליטיק, פון אידעאָלאָגיע. ער איז געווען אי אַ קאָמיוגישער אָנפירער, אי אַ באַדײַטנדיקער פּאַרטיי־טוער און דיפּלאָמאַט. ניט ווייניק מי האָט ער אַרײַנגעלייגט אינעם פעסטיקן די סאָציִאַליסטישע מיטפרײַנטשאַפט, אינעם זיכערן די געפאַרלאָזיקײַט פון אונדזער מעלוכע.

לעאָניד איליטש האָט הויך געשעצט זײַן מאַרקסיסטיש־לענינישע איבערצײַגטקײַט, פּאַרטייִשקײַט, דעם ברייטן באַנעם, זײַנע מערקווירדיקע זאַכלעכע און מענטשלעכע מײַלעס. אַלע מיטגלידער פון דער פּאָליטביוראָ האַלטן, אַז יורי וולאַדימיראָוויטש האָט גוט אויפגעפּאַסט דעם ברעזשנעווישן סטיל פון אָנפירונג, די ברעזשנעווישע זאָרג וועגן די אינטערעסן פונעם פאָלק, די ברעזשנעווישע באַציִונג צו די קאַדרען, די אַנטשלאָסנקײַט זיך קעגנשטעלן מיט אַלע קויכעס די אינטריגעס פון די אַגרעסאָרן, אײַנהיטן און פעסטיקן דעם שאָלעם.

יורי וולאַדימיראָוויטשס זײַנען אייגנטימלעך פּאַרטייִשע באַשיידנקײַט, אָפּשײַ בענעגייע דער מיינונג פון אַנדערע כאַווײרים און, מע קאָן זאָגן, אַ נייגונג צו קאָלעקטיווער אַרבעט. די פּאָליטביוראָ האַלט איינמוטיק: דער כאַווער אַנדראָפּאָוו האָט פאַרדינט דעם צוטרוי פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, דעם צוטרוי פון דער פּאַרטיי.

טײַערע כאַווײרים! פאַרנייגנדיק אונדזערע קעפּ פאַר דעם ליכטיקן אָנדענק פון לעאָניד איליטשן, זאָגן מיר פײַערלעך צו, אַז מיר וועלן אומדערמידלעך פאָרזעצן אונדזער שאַפונגס־אַרבעט. אַלץ, וואָס ס׳האָט ניט באַוויזן אָפּטאָן לעאָניד איליטש, וואָס ס׳האָט אָנגעמערקט אונטער זײַן אָנפירונג די פּאַרטיי, וועט אָפּגעטאָן ווערן.

יורי װלאַדימיראָװיטש אַנדראָפּאָװ

יורי װלאַדימיראָװיטש אַנדראָפּאָװ איז געבױרן געװאָרן דעם 15 יוני 1914 יאָר אין דער מישפּאָכע פֿון אַן אײַזנבאַנער אױף דער סטאַנציע נאַגוטסקאַיאַ, סטאַװראָפּאָלער קאַנט. בילדונג העכערע. מיטגליד פֿון קפּסס פֿון 1939 יאָר.

אַ זעכצניאָריקער קאָמיוגיסט, איז יו. װ. אַנדראָפּאָװ געװען אַן אַרבעטער אין דער שט. מאָזדאָק, צפֿון־אָסעטינישע אַססר. דערנאָך איז זײַן אַרבעטס־ביִאָגראַפֿיע פֿאַרגעזעצט געװאָרן אױף די שיפֿן פֿון דער װאָלגער דאַמפּשיפֿן־פֿאַרװאַלטונג, װוּ ער האָט געאַרבעט אַלס אַ מאַטראָס.

פֿונעם 1936 יאָר איז יו. װ. אַנדראָפּאָװ אױף קאָמיוגישער אַרבעט.

ער איז אױסגעװײלט געװאָרן אַלס באַפֿרײַטער סעקרעטאַר פֿון דער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע אינעם טעכניקום פֿון װאַסער־טראַנספּאָרט אין דער שט. ריבינסק, יאַראָסלאַװער געגנט. אינגיכן האָט מען אים אַרױסגערוקט אױפֿן פּאָסטן פֿון קאָמסאָרג פֿון צק אַללקיופֿ אין דער שיף־װערף אױף װאָלאָדאַרסקיס נאָמען אין דער שט. ריבינסק. אין 1938 יאָר האָבן די קאָמיוגיסטן פֿון יאַראָסלאַװער געגנט אױסגעװײלט יו. װ. אַנדראָפּאָװן אַלס ערשטן סעקרעטאַר פֿונעם יאַראָסלאַװער געגנטקאָם אַללקיופֿ. אין 1940 יאָר װערט יו. װ. אַנדראָפּאָװ אױסגעװײלט אַלס ערשטער סעקרעטאַר פֿון צק לקיופֿ פֿון קאַרעליִע.

פֿון די ערשטע טעג פֿון דער גרױסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע איז יו. װ. אַנדראָפּאָװ אַן אַקטיװער אָנטײלנעמער אין דער פּאַרטיזאַנישער באַװעגונג אין קאַרעליִע. נאָך דעם, װי די שטאָט פּעטראָזאַװאָדסק איז אין 1944 יאָר באַפֿרײַט געװאָרן פֿון די פֿאַשיסטישע פֿאַרכאַפּער, איז יו. װ. אַנדראָפּאָװ אױף פּאַרטײ־אַרבעט. ער װערט אױסגעװײלט אַלס צװײטער סעקרעטאַר פֿונעם פּעטראָזאַװאָדסקער שטאָטקאָם פֿון דער פּאַרטײ, און אין 1947 יאָר — אַלס צװײטער סעקרעטאַר פֿונעם צק פֿון דער קאָמפּאַרטײ פֿון קאַרעליִע.

אין 1951 יאָר װערט יו. װ. אַנדראָפּאָװ, לױטן באַשלוס פֿון צק קפּסס, אַריבערגעפֿירט אין אַפּאַראַט פֿון צק קפּסס און באַשטימט אַלס אינספּעקטאָר, און דערנאָך אַלס פֿאַרװאַלטער פֿון אַ סובאָפּטײל פֿון צק קפּסס.

אין 1953 יאָר שיקט די פּאַרטײ יו. װ. אַנדראָפּאָװן אױף דיפּלאָמאַטישער אַרבעט. עטלעכע יאָר איז ער געװען דער אױסעראָרדנטלעכער און פֿולמעכטיקער געזאַנדטער פֿון פֿסר אין דער אונגאַרישער פֿאָלקס־רעפּובליק.

אין 1957 יאָר איז יו. װ. אַנדראָפּאָװ אַרױסגערוקט געװאָרן אַלס פֿאַרװאַלטער פֿון אַן אָפּטײל פֿון צק קפּסס.

אױפֿן XXII און אױף די שפּעטערדיקע פּאַרטײ־צונױפֿפֿאָרן װערט יו. װ. אַנדראָפּאָװ אױסגעװײלט אַלס מיטגליד פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון קפּסס.

אין 1962 יאָר װערט יו. װ. אַנדראָפּאָװ אױסגעװײלט אַלס סעקרעטאַר פֿון צק קפּסס.

אין מײַ 1967 װערט יו. װ. אַנדראָפּאָװ באַשטימט אַלס פֿאָרזיצער פֿון דעם קאָמיטעט פֿון מעלוכע־זיכערקײַט בײַ דעם מיניסטאָרן־ראַט פֿון פֿסר. אין יוני פֿון דעם זעלבן יאָר איז ער אױסגעװײלט געװאָרן אַלס קאַנדידאַט פֿון פּאָליטביוראָ פֿון צק קפּסס.

אין מײַ 1982 יאָר איז יו. װ. אַנדראָפּאָװ אױסגעװײלט געװאָרן אַלס סעקרעטאַר פֿון צק קפּסס.

פֿון אַפּרעל 1973 יאָר איז יו. װ. אַנדראָפּאָװ אַ מיטגליד פֿון פּאָליטביוראָ פֿון צק קפּסס.

יורי װלאַדימיראָװיטש אַנדראָפּאָװ איז אַ דעפּוטאַט פֿונעם אױבער־סאָװעט פֿון פֿסר פֿון אַ רײ צונױפֿרופֿן.

אױף אַלע פּאָסטנס, װוּ עס האָט לױטן װילן פֿון דער פּאַרטײ געאַרבעט יו. װ. אַנדראָפּאָװ, האָט זיך אַרױסבאַװיזן זײַן געטרײַשאַפֿט דער גרױסער זאַך פֿון לענינען, דער פּאַרטײ. ער גיט אָפּ אַלע זײַנע קױכעס, קענטענישן און דערפֿאַרונג דער פֿאַרװירקלעכונג פֿון די באַשלוסן פֿון דער פּאַרטײ אין לעבן, דעם קאַמף פֿאַרן טריִומף פֿון די קאָמוניסטישע אידייען.

פֿאַר זײַנע גרױסע פֿאַרדינסטן פֿאַרן הײמלאַנד איז יו. װ. אַנדראָפּאָװן — דעם אָנגעזעענעם טוער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ און פֿון דער סאָװעטישער מעלוכע — צוגעײגנט געװאָרן אין 1974 יאָר דער טיטל העלד פֿון סאָציִאַליסטישער אַרבעט. ער איז באַלױנט מיט פֿיר לענין־אָרדענס, מיט די אָרדענס פֿון דער אָקטיאַבער־רעװאָלוציע, פֿון דער רױטער פֿאָן, מיט דרײַ אָרדענס פֿון דער רױטער אַרבעטס־פֿאָן און מיט מעדאַלן.

אונדזער רודערער—די פּאַרטיי

...איך בלעטער „די קליינע ערד", „ווידערגעבורט", „צעלינא", „זיכרוינעס" — ביכער, וואָס פון זייערע זייטן אנטשטייט בוילעט און זיכטבאר דאָס הערלעכע געשטאַלט פון לעאָניד איליטש ברעזשנעוו, דעם פלאַמיקן פּאַטריאָט, דעם געטרייען פאַרזעצער פון לענינס גרויסער זאך, דעם אָנגעזעענסטן קעמפער פאר שאָלעם. און ס'האָבן זיך דערמאָנט לעאָניד איליטשס ווערטער, וועלכע ער האָט געזאָגט בייסן איבערגעבן אים די לענינישע פּרעמיע. „מיך האָט דערצויגן אונדזער לענינישע פּאַרטיי. מיין גאנץ באוווסטזיניק לעבן געפין איך זיך אין דער שערענגע קאָמוניסטן. דערפאר טאקע געשריבן פריער פון אלץ וועגן זיי — די אקטיווע קעמפער, וועגן זייער אידייִשער איבערצייגעטקייט, גייסטיקער שיינקייט. די פּאַרטיי און דאָס פאָלק זיינען געווען די הויפּט־העלדן פון ל. אי. ברעזשנעווס ביכער, ווייל זיין פּערזענלעכן גורל איז ניט אָפּצוטיילן פונעם פאָלקסגורל, ווייל די זאך פון דער פּאַרטיי איז געווען אויך זיין זאך. די פּאַרטיי און דאָס פאָלק האָבן אים אוועקגעשטעלט אפן פאָדערשטן ראנד פונעם קאמף פארן קאָמוניזם. און היינט, ווען לעאָניד איליטש איז ניטאָ מיט אונדז, איז זיין מערקווירדיק לעבן, זיין פּילאַרטיקע טעטיקייט, גופע זיין העלע פּערזענלעכקייט א ביישפּיל פון מעסירעסנעפעשדיקן, אומדערמידלעכן דינען דעם היימלאַנד, דעם פאָלק, דער פּאַרטיי.

די פּאַרטיי איז אונדזער רודערער. וואָס פאר א גוואַלדיק גרויסן זין אנטהאַלטן די דאָזיקע ווערטער! אונטער דער פאָן פון דער גרויסער לענינן־פּאַרטיי גייען מיר מיטן וועג פון שאפונג, מיטן וועג פון שאָלעם און סאָציאַלן פּראָגרעס. די ארבעטנדיקע פון אונדזער לאַנד האָבן ניט איין מאָל זיך איבערצייגט, אז די פּאַרטיי פון די קאָמוניסטן בלייבט באַם באַליביקן קער פון די געשעענישן, בא די באַליביקע ניסיוינעס אף דער הייך פון איר היסטאָרישער מיסיע. די געטריישאפט דעם לענינישן קורס, די אידעאַלן פונעם קאָמוניזם דינען אַלס א גאראַנטיע פון דער אומופהערלעכער פאָרויסבאַוועגונג.

„דאָס סאָוועטישע פאָלק זעט אין דער פּאַרטיי זיין אויסגעפּרוווטן קאָלעקטיוון פירער, זיין קלוגשאפטלעכן אָנפירער און אָרגאַניזאַטאָר, — ווערט געזאָגט אין דער ווענדונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס, פונעם פּרעזידיום פון אויבער־סאָוועט פון פּסס, פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פּסס צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, צום סאָוועטישן פאָלק. — די ניט־געוואקלטע איינהייט פון דער פּאַרטיי און דעם פאָלק איז געווען און פאַרבלייבט דער קוואַל פון דער אומצעשטערבארער קראַפט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט".

די נאָכפאָלגעוודיקייט פונעם קורס פון אונדזער פּאַרטיי האָט באשטעטיקט דער אויסעראָרדנטלעכער פּלענום פון צק קפּסס. אף אים איז אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון צק קפּסס איינשטימיק אויסגעווילט געוואָרן דער כאַווער יו. וו. אנדראָפּאָוו, ל. אי. ברעזשנעווס א נאָענטסטער מיטקעמפער. אין זיין רעדע אפן פּלענום האָט דער כאַווער יו. וו. אנדראָפּאָוו געזאָגט: „דאָס לעבן פון לעאָניד איליטש ברעזשנעוון האָט זיך איבערגעריסן, ווען זיינע געדאנקען, באַמיִונגען זיינען געווען געווענדט אף צו לייזן גרויסע אופגאבן פון דער עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און קולטורעלער אנטוויקלונג, וועלכע עס האָט באשטימט דער XXVI צוזאַמענפאָר פון קפּסס, די שפּעטערדיקע פּלענומס פון צק פארווירקלעכן די דאָזיקע אופגאבן, קאָנסעקווענט דורכפירן אין לעבן דעם אינערלעכן און אויסערלעכן קורס פון אונדזער פּאַרטיי און פון דער סאָוועטישער מעלוכע, וועלכע איז אויסגעארבעט געוואָרן אונטער דער אָנפירונג פון לעאָניד איליטש ברעזשנעוו, — איז אונדזער ערשטראַנגיקער כויוו".

די סאָוועטישע שרייבער זיינען טאָמיד, אף אלע עטאַפּן פון דער קאָמוניסטישער שאפונג געווען געטרייע מיטהעלפער פון דער פּאַרטיי. די אקטיווע לעבנס־פּאָזיציע, דער געזעלשאַפטלעכער טעמפּעראַמענט באַוועגט די שרייבער פונעם לאַנד אריינצומישן זיך מיט די כאַראַקטעריסטישע פאר דער ליטעראַטור מיטלען אין דער ווירקלעכקייט, שטרעבן באַווירקן אירע פּראָצעסן, אָנטיילצונעמען אינעם לייזן די לעבנסוויכטיקע פּראָבלעמען, וואָס די פּאַרטיי שטעלט. די פּאַרטיי האָט געשאַפן אַן אַטמאָספער, וועלכע איז מאַקסימאַל גינסטיק פאר דער פרוכטבארער ארבעט פון דער שעפערישער אינטעליגענץ, פארן אופבלי פונעם טאַלאַנט פון די מייסטערס פון ליטעראַטור און קונסט.

מיר איז אויסגעקומען צו זײַן א דעלעגאַט פון XXIII, XXIV, XXV און XXVI צוזאַמענפאָרן פון קפּסס, און אף יעדן פון זיי זײַנען די פראגן וועגן דער אנטוויקלונג פון דער פילנאציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראטור און קונסט באטראכט געוואָרן באַנאַנד מיט די אנדערע פראגן, וועלכע האָבן אן אלגעמיין־מעלוכישן באַדײַט. דער XXV צוזאַמענפאָר פון קפּסס האָט מיט באַפרידיקונג אָפּגעמערקט, אז די קינסטלערישע אינטעליגענץ פון אונדזער לאַנד טראָגט ארײַן אן אלץ מער וואָגיקן צושטײַער אין דער אלפּאַרטייִשער, אלפאָלקישער זאך פון בויען די קאָמוניסטישע געזעלשאפט. און אפן XXVI צוזאַמענפאָר האָט מען גערעדט וועגן דעם, אז די לעצטע יאָרן האָבן זיך באוויזן ניט ווייניק טאַלאַנטירטע ווערק און אז אין דער סאָוועטישער קונסט הייבט זיך אוף א נײַע צופלוס־כוואַליע.

א באווײַז פון דער שטענדיקער, דורכדרינגלעכער, אלטעגלעכער אופמערקזאמקײַט פון דער פארטיי צו אונדזער ליטעראטור, פונעם ווײַטערדיקן אנטוויקלען און פאַרזעצן די לענינישע מעטאָדן פון פארטיי־אָנפירונג זײַנען די באוווּסטע באשטימונגען פון צק קפּסס פאר די לעצטע יאָרן — „וועגן דער ליטעראריש־קינסטלערישער קריטיק“, „וועגן דער ארבעט מיט דער שעפערישער יוגנט“, „וועגן ווײַטערדיקן פארבעסערן די אידעאָלאָגישע, פּאָליטיש־דערציִערישע ארבעט“ און די אָקאַרשטיקע באשטימונג „וועגן די שעפערישע פארבינדונגען פון די ליטעראריש־קינסטלערישע זשורנאַלן מיט דער פּראַקטיק פון קאָמוניסטישער בויונג“. די ליטעראטן פונעם לאַנד באטראכטן די דאָזיקע פארטייִשע דאָקומענטן אלס א דויערהאפטיקע פּראָגראַם פון זייער ארבעט. ארבעטן מיט נאָך מער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, פּאָדערעוודיקײַט, אָפּגעבנדיק אלע קויכעס, — דערין זעען אײַן זייער פליכט די טוער פון דער פילנאציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראטור.

אופנעמענדיק מיטן גאַנצן הארצן די ווענדונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס, פונעם פּרעזידיום פון אויבער־סאָוועט פון פססר, פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פססר צו דער קאָמוניסטישער פארטיי, צום סאָוועטישן פאָלק, די באשלוסן פונעם אויסעראָרדנטלעכן פּלענום פון צק קפּסס, טראכטן מיר הײַנט, די טוער פון דער סאָוועטישער ליטעראטור, וועגן דעם, ווי מיר זאָלן מיט אונדזער מי, מיט אונדזער שאפונג וואָס בעסער באַרעכטיקן דעם צוטרוי פונעם פאָלק און פון דער פארטיי.

אין סאָף דעקאַבער 1982 איז געוואָרן 60 יאָר זינט דער אויסבילדונג פון פססר. די קינסטלערישע ווערק, וועלכע זײַנען געשאַפן געוואָרן אין אלע רעפּובליקן אף 78 שפּראַכן פון די נאציעס און פעלקערשאפטן פון פססר זאָגן עדות וועגן ווײַטערדיקן אופבלי פון די נאַציאָנאַלע סאָוועטישע ליטעראטורן.

די ביכער פון די סאָוועטישע שרײַבער זײַנען געווענדט צו דער פילמיליאָניקער לייענער־אאודיטאָריע אף דער גאַנצער פּלאַנעט, זיי אנטפּלעקן דעם עמעס וועגן אונדזער אופן פון לעבן, שטעלן זיך אײַן פאר אונדזערע גרויסע אידעאַלן. באַטייליקנדיק זיך אקטיוו אינעם קאַמף פאר אײַנהיטן דעם שאָלעם, וועלכן עס פירט אומדערמידלעך די קפּסס, שטרעבן די ליטעראטן פונעם לאַנד פון די סאָוועטן מיט זייער געווער — מיט דער פען, מיט דעם פּלאַמיקן וואָרט, אז די טויט־טראָגנדיקע וואָלקנס פון א נײַער וועלט־מילכאָמע זאָלן קיינמאָל ניט פארשטעלן דעם הימל איבער דער פּלאַנעט, אז די אָרנטלעכע מענטשן פון אלע לענדער זאָלן קאָנען רויִק לעבן און ארבעטן. ס'איז איצט ניטאָ קיין וויכטיקערע אופגאבע, ווי צעשמעטערן די בייזטראָגנדיקע פּלענער פון די אונטערצינדער פון א נײַער וועלט־סרייפע.

די סאָוועטישע מענטשן שטייען אף דער ארבעט־וואכטע פונעם עלפטן פינפיאָר. די הערצער פון מיליאָנען זײַנען פול מיט אנטשלאָסנקײַט צו פארווירקלעכן אין לעבן די אָנצייכענונגען פון דער פארטיי. מיט זיכערקײַט קוקן מיר אפן אָנקומענדיקן טאָג.

דער ארבעטער־קלאַס, דאָס קאָלווירטישע פּויערטום, די פאָלקס־אינטעליגענץ באַהעפטן הײַנט נאָך ענגער זייערע רייען ארום דער קפּסס, ארום איר לענינישן צענטראַל־קאָמיטעט. און יעדערער פון אונדז, ליטעראטן, באַנעמענדיק זײַן הויכע פליכט, וועט שטרעבן צו שאפן ביכער, וועלכע זײַנען נייטיק אונדזער פאָלק און דער פארטיי, ווערק, אין וועלכע עס וועט פארקערפּערט ווערן דאָס העלדישע געשטאַלט פון אונדזער מערקווירדיקן מיטצײַטלער — דעם שעפער און בויער.

געאָרגי מארקאָוו

טעאָרעטישע קאָנפערענץ פון „סאָוועטיש היימלאַנד“

אלבערט בעליאיעוו

די פּאַראַדאָקסן פון ראָנאַלד הינגלי

אין 1979 איז דערשינען גלייַכצייַטיק אין ענגלאַנד און אין די פאַרייניקטע שטאַטן א בוך פון ראָנאַלד הינלי מיטן נאָמען „רוסישע שרייַבער און די סאָוועטישע געזעלשאַפט. 1917—1978“.

דער סאָוועטאָלאָג לעבט און אַרבעט אין ענגלאַנד, אין דעם אָקספּאָרדער אוניווערסיטעט. זייַנע פריִערדיקע ווערק וועגן די רוסישע שרייַבער, וועגן דעם „רעטעגישפולן רוסישן כאַראַקטער“, ווי אויך זייַנע אַרטיקלען אין די פאַרשייַדענע פּראָפּאַגאַנדיסטישע אויסגאַבעס פונעם טיפּ „פּראָבלעמען פון קאָמוניזם“, האָבן אים געשאַפן א רעפּוטאַציע פון א פאַרביסענעם אַנטיקאָמוניסט.

צי זייַנען פאַראַן אין סאָוועטנפאַרבאַנד סאָוועטישע שרייַבער?

ראָנאַלד הינליס בוך באַווייַזט, אַז בא דעם טייל פון דער צווישנפעלקערלעכער סאָוועטאָלאָגיע, וואָס פאַרנעמט זיך דעריקער מיט פראַגן פון דער קינסטלערישער קולטור אין אַנטוויקלטן סאָציאַליזם און באַזונדערס מיט ליטעראַטור־פראַגן, האָט זיך שוין פולשטענדיק סטאַביליזירט די טענדענץ אַריבערצוגיין אַף פּראָפּאַגאַנדיסטישע און אָפן אַנטיקאָמוניסטישע פּאָזיציעס. ר. הינלי האָט שוין מיטן קעפּל פון זייַן בוך ווי געגעבן אָנצוהערן, אַז צווישן די באַגריפן „רוסישע ליטעראַטור“ און „סאָוועטישע געזעלשאַפט“ איז פאַראַן א ווידערשפּרוך. פון איין זייַט, הייסט עס, איז פאַראַן א רוסישע ליטעראַטור, פון דער צווייטער זייַט אָבער — א סאָוועטישע געזעלשאַפט. ער שרייַבט טאַקע אָפן אַזוי, אַז אָנשטאָט באַנוצן דעם אויסדרוק „סאָוועטישע ליטעראַטור“, האַלט ער פאַר בעסער צו ריידן „וועגן די הייַנטצייַטיקע רוסישע שרייַבער, וועלכע לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד“ אָדער „וועגן דער רוסישער ליטעראַטור אינעם סאָוועטישן פעריִאָד“.

דער סאָוועטאָלאָג האַלט, אַז „אין ליטעראַרישן פּראַט טראָגט דאָס וואָרט „סאָוועטישע“ א צווייידייַטיקן כאַראַקטער. אָט, אַשטייגער, סאָלזשעניצין רופט זיך רוסישער שרייַבער, ער האַלט זיך אָבער ניט פאַר א סאָוועטישן שרייַבער.

אַזא אַרגומענט קאָן בעעמעס אַרויסרופן ניט מער ווי אַן איראָנישן שמייכל. הינלי האָט בעדייע צו מאַכן א סאָף צו דער מאָדע, וואָס האָט זיך אייַנגעפירט אין דער ליטעראַטור־וויסנשאַפט פונעם מייַרעוו, אַז מע צעטיילט די רוסישע ליטעראַטור אַף א סאָוועטישער און עמיגראַנטישער. ער איז גרייט אַפילע רופן צו אָרדענונג דעם באַוווסטן ליטעראַטור־סאָוועטאָלאָג גלעב סטרוווען דערפאַר, וואָס יענער האָט אַרויסגעגעבן א ספּעציִעלן בוך וועגן דער רוסישער ליטעראַטור אין דער עמיגראַציע. קורץ, לויט הינלין טויגן ניט די עפּיטעטן „סאָוועטישער שרייַבער“, „סאָוועטיש ווערק“. וועלנדיק אופשטעלן א וואַנט צווישן די סאָוועטישע שרייַבער און זייער סאָציִאַליסטיש פאָטערלאַנד, פאַרבייַט הינלי פלינק דעם טערמין „סאָוועט־

טישע שרײַבער" מיטן באַגריף „שרײַבער, וועלכע לעבן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד", — צי ניט דערפֿאַר, ווײַל דער דאָזיקער טערמין אַנטהאַלט אין זיך, קורדעמקאָל, אַן אידעאָלאָגישע באַ־פֿאַרבונג?

מײלע, אין דער געשיכטע זײַנען שוין געווען פּרוּוון צו דערקלערן דעם סאָוועטנפֿאַר־באַנד פֿאַר א „געאָגראַפֿישן באַגריף". איצט אָבער באַווײַזט אונדז הינלי דעם זעלבן קונץ מיט דער סאָוועטישער ליטעראַטור און גלײַכצײַטיק זײַן אײגענעם גאַנץ פֿרעכן פֿאַרלאַנג צו פֿאַרייניקן אונטער איין דאַך, אין איין באַגריף די סאָוועטישע שרײַבער און יענע, וועלכע האָבן פֿאַרלאָרן דאָס רעכט צו רופֿן זיך אַזוי, ווערנדיק אימיגראַנטן אָן א היים. „איך רוף דרייסט אָן די דאָזיקע שרײַבער און זייער ליטעראַטור, — טוט א מאַך מיט גאַדלעס הינלי, — רוסישע... אומאָפּהענגיק דערפֿון, ווו זיי וווינען און אומאָפּהענגיק פֿון זייערע אידעאָלאָגישע אָנשויונגען".

ווי זאָגט מען דאָס, א פֿרײַען מענטשן קאָן מען קיין דייעס ניט זאָגן. אָבער פֿון אַזא מין דרייסטקײַט שמעקט שוין צו שטאַרק מיטן פּראָפּאַגאַנדיסטישן מאַנעוור, וועלכער שטעלט פֿאַר זיך גאָר אַנדערע צילן, ניט קיין ליטעראַרישע.

ראָנאַלד הינלי רימט שטאַרק די ביכער פֿון זײַנע קאָלעגן־סאָוועטאָלאָגן — אָנהייבנדיק פֿון גלעב סטרוּווען און ביז עדוואַרד בראַון, וועלכע האָבן, לויט זײַן מיינונג, געשאַפֿן „פּרעכ־טיקע ביכער וועגן דער געשיכטע פֿון דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראַטור". ווי עס ווערט אָבער קלאָר, איז די זאַך פֿאַרט ניט פּאָשעט אַפֿילע פֿאַר אים אַליין, האַגאַם ער רעדט אַזוי אין א מינוט פֿון גרויסהאַלטערײַ. מיר האָבן נאָך ניט, — קלאָגט זיך ווײַטער הינלי, — קיין אײנהײַטלעך ווערק, ווו עס זאָל אַדעקוואַט און אויף א געפּרעסטן אופֿן טראַקטירט ווערן די ליטעראַטור פֿונעם גאַנצן פּעריאָד, וועלכע איז גענומען געוואָרן אין איר סאָציאַלן קאָנטעקסט, ניט כראָנאָלאָגיש, נאָר פּראָבלעמאַטיק, טעמע נאָך טעמע"...

הינלי גייט צו מיט זעלבסטזיכערקײַט, אַז גראָד אָט דאָס בוך זײַנס איז באַרופֿן צו פֿאַרפֿולן דאָס פּוסטע אָרט אין דער סאָוועטאָלאָגיע. דערבײַ וואַרפֿן זיך אין די אויגן הינליס אומבאַגרינדעטע פּרעטענזיעס (אַגעוו, עס טרעפֿן זיך אַזעלכע פּרעטענזיעס אויך בא די אַנ־דערע סאָוועטאָלאָגן, באַזונדערס בא די אַמעריקאַנער) צו שאַפֿן דעם אײַנדרוק, אַז די עמעסע געשיכטע פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער סאָוועטישער ליטעראַטור קאָנען קלוימערשט פֿאָר־מולירן בלויז די מײַרעווודיקע ספּעציאַליסטן, וועלכע פֿאַרמאָגן, הייסט עס, מער אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם לעבן פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿט, אײדער די סאָוועטישע ספּעציאַליסטן, ווײַל פֿון די לעצטע, ווי הינלי פֿאַרזיכערט, „באַהאַלט מען די דאָזיקע אינפֿאָרמאַציע זאָרג־זאַם אויס".

אָן אָריגינעלע שטעלונג? לאַכלוטן ניט! אין דער דאָזיקער באַהויפּטונג איז ניטאָ קיין שום אָריגינעלקײַט, ניטאָ קיין אײגענער געדאַנק. הינלי כאַזערט בלויז איבער די סענטענץ פֿונעם אַמעריקאַנער סאָוועטאָלאָג וויקטאָר פֿראַנק, וועלכער האָט מיט דרײַסיק יאָר פֿריִער פֿון אים געשריבן אין זשורנאַל „די פּראָבלעמען פֿון קאָמוניזם". „...אַזויווי די רוסישע גע־לערנטע זײַנען ניט אימשטאַנד ווי געהעריק אויסצוטײַטשן די פֿאַקטן פֿון דער אײגענער געשיכטע און פֿון דער ציוויליזאַציע אויף אַן עכט וויסנשאַפֿטלעכן ניוואָ, דאַרפֿן די דאָזיקע אויפֿגאַבע נעמען אויף זיך די געלערנטע, וועלכע געפֿינען זיך אויסער די גרענעצן פֿונעם סאָ־וועטנפֿאַרבאַנד... ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זײַן, נאָר די מײַרעווודיקע עקספּערטן וויסן איינ־דערעמעסן מער וועגן די פֿאַקטן פֿונעם הײַנטיקן לעבן אינעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד. די מײַרעוו־דיקע געלערנטע זײַנען אָביעקטיווער, אײדער זייערע סאָוועטישע קאָלעגן".

ווי מיר וויסן שוין, פּאַסן זיך צו די מײַרעווודיקע סאָוועטאָלאָגן אויף א דיסציפּלינירטן אופֿן צו צו די אינסטרוקטיווע אָנווײַזונגען פֿונעם אָפֿיציעלן אָרגאַן פֿון דער אַמעריקאַנער אויסערן־פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע — דעם זשורנאַל „פּראָבלעמען פֿון קאָמוניזם".

צי איז טאַקע אין רוסלאַנד געווען א רעוואָלוציע?

ראָנאַלד הינליס בוך (וועלכן דער אויטאָר לייגט פֿאָר צו באַטראַכטן אַלס צוגאָב צו זײַנע פֿריִערדיקע ווערק) באַשטייט פֿון דרײַ גרויסע אָפּטיילן. דער ערשטער טייל איז געווידמעט דער היסטאָרישער און ליטעראַרישער סיטואַציע אינעם פֿאַררעוואָלוציאָנערן און נאָכרעוואָ־ליוציאָנערן רוסלאַנד אין א ברייטן פּלאַן; אינעם צווייטן טײַטשט דער אויטאָר אויס די ראָליע און די באַדײַטונג פֿון דער ליטעראַטור אינעם געזעלשאַפֿטלעכן און פּאָליטישן לעבן פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿט; און, ענדלעך, דער דריטער טייל, — ער איז געבויט אינגאַנצן און

פֿולשטענדיק אויף קאָנקרעטע בײַשפּילן פֿון דער ליטעראַטור, אויף די ליטעראַרישע פּראָבלעמען און אויף דער שאַפֿונג פֿון באַזונדערע ליטעראַטן. אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל ווערט באַשריבן די געשיכטע און די בויונג פֿון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, ס'איז געגעבן אַן אָפּשאַצונג פֿון די ליטעראַרישע ריכטונגען, טעאָריעס, גרופּעס, וועלכע זײַנען אויפֿגעקומען און פֿאַרשווּנדן געוואָרן אין גאַנג פֿונעם אַלגעמיינעם ליטעראַרישן פּראָצעס אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

ר. הינגלי'ס צוגאַנג צו דער סאָוועטישער ליטעראַטור שיידט זיך, אייגנטלעך, מיט גאָרנישט ניט אונטער פֿון דער טראַדיציאָנעל סאָוועטאָלאָגישער: אַזוי ווי זײַנע פֿאָרגייער, נעמט זיך הינגלי צו באַטראַכטן די סאָוועטישע קינסטלערישע ליטעראַטור קודעמקאָל אַלס אַ קוואַל אָדער, ווי ער דריקט זיך מעליצעדיק אויס, „אַלס אַ פֿענצטערל, דורך וועלכן מיר האָבן די מעגלעכקײַט צו באַטראַכטן, אין אַ ריכטיקער אָדער פֿאַרקריפּלטער שײַן — רוסלאַנד".

מע קאָן מיינען, אַז אומדירעקט דערווײַזט הינגלי די וואָרהאַפֿטיקײַט פֿון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, עס זאָגט אָבער פֿיל דאָס רעזערווירן זיך מיקויעד „באַטראַכטן רוסלאַנד אויף אַ פֿאַרקריפּלטן אופֿן. אַזאַ באַוואָרעניש איז, פֿאַרשטייט זיך, ניט קיין צופֿעליקע, זי גייט אַרויס די קוואַנעס פֿונעם אַוטאָר אויסצונוצן יעדיִעס, וועלכע זײַנען גענומען פֿון דער ליטעראַטור וועגן דער סאָוועטישערווירקלעכקײַט מיט ניט קיין פֿײַנע צילן: צו אָפֿט האָט מען די סאָוועטאָלאָגן געכאַפּט בײַ דער האַנט, צו אָפֿט האָט מען זיי דעמאַסקירט, אַז זיי באַקן ליגנס און רעכילעס. דעריבער טוט הינגלי אַ קאָקעטישן דריי זיך: „...ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט אויסזען, העלפֿט אָפֿט... די פֿאַרקריפּלונג טיפֿער אַרײַנדרינגען אינעם טאָך פֿון די זאַכן".

מיט אַזאַ פּאָשעט מיטל האָט ראָנאַלד הינגלי זיך אַליין אַרויסגעגעבן און אינדולגענציע און זיך מויכל געווען אַלע זינד. אויב, שטעלט אײַך פֿאָר, ער פֿאַרקריפּלט אַפֿילו דאָס בילד פֿונעם לעבן אין סאָוועטן־רוסלאַנד און אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור, ווערט דאָס געטאָן, ווײַזט זיך אַרויס, צוליב דעם, קעדיי ער זאָל קאָנען „אַרײַנדרינגען אין טאָך פֿון די זאַכן!"

דער „מעטאָד פֿון פּאַראַדאָקסן", וועלכן ראָנאַלד הינגלי האָט דערפֿונדן, עפֿנט, בעעמעס, אומבאַגרענעצטע מעגלעכקײַטן פֿאַר די סאָוועטאָלאָגן. ענדלעך איז פֿאַראַן אַ „טעאָרעטישע" באַזע פֿאַר זייער פֿעסטער נייגונג צו שילדערן די רעאַלע סאָוועטישע ווירקלעכקײַט אויף אַ פֿאַלסיפֿיצירטן, רעכילעסדיקן, פֿאַרקריפּלטן אופֿן.

דאָס אַלץ ווערט געטאָן, לאָזט זיך אויס, קעדיי „אַמטיפֿסטן אַרײַנדרינגען אין טאָך"! פֿײַן, פֿײַן, מיסטער הינגלי! אַזאַ מין „מעטאָד" וועט אָן שום ספֿק ווירקן אויף העכערן די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקײַט פֿון די סאָוועטאָלאָגן, און מע קאָן זיך ריכטן, אַז דערפֿון וועט באַדײַטנדיק זיך פֿאַרגרעסערן דער פֿאַרנעם פֿון די ליגנס און שקאָרים וועגן דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿט און וועגן דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

די ווירקעוודיקײַט פֿון זײַן מעטאָד דעמאָנסטרירט ראָנאַלד הינגלי שוין פֿון די ערשטע זײַטן פֿון זײַן היפּשן בוך. מע מעג זאָגן, אַז ביז הינגלין האָט קיינער פֿון די סאָוועטאָלאָגן ניט ריזיקירט אָפּצולייקענען דעם פֿאַקט, אַז אין 1917 האָט רוסלאַנד איבערגעלעבט צוויי רעוואָליוציעס: די פֿעברואַר־רעוואָליוציע, וועלכע האָט געבראַכט צו דער מאַכט אין רוסלאַנד די בורזשואַזיע, און די סאָציאַליסטישע אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, אין רעזולטאַט פֿון וועלכער די מאַכט אין לאַנד איז אַריבער אין די הענט פֿון די אַרבעטער און פּויערים, אין די הענט פֿונעם פֿאָלק. הינגלי אָבער באַהויפּטעט, אַז אין 1917 איז אין רוסלאַנד ניט פֿאָרגעקומען קיין שום רעוואָליוציע — ניט אין פֿעברואַל (ווײַל דער צאַרישער רעזשים, זאָגט הינגלי, האָט געקראַכט אַליין פֿון זיך), ניט אין אָקטיאַבער (ווײַל אין לאַנד, ווי הינגלי זאָגט, איז ניט געווען, ווער עס זאָל זיך קעגנשטעלן די באָלשעוויקעס, און זיי, די באָלשעוויקעס, האָבן פּאָשעט „אַרײַנבאַקומען" די הימלאָזע מאַכט אין זייערע הענט).

און קעדיי שטאַרקער אַ ביס טאָן אָט די דאָזיקע באָלשעוויקעס, האַלט הינגלי פֿאַר גאַנץ נאָרמאַל צו לאָזן ווידעראַמאָל אין גאַנג די קאָמפּראָמעטירטע ווערסיע, אַז דאָס „קײַזער־דײַטשלאַנד האָט געהיים געגעבן פֿינאַנציעלע הילף" די רוסישע רעוואָליוציאָנערן.

לײַדער, טרויערט הינגלי, עקזיסטירט נאָך ביז איצט אין סאָוועטן־רוסלאַנד אַ פֿעסטע און שטאַנדהאַפֿטיקע באַציִונג צו דער רעוואָליוציע פֿון אָקטיאַבער 1917, ווי צו אַ „נאָבעלן און ווירדיקן אופּטו, וועלכער איז ווערט געלויבט צו ווערן". און דאָס איז דערפֿאַר, פֿאַרזיכערט הינגלי, ווײַל ס'האָט זיך אײַנגעגעבן די באָלשעוויקעס אײַנצושמועסן אַלעמען און יעדן איינעם, אַז דעם מינדסטן פּרוּוו אַראָפּצוּוואַרפֿן די סאָוועטנמאַכט דאַרף מען באַטראַכטן ווי קאָנטררעוואָליוציע. אונטער דער ווירקונג פֿון די דאָזיקע אײַנרײדעניִשן זײַנען אַרונטערגעפֿאַלן, זעט איר, אויך די שרײַבער. הינגלי באַמערקט: „... די אַבסטראַקטע קאָנצעפּציע פֿון דער רעוואָליוציע האָט מאַמעש היפּנאָטיזירט די רוסישע שרײַבער".

אורטיילנדיק לויט דער דאזיקער „לאגיק“, וואלט זיך ראנאלד היבלין זייער וועלן, אז די סאוועטישע שרייבער זאלן זיך אנטוישן אין די אידעאלן פון דער אקטיאבער־רעוואליוציע און ענדערן זייער באציונג צו דער סאוועטנמאכט.

לויט היבליס מיינונג, האט נאך די געשעענישן אין רוסלאנד אין אקטיאבער 1917 (ער האלט זיי דאך ניט פאר קיין רעוואליוציע!) פלוצעם אויסגעבראכן, אן קיין שום סיבעס, „א בירגערקריג צווישן די רויטע (באלשעוויקעס) און ווייסע (אנטיבאלשעוויקעס)“. נו, און ווי־באלד אזוי, זאגט דער סאוועטאלאג, האבן די האנדלונגען פון די ווייסע פארגעשטעלט מיט זיך „שלעכט קאארדינירטע, אפגעזונדערטע פרווון פון לעניגס אפאנענטן (!) צו אראפווארפן זיין רעגירונג, און מע דארף אין טאך די דאזיקע אקציעס רופן מיטן נאמען רעוואליוציאנע־רער קאמף“.

מיר האבן פאר זיך, אלזא, היבליס א „פאראדאקס“ מיט דער גאנצער נאקעטקייט: דעם אופשטאנד פון די ארבעטער־ און פויערים־מאסן פון רוסלאנד אונטער דער אנפירונג פון דער לענינישער פארטיי באלשעוויקעס, וועלכע האט געבראכט צום אראפווארפן די מאכט פון די פריצים און קאפיטאליסטן און צום איינשטעלן אין לאנד די מאכט פונעם ארבעטס־פאלק, די מאכט פון די סאוועטן, ווערט פארגעלייגט ניט האלטן פאר א רעוואליוציע, אבער דעם באוואפנטן קאמף פון די אראפגעשליידערטע קלאסן אונטערדריקער און זייערע לוין־קנעכט פאר אומקערן זייערע פריווילעגיעס און די מאכט לייגט מען פאר צו אנרופן מיטן נאמען „רעוואליוציאנערער קאמף“!

היבליס כקירעס וועגן די סיבעס, פארוואס די באלשעוויקעס האבן געזיגט אינעם בירגערקריג אין רוסלאנד, זיינען, יעדנפאלס, ניט קיין פרישע. היבלי שרייבט: „דעם זיג פון די באלשעוויקעס איז צו דערקלערן מיט א ריי סיבעס. זייערע אפעראציעס זיינען געווען בעסער קאארדינירט מאכמעס דעם, ווייל זיי האבן פארנומען סטראטעגישע פאזיציעס אין צענטער; זייער פאליטישע פראגראם האט געקלונגען פאזיטיוו אין פארגלייך מיט דער פראגראם פון די ווייסע, וועלכע עס האט פאריניקט בלויז דער האס צום באלשעוויזם; די פויערים האבן מוירע געהאט, אז דער זיג פון די ווייסע וועט ברענגען צו דער רעסטאווראציע פון די פריצים; ענדלעך איז דער האס צו די ווייסע ארויסגערופן געווארן דורך דער ברייטער און ניט עפעקטיווער אויסלענדישער קריגס־אינטערווענץ אף דער זייט פון די ווייסע, אן אינטערווענץ, אין וועלכער עס האט זיך באטייליקט דאס מיליטער פון ענגלאנד, פראנקרייך, יאפאניע, פאריייניקטע שטאטן פון אמעריקע און אנדערע לענדער“.

אומזיסט פארשווייגט ר. היבלי וועגן די אורקוואלן פון אזעלכע אויספירן און מאכט דעם אנשטעל, אז זיי זיינען א רעזולטאט פון זיינע אייגענע כקירעס. אינדערעמעסן האט היבלי בלויז געווויסנהאפטיק איבערגעגעבן די פארמולעס, וועלכע זיינען געלאזט געווארן אין גאנג נאך לאנג ביז אים און וועלכע האבן א שייכעס צו די אפשאצונגען פון דער אקטיאבער־רעוואליוציע פון 1917 אין רוסלאנד און צום דערקלערן די סיבעס, פארוואס די באלשעוויקעס האבן געזיגט אינעם בירגערקריג. אויב שוין זיין גאר פינקטלעך, האט וועגן די „בעסערע סטראטעגישע פאזיציעס“ פון די באלשעוויקעס געשריבן, צום ביישפיל, נאך אין 1956 דער אמעריקאנער סאוועטאלאג וויליאם הארקינס; און וועגן דעם, אז די פאליטישע פראגראם פון די באלשעוויקעס האט „געקלונגען פאזיטיווער“, האט ר. היבלי, אן שום ספק, אויסגעלייענט בא זיינע קאלעגן פון יענער זייט אקעאן — בא דזשיימס בילינגטאנען אין זיין בוך „אן איקאנע און א האק“ (1967) און בא דעוויד מארקהעם אינעם בוך „שטימען פון רויטע גיגאנטן“ (1967).

ניך, עס גלאנצט ניט מיט פרישקייט ר. היבליס געדאנק. דער אוטאר פונעם בוך „רוסישע שרייבער און די סאוועטישע געזעלשאפט. 1917—1978“ כאזערט בלויז איבער ווי א שילער און דערציילט דאס, וואס עס זאגן זיינע אמעריקאנער לערער, וועלכע פירן מיט א הארטער האנט אין איין ריכטונג — אין אן אנטיקאמוניסטישער ריכטונג — דעם שטראם פון די סאוועטאלאגישע „פארשונגען“.

אט די רעטענישפולע רוסישע נעשאמע

ר. היבלי האט פון זיין פאריקן בוך „דער רוסישער כאראקטער“ (1977) אינגאנצן ארי־בערגעטראגן דעם פרימיטיווון און באנאלן טעזיס וועגן דעם, אז עס איז אומעגלעך פארויסזאגן די געניגטקייט צו אונטערטעניקייט, צו ניט־שטאנדהאפטיקייט, צו עפעס א מין פארם פון „קנעכטישקייט“. כ'לעבן, פון אזעלכע מיסטיינסגעזאגט אנטדעקונגען שמעקט מיטן גייסט פונעם מארקיז ד. קיסטין, וועמענס בוך „רוסלאנד אין יאר 1839“ האט זיך פלוצעם ווידער

באַווײַזן — אין קימאַט אַנדערהאַלבן הונדערט יאָר אַרום! — איבערגעדרוקט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע. אייניקע באַליידיקנדיקע כּקירעס פֿון ר. הינלי וועגן דעם רוסישן פֿאָלק זענען אויס, ווי ער וואָלט זיי בעצמעס אַנטליִען באַם מאַרקיז...

פֿול מיט באַנאַלע רעכילעס און אָפֿענע שקאָרים זײַנען די רייד פֿונעם סאָוועטאָלאָג וועגן דער אויסערן־פּאָליטיק פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד נאָכן זיג אין דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע. אין גײַסט פֿון די פּראָפּאַגאַנדיסטישע אײַנשטעלונגען פֿון די אידעאָלאָגן פֿונעם אַנטיקאָמוניזם אין יענע יאָרן טראַקטירט דער סאָוועטאָלאָג די פֿראַגע וועגן דעם אופֿקום פֿון די פֿאָלקס־דעמאָקראַטישע מעלוכעס אין מיזרעך־אייראָפּע.

די אינטערנאַציאָנאַלע באַוועגונג פֿון די קעמפֿער פֿאַר שאָלעם פֿאַרעכנט ר. הינלי אָפֿן כעזשבן פֿון די „כיטרע אינטריגעס“ פֿון דער סאָוועטן־מעלוכע, וועלכע האָט, זעט איר, ניט צופֿעליק אַרײַנגעפֿירט אין דער דאָזיקער באַוועגונג די סאָוועטישע שרײַבער. דער סאָוועטאָלאָג האַלט, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן צוליב דעם, קעדיי אַקטיווער ווירקן אויף די לײַכטגלויביקע אויסלענדער אינעם גײַסט, וואָס איז נייטיק דער סאָוועטן־רעגירונג, און איבערצײַגן זיי, אַז די אינטערעסן פֿון דער באַוועגונג פֿון די קעמפֿער פֿאַר שאָלעם און די צילן פֿון דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק פֿאַלן צונויף.

נאָך מער, הינלי פֿאַלט אָן מיט צאָרנדיקע פֿיליפּיקעס, לעמאָשל, אויפֿן באַוווּסטן סאָוועטישן שרײַבער איליאַ ערענבורג פֿאַר דער אַקטיווער ראָליע, וואָס ער האָט געשפּילט אין דער באַוועגונג פֿון די שאָלעם־אָנהענגער און פֿאַר שטיצן די פֿרידלעכע אויסערן־פּאָליטיק פֿון דער סאָוועטישער רעגירונג. אייניצײַטיק כאַפּט אַרײַן אַ פּאָרציע זידלערײַ אויך דער סאָוועטישער דיכטער יעווגעני יעווטושענקאָ דערפֿאַר, וואָס מיט זײַנע אַרויסטרעטונגען פֿאַר דער אויסלענדישער אַודיטאָריע „שאַפֿט ער אין די מויכעס פֿון אויסלענדישע צוהערער אַ פֿאַלשע מיינונג“ וועגן דעם סאָוועטישן לעבנסשטייגער און באַזונדערס וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע. אָט מיט וואָס עס איז, ווי איר זעט, ניט צופֿרידן דער הער הינלי.

ר. הינלי האַלט זיך, אַפֿאָנעם, בעצמעס פֿאַר אַ מין קלאַסן־דאַמע, וואָס מעג ניט בלויז שטעלן אָפּשאַצונגען וועגן דער אויפֿירונג פֿון די סאָוועטישע שרײַבער, נאָר אויך אָפּהיטן די מויכעס פֿון די אויסלענדישע צוהערער, ניט דערלאָזן, אַז עס זאָלן אויף זיי ווירקן די וואָרהאַפֿטע דערציילונגען פֿון די סאָוועטישע שרײַבער וועגן דעם סאָציאַליזם און וועגן סאָוועטישן לעבנס־אופֿן. עס כאַפּט דעם אָנבליק, אַז ר. הינלי און די איבעריקע אַקטיוויסטן אין דער סאָוועטאָלאָגיע ווילן פֿאַרטויבן די מויכעס פֿון די „אויסלענדישע צוהערער“, ניט דערלאָזן צו זיי די ווירקונגען פֿון די אידייען פֿונעם סאָציאַליזם, קעדיי זיי זאָלן לײַכטער באַהערשן די אַנטיקאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע פֿון די סאָוועטאָלאָגן.

הינלים אַרויסזאָגונגען וועגן דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער טעאָריע אָדער וועגן דעם טאָג פֿון דער דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט טראָגן אַן אויסגעשפּראָכן־פּראָפּאַגאַנדיסטישן כאַראַקטער אינעם סטאַנדאַרטן אַנטיקאָמוניסטישן גײַסט: אַלע האַנאָכעס פֿון דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער טעאָריע און פֿון דער אידעאָלאָגיע פֿונעם קאָמוניזם ווערן בעקיוון דערלאַנגט אין אַ קאַריקאַטור־פֿאָרם, דערפֿירט ביז אַן אַבסורד, און דער לייענער ווערט אײַנגעלאַדן צו איראָניזירן צוזאַמען מיטן אויטאָר איבער אַ פֿילאָסאָפֿישער לערע, וועלכע האָט איבערגעקערט די וועלט און געעפֿנט פֿאַר דער מענטשהײַט די ערע פֿונעם סאָציאַליזם.

באַזונדערס קאָמיש זײַנען די אָנפֿאַלן פֿונעם סאָוועטאָלאָג אויף וו. אי. לענינען. מיט דער גאַדלעס פֿון אַ האָן וואַרפֿט זיך דער נײַ־געבאַקענער „ספּעציאַליסט“ אין די פֿראַגן פֿון מאַרקסיזם אויף דעם פֿירער פֿון דער ערשטער אין דער וועלט זיגרײַכער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, באַשולדיקנדיק אים, אַז ער איז, ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אָפּגעטראָטן פֿון די קאַנאָנען פֿון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע. הינלי ווייסט, אַז „מאַרקס האָט געגלייבט“ אָט אין וואָס: אַ דערפֿאָלגרײַכע פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע קאָן פֿאָרקומען בלויז אין אַן אינדוסטריעל אַנטוויקלט לאַנד פֿון דער וועלט און בלויז דעמלט, ווען זי וועט אונטערגעהאַלטן ווערן דורך רעוואָליוציעס פֿון די אַנדערע אינדוסטריעל־אַנטוויקלטע לענדער. רוסלאַנד אָבער, דערקלערט אין אַ מוסער־טאָן דער סאָוועטאָלאָג, איז אין יענער צײַט ניט געווען קיין אינדוסטריעל־אַנטוויקלט לאַנד, הייסט עס, אַז דער כאַוווער לענין און זײַנע מיטקעמפֿער, די באָלשעוויקעס, האָבן ניט געהאַט קיין רעכט צו מאַכן אין רוסלאַנד אַ רעוואָליוציע.

פֿאַרשטייט זיך, אַזאַ מעסירעסנעפֿעשדיקער קאַמף פֿונעם סאָוועטאָלאָג פֿאַר דער ריינקײַט פֿון דער „מאַרקסיסטישער טעאָריע“ איז, אַמווייניקסטנס, קאָמיש. וואָס זאָל ער אָבער טאָן, אויב עס זײַנען ניטאָ קיין אַנדערע וויפֿל־ניט־איז איבערצײַגנדיקע אַרגומענטן אין קאַמף

קעגן דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטער אידעאָלאָגיע? אין אַזאַ פאַל זײַנען די אַנטיקאָמוניסטן פעיִק אַרויסצוטרעטן אויך אין דער ראָליע פון „שאָמרים פון דער ריינקײַט פונעם מאַרקסיזם“.

די זאַך באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס דער מאַרקסיזם איז קיינמאָל ניט געווען קיין דאָגמע, קיין פאַרגליווערטע לערע. סײַ מאַרקס, סײַ לענין האָבן געלערנט, אַז צו טעאָריעס דאַרף מען צוגיין ניט דאָגמאַטיש, נאָר שעפעריש. אַ רעוואָליוציע מאַכן ניט קיין דאָגמאַטיקער, נאָר רעוואָליוציאָנערן אין עמעסן זין פון וואָרט, דאָס הייסט מענטשן, וועלכע זײַנען פעיִק אָנצוווענדן שעפעריש די האַנאָכעס פון דער טעאָריע צו די רעאַלע סיטואַציעס און אומשטענדן פונעם לעבן.

צו דער פראַגע וועגן עמאַנסיפּאַציע

ניט ווייניק פּאַראַדאָקסן טרעפן זיך אויך אין דער אינפאָרמאַציע, וועלכע הינלי גיט בענוגייע די פאַרשיידנאַרטיקע לעבנס־אַספּעקטן פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, אָנגעהויבן פון דער געאָגראַפיע פונעם לאַנד און דערגייענדיק ביזן באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג און דעם פּריוואַטן לעבן פון די סאָוועטישע בירגער. הינלי, למשל, האָט מיט זעלבסטזיכערקײַט אָפּגענומען בא איינעם אַ פאָלק פון די סאָוועטישע סאָציִאַליסטישע רעפּובליקן זײַן מוטערשפּראַך, פאַרבײַטנדיק זי ווילקירלעך מיט דער שפּראַך פון אַ שכייניסדיק לאַנד. אַזעלכע פּאָליטישע פּראָוואָקאַציעס זײַנען אין הינליס בוך פאַראַן ניט ווייניק.

דער סאָוועטאָלאָג מאָלט דאָס לעבן פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט דעריקער אין נעגאַטיוון פּלאַן. ווען דער אַווטאָר איז געצוווּנגען אָנצוקומען אויך צו פּאָזיטיווער אינפאָרמאַציע וועגן די דערגרייכונגען פון דער סאָציִאַליסטישער מעלוכע, גיט ער נאָך אַזאַ אינפאָרמאַציע אומבאַדינגט אַ קאָמענטאַר, וועלכער דאַרף, אויב ניט דעזאַווויִרן, איז, יעדנפאַלס, כאָטשבי פאַרקלענערן די באַדײַטונג פון אָט דעם פאַקט פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט.

עס איז געגעבן געוואָרן, לאָמיר זאָגן, אַן אינפאָרמאַציע וועגן דעם לופט־טראַנספּאָרט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. ס'ווערט מיטגעטיילט, אַז דער דאָזיקער טראַנספּאָרט איז אַ ביליקער. באַלד אויפן אָרט גיט דער אַווטאָר אַ קליינינקע „דערקלערונג“: „...דער טראַנספּאָרט האָט אָבער אויסצושטיין באַזונדערס אָפטע און ניט פאָרויסגעזעענע ענדערונגען אינעם גראַפיק“. דער גראַפיק פון די רעיסן פונעם אַעראָפלאָט איז, ווי באַוווּסט, אַ סטאַבילער. ניט פאָרויסגעזעענע ענדערונגען קאָנען פאָרקומען אין קאָנקרעטע רעיסן צוליב מעטעאָראָלאָגישע באַדינגונגען. אַזוינס קומט פאָר אומעטום — אַפילע אין די אַעראָפּאָרטן פון הינליס היימלאַנד גרויס־בריטאַניע, ניט עמעס?

אָדער, אַשטייגער, די אינפאָרמאַציע וועגן דער לאַגע פון די פרויען אין סאָוועטנפאַרבאַנד. דער אַווטאָר קאָן, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרשווײַגן דעם פאַקט, אַז די „עמאַנסיפּאַציע פון די פרויען איז, ווי מע זאָגט (!), איינע פון די הויפּט־דערגרייכונגען פונעם הײַנטצײַטיקן רוסלאַנד... האָבנדיק גלײַכע רעכט מיט די מאַנצבילען לויטן געזעץ, באַקומענדיק אַ גלײַכן אַרבעטסלוין, שפּילן די פרויען אין סאָוועטנפאַרבאַנד אַ גרעסערע ראָליע אין דער עקאָנאָמיק, איידער אין אַ וועלכן־עס־איז אַנדער אַנטוויקלט לאַנד פון דער וועלט“.

צי האָט ראָנאַלד הינלי אָביעקטיוו איבערגעגעבן דעם פאַקט? יאָ, אויב מע זאָל ניט לייגן קיין אַכט אויף די ווערטער „ווי מע זאָגט“. ווער? דאָס איז אומבאַוווּסט. קלאָר איז אָבער איינס: מיט די ווערטער „ווי מע זאָגט“ האָט דער אַווטאָר ווי באַזײַטיקט זיך פון דער אינפאָרמאַציע און אַרײַנגעטראָגן זײַנע צווייפלען אין איר וואָרהאַפטיקײַט.

הינלי גייט אָבער ווײַטער. ער מאַכט אַ פילזאָגנדיקן היסטאָרישן עקסקורס: די באָלשעוויקעס האָבן אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע, זעט איר, „געוואָלט מאַכן אַ סאָף צו דער מישפּאָכע אַלס אַן אינסטיטוט“, קעדיי אָבער לײַכטער דערגרייכן דעם דאָזיקן כיטרען ציל זייערן, האָבן די באָלשעוויקעס דערלויבט מאַכן אַבאָרטן און ניט אומבאַדינגט רעגיסטרירן די כאַסענעס. הינלי אילוסטרירט די דאָזיקע „שעדלעכע פּאָליטיק פון די באָלשעוויקעס“ מיט איניקע קינסטלערישע ווערק פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור פון יענע יאָרן. ער ברענגט אַלס בײַשפּיל די גרעסערע דערציילונג פון קאָלאָנטײַ „אַ ליבע פון דרײַ דורות“ (1923), מאַלאַשקינס ראָמאַן „די לעוואָנע פון רעכטס“ (1926), באָגדאַנאָווס ראָמאַן „דאָס ערשטע מיידל“ (1928). און אויך בא שאָלאָכאָוון, אין זײַן „שטילער דאָן“, ווערט געשענקט אַ סאַך אויפמערקזאַמקײַט די שטורמישע ליבע־באַציִונגען פון גריגאָרי און אַקסיניע, וועלכע זײַנען ניט מאַן און ווײַב.

די אַלע אָנגערופֿענע ווערק האָבן אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור פֿון די 20־ער יאָרן בעעמעס „געהאַט אַן אָרט". עס איז אָבער ביכלאַל ניט קיין מוז צו וויסן די געשיכטע פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿט און פֿון דער סאָוועטישער מעלוכע, קעדיי צו פֿאַרעכענען אַפֿן כעזשבן פֿון די באָלשעוויקעס די שטרעבונג צו „מאַכן אַ סאָף צו דער פֿאַמיליע אַלס אַן אינסטיטוט". עס איז פּאַשעט אַ כידעש, וויאַזוי האָט זיך דאָס הינלי איינגעהאַלטן פֿונעם יעיצערהאָרע צו ברענגען דעם „קלאַסישן" ביישפּיל פֿון דער געשיכטע פֿון דער אַנטיסאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע וועגן דעם אַזויגערופֿענעם פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכן די פֿרויען אין דער יונגער סאָוועטן־מעלוכע, וועגן דער טרויעריק באַרימטער „אַלגעמיינער קאָלדרע"...

נאָכן זיג פֿון דער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט זיך אייניקע יונגע היצקעפּ געדוכט, אַז מע דאַרף בוכשטעבלעך אַלע באַציונגען אין דער געזעלשאַפֿט (איינגעשלאָסן די פֿאַמיליען־באַציונגען) ראַדיקאַל איבערבויען. עמעצן, קאָן זיין, האָט זיך בעעמעס געדוכט, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ קראַך פֿון דער פֿאַמיליע. אַזעלכע שטימונגען האָבן געפֿונען אַן אָפּשפּיגלונג אין אייניקע ווערק פֿון דער יונגער סאָוועטישער ליטעראַטור. מע טאָר אָבער ניט פֿלאַנטערן שטימונגען אין דער געזעלשאַפֿט מיט דער פּאָליטיק פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, מיט דער פּאָליטיק פֿון דער סאָוועטן־מעלוכע. עס זיינען טיף ניט עמעס הינליס פּרוּוון צו פֿאַרעכענען אַפֿן כעזשבן פֿון די באָלשעוויקעס די שטרעבונג צו „מאַכן אַ סאָף צו דער פֿאַמיליע".

וואָס ווייסט ר. הינלי
וועגן דער סאָוועטישער ליטעראַטור?

אַ באַזונדער אָרט אין הינליס בוך פֿאַרנעמען זיינע מיינונגען וועגן דער סאָוועטישער ליטעראַטור. אַגעווו, עס איז וויים ניט ריכטיק צו זאָגן, אַז דאָס, וועגן וואָס עס ווערט גערעדט אינעם בוך, זיינען ראָנאַלד הינליס מיינונגען. דאָס איז גיכער פֿאַר אַלץ אַן אַקוראַטע איבערדערציילונג פֿון אַ שילער און אַפּילע אָפֿט אַן אָפֿענע ציטאַט (ניט פֿאַרופֿנדיק זיך, פֿאַרשטייט זיך, אויף די קוועלן) פֿון די קאָנצעפּציעס און אָנשויונגען פֿון די אַמעריקאַנער סאָוועטאָלאָגן. דער שטרענגער רעגלאַמענט פֿון די אַנטיקאָמוניסטישע פֿאָדערונגען אין פּראַט פֿון אָפּשאַצן די סאָוועטישע ליטעראַטור דולדעט ניט קיין אייגענע מיינונגען, ווער רעדט נאָך פֿאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן. די סטאַנדאַרטקייט פֿון די אַנטיקאָמוניסטישע פּאָסטולאַטן ניוועלירט די וועלט־אָנשויונג פֿון די סאָוועטאָלאָגן, מאַכט אַזוי, אַז זייערע מיינונגען שיידן זיך ניט אונטער איינע פֿון דער אַנדערער, צווינגט קעסיידער באַנוצן זיך מיט פֿאַלסיפֿיקאַציעס, אָפֿענע רעכילעס און שקאָרים.

נאָך די אַרויסטרעטונגען פֿון די אַמעריקאַנער סאָוועטאָלאָגן ג. סטרווועע און מ. סלאָנים כאַזערט הינלי געהאַרכזאַם איבער די אָפּגעריבענע שטאַמפּן וועגן די אַנטוויקלונגס־עטאַפּן פֿון דער רוסישער ביזרעוואָליוציאָנערער ליטעראַטור און פֿון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, וועגן די וויכטיקסטע דערשיינונגען, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר יעדער באַשטימטער צייט. הינלי רעדט אויך וועגן עפּעס אַ ספּעציפֿישן „אופּבלי" פֿון דער רוסישער ליטעראַטור, האָבנדיק אין זינען די יאָרן אין אָנהייב פֿונעם יאָרהונדערט, ווען אין אַ באַשטימטן פּעריאָד האָט אין דער ליטעראַטור באַקומען די אויבערהאַנט די ריכטונג פֿון סימבאָליזם. איבערכאַזערנדיק קימאַט בוכשטעבלעך מאַקס איסטמענען און באַריס גורעיען, שרייבט ראָנאַלד הינלי, אַז די דאָזיקע שטרעבונג איז „אַ טייל פֿון דער איראַפּעיִשער באַוועגונג פֿון די סימבאָליקער", האַגאַם די רוסישע סימבאָליקער האָבן זיך געהאַלטן, ווי באַוווסט, בא פֿאַרשיידענע קוועלן. עס זיינען געווען אויך עפּיגאָנען פֿונעם מייערעוו־דעקאַדאַנס. געוועזן זיינען אָבער אויך קעמפֿערישע קעגנער פֿונעם מייערעוו. איבערכאַזערנדיק די אַמעריקאַנער סאָוועטאָלאָגיע, סטאַרעט זיך ר. הינלי צוצוגעבן אַ באַדייטונג גראָד די פֿיגורן, וועלכע האָבן ניט געשפּילט קיין וויכטיקע ראָליע אין דער געשיכטע פֿון דער רוסישער ליטעראַטור און וועמענס שאַפֿונג עס האָט ניט איבערגעלאָזט אין איר קיין וויפֿל־ניט־איז באַמערקבאַרן שפּור, דערפֿאַר איז אָבער גוט באַוווסט זייער צעיושעטע סינע צו דער רעוואָליוציע, צום סאָציאַליזם, צו דער סאָוועטנמאַכט.

ר. הינליס אינטערפּרעטאַציע פֿון דער ליטעראַרישער באַוועגונג אין סאָוועטן־רוסלאַנד פֿון די 20־ער יאָרן שיידט זיך מיט גאָרנישט ניט אונטער פֿון דער אינטערפּרעטאַציע פֿון די אַמעריקאַנער סאָוועטאָלאָגן. „דער פּעריאָד ביז די 30־ער יאָרן איז געווען אַ פּעריאָד פֿון לעפּיערעכדיקער פֿרייהייט פֿאַר די שרייבער. זיי זיינען געווען פֿריי צו שרייבן וועגן דעם,

וואס זיי האט זיך געוואלט, און מיט דעם סטיל, וועגן וועלכן זיי האבן געהאלטן פאר בעסער. דעם יארצענדליק פון די 20־ער יארן האלט מען געווינלעך פאר דער „גאלדענער טקופע“,— אזוי שרייבט ר. הינגלי. ריכטיקער, ער שרייבט אראפ. ער שרייבט אראפ אן שום געוויסנביסן פון מ. איסטמענס „קינסטלער אין א מונדיר“ און ווייטער — פון ג. בארלאנדס „די סאוועטישע ליטערארישע טעאריע און פראקטיק אין די יארן פונעם ערשטן פינפיאר 1928—1932“ (1950), פון ע. בראונס „דער פראלעטארישער עפיזאד אין דער סאוועטישער ליטעראטור פון די יארן 1928—1932“ (1954) אדער, ענדלעך, פונעם שוין דערמאנטן ד. בילינגטאנס בוך „אן איקאנע און א האק“ (1967).

פונקט ווי זיינע אמעריקאנער קאלעגן־אנטיקאמוניסטן, האלט אויך ר. הינגלי, אז אין די יארן נאך דער רעוואליוציע האבן „...די באלשעוויקעס ניט געהאט קיין שום אפיציעל אנגענומענע ליטערארישע טעאריע“, ווייל ניט מארקס, ניט לענין האבן, זעט איר, ניט געהאט קיין קלארע פאזיציעס אין דעם פראט. דערצו נאך זיינען די באלשעוויקעס געווען צו שטארק פארנומען מיט „דרינגענדיקע ניט־ליטערארישע פראבלעמען, אז זיי זאלן זיך נאך פארטומלען דעם קאפ מיט קינסטלערישער ליטעראטור“.

אזעלכע איבעראשנדיקע צונויפפאלן פון הינגליס כקירעס מיט די כקירעס פון די אמעריקאנער סאוועטאלאגן ריידן קוידעמקאל וועגן דעם, אז ר. הינגלי האט, אפאנעם, שטודירט ניט גופע די סאוועטישע ליטעראטור, נאר דאס, וואס עס האבן געשריבן וועגן איר זיינע אמעריקאנער קאלעגן, געשריבן ביז גאר טענדענציעז, פול מיט פאלסיפיקאציעס און אפענעם האס צו דער סאוועטישער ליטעראטור, צום סאוועטישן פאלק.

ר. הינגליס אייגענע ארויסזאגונגען וועגן באזונדערע סאוועטישע פאעטן טיילן זיך אויס מיט פרעכע אפשאצונגען און מיט דער אפוועזנהייט פון עלעמענטארן טאקט. הינטער דער גייווע פונעם אוטאר זעט זיך אבער קלאר זיין אומפעיקייט צו געבן א אביעקטיווע אפשאצונג וועגן דער עמעסער באדייטונג און וועגן דעם ארט פון דער שאפונג פון דעם אדער אנדערן סאוועטישן דיכטער. לויט ר. הינגלי, לעמאשל, איז וו. מאיאקאווסקי, וועלכער איז צווישן די שרייבער געשטאנען אמנאענטסטן צו דער רעוואליוציע, „...אריין אין דער געשיכטע פון דער סאוועטישער ליטעראטור אלס איר קלאסיקער ניט דערפאר, ווייל ער האט פארמאגט אן אויסערגעווינלעכן פאעטישן טאלאנט און זיין שאפונג איז אנערקענט און באליבט געווען אין פאלק“. דאס איז פארגעקומען, באהויפטעט דער סאוועטאלאג, „לויט א באפעל“. ער דערקלערט, אז אינמיטן די 30־ער יארן האט, קלוימערשט, סטאלין באשטימט אים „נאכן טויט אלס זינגער פון דער סאוועטישער ארדענונג“. אבער ביזן באפעל איז, הייסט עס, מאיאקאווסקי ניט געווען קיין „זינגער פון דער סאוועטישער ארדענונג“? יא, עס באקומט זיך, אז מע האט אים אפילע פאר קיין פאעט ניט געהאלטן... דער רעכילעסדיקער און בייזער כאראקטער פון אט דעם ארויסטריט הינגליס קעגן דעם ריז פון דער וועלט־פאעזיע, קעגן דעם זינגער פון דער ערשטער אין דער וועלט זיגרייכער רעוואליוציע פון די אונטערדריקטע, קעגן וולאדימיר מאיאקאווסקין איז אבסאליוט קלאר און בייטיקט זיך ניט אין קיין שום באווייזן.

סערגיי יעסענין ווערט בא הינגלין געמאלט אלס „גרויסער שיקער, נויעף און כוליגאן, וואס מאכט זיך אליין א רעקלאמע“... אלעקסאנדער טווארדאווסקי, זאגט דער סאוועטאלאג, איז געווען אן „אפיציעל אנערקענטער אווטאר פון לידער“, וועלכע עס האט אנגענומען „בלויז דער ניט־אינטעליגענטער לייענער“...

דערפאר אבער פרוווט הינגלי אנבינדן די לייענער אלס קלוימערשט „ברייט אנערקענטן“ אין סאוועטנפארבאנד עפעס איינעם א בראדסקין, האגאם עס איז א גרויסער סאפעק, צי די לידער פון אט דעם פארפאסער, וועמען ער רעקלאמירט, האבן זיך געדרוקט אין סאוועטנפארבאנד, ווייל ער האט פארלאזט די גרענעצן פון אונדזער לאנד נאך אין 1972.

הינגליס כקירעס וועגן דעם ליטערארישן לעבן אין סאוועטנפארבאנד זיינען זייער געפלאנטערט און ווידערשפרעכיק. פון איין זייט באהויפטעט ער, אין העסקעם מיט די איינגעשטעלטע קאנאנען פון דער אנטיקאמוניסטישער פראפאגאנדע, אז עס זיינען פאראן געוויסע שטרענגע פאליטישע באגרענעצונגען, וועלכע האמעווען די קינסטלערישע פאנטאזיע פון די סאוועטישע שרייבער; פון דער צווייטער זייט, אנערקענט ער, אז עס זיינען פאראן הויכקינסטלערישע טאלאנטפולע ווערק אין דער סאוועטישער ליטעראטור.

הינגליס ארויסזאגונגען וועגן דעם שרייבער־פארבאנד פון פססר זיינען אנגעזאפט מיט אפענעם האס און צערייצטקייט. ער שרייבט, אז נאכן פלוצעמדיקן און אומגעריכטן ליקווידירן דעם „ראפפ“ אין 1932 (די פראזע איז אראפגעשריבן געווארן פון מ. איסטמענס „קינסטלער אין א מונדיר“, עס זיינען בלויז דורכגעלאזט די ווערטער וועגן „אסארגאדאנס

האק״. — א. ב.) איז אין סאָוועטנפאַרבאַנד געשאַפֿן געוואָרן אַן איינהײַטלעכער שרײַבער־פאַרבאַנד — לויט הינליס טיפֿער איבערצײַגונג, קלוימערשט „...אין דער העכסטער מאָס א ביוראָקראַטישע, קימאַט מיליטאַריזירטע אָרגאַניזאַציע״ (!). פֿון הינליס ווערטער קאָן דער מײַרעוו־לייענער מאַכן דעם אויספֿיר, אַז די מיטגלידער פֿונעם שרײַבער־פאַרבאַנד צווינגט מען שיר ניט צו „גאָלן די בערד״ און טראָגן בלויז „שטרענג שוואַרצע אַנצוגן מיט א שניפּס״!

הינלי שרעקט דעם אוילעם מיט די „שווידערן״ (וועלכע עקזיסטירן בלויז אין זײַן קראַנקער פֿאַנטאַזיע) וועגן איניקע „פֿאַרשריפֿטן״ פֿונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם, וועלכע צווינגען קלוימערשט אַלע סאָוועטישע שרײַבער צו שאַפֿן מיט אַן „אַלציינעם סטיל און מיט א בלאַסער שפּראַך״.

דער סאָוועטאָלאָג באַהויפּטעט, אַז, אַפּהיטנדיק די „פֿאָדערונגען״ פֿונעם מעטאָד פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, האָט מען „פֿאַרפּליכטעט״ די סאָוועטישע שרײַבער, זיי זאָלן שרײַבן בלויז וועגן פּאָליטיק. יענע ליטעראַטאָרן, ווידער, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז ניט אָבליגאַטאָריש, האָבן די מאַכט־אָרגאַנען אָן ראַכמאָנעס „דערדריקט״.

עס קומט אויף די געזעצמעסיקע פֿראַגע: וואָס קאָן מען, אויב אַזוי, זאָגן וועגן דעם גרויסן אָטריאַד סאָוועטישע ליטעראַטן, וועלכע האָבן געשריבן און שרײַבן, לעמאָשל, וועגן דער נאַטור, וועגן קינדער, וועגן באַלעכאַיִם, ענדלעך — וועגן דער היים־ערד? צו וועלכער גרופּע זאָל מען פֿאַרעכענען אַזעלכע באַרימטע סאָוועטישע שרײַבער, ווי א. גרין, מ. פּרישווין, ק. טשוקאָווסקי? לאָזט זיך אויס, אַז הינלי האָט פֿאַרויסגעזען אָט די פֿראַגע: גרין איז, פֿאַרשטייט זיך, אַן „עסקאַפּיסט״, פּרישווינס שאַפֿן איז אויך „א פֿאָרם פֿון ליטעראַרישן עסקאַפּיזם״, די קינדער־ליטעראַטור, אײַנגאַנצן גענומען, איז „נאָך איין מאָקעם־מיקלעט, ווו די שרײַבער קאָנען זיך אויסבאַהאַלטן פֿון פּאָליטישן דרוק״...

עס מאַכט אַן אײַנדרוק, אַז הינלי איז גרייט צו פֿאַרעכענען אַלע סאָוועטישע שריפֿטשטעלער צו די „עסקאַפּיסטן״. אפֿילו שרײַבער, אין וועמענס שאַפֿונג עס געפֿינען אָן אָפּשפּיגלונג דעריקער פּראָבלעמען פֿון דער אַנטוויקלונג פֿונעם סאָוועטישן דאָרף, פֿאַרעכנט הינלי אויך צו דער קאַטעגאָריע „עסקאַפּיסטן״. ער שרײַבט טאַקע אַזוי: „א פּאָליטיש נייטראַלער געביט איז געוואָרן די אויזגערופֿענע דאָרפֿישע פּראָזע״...

הינלי דעמאָנסטרירט אין זײַן בוך א ביז גאָר אייגנאַרטיקן אויפֿן פֿון פֿאַרשטיין און נוצן דעם טערמין „עסקאַפּיזם״. עס איז דאָך ברייט באַוווסט, אַז די אויזגערופֿענע דאָרפֿישע פּראָזע אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור צייכנט זיך אויס מיט דער אַקטועלקײַט פֿון די פּראָבלעמען, מיט דער אָרגאַנישער פֿאַרבינדונג מיטן לעבן פֿון דער געזעלשאַפֿט און, הייסט עס, מיט פּאָליטיק. אין דער פּוסטקײַט און זינלאָזיקײַט פֿון די רייד וועגן דער „אַפּאָליטישקײַט״ פֿון דער ליטעראַטור און קונסט האָבן זיך שוין לאַנג איבערצײַגט די ברייטע מאַסן קינסטלער. די גאַנצע זאַך באַשטייט דעריך, מיט וואָס פֿאַר א פּאָליטיק איז פֿאַרבונדן זייער שאַפֿונג. אויב אין צענטער פֿון דער פּאָליטיק שטייען די אינטערעסן פֿונעם פֿאָלק, אויב די פּאָליטיק האָט פֿאַר זיך דעם ציל צו ברענגען גליק דעם פֿאָלק און זי ווערט געפֿירט אין דער ריכטונג פֿון פֿאַרשטאַרקן דעם שאָלעם און די קעגנזײַטיקע פֿאַרשטענדעניש, — דאַן קאָן זי האָבן בלויז א גוטע ווירקונג אַף דער שאַפֿונג פֿון די קינסטלער.

מאָדנע און אומגעלומפּערט זײַנען די טײַטשן, וועלכע ר. הינלי גיט די באַגריפֿן פֿאַרטייישקײַט און פֿאָלקישקײַט. פֿאָלקישקײַט, זאָגט ער, פֿאָדערט באַם סאָוועטישן שרײַבער „פּאָליטישן און נאַציאָנאַלן שאָוויניזם״. אויסלענדער, הייסט עס, דאַרפֿן אין די ווערק פֿון די סאָוועטישע שרײַבער געמאָלט ווערן אַלס אויסוואָרפֿן, און דער סאָוועטישער מענטש מוז אָן שום טײַנעס זײַן א געזונטער, א שטאַרקער, אַזאַ, וואָס איז זיכער אין זיך און איז ביכלאַל אַרום און אַרום א פּאָזיטיווער.

די פּאַרטייישקײַט, ווידער, פֿאָדערט באַם שרײַבער, לויט הינלין, אַז אין די ווערק זאָל געשילדערט ווערן ניט יענץ לעבן, וואָס דאָס אויג זעט, נאָר עפּעס א „העכערס״. פֿונדאַנען איז געדרונגען, אַז דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם פֿאָדערט פֿונעם שרײַבער ניט קיין לעבנסעמעס אין דער ליטעראַטור, ניט קיין היסטאָרישע קאָנקרעטקײַט, נאָר א פֿאַלשע, היסטאָריש ניט ריכטיקע באַשרײַבונג פֿון דער ווירקלעכקײַט״. אַנדערש גערעדט, עס עקזיסטירט אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור א „צוואַנג־אָפּטימיזם״.

איבנדיק זיך אין אויסטראַכטן מײַסעס וועגן עפּעס „שטרענגע רעגלאַמענטאַציעס״ פֿונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם, באַשטייענדיק דערויף מיט אַן אַקשאָנעס, וואָס איז ווערט א בעסערע אָנווענדונג, פֿאָדערנדיק א דאָגמאַטישע און וווּלגאַריזאַטאָרישע טראַקטירונג פֿון דער עסטעטיק פֿונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם, מאַכט הינלי צוזאַמען דערמיט א כיטרע באַמערקונג,

אז די דאָזיקע רעגלאַמענטאַציעס האָט עמעצן אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור זיך אײַנגעגעבן אויסצומײַדן. לעמאָשל, מ. גאָרקי האָט געשריבן נאָך דער רעוואָלוציע „דעריקער אָף פאַררעוואָלוציאָנערע טעמעס", און דאָס האָט אים דערלויבט, אַזוי צו זאָגן, „צו פאַרהיטן די אימוניטעט" קעגן די שטרענגע פאָרשריפטן פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

אויך שאָלאָכאָוו, שרײַבט מיט שאַדנפרייד הינלי, האָט פאַרהיט אין זײַן שאַפונג די אינדיווידואַליטעט פון א שרײַבער „אין א סאַך א גרעסערער מאָס, איידער דאָס איז דערלויבט דורך די נאָרמעס פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם". נאָך מער, הינלי שרײַבט, אז „אין טאָך האָט ער (דה. שאָלאָכאָוו — א. ב.) אָף אַן אַנטשיידענעם אופן געבראָכן דעם גײַסט פון דער דאָקטרינע אינעם ראָמאַן „דער שטילער דאָן". ניט בלויז האָט ניט דער דאָזיקער ראָמאַן א גליקלעכן סאָף, נאָר ער האָט אויך פאַרהיט א פאַסיווע באַציִונג פונעם אַוטאָר צו די ווײַסע און צו די רויטע. באַהויפּטנדיק, אז דאָס פּריוואַטע לעבן פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט לעגאַבע דער פּאָליטיק, רײַסט דערמיט שאָלאָכאָוו אונטער דעם סאַמע הויפּט־קאַנאָן פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם".

מיט א פערטל יאָרהונדערט צוריק האָט אויך אויסגעשלאָסן שאָלאָכאָוון פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם דער אַמעריקאַנער סאָוועטאָלאָג וויליאַם האַרקינס. אין זײַן „ווערטערבוך פון דער רוסישער ליטעראַטור" (1956) האָט ער דערקלערט, אז, קלוימערשט, שאָלאָכאָווס ראָמאַן „דער שטילער דאָן" היט ניט אָפּ „ניט דעם גײַסט און ניט דעם אָס פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם".

פאַרן פערטל יאָרהונדערט האָט זיך אָף קיין האָר ניט א רוק געטאָן פאַרויס דער געדאַנק פון די סאָוועטאָלאָגן אינעם אויסטײַטשן דעם ראָמאַן, וואָס איז דאָס גרעסטע פּראָזעווערק פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. זייער געדאַנק איז געבליבן שטעקן אין זומפּ פון די איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאָרמולירטע אָפּשאַצונגען און האַנאַכעס פון דער אַנטיקאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. עס זעען אויס קאָמיש די פּרוּוון פון ראָנאַלד הינלי צו געבן אַן „אויסרייד" דער סאָוועטישער קריטיק דערפאַר, וואָס זי היט ניט אָפּ, לויט זײַן מיינונג, גענוג שטרענג די „ריינקייט פון די נאָרמעס" פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם. ער שרײַבט טאַקע אַזוי: „קעדיי צו דערקלערן גאָרקין, מאַיאַקאָווסקין און שאָלאָכאָוון אַלס אָנהענגער פון דעם מעטאָד, איז געוואָרן באַקוועם ניט צו באַמערקן פיל אָפּווײַכונגען זייערע פון די שטרענגע קלאָלים, בא וועלכע עס זײַנען מעכוייעוו צו האַלטן זיך די ווייניקער גרויסע, ניט־קאַנאָניזירטע שרײַבער".

אונטערפירנדיק א סאַכאַקל פון זײַנע „טעאָרעטישע" באַטראַכטונגען מיקויעך דעם מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, שרײַבט הינלי מיט פאַרדראָס, אַז דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם „פאַרבלײַבט נאָך אַלץ" אַבליגאַטאָריש, די טערמינאָלאָגיע און די קאָנצעפּציעס פונעם מעטאָד „פאַרבלײַבן הייליק" און זיי ווערן „אויסגענוצט אַלס בײַטש אָף צום שמײַסן די אידעאָלאָגיש ניט געהאָרכזאַמע שרײַבער".

און די דאָזיקע בײַטש, זאָגט הינלי, האַלט אין זײַנע הענט פון 1934־טן יאָר אָן דער שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר. הינליס דערפינדערישקייט אין פּראַט פון צוזוכן בײַסיקע טערמינען פאַר די אָנפירער פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר האָט בעעמעס ניט קיין גרענעץ. אָדער ער רופט זיי „נאַבאָבן"[1] אָדער „פּרעפעקטן", אָדער „לערער", אָדער „אָפּעקונעס", און ער גיט צו מיט צערייצטקייט: „זיי אַלע (דה. די אָנפירער פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר. — א. ב.) זײַנען געוואָרן אָדער זיי זײַנען מיטגלידער פון דער פּאַרטיי און פאַרנעמען אין איר א באַשטימטע לאַגע, זעענדיק זייער ליטעראַרישע הויפּט־פונקציע דעריין, אַז זיי זאָלן פאַרווירקלעכן דעם פּאַרטיי־קאָנטראָל איבער די שרײַבער".

דער סאָוועטאָלאָג טרײַבט רעכילעס אָף א סאַך סאָוועטישע ליטעראַטן. אים איז שטאַרק ניט געפעלן, לעמאָשל, דער וועלט־באַרימטער שרײַבער קאָנסטאַנטין פעדין פאַר זײַן טרײַהײַט צו זײַן פאָלק, צום היימלאַנד, צו דער פּאַרטיי.

דער סאָוועטאָלאָג שוינט ניט אויך מיכאַיִל שאָלאָכאָוון. אים געפעלט זייער ניט די קלאָרע און פּינקטלעכע פּאָליטישע פּאָזיציעס, וועלכע דער ראָמאַניסט האָט ניט איין מאָל אַנטפּלעקט פון דער טריבונע פון די שרײַבערישע און פּאַרטייִשע צוזאַמענפאָרן, אויך אין זײַנע אַרטיקלען און אין זײַן שאַפונג ביכלאַל.

פון וועמען זשע, צווישן די סאָוועטישע ליטעראַטן, קלײַבט דער סאָוועטאָלאָג יאָ נאַכעס? צי זײַנען אַזעלכע פאַראַן? לאָזט זיך אויס, אז פאַראַן. און אָט די פּערסאָנאַזשן, וועלכע

---

[1] נאַבאָבן (אַן אַראַביש וואָרט). אַזוי הייסן אין אינדיע די גרויסע מוסולמענישע אַריסטאָקראַטן, אויך א רײַך געוואָרענער ענגלישער קאָלאָניזאַטאָר.

זײַנען אים זייער געפעלן, ווידמעט הינלי א גאנצן אָפּטייל פונעם קאַפּיטל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „דיסידענטן". הינלי דעפינירט זיי אַלס מענטשן, וואָס פאַרלאַנגען, שטעלט אייך פאָר, ניט מער, ווי „רעפאָרמירן אָט די געזעלשאַפט (דאָס הייסט די סאָוועטישע. — א. ב.) פון אינעווייניק, אין גרונט מיט לעגאַלע מיטלען" (עס ווערן, הייסט עס, ניט אויסגעשלאָסן אויך אומלעגאַלע? — א. ב.).

הינלי שרײַבט מיט בענקעניש, אַז די דאָזיקע אַזויגערופענע „דיסידענטן" פילן זיך ניט היימלעך אין דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, וועלכע באַציט זיך צו זיי מיט פאַראַכטונג. הינלי קאָנסטאַטירט, אַז דער „דיסידענט" פאַרענדיקט, אַלס קלאַל, מיט אַרויספאָרן פונעם לאַנד. „צוערשט א ליבעראַל, דערנאָך א דיסידענט און ענדלעך, אַן עמיגראַנט". — שרײַבט מיט פאַרביטערונג הינלי וועגן אָט די אָפּטריניקעס, וועלכע פאַרשאַפן אים נאַכעס, נאָר די סאָוועטישע מענטשן רופן זיי ריכטיק מיטן נאָמען פאַרעטער.

הינלי האַלט ביכלאַל, אַז די פּראָפעסיע פון א ליטעראַט און „פון יעדן שעפערישן טו-ער" איז אין דער סאָוועטישער געזעלשאַפט א מין אַנאָמאַליע. זיי, זעט איר, „האַרעווען אינ-דיווידועל, ניט אין א קאָלעקטיוו... זיי האַרעווען, ווו זיי ווילן און ווען זיי ווילן, שליסנדיק אָפּמאַכן מיט פּריוואַטישע אויסגאַבעס און מיט פאַרלאַגן. אַזויאַרום, געהערן זיי צו א פּראָ-פעסיע, וואָס איז, לויט איר עצם מעהוס, קעגן פאַרגעזעלשאַפטלעכונג, זיי טרעטן אַרויס אַלס בויער פון אינדיווידועלע קאַטעגאָריעס אין א טקופע, ווען עס הערשט די מאַסן-פּראָדוק-ציע"...

אָט אַזוי האָט דער סאָוועטאָלאָג מיט איין שמיר מיט דער פען אָפּגענומען בא דער קאָלעקטיוויסטישער געזעלשאַפט פונעם אַנטוויקלטן סאָציאַליזם די פּריווילעגיע צו האָבן אייגענע שרײַבער און ביכלאַל „שעפערישע טוער". ער האָט דערקלערט, אַז די בײדע זאַכן פאַרן זיך ניט, דעם סאָציאַליזם האָט ער קעגנגעשטעלט דער שעפערישער פּערזענלעכקײַט. אַן אַלט, שוין לאַנג געהערט לידל. אַזאַ פּרימיטיווער צוגאַנג צום טײַטשן די קאָלעקטיוויס-טישע לעבנס-פּרינציפּן פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט נעמט זיך פון די פּאַרשימלטע פּראָפּאַגאַנדיסטישע אײַנשטעלונגען פון די אַנטיקאָמוניסטן, וואָס זייער ציל איז דיסקרעדי-טירן די אידייען און די פּראַקטיק פונעם סאָציאַליזם מיט קאָלערליי מיטלען, ניט אויסגע-שלאָסן אויך אָפענע שקאָרים.

ר. הינלי רעדט אויך אַף זײַן אויפן וועגן די ליטעראַריש-קינסטלערישע זשורנאַלן און וועגן דער פאַרלעגערישער פּראַקטיק אין סאָוועטנפאַרבאַנד. ער פּרוווט מאָלן די ליטעראַריש-פאַרלעגערישע אַרבעט בא אונדז אין לאַנד אין זייער א שמאָלן אוטיליטאַריש-פּאָליטישן קאָנטעקסט. ער באַהויפּטעט, אַז די טיראַזשן פון די ליטעראַרישע זשורנאַלן און ביכער ווערן באַשטימט אויסשליסלעך אַף דער באַזע פון די „פּאָליטישע באַשלוסן", אַז דער נאָכפרעג פון די לייענער ווערט קלוימערשט „ניט גענומען אין אַכט".

פאַרשטענדלעך, ווי ווײַט פונעם עמעס עס זײַנען די דאָזיקע בקירעס הינליס. די פּאָ-ליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד איז גראָד געריכטעט צו באַפרידיקן פולשטענדיק דעם נאָכפרעג פון די סאָוועטישע בירגער, דערונטער אויך אין געביט פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור. עס איז ניט צופעליק, וואָס פאַר די לעצטע 10—15 יאָר זײַנען די טיראַזשן פון די ליטעראַריש-קינסטלערישע זשורנאַלן פונעם שרײַ-בער-פאַרבאַנד פון פסטר און פון די ביכער מיט די ווערק פון דער קינסטלערישער ליטע-ראַטור בא אונדז אין לאַנד אויסגעוואַקסן אין צענדליקער און הונדערטער מאָל און זיי וועלן, אָן שום ספק, וואַקסן אויך ווײַטער ביזן פולשטענדיקן באַפרידיקן דעם נאָכפרעג פון די סאָוועטישע לייענער.

צו די ליטעראַריש-קינסטלערישע זשורנאַלן פון סאָוועטישע שרײַבער פּרוווט הינלי אָט אַזוי אומבאַמערקט צורעכענען אויך די נעבעכדיקע פּריוואַטישע אויסגאַבעס, וועלכע עס גיבן אַרויס די פאַרשיידענע גרופּקעס אָפּטריניקעס אויסער די גרענעצן פון פסטר. דערבײַ פּרוווט זיך דער סאָוועטאָלאָג זיי אָנרופן קלוימערשט „אומאָפּהענגיקע" און „זעלבשטענדיקע", כאָטש עס איז שוין לאַנג ניט קיין סאָד, אַז די קוואַלן פון פינאַנסירן אַזאַ אַנטיסאָוועטישע אויס-לענדישע פּריוואַטיק זײַנען די אַמעריקאַנער צענטראַלע אויספאָרשונגס-פאַרוואַלטונג און אַנ-דערע אַנאַלאָגישע ספּעציעלע אַמטן.

ראָנאַלד הינלי פאַרענדיקט זײַן בוך מיט א דערקלערונג, אַז „די הײַנטצײַטיקע רוסישע ליטעראַטור... האָט אירע אויפבליצן און אירע אומגליקן. אין מײַן בוך האָב איך זיך געסטאַ-רעט געבן אַן אָביעקטיוון באַריכט וועגן בײדע זאַכן".

ליידער באַווײַזט די באַקאַנטשאַפט מיטן בוך, אַז דעם אויטאָרס אַנטיפּאַטיע צו אַלץ, וואָס איז סאָוועטיש, איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון זײַן געדאַנקענגאַנג און האָט בא

אים אָפּגענומען די פֿיִיִקײַט צו אורטיילן אָביעקטיוו, פֿאַרוואַנדלענדיק אים אין דעם באַקאַנטן אין דער רוסישער ליטעראַטור גראַד א נאַטשאַלניק פון דער שטאָט גלופּאָוו, דעמענטי וואַרלאַמאָוויטש ברודאַסטי, וועלכער האָט געהאַט א צונאָמען „אָרגאַנטשיק“ און פון וועמען מע דאַרף יעדע מינוט דערוואַרטן ווילדע אויסרופן: „איך וועל ניט דערלאָזן!“

ראָנאַלד היגלי האָט ארויסגעלאָזט אן אָרדנטלעך פּראָפּאַגאַנדיסטיש בוך, ווו ער האָט אונטערטעניק, ווי א שילער, איבערגעכאַזערט אַלע סטערעאָטיפּן פון דער אַמעריקאַנער סאָוועטאָלאָגיע און דערמיט גופא באַשטעטיקט דעם אוניפאָרמיזם און די טענדענציִעזקײַט פונעם געדאַנקענגאַנג פון אַלע אָטריאַדן פון דער צווישנפעלקערלעכער סאָוועטאָלאָגיע.

* * *

די מענטשהײַט איז ארײַנגעטראָטן אין די 80-ער יאָרן פונעם XX יאָרהונדערט. שוין פון די ערשטע טעג פונעם נײַעם יאָרצענדליק האָט דער אַמעריקאַנער אימפּעריִאַליזם אָנגעהויבן שטעלן אונטער ערנסטע ניסיוינעס די דערגרייכונגען פון דער אָנטשפּאַנונג. נעמענדיק העפקערדיק פאַר זיך דאָס רעכט צו אָנרופן זיך וועלט-לידערס, ריזיקירן די רעגירנדיקע קרײַזן פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו דערפירן די וועלט צו דער גרענעץ פון א נײַער וועלט-מילכאָמע. אָט דערפאַר איז נייטיק צו דעמאַסקירן אומדערמידלעך די מיליטאַריסטישע שטרעבונגען פונעם אַמעריקאַנער אימפּעריִאַליזם, באַווײַזן זײַן פײַנטשאַפט צום שאָלעם, דעמאַסקירן זײַן פּאָליטיק, וועלכע האָט דעם ציל צו שפּרייטן סינע צווישן די לענדער און פעלקער.

דער כאַווער ל. אי. ברעזשנעוו האָט אין דעם פאָרוואָרט צו זײַן בוך וועגן די אַקטועלע פראַגן פון דער אויסערן-פּאָליטיק פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכער איז דערשינען ניט לאַנג צוריק אין דער דײַטשישער פעדעראַטיווער רעפּובליק, געשריבן:

„די לענדער, וועלכע געהערן צו פאַרשיידענע סאָציִאַלע סיסטעמען, נייטיקן זיך ווי אין לופט כאָטש אין א מינימום צוטרוי. פאַרשטייט זיך, אונדז צעטיילן און וועלן צעטיילן ווידערשפּרעכלעכע אידעאָלאָגישע אָנשויונגען. נאָר דאָס, וואָס מיר נעמען ניט אָן די בורזשואַזע אידעאָלאָגיע, שטערט אונדז ניט צו שטיין אפן באָדן פון רעאַליטעט און געדולדיק זוכן פאַרשטענדיקונג“...

די ביכער פון ר. היגלי און פון א סאַך אַנדערע מײַרעווודיקע סאָוועטאָלאָגן פאַרסאַמען די צווישנפעלקערלעכע אַטמאָספער, און זייער ציל איז צו מאַכן א טעל פונעם צוטרויקלימאַט צווישן די לענדער.

אָבער פונקט ווי קיינעם האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו פאַרשטעלן מיט דער דלאָניע די זון און אָניאָגן אף דער וועלט א כוישעך, אזוי וועט זיך ניט אײַנגעבן צו איבערצאַמען דעם וועג פאַרן עמעס וועגן דעם רעאַלן סאָציִאַליזם, וועגן דעם סאָוועטישן מענטשן און זײַן לעבנס-אויפן.

פונעם ציקל „רינג נאָך רינג"

צו די מענטשן פונעם קומענדיקן יאָרהונדערט

אריבער דעם צײַטן־פּלויט, אריבער די צוימען פון יאָרן
איבערשפּרינגענדיק!
און קומען צו אײַך צו דער צײַט.
די זײַטיקע וועגן און שטעגן אדורכגיין פארשפּאָרן,
ארײַנגייך צו אײַך פון אן אומגעריכטער זײַט...

קאָן זײַן, עס וועט עמעץ אין אײַער יאָרהונדערט דערוואַרטן,
כ'זאָל קומען פון טכום־זײַט, פון מארק־זײַט צו אײַך,
און זײַן זאָל מײַן הארץ פול מיט ביטערקייט און פארדאכטן,
און זײַן זאָל איך אָרעם אין קוי'ך, מיט פארלוירנקייט רײַך.

איז נאָט אײַך! באקוקט מיך! באטאפּט מיך! איך קום פון דער זײַט אומגעריכטער.
אזוי כ'האָב געלעבט: אף מאכנאָך — אומגעריכט, צום רייכסטאג — אומגעריכט.
און פונקט ווי ס'ניט מעגלעך א זעמדל ארויסנעמען פון אן אלמעכטיקן וויכער,
אזוי איז ניט מעגלעך פון מײַנע יאָרצענדליקער אויסשליסן מיך.

צוגאסט בא דער נאטור

כ'גיי אראָפּ פונעם זינעץ,
כ'גיי פון זינעץ אראָפּ
איבער די זילבערנע פליגעלעך, איבער די גאָלדענע בינעץ,
איבער די נארישע פייגעלעך, וואָס פארדרייען מיר דעם קאָפּ.

כ'קריך ארוף אף די צווײַגן,
כ'גיי ארײַן אינעם גראָז.
פלוצעם דערפיל איך באשײַמפּערלעך, אז אלע צוויטשערלעך שווײַגן,
און זיי פארלירן די פארביקייט. ווי, איך ווייס ניט פארוואָס...

ווער איך אליין א פליגעלע, בלײַב צווישן גאָלדענע בינעץ,
צווישן די נארישע פייגעלעך, וואָס פארדרייט האָבן מיר דעם קאָפּ.
כ'בין אראָפּ פונעם זינעץ?
כ'בין פון זינעץ אראָפּ?

אין פופציק יאָר ארום

אוודע איז קיין סימען ניט פארבליבן,
און דער זיקאָרן וועט ניט וויסן באלד
פון שורעס טריט, וואָס כ'האָב ארײַנגעשריבן
מיט פופציק יאָר צוריק אין אלטן וואלד.

איך בין געווען דאַן יונג, אינעם בעריישעס,
געריסן זיך צו שרײַבן מיט א מיין

וועגן דער אופגעוואכטער טײַגע, ריישיס,
און וועהאשייניס — וועגן זיך אליין.

אין פופציק יאָר ארום זײַנען פארבליבן,
אלץ נאָך פארטרוילעך אין דער פולער מאָס,
די שורעס ווערטער, וועלכע כ'האָב פארשריבן
אין העפטל, וואָס פינף קאָפּ'קעס האָט געקאָסט.

ציפערן

פאר דער מילכאָמע האָט די יידישע באפעלקערונג אין דער וועלט אָנגעציילט אנערעך 18 מיליאָן, נאָך דער מיל־כאָמע — בא 12 מיליאָן.

ציילט אונדז איבער
א שאָ פארן קריג מיט היטלערן,
מיר האָבן געלעבט
סיי אין פרייד, סיי אין לייד, סיי אין נויט.
מיר, די ייִדן,
די אכצן מיליאָן...
א גוירל אזא ניט בא איטלעכן...
יעדן
דריטן
זיי האָבן געטויט.
פיר יאָר האָבן ייִדישע ווייַבער קיין קינדער דעם פאָלק ניט געבוירן.
פיר יאָר איז דאָס ייִדישע פאָלק בלויז געגאנגען פארלוירן.
מע האָט אונדז געזאלבט ניט מיט נויז, נאָר מיט אָן־נויז.
געקאָסט די פיר יאָר האָבן זעקס מיליאָן אונדז.

מיר האָבן געהאלטן מילכאָמע מיט ריינעם מעזומען, אין זיג און אין גזאר,
פאראמאָל
אָפגעגעבן
הונדערט טויזנט
אין באבי יאר.

ציילט אונדז איבער א שאָ פארן קריג מיט היטלערן...

אווטאָביאָגראפיש

דער סאָלאָוויי האָט זיך פארזאמט אין ברענענדיקן וואלד צווישן די פלאמען
און איז ארויס שוין פויזענדיק, מיט שטעכלקעס און יאשטשערקעס צוזאמען.
געלעגן איז ער אָפן ראנד, ווו ס'גייט פון וואלד אוועק אין פעלד א סטעזשקע,
און ס'האָט געקאָנט זיך דוכטן, אז עס ליגט אין ווייך א טלי‍ענדיקע האָלאָוועשקע.
נאָר אָט — צו אים קריכט צו א רויפע,
ווי א רויפע,
און נעמט אים היילן אף א ניט באקאנטן אויפן.
עס קומט עפּעס א כייַעלע צו שפּרינגען
און קיצלט אין דער ברוסט אים, ער זאָל זינגען.
דערנאָכדעם נעמען טשאטעס פייגל ציִען
און רופן אים מיט גוואלדן, ער זאָל פליִען.
עס קערט זיך אום צו אים דאָס קאָל ס'באשערטע,
נאָר ס'פעלן אים דער ניגן און די ווערטער.
דאן קומט דער מענטש מיט פייַפלעך־פייַפיִאָלן,
און ס'ווערן פעדערן באם סאָלאָוויי ווי אָנגעשוואָלן,
עס הייבן אָן די אויגן ערגעץ בלאָנדזשען,
דאָס פעדערדיקע קערפּערל באקומט אָן אָנזען,
אין מויל נעמט קאָלאָבאטשען, קלינגען,
אָט באלד, אָט באלד וועט זיך דער סאָלאָוויי צעזינגען!

פאר זייַנע אויגן שפּרייט זיך אויס א וועלט אן אָפענע און פרייַע,
נאָר ס'פליט אוועק דער אָפגעהיטער סאָלאָוויי צוריק אין פייַער.

און ווען...

און ווען
איך וואָלט זיצן באַ אײַך אין דער טפיסע,
און ווען
כ'וואָלט געווען איצט באַ אײַך אין די הענט, —
געוואָרפן איך וואָלט אײַך אין פּאַרצעף אין ווײַסטן
צען נײַע געבאָטן,
די נײַע
צען.

און ווען
איר וואָלט נעמען מיך ברענען און בראָטן,
און ווען
שוין די ליכטיקע שײַן כ'וואָלט ניט זען, —
געבליבן עס וואָלטן די נײַע געבאָטן,
צען נײַע געבאָטן,
די נײַע
צען.

און ווען
איר וואָלט וואַרפן מײַן שורע אין פײַער,
און ווען
נאָך מײַן טויט
אויך מײַן קבֿורה געשענדט, —
באַצאָלט אײַך אָן צווייפל פאַר דעם וואָלטן טײַער
די נײַע געבאָטן.
די נײַע
צען.

• • •

יאָ, איך רעד מיט שאָטנס און מיט גײַסטער
און מיט יענער וועלט איך רעד.
ניט אין שלאָף, נאָר אינדערעמעסן. די
ווײַטסטע
גײַסטער קומען, ס'קומט אַמאָל אַ שעד.

זאָג איך אַלע זיי דאָס וואָרט דאָס אָפּנס,
און פון דעם זיי ווערן אָפּגעשוואַכט.
און איך שטעל אַ ליכט זיי באַם צוקאָפּנס,
און אַ מאָלע איבער זיי איך מאַך.

איינשטיין

ווו די וועלט האָט אַן עק, ווו די וועלט לאָזט זיך אויס —
אומעטום איז די שרעק פאַר דעם גראָבן־יונג גרויס.
אונדזער וויסן־באַגער — ער אַליין, ער אַליין
סײַ פאַר זיך זוכט אַ וועג, סײַ באַווײַזט, וווהין גיין.

נאָר דערגייך גיך און גרינג איז ניט מעגלעך אַלציינס —
ווי דאָס וויסן, עס האָט אויך דאָס אומוויסן לוסט.
אין פאַרגעסנהײַט ליגן אַזויפיל איינשטיינס,
און צי דען איז דער גרעסטער פון זיי אונדז באַוווסט?

א ליבע־ליד

אַלץ, וואָס ניט געשטויגן, ניט געפֿלויגן,
האָט קיין מינדסטן שײַכעס ניט אהער.
אָן א סיבע רינסט ארויס פֿון מײַנע אויגן,
ווי א זיסע ווייטעקדיקע טרער.

אַלץ, וואָס מיט דײַן ליבע איז געבונדן,
האָט געטראָפֿן מיך ניט שלעכט, ניט גוט.

טראָפּנווײַז דו רינסט ארויס פֿון מײַנע ווונדן,
ווי דאָס נאָך ניט אָפּגעקילטע בלוט.

ליגסט אוועק זיך לאַנגזאַם אַף מײַן שטערן,
ווי פֿון צאָרעס ביטערע א שראַם,
און איך לאַך, אַז אַלע זאָלן הערן,
און איך ווײַז א צונג דער ליבע סטאַם.

דאָס קינד פֿירט דעם אויוועראָבאַטל

גאַנצפֿרי איז זויבער־ריין דער שניי,
אײַנאָונט ווערט ער ברויז און בלאָטיק.
דאָס קינד דאָס זויבערע — אוי, ווי —
פֿירט בא דער האַנט דעם אויווערבאָטל.

יאָ, ס'איז דעם מענטש זײַן וועג באַקאַנט.
שוין מיד פֿון ליבע און פֿון אייפֿער,
ער נעמט אַליין זיך פֿאַר דער האַנט
און פֿירט אַליין זיך אָפּ אין קיווער.

שעפּטשערײַ

די שעפּטשערײַ קומט, עמעס, פֿון די ליפּן,
דו קוק זיך צו: ווי גרײַפּעלעך זיך שיט
דאָס זאָגעכץ דורך די ליפּן, ווי דורך זיפּן,
נאָר נעמען נעמט עס זיך פֿון דעם געמיט.

פֿאַראַן אין יענע טיפֿקײַטן, אין כווישעך
פֿון מענטשנס פֿאַרבעריישעסדיקער וועלט
א כאַאָס מיט פֿאַרטרוילעכע געראַישן,
וואָס אַף די ליפּן ווערן ערשט פֿאַרשטעלט.

* * *

אונדזער פּלאַנעטע האָט אַלץ שוין געהאַט
(איינעם — צום שלעכטן, א צווייטן — צום גוטן):
אײַערע קווויסלינגס און מײַן סטאַלינגראַד,
אײַערע דיונקערקס און מײַנע סאַליוטן.

ס'וויסט די פּלאַנעטע שוין גוט דעם באַשייד —
וואָס פֿאַר א ווערט עס האָט הײַנטיקע צײַטן
וועגן גערעכטיקייט אײַערע רייד
און פֿאַר גערעכטיקײַט מײַנע שטרײַטן.

יאָ, די פּלאַנעטע — פֿיל זען נאָך זי וועט
(איינעם — צום גוטן, א צווייטן—צום שלעכטן):
וואָס עס וועט ווערן פֿון אונדזער געוועט,
וואָסערע שטייען נאָך פֿאַר געפֿעכטן.

טעוויע גען

נײַע דערציילונגען

נאָך דער סימכע

שלוימע רודניצקין האָט מען אָפגעמערקט זײַן פופציקיאָריקן יובילײ. פינף און צוואנציק יאָר האָט ער געארבעט אף איין אָרט, אין איין אינסטיטוט, געהויבן זיך פון טרעפל צו טרעפל, געזאמלט דערפארונג, קענטעניש, געבראכט פיל נוצן אין זײַן ארבעטס־געביט. אָנגעקומען איז ער, ווען דער איצטיקער גרויסער און סאָלידער וויסנשאפטלעך־פאָרשערישער אינסטיטוט איז געווען א קליינע לאבאָראטאָריע, פארנומען צוויי צימערן אין אַן אלטער געבײַדע, וואָס מע האָט געדארפט אראָפטראָגן. די פענצטער האָבן געקוקט אין הויף ארײַן, ווו ס׳איז שטענדיק געווען אָנגעשטעלט א בארג ליידיקע קעסטלעך — אין דער זעלבער געבײַדע, אפן אונטערשטן שטאָק, איז געווען א שפײַז־מאגאזין. שלוימע איז צוערשט געווען א לאבאָראנט, דערנאָך איז ער געוואָרן א ייִנגערער וויסנשאפטלעכער טוער, און שפעטער, מיט דער צײַט — א וויסנשאפטלעכער טוער. אַן עלטערער. א כאראקטער האָט ער א ווייכן, מע קאָן זאָגן, אפילע שוין צו א ווייכן. קיינער וואָלט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען, אַז סאָלאָמאָן יעקוסיעלעוויטש זאָל האָבן אמאָל ארויסגעזאָגט זײַנע א מיינונג אין א קאטעגאָרישער פאָרם, ער זאָל עמעצן דערווידערן מיט א הארבן, שארפן וואָרט. ער האָט ליב געהאט די ווערטער „עפשער“, „מיר דוכט“, „עטוואָס“. „עפשער וועלן מיר טאָן אזוי?“ „עפשער איז גלײַכער?..“ „מיר דוכט, אַז עטוואָס זײַנט איר ניט גערעכט“, „איר האָט, דוכט מיר, עטוואָס א טאָעס“. פארווייכערן דאָרטן, ווו ס׳איז הארב, פארקײַלעכיקן, ווו ס׳איז שפיציק, איז געווען אין זײַן טעווע. ווען ער האָט זיך נערווירט, האָט ער געהאט א געוווינשאפט אָנצורירן מיט דער צונג די טרוקן־געוואָרענע ליפן, אזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אָפווישן די אומאָנגענעמקײַט, וואָס איז מיט אים געשען.

קיין הויכן פאָסטן האָט ער אין אינסטיטוט ניט פארנומען, ער האָט פארוואלטעט מיט א פארהעלטניסמעסיק ניט גרויסן אָפטייל, אָבער מע האָט אים געשעצט פאר זײַן טיפער ערודיציע, פונדאמענטאלער געלערנטקײַט. די סימכע זײַנע, דעם יובילײ האָט מען געפראוועט אף א גאנץ ברייטן אויפן. דעם יובילײ־אָוונט האָט געפירט דער דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט אנדריי איוואנאָוויטש ליסטאָוו, ס׳זײַנען בײַגעווען אַן אקאדעמיקער און צוויי מיטגלידער־קאָרעספאָנדענטן פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע.

דער באלסימכע איז געזעסן באַם יאָמטעוודיקן פרעזידיום־טיש. זײַן שטול איז געשטאנען באַם ברעג, א ביסל אָפגערוקט פון די איבעריקע שטולן, עס זאָל זײַן א פרײַער צוטריט און מע זאָל אים קאָנען דריקן די האנט און די, וואָס ווילן, אויך א קוש טאָן. א ביסל א סקעפטיקער און גענייגט צו איראָניע, האָט ער געהערט די באגריסונגען און דערבײַ געטראכט, אַז מע קאָן צונויפשטעלן א קורצע ענציקלאָפעדיע פון עפיטעטן, מיט וועלכע מע באקרוינט א יובילאר. „אַן ארבעטזאמער“, „אַן אײַנגעשפארטער אין דערגרייכן דעם ציל“, „א באגאבטער“, „א גאָלדן הארץ“, „א דרייסטער“, „א הייסער“, „א וואכזאמער“, „א זעלבשטענדיקער“, „א טרײַער“, „א כאָכעם“, „א ליבער“,

„א מאזלדיקער", „א נאָבעלער", „א סינטעז פון אלדאָס גוטס", „אַן ענערגישער", „אַן ערלעכער", „א פּינקטלעכער", „א צענטראַלע פיגור", „א קאָנצענטרירטער", „א קרישטאָל־רייינער", „א רומפולער", „א שעפער", „א שײַנדלינג"... ווען איינער פון די, וועלכע זײַנען ארויסגעטראָטן, האָט צו די מײַלעס און שוואָכים, וואָס עס האָבן געזאָגט אנדערע, נאָך צוגעגעבן, אז דער כאָשעווער יוביליאר איז הארט, ווי שטאָל, האָט שלוימע ניט ווילנדיק א שמייכל געטאָן און ער האָט זיך אומגעקוקט, צי האָט מען דעם שמייכל ניט באמערקט. אף דער בינע איז ניט געווען הייס, ס'האָט געבלאָזן א ווינטל פון הינטער די קוליסן, אָבער באם יוביליאר אפן שטערן זײַנען געווען טראָפּנדלעך שוויס, די באקן זײַנען געווען צעפלאמט. ס'האָט זיך אים זייער געוואָלט לויזער מאכן דעם קנופּ פונעם שניפּס און אָפּשפּיליען דאָס איבערשטע קנעפּל פונעם העמדל. וואָס מער מע האָט גערעדט, אלץ אומבאקוועמער האָט ער זיך געפילט, אזוי ווי א מענטש, ווען מע שטופּט אין די קעשענעס טײַערע אוצרעס, וועלכע ער האָט ניט פארדינט.

אין זײַן קורצן שלוסוואָרט האָט ער באַדאנקט פאר די גוטע ווערטער און ווארעמע ווונטשן. ער האָט צוגעזאָגט, אז ער וועט זיך באמִיען צו בארעכטיקן די הויכע אָפּשאצונגען, וועלכע מע האָט אים דאָ געגעבן, אויב אין דער פולער מאָס — עפשער ניט, ווײַל דאן וואָלט ער געווען דער אידעאלסטער מענטש אין דער וועלט, אָבער וויפל ער וועט קאָנען, וועט ער מאקסימאל שטרעבן דערצו.

געפאָרן איז ער אהיים מיט א סאך פּאפּקעס אין טײַערע גלאנציקע אײַנבונדן. אף די בלאנקענדיקע בויגנס פּאפּיר, ארײַנגעלייגטע צווישן די טאָוולען, זײַנען געווען אָפּגעדרוקט די „אדרעסן", געכאסמעטע מיט די אונטערשריפטן פון די אינסטיטוט־אָנפירער און פון א סאך מיטארבעטער פון די אָפּטיילן און לאַבאָראטאָריעס. לעבן שלוימען איז אין דער מאַשין געזעסן זײַן פרוי מאריִע סאמוילאָוונע. בא איר אף די קני זײַנען געלעגן די בוקעטן בלומען, וועלכע מע האָט אונטערגעטראָגן איר מאן. אין א שיין קעסטעלע זײַנען געווען צוזאמענגענומען די מאטאָנעס — הענטלעך מיט גאָלדענע פּענעס, אן עלעקטראָנישער זייגער, א בוך פון א קאָלעגע, א וויסנשאפטס־טוער, וואָס האָט, איבערגעבנדיק זײַן געשאנק דעם יוביליאר, געמאָלדן, אז ער האָט געהאט נאָר צוויי עקזעמפּליארן, און איינעם פון די צוויי גיט ער מיט פרייד אָפּ סאָלאָמאָן יעקוסיעליעוויטשן. דער סייפער איז אָקאָרשט ארויס פון דרוק, און אין מעשעך פון צוויי שאָ אויספארקויפט געוואָרן, ס'איז גלײַך געוואָרן א יעקאר־האמעציִעס. ווײַזט אויס, צוליבן נאָמען, — האָט דער אווטאָר באשיידן באמערקט. — דאָס בוך הייסט „אין אלץ זײַנען שולדיק די געגנען", און דאָס אינטריגירט דעם לייענער. א נאָמען איז זייער א וויכטיקע זאך...

ארײַנגעטראָגן די מאטאָנעס אין שטוב, איבערגעטאָן זיך, ער — אין זײַן פּיזשאמע, זי — אין איר כאלאט, האָבן מאן און ווײַב אוועקגעזעצט זיך אָפּרוען אפן דיוואן, ווי נאָך א שווערסטן טאָג ארבעט. עסן האָבן זיי ניט געוואָלט, נאָר אויסגעטרונקען א גלאָז טיי און מע האָט זיך געלייגט שלאָפן. די לעצטע צײַט איז בא שלוימען דער שלאָף צעטיילט אין צוויי טיילן. דער ערשטער טייל דויערט דרײַ — דרײַ מיט א האלבער שאָ, דערנאָך איז שוין דער שלאָף צעקלאפּט, צעדרויבלט אף א סאך טיילעכלעך — ניט מע שלאָפט, ניט מע איז וואך. אין האלבן דרעמל פלעכטן זיך און פּלאָנטערן פארגאנגענע עפּיזאָדן, געשעענישן מיט איצטיקע, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען ערשט נעכטן. דאָס מאָל איז ער אפילע ניט אָפּגעשלאָפן די דרײַפערטל־האלביקע „נאָרמע" פון דער ערשטער טייל נאכט. אופגעכאפּט האָט ער זיך מיט א שמייכל אפן פּאָנעם. ער האָט אים געפילט, דעם שמייכל, אזוי ווי ער וואָלט אים געזען אף זיך אין דער פינצטער אין א שפּיגל. „אזויפיל שוואָכים ארײַנגעלייגט אין מיר, מע דארף דאך דאָס קענען אויסהאלטן", — האָט ער זיך דערמאָנט וועגן דעם דורכגעגאנגענעם אָוונט.

צוויי זאכן האָבן אים די לעצטע צײַט באומרויִקט, און ס'האָט אים פארדראָסן, וואָס איצט, נאָכן יובילײי־אָוונט, אינמיטן דער נאכט, זײַנען זיי, ווי נאָר ער האָט געעפנט די אויגן, גלײַך ווידער געקומען אפן זינען. שוין צײַט, אז ס'זאָל אופהערן קימערן און ער זאָל פארגעסן, נאָר ס'פארגעסט זיך ניט. אין דעם אָפּטייל, מיט וועלכן ער, שלוימע רודניצקי, פירט אָן, איז געווען א וואקאנסיע אף אן אָרט פון אן עלטערן לאבאָראנט, און ס'איז געווען נאָר איין קאנדידאטור, זייער א צוגעפּאסטע — פּיאָדאר אמאָסקין, וואָס ארבעט שוין אין דער לאבאָראטאָריע פונעם אָפּטייל גאנץ לאנג, און דאָס, וואָס ער טוט, ווערט געטאָן מיט סייכל און געוויסנהאפט. אמאָסקין האָט מיט א פּאָר כאדאָשים צוריק כאסענע געהאט, איז אוואדע געווונטשן, אז צום ארבעטסלוין זאָלן צוקומען נאָך עטלעכע רובל, פון דער קעשענע וועלן זיי ניט ארויספאלן באם יונגן פּאָרפאָלק. אין דער לעצטער מינוט האָט זיך אָבער באוויזן א נײַער קאָנקורענט אף צו פארנעמען די וואקאנסיע, א מענטש פון אן אנדער אָפּטייל.

— מע דארף אזוי, — האָט צו רודניצקין

אָנגערופן זיך דער געלערנטער סעקרעטאַר פו־
נעם אינסטיטוט. — אַמאַסקין וועט מוזן אַ ביסל
צוואַרטן. ס׳וועלן זײַן נאָך וואַקאַנסיעס.

— איך האָב אַמאַסקינען פאַרזיכערט, אַז
אַלץ איז אין אָרדענונג און אַז פון אָנהייב כּוי־
דעש וועט ער געהעכערט, — האָט, ווי גע־
וויינלעך, מיט זײַן שטילן, בעטנדיקן קול גע־
זאָגט רודניצקי.

— פאַרזיכערט! וויאַזוי האָט איר געקאָנט
פאַרזיכערן, אַז קיין באַפעל איז נאָך ניט גע־
ווען? — דער געלערנטער סעקרעטאַר האָט
שטיל ניט גערעדט, נאָר הויך און שטרענג.
און ער, רודניצקי, האָט גענומען אָפּטרעטן,
ניט געוואָגט דערמאָנען, אַז דער סעקרעטאַר
אַליין האָט אים מיט צוויי טעג צוריק געזאָגט,
אַז ס׳איז ריכטיק און אַז ער איז פולקאָם
מאַסקים: אַמאַסקינען איז שוין צײַט צו מאַכן
פאַר אַן עלטערן לאַבאָראַנט.

„איך בין אַ שמאַטע. מע דרייט מיט מיר,
ווי מע וויל, — האָט איצט, ליגנדיק מיט אָפע־
נע אויגן אָפן געלעגער, געטראַכט רודניצקי
דאָס זעלבע, וואָס ער האָט שוין איין מאָל
געטראַכט ווען זיך באַטאָג אָף דער אַרבעט
און דערנאָך אין די שלאָפלאָזע נעכט.

די צווייטע זאַך, וואָס האָט אים לעצטנס
געקימערט, פאַרשאַפט אַגמעסנפעש, און פיל
מער ווי דער אומאָנגענעמער עפּיזאָד מיט
אַמאַסקינען, איז געווען דאָס, וואָס ער איז
„אַרײַנגעקראָכן" מיטן דירעקטאָר פונעם אינ־
סטיטוט. שײַעך צו זאָגן „אַרײַנגעקראָכן"! ס׳איז
אַ דעליקאַטער איניען, נאָר אַ מענטש מיט אַ
שטײַפערן כאַראַקטער, איידער באַ אים, וואָלט
זיך אָן אייצע געגעבן, ער וואָלט אָף אַ וויר־
דיקן אויפן זיך אָפּגעזאָגט צו טאָן דאָס, וואָס
ס׳איז ניט צום האַרצן.

דער דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט אַנדריי
איוואַנאָוויטש ליסטאָוו איז אָן שום סאָפעק אַן
אָרנטלעכער מענטש און אַן ערנסטער געלערנ־
טער. אַ דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאַפטן
איז ער געוואָרן, ווײַל ער האָט וויכטיקע,
גרינטלעכע אופטוען אין זײַן געביט. מיט אַ
געוויסער צײַט צוריק האָט ליסטאָוו אַרײַנגע־
רופן רודניצקין צו זיך אין קאַבינעט און גע־
בעטן איבערלייענען און זאָגן זײַן מיינונג וועגן
אַן אַרטיקל, וואָס ער האָט אָנגעשריבן און וויל
אָפּדרוקן אין אַ זשורנאַל. רודניצקי האָט אי־
בערגעלייענט, און ס׳איז אים גרינג געווען
אַרויסצוזאָגן די אופריכטיקע מיינונג זײַנע, אַז
דאָס אַרטיקל איז אַ וואָגיקס, אַנטהאַלט נײַע
פאַקטן. נאָר, — האָט רודניצקי צוגעגעבן מיט
דער זעלבער אופריכטיקײַט, — מע וואָלט גע־
דאַרפט אין אייניקע ערטער אויסבעסערן, ס׳זאָל
זײַן פאַרשטענדלעך און קלאָר ניט נאָר פאַר
אַקאַדעמיקער, נאָר אויך פאַר וויסנשאַפט־דאָק־
טוירים און קאַנדידאַטן. אַנדריי איוואַנאָוויטש
האָט קלוג אַ שמייכל געטאָן, דער שפּאַס איז
אים געפעלן געוואָרן.

— אָף מײַן שווערן, האַמעטנעם סטיל האָבן
נאָך אַמאָל זיך באַקלאָגט די לערערס אין שול,
ווו כ׳האָב געלערנט. כ׳רייד שוין ניט וועגן
האַנטשריפט, ער איז באַ מיר נאָך אַן ערגערער,
ווי ס׳איז געווען באַ לאַנדאַו, נאָר, צום באַ־
דויערן, בין איך ניט אַזאַ גרויסער געלערנטער,
ווי ער איז געווען. אויב ס׳איז עמעס, אַז לויטן
האַנטשריפט קאָן מען באַשטימען דעם כאַראַק־
טער פון אַ מענטשן, איז מײַן כאַראַקטער אַ
שרעקלעכער. — אַנדריי איוואַנאָוויטש האָט מיט
קענטלעכער האַנאָע געוויזן די אָפּגעדרוקטע
אָף דער מאַשינקע זײַטלעך, ווו ער האָט אַרײַנ־
געשריבן מיט זײַן האַנט אייניקע אויסבעסע־
רונגען. ס׳איז טאַקע געווען „קאַטשערעס מיט
לאָפּעטעס". — קיין איין מאַשיניסטקע אין אונד־
זער אינסטיטוט קאָן מיך ניט דרוקן. ס׳דרוקט
מיר נאָר מײַן פרוי. זי איז אַ מיוון אָף מיר
אין אַלץ און אָפן האַנטשריפט אויך.

אַנדריי איוואַנאָוויטש האָט געלאַכט, און
ס׳האָט אויך געלאַכט סאַלאָמאָן יעקוסיעלע־
וויטש. דעם פאַרוואַלטער פון אַ ניט גרויסן
אָפּטייל איז געווען אָנגענעם און בעקאָוועדיק,
וואָס עס רעדט מיט אים אַזוי אָנפאַרטרויִלעך
און אָפנהאַרציק דער שעף פונעם גאַנצן אינ־
סטיטוט.

— די גענדז האָבן געראַטעוועט רוים, און
איך קאָן אײַך ראַטעווען, — האָט אינעם שפּאַ־
סיקן נוסעך, אין וועלכן זיי האָבן גערעדט, אָפּ־
גערופן זיך רודניצקי, האָבנדיק פאַרשטאַנען,
וואָס דער דירעקטאָר וויל פון אים.

— ווען איך לייען אײַערע אַרטיקלען אין
אונדזער וואַנטצײַטונג, האָב איך עמעסע האַ־
נאָע פון זיי. נו, און ניט נאָר אין דער וואַנט־
צײַטונג, — האָט אַנדריי איוואַנאָוויטש צוגע־
געבן. — אײַערע פּובליקאַציעס אין די וויסנ־
שאַפטלעכע זשורנאַלן זײַנען אַ מוסטער פון
קלאָרקײַט, און איך בין אײַך שטענדיק מעקאַ־
נע אָף דעם.

— איך בין עפּשער ניט מער ווי אַ פּאָפּו־
ליאַריזאַטאָר, — האָט מיט זײַן געוויינלעכער
באַשיידנקײַט באַמערקט רודניצקי.

— זאָגט דאָס ניט, סאַלאָמאָן יעקוסיעליע־
וויטש. אײַער אָפּטייל איז צווישן די בעסטע
אין אינסטיטוט. די טעמעס פאַר דיסערטאַציעס,
וועלכע איר העלפט אויסזוכן פאַר די פעיִקע
מיטאַרבעטער, די עקספּערימענטן, וועלכע ווערן
באַ אײַך דורכגעפירט, זײַנען זייער ערנסטע,
זייער וויכטיקע. דאָס דאָזיקע אַרטיקל, — האָט
ליסטאָוו איבערגעשלאָגן זיך אַליין, — האָט מען
באַ מיר באַשטעלט פאַר אַ זשורנאַל, וואָס גייט
אַרויס אין צוויי מיליאָן עקזעמפּלאַרן, און די

ערשטע זאך, וואס זיי האבן מיר געבעטן, איז געווען, אז ס'זאל זיין אנגעשריבן פאפולער. איך האב צוגעזאגט. איצט האט איר אליין געזען, וואס ס'האט זיך בא מיר באקומען.

— אויב פאר אזא גרויסן מאסן־זשורנאל, דארף מען ווירקלעך דאס ארטיקל א ביסל איבערמאכן, — האט באשטעטיקט רודניצקי.

— איז נעמט זשע, איך וועל אייך זיין זייער דאנקבאר, סאלאמאן יעקוסיעליעוויטש, — און ער האט די פארשריבענע בלעטלעך איבערגעגעבן רודניצקין.

אין צוויי טעג ארום איז דאס ארטיקל געווען איבערגעמאכט, דער אינהאלט, די געדאנקען זיינען געבליבן די זעלבע, נאר די פארם, דער סטיל האט זיך געענדערט. ס'איז געווארן גרינג צו לייענען.

— איך דערקען ניט מיין אייגן קינד! — האט א צופרידענער אויסגערופן אנדריי איוואנאוויטש, איבערלייענענדיק זיין ווערק. — איצט וועט איר מוזן אים אויך אונטערשרייבן. איר זיינט מיין מיטאוטאר.

— ניין, — האט דערווידערט רודניצקי. — איך האב נאר איבערגעביטן דאס פעסל, אבער דער וויין איז געבליבן דער פריערדיקער.

ליסטאווס ארטיקל האט אויסגענומען, מע האט בא אים באשטעלט נאך אן ארטיקל, און א דריטס. אנדערע צייטשריפטן האבן אויך זיך געווענדט צום כאשעוון אוטאר, און אנדריי איוואנאוויטש האט זיך שוין אזוי צוגעוווינט צו רודניצקיס הילף, אז יעדעס מאל, ווען ער האט באדארפט, האט ער אים אריינגערופן צו זיך אין קאבינעט און שויך קימאט ווי באפוילן:

— נעמט און מאכט! ס'איז זייער ווינטשנסווערט, אז ס'זאל אין צוויי טעג ארום זיין פארטיק!

אנדריי איוואנאוויטש האט אים געפרוווט באלוינען פאר זיין טירכע, אפגעבן א טייל פונעם האנאראר, נאר רודניצקי האט זיך אפגעזאגט. ער האט גאר ניט געוואלט, אז זיין מיטארבעט מיטן דירעקטאר זאל אננעמען א סיסטעמאטישן כאראקטער. כוץ דעם, וואס עס האט אפגענומען א סאך צייט און מי, האט דאס נאך אויך געהאט ניט קיין פיינעם בייטאם. פאר אן אנדערן וואלט ער ניט געהארעוועט, נאר פארן דירעקטאר — יא. ווי מע זאל דאס ניט פרוון אויסטייטשן, — העלפן א מענטשן, וועלכער איז שטארק פארנומען, גיין אים אנטקעגן און אויסבעסערן א זאך, וואס יענער, — ניט ער האט קיין צייט, ניט ער איז אימשטאנד אויסצובעסערן, — ווי מע זאל דאס ניט אויסטייטשן און באטראכטן, איז פונדעסטוועגן פאראן אין דעם א ביסל כניפע, א פארלאנג צופרידנשטעלן און אויסנעמען בא א העכערן פון זיך לויטן ראנג.

עטלעכע טעג פארן יובילייאונט האט אנדריי איוואנאוויטש אים געגעבן נאר א מין עסקיז פון אן ארטיקל. אף דריי זייטלעך, ניט געדרוקטע אפילע אף דער מאשינקע, איז מיט זיין צעפלויגענעם קסאוו, וואס עס איז שווער צו לייענען, געווען אנגעווארפן א געוויסע צאל אבזאצן און א פאר אייליק־אנגעמאלטע קליינינקע סכעמעס־צייכענונגען.

— כ'בעט אייך, ליבער סאלאמאן יעקוסיעליעוויטש, זייער און זייער מיר אנטשולדיקן, וואס כ'גיב אייך אזא כאאטישן צושטאנד... זיצונגען נאך זיצונגען... איך בין אזוי פארטשאדעט געווארן פון זיי, אז מער ווי אף דעם בין איך שוין ניט געווען פעיק. אומעטום, ווו איך פארוף זיך אין ארטיקל אף קוועלן, כ'ברענג ציפערן, דארפט איר אופמערקזאם דורכקאנטראלירן, צי האב איך ניט געהאט קיין טאעס... — דער דירעקטאר האט מיט א שוואכן זיפץ דערלאנגט די דריי זייטלעך רודניצקין.

„פריער צי שפעטער וועל איך מוזן זיך אפזאגן צו שרייבן פאר אים ארטיקלען, — האט איצט, אין דער שלאפלאזער נאכט, געקלערט רודניצקי, — אויב ער האט ניט קיין צייט, איז זאל ער ניט שרייבן, אדער געפינען אן אנדערן. איך האב מיינס אפגעדינט. איך דארף אים דאס זאגן מיט א פולן מויל ניט שפעטער פון מארגן, ווען כ'וועל קומען אף דער ארבעט, ס'זאל דערנאך ניט זיין פאר אים אומגעריכט און ער זאל אף מיר קיין פאריבל ניט האבן. איך האב פיל אייגענע ארבעט, וואס איך דארף מאכן אינאווענט אין שטוב. און כ'וועל טאקע אויך מארגן אוועקלייגן צו אים אפן טיש דעם עסקיז זיינעם און זאגן, אז זאל ער מיר אנטשולדיקן, נאר שרייבן פאר אים ארטיקלען קען איך ניט.

אזוי האט ער באשלאסן צו טאן. „ס'איז איצט פונקט די צייט ארומצוקוקן זיך, נאך דער היינטיקער סימכע מיינער, — האט ער געקלערט, אן אופגערודערטער. — זאל זיין, אז אלץ, וואס מע האט אפן אווונט גערעדט וועגן מיר, איז ווייט פונעם עמעס, אבער, אז מע איז אלט פופציק יאר, איז שוין צייט צו ווערן א מענטש, לאמיך פרוון זיין כאטשבי א ביסל אזא, ווי מע האט היינט דריי שא נאכאנאנד מיך פארגעשטעלט, זאלן עס ניט זיין קיין הוילע ווערטער".

א צופרידענער פון אט דעם געדאנק, איז ער א באַרויקטער איינגעשלאפן, און ווי נאר ער האט זיך אופגעכאפט, איז דער זעלבער געדאנק ווידער ארופגעשווומען בא אים. „יא, כ'וועל זיך אופירן אנדערש, ווי פריער", — האט ער מיט א מונטערקייט באשלאסן בא זיך.

אף דער ארבעט איז ער אינדערפרי געקומען ניט אזוי, ווי ער וואלט געדארפט קומען

נאָכן נעכטיקן יובילייַ זייַנעם. ער וואָלט גע־
דאַרפֿט צו אַלעמען שמייכלען און אַלעמען
דאַנקען, בא אים איז אָבער געווען אפֿן בלייַכ־
לעכן פּאָנעם אַן אויסדרוק פֿון שטרענגקייַט
און ערנסטקייַט. אין קאָרידאָר האָט אים גע־
כאַפּט אַלעג קאַרימסקי פֿון דער סעקציע „בי־
מעטאַלן", גוטברודעריש אַרופֿגעלייגט די האַנט
צו אים אפֿן אַקסל. „אינטערעסאַנט צו וויסן,
וואָס פֿאַר אַ כאָלעם כאָלעמט זיך באַנאַכט אַ
מענטשן נאָך אַזאַ גראַנדיעזן אָוונט, וואָס ער
האָט נעכטן געהאַט? מייַן פֿרוי האָט געזאָגט צו
מיר: „דיך, אַלעג, וועט מען אַזוי ניט אָפּמערקן
אַפֿילע דייַן זיבעציק־ אָדער אַכציקיאָריקן יו־
בילייַ. האַלעווייַ זאָל מען דיר כאָטשבי מאַכן אַן
אָוונט ניט אין גרויסן זאַל, נאָר אין קליינעם
זאַל". — אַלעג האָט געלאַכט און ניט אַראָפּגע־
נומען די האַנט פֿון שלוימעס אַקסל. רודניצקי
האָט אַליין מיט אַ שאַרפֿער באַוועגונג אַראָפּ־
געשאַרט זי פֿון זיך, טרוקן אַ מורמל גע־
טאָן: „יאָ, יאָ", און ער איז אַוועק. אַלעג
האָט אַ פֿאַרוווּנדערטער אים נאָכגעקוקט.
דער יובילייַאַר האָט אויך פֿאַרוווּנדערט דאָס
רעדל, וואָס איז געשטאַנען אין קאָרידאָר און
געשמועסט צווישן זיך. ווען ער איז פֿאַרבייַגע־
גאַנגען, האָבן עטלעכע הענט פֿונעם רעדל
אויסגעשטרעקט זיך צו אים: „סאַלאָמאָן, הער
אַ פֿרישן אַנעקדאָט, וואָס באָריס מאַטוויע־
וויטש דערציילט. ס'איז אַזוינס ווי אַזעלכס".
רודניצקי איז ניט געווען קיין ליבהאָבער פֿון
אַנעקדאָטן, ער האָט זיי געהערט, געלאַכט, ווען
אַלע האָבן געלאַכט, און טייקעף פֿאַרגעסן זיי.
פֿון דער מאַסע אַנעקדאָטן, וואָס אים איז אויס־
געקומען הערן, האָט ער פֿאַרגעדענקט נאָר
איינעם, וויאַזוי אַן אָרעמער ייִד וויינט און
קלאָגט, רייַסט זיך די האָר פֿון קאָפּ אַלעמײַ
ער האָט צוליב איין וואָרט פֿאַרלאָרן טויזנט
רובל! „וויאַזוי האָט איר דאָס צוליב איין וואָרט
פֿאַרלאָרן טויזנט רובל?" — פֿרעגט מען אים.
דערציילט ער, אַז ער איז אַרייַן אין אַ באַנק
און געזען דאָרטן באַם קאַסיר אפֿן טיש פּעק־
לעך געלט, אויף יעדן איבערגעבונדן פּעקעלע
שטייט די ציפֿער איינס און דרייַ נולן. פֿרעגט
ער באַם קאַסיר: „מע קאָן אַ פּעקעלע נעמען?"
ענטפֿערט יענער: „ניין". „אָבער ווען ער זאָל
געווען זאָגן „יאָ", וואָלט איך דאָך געהאַט אַ
טויזנטער אין קעשענע". אָט דעם שטיקל
אַנעקדאָט האָט רודניצקי ליב, און ער פֿאַרגעסט
אים ניט.

— ס'וועט אייַך גאָרניט נימעס צו סמאַ־
קעווען אַנעקדאָטן? — האָט ער איצט אָנגערופֿן
זיך צו באָריס מאַטווייעוויטשן. — שוין פֿון
גאַנצפֿרי זייַט איר אויף אייַער פֿערדל!

בא באָריס מאַטווייעוויטשן האָט זיך אויס־
געצויגן דאָס פּאָנעם:

— אויב איר זייַט פֿון נעכטן אָן געוואָרן
אַ צאַדיק און איר טאָרט ניט הערן גאָרניט,
כאָטש באַגריסונגען אין אייַער אַדרעס, איז הערט
ניט, — האָט באָריס מאַטווייעוויטש גאַנץ שאַרף
אָפּגעשניטן.

רודניצקי איז אָנגעקומען אַנטקעגן די אָפּ־
ראַמערן קלאַווע, ער האָט זי פֿאַרהאַלטן און
אָנגעוויזן אויף די פֿענצטער, וועלכע זייַנען באַ־
דעקט מיט אַ שיכט שטויב, מע זעט ניט דורך
די שויבן דעם דרויסן.

— מע דאַרף, קלאַווע, אַמאָל אויסווישן די
פֿענצטער אויך, — ער האָט דאָס געזאָגט ווייך,
אָן שום באַפֿעלערישער אינטאָנאַציע, נאָר קלאַ־
ווע האָט זיך שטאַרק פֿאַרכידעשט, זי האָט
קיינמאָל ניט געהערט פֿון אים, אַז ער זאָל
עפּעס זאָגן וועגן איר אַרבעט. זי האָט אים
אויסגעליבט פֿאַר די אַנדערע אָפּראַמערנס פֿו־
נעם אינסטיטוט: אַזאַ גוטער, שטילער, העפֿלע־
כער נאַטשאַלניק, ווי ס'איז בא איר סאַלאָמאָן
קוזמיטש (דעם שווערלעכן נאָמען יעקוסיעליע־
וויטש האָט זי פֿאַרביטן אפֿן גרינגן קוזמיטש),
איז מער בא קיינעם ניטאָ. איצט, נאָך דער
באַמערקונג, וואָס רודניצקי האָט איר געמאַכט,
האָט זי נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און
פֿאַרגעזעצט איר גאַנג, ווי זי וואָלט גאָרניט
געהערט. רודניצקי האָט העכער זי אַ רוף
געטאָן.

— קלאַווע, איך האָב דאָך עפּעס געזאָגט!

— איצט האָב איך ניט קיין צייַט. איך
האָב איבערגעלאָזט דאָס איינציקל אַליין אין
שטוב, מאָרגן וועל איך דאָס אָפּטאָן.

— יעדן טאָג אַנטלויפֿט איר אין אַ שאָ
אָרום, ווי איר זייַט אויף דער אַרבעט געקומען.
מע טאָר אַזוי ניט. און די פֿענצטער דאַרף מען
אויסווישן הייַנט. כ'מיין טאַקע איצט, שוין.

ניט אַזוי אַן אויפֿגערעגטע און דערצאָרנטע,
ווי אַ פֿאַרוווּנדערטע, האָט קלאַווע צוריק אָנ־
געטאָן דעם פֿאַרטעך.

אויף דער פּרימאָרגנדיקער, אַזויגערופֿענער
„צענמינוטקע" איז ער געווען פֿיל שטרענגער
איידער אַלע מאָל. ער האָט ניט געשוינט ניט
די לאַבאָראַנטן, ניט די ייִנגערע וויסנשאַפֿט־
לעכע מיטאַרבעטער, ניט די עלטערע. איינעם
האָט ער געוואָרנט, דעם צווייטן געגעבן אַן
אויסרייד.

אַ שווערער אומאָנגענעמער געשפּרעך איז
אים פֿאָרגעשטאַנען מיטן דירעקטאָר פֿו־
נעם אינסטיטוט. בא אים אין דער בוזעם־
קעשענע זייַנען געלעגן אַנדריי איוואַנאָוויטשעס
„אָנגעוואָרפֿענע" זייַטלעך, וואָס ער האָט גע־
דאַרפֿט מאַכן פֿון זיי אַן אַרטיקל. אַזוי ווי אַ
מענטש, וועלכער קאָן ניט שווימען, וואַרפֿט
זיך אין אַ טיפֿן טייַך, ווייַל קיין אַנדער בריי־
רע האָט ער ניט, אַזוי איז רודניצקי אַרייַנגע־

גאנגען אין קאבינעט צו ליסטאָוון. יענער האָט זיך אופגעהויבן, פריינטלעך זיך באגריסט מיט אים, לענגער און שטארקער, ווי געווינלעך, געדריקט די האנט.

— וויאזוי פילט איר זיך נאָכן אָונט? — האָט אנדריי איוואנאָוויטש געפרעגט, — איך טראכט מיט א גרויל וועגן מיין יובילײ. ער איז שוין גארניט ווייט, איך דריי כאדאָשים ארום. בא אייך איז דאָס געווען דער ערשטער, בא מיר וועט שוין זיין דער דריטער. אפן ערשטן ווארט מען פופציק יאָר, אפן צווייטן נאָכן ערשטן — צען יאָר, אפן דריטן נאָכן צווייטן — ווידער צען, דערנאָך גייען שוין אוועק יובילייען יעדן פינפיאָר, א צייט אָפּצוליגן פון איין סימכע ביז צו דער צווייטער איז שוין ניטאָ וועך... — אָן אומעטיקלעכער שמייכל האָט א ליכט געטאָן אין זיינע רויטלעכע אויגן הינטער די גראָבע גלעזלעך פון די ברילן. — אין מיין עלטער פאָרט מען שוין ניט פונעם יאריד, נאָר מע איז שוין אראָפּגעפאָרן...

„וואָס האָט ער מיטאמאָל אָנגעהויבן ריידן מיט אזא ראכמאָנעס וועגן זיך?" — האָט רודניצקי א טראכט געטאָן, פילנדיק, אז ער וועט שוין מיט א ווארט ניט קאָנען דערמאָנען וועגן די בלעטלעך, וועלכע ליגן בא אים אין בוזעם־קעשענע. וויבאלד יענער האָט איינגיכן א יובילײ, איז אוודע שוין פיין ניט אויסצופילן זיין פערזענלעכע ביטע. דאָס ארטיקל וועט מען אָפּדרוקן גראָד אין די יובילײ־טעג זיינע און ס'וועט זיין דאָן ווי אָנגעמאָסטן. „איך הייב ווידער אָן צו דרייען מיט זיך, געפינען טערוצים... — האָט אים ארומגעכאַפּט א פאַרדראָס. — ניין, איך טאָר דאָס ניט, און אזוי ווי איך האָב פון היינט אָן באשלאָסן, אזוי דאַרף איך טאָן!"

— איך בין געקומען צו אייך, אנדריי איוואנאָוויטש... — האָט ער אָנגעהויבן, א ביסל זיך אָפּגעשטעלט, ס'איז נאָך געווען צייט צו באקלערן זיך און זיך ניט ווארפן אין וואסער, דערטרונקען צו ווערן. „קריך ווייטער! — האָט ער זיך אונטערגעזאָגט. ער האָט ארויסגענומען די בלעטלעך פון דער קעשענע און זיי אוועקגעלייגט אפן טיש.

— איך קען ניט, צום באדויערן, אנדריי איוואנאָוויטש, גארניט מאכן פון זיי. פרובירט אליין אָנשרייבן. און ביכלאל, וויל איך אייך בעטן, לאָמיר אונדזער שותפעס אופהערן. דעם עמעס געזאָגט, איז דאָס מיר שוין שטארק דערעסן געוואָרן...

— סאָלאָמאָן יעקוסיעליעוויטש, איך האָב אייך מיט עפעס־וואָס באליידיקט? — האָט ליסטאָוו אויסגערופן.

— ניין, אָבער צו אַלץ קומט א צייט... אזוי ווי איר זאָגט... איך בין נאָך א יונגער יובילייאר, איז בעסער פריער, איידער שפּעטער. ס'איז פאר מיר שוין אויך עפשער שפּעטלעך, יאָ, גאנץ שפּעטלעך, שוין ניט קיין יונגערמאַן... און מיר מיט מיין כאראקטער, איז אוודע שווער, נאָר איך האָב באשלאָסן פרווון...

— און דעם באשלוס האָט איר אָנגענומען נעכטן, אף אייער סימכע, ווען מע האָט אייך געלויבט? — האָט מיט א קענטיקן פארגעניגן ארויסגעזאָגט זיין האשארע אנדריי איוואנאָוויטש. — איר ווייסט, — איז ער זיך מוידע געווען, — מיט צוואנציק יאָר צוריק, בא מיין ערשטן יובילײ האָב איך אויך געהאט אזוי באשלאָסן — זיין אזא, ווי מע האָט גערעדט וועגן מיר. יובילייען זיינען פונדעסטוועגן ניט אינגאנצן אָן איבעריקע זאך, זיי קומען אונדז צוניץ, אזוי צו זאָגן, אין מאָראליש־עטישן אספּעקט... ווען ניט דער יובילײ אייערער, וואָלט איר דאָך מיר היינט די בלעטלעך ניט אומגעקערט?

— מיסטאמע ניט...

— זעט איר, איך האָב געטראָפן... ווער זשע וועט פונדעסטוועגן איצט מיר העלפן? דאָס ארטיקל איז באשטעלט, אייער סטיל ווייסט מען שוין אלס מיין סטיל...

בא רודניצקין האָט שוין געזאָלט זיך אראָפּרייסן פון דער צונג, אז ער וועט דאָס ארטיקל יאָ מאכן. נאָר ער האָט אויסגעהאלטן כאראקטער. ער איז ארויס פונעם קאבינעט אָן די בלעטלעך. אנדריי איוואנאָוויטש האָט אים נאָכגעקוקט מיט א צווייענדיקן געפיל, — ס'איז געווען א פארדראָס און ס'האָט אויך האנאָע געטאָן, וואָס א מענטש איז אף די אויגן געוואָרן אָן אנדערער.

מיט רודניצקין איז געוואָרן שווערלעך צו ארבעטן. אף שריט און טריט האָט ער געמאכט באמערקונגען. אויב עמעצער האָט געזאָגט א גראָב ווארט, האָט ער אים אָפּגעהאקט: „ווי שעמט איר זיך ניט?" דער טעכניקער ליאָניע סידאָרענקאָ האָט געהאט א טעווע אפט אָפּצובעטן זיך פון דער ארבעט אָדער ער האָט בייכלאל זיך ניט „אָפּגעבעטן", אופגעהויבן זיך פון אָרט און אומבאמערקט ארויסגעשארט זיך פונעם צימער, איבערלאָזנדיק אפן טיש צוואָרפענע פאפירן, אלס אידעס, אז ער איז דאָ. פריער האָט רודניצקי א פּאָר מאָל אים אופמערקזאַם געמאכט דערוף, אָבער אזוי שוואך און טמימעסדיק, ווי ניט ליאָניע וואָלט געלאָפן פון דער ארבעט, נאָר ער, רודניצקי. איצט, ווען ער האָט דעם באָכער געפאקט בא דער ווינדע, בייס יענער האָט שוין געזאָלט ארייַנשפּרינגען אין קאבינע און פארהאקן דאָס טירל, האָט סאָלאָמאָן יעקוסיעליעוויטש געשווינד אויסגעשטרעקט די האנט און אים א צי געטאָן צו זיך.

— ס'איז נאָך דרײַ שאָ ביזן סאָף פונעם ארבעטס־טאָג, וווהין זשע לויפט איר? — האָט ער שטרענג אים געפרעגט, און אין א האלבער שאָ ארום איז געהאנגען אַף דער וואנט א באַפעל מיט אן אויסרייד לעאָניד סידאָרענקאָן.

אן אנדערער מיטארבעטער, וואָס האָט פריִער זייער געוואָלט, אז רודניצקי זאָל ארויסטרעטן אלס אן אָפּאָנענט אַף דער פארטיידיקונג פון זײַן דיסערטאציע, האָט איצט געטראכט און איבערגעטראכט, מוירע געהאט, צי וועט מען אים טאקע ניט באשטימען, כאָלילע, פאר איינעם פון די אָפּאָנענטן. מיט דער דיסערטאציע האָט רודניצקי שוין באוויזן זיך צו באקאנען און זײַן מיינונג וועגן איר האָט ער דעם דיסערטאנט ארויסגעזאָגט גאנץ אָפן.

— ס'איז א גרינטלעכע ארבעט, נאָר ס'איז נאָך רוי. איר דארפט פארפעסטיקן די אויספירן מיט א פּאָר נײַע עקספערימענטן.

— ס'איז גרינג אײַך צו זאָגן, סאָלאָמאָן יעקוסיעלעוויטש, „נאָך א פּאָר עקספערימענטן". ס'איז דאָך נאָך א פּאָר יאָר.

— אָבער פון אײַלעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס. טוט אזוי, ווי איך אייַצע אײַך.

„א גליק, וואָס איך ארבעט ניט אומיטלבאר אין זײַן אָפּטייל, אניט וואָלט ער מיר שויך אַף דער איצטיקער סטאדיע פארשניטן", — האָט דער דיסערטאנט געהאט כאָטשבי א קליינע טרייסט.

— וויפל איז רודניצקין נאָך פארבליבן ביז דער פענסיע? — האָבן איניקע געוואָלט וויסן.

— וואָס הייסט — וויפל? נאָך גאנצע צען יאָר. ס'איז דאָך אָקאָרשט אים געוואָרן פופציק.

— דארף מען נאָך, הייסט עס, אזויפיל וואַרטן...

— עפשער קלײַבט ער זיך אוועקפאָרן?

— פארוואָס זאָל ער אוועקפאָרן? וואָס איז אים שלעכט?

— ער איז געוועזן א גאָלדענער מענטש, דער יובילײַ האָט אים געפּאטערט.

אזוי האָבן גערעדט צווישן זיך די מיטארבעטער, וועלכע ער האָט גערופן צו אָרדענונג, געמאכט זיי באמערקונגען, געגעבן אויסריידן, זיי האָבן מיט אומגעדולד געווארט, אז ער זאָל זיך „אויסגליטשן" און זײַן געצוווּנגען אוועקגיין פון דער ארבעט.

די שטרענגקײַט זײַנע, די אָפענע, ניטצווײדײַטיקע מיינונג, וועלכע ער האָט איצט געזאָגט יעדערן, האָבן אים אליין יעדעס מאָל געקאָסט ניט ווינציק געזונט, און ער האָט געהאט פון דעם גרויסע איבערלעבונגען.

— הײַנט האָב איך דערוואָרבן זיך נאָך א סוינע, — האָט ער מיט א ביטער געפיל דערציילט אין שטוב דער פרוי זײַנער, — איך בין ארויסגעטראָטן אַף דער אלגעמיינער פארזאמלונג פונעם גאנצן אינסטיטוט און האָב שארף קריטיקירט דעם געלערנטן סעקרעטאר אונדזערן. איך האָב אים דערמאָנט, וויִאזוי צוליב אים איז אמאָסקין ניט געוואָרן עלטערער לאַבאָראנט, ווײַל ער האָט געדארפט אַף אָט דעם אָרט אײַנאָרדענען אן אנדער מענטשן.

— דו ביסט דאָך געוואָרן א מעשוגענער! — האָט געזיפצט מאריִע סאמוילאָוונע. — טו נאָר א קוק, וואָס עס איז פון דיר געוואָרן. א האלבער מענטש. דאר און קוואר. דו עסט ניט, דו שלאָפסט ניט. א מענטש דארף מען טאקע זײַן, אָבער צופיל מענטש, א מענטש מער, ווי אלע אנדערע טאָר מען אויך ניט זײַן.

— וואָס הייסט בא דיר — צופיל מענטש?

— זיך אליין קאָן מען ניט אריבערשפּרינגען, — האָט זי געענטפערט. — איך קען דיך דען ניט? ניט דו ביסט דער מענטש, וואָס זאָל ארויסטרעטן אומעטום און אָנווײַזן אַף כעסרוינעס. ווילסט זיך איבערמאכן, נאָר ס'איז איבער דײַנע קויכעס.

— איך וויל ניט קיין סאך, איך וויל אזוי, ווי טשעכאָוו האָט געשריבן — ארויסשלאָגן פון זיך דעם קנעכט. קיין קנעכטשאפט איז בא אונדז לאנג שוין ניטאָ, אָבער קנעכטשאפט אין אונדז אליין, אין אונדזער אופירונג, אין די געוווינהײַטן איז נאָך פארבליבן. ס'איז פארבליבן עפּעס א מוירע, ווײַל איך ניט מוירע האָבן, ווײַל אן ערלעכער מענטש האָט ניט פאר וואָס און פאר וועמען מוירע צו האָבן.

— דו רעדסט ריכטיק, וועגן דעם שרײַבט מען אלע טאָג אין די צײַטונגען, אָבער דו זעסט דאָך, וואָס עס טוט זיך בא דיר גופע אין אינסטיטוט. פריִער האָט מען דיך ליב געהאט, איצט קאָן מען דיך ניט אָנקוקן!

— ווער קאָן מיך ניט אָנקוקן?

— זאָגסט דאָך אליין, אז דו האָסט סאָנים. פריִער האָסטו געהאט נאָר פרײַנט.

— איז דאָס טאקע געווען מײַן כיסאָרן. אָן סאָנים קאָן מען, ווײַזט אויס, ניט האָבן קיין עמעסע פרײַנט. קעדיי אלע זאָלן זײַן דײַנע פרײַנט, דארף זײַן בלינד דאָס אייגענע געוויסן.

— ווילסט אלעמען איבערמאכן?

— אלעמען וועל איך ניט קאָנען און ניט אלע נייטיקן זיך אין דעם, אָבער זיך וויל איך איבערמאכן.

— נו, נו, זאָל דיר, שלוימע, נאָר גאָט העלפן. זע נאָר, ס'זאָל מיר ניט אויסקומען אָפּצופירן דיך אין א קליניק פאר נערוון־קראנקע, פראָסט גערעדט, אין א מעשוגאָים־הויז.

ער האָט ניט אופגעהערט צו זײַן אַף דער ארבעט זייער א שטרענגער. מיט דער גאנצער הארבקײַט האָט ער אנגעוויזן די צייכנערן ווא־

ליע אָפן פעלער, וואָס זי האָט דערלאָזט אין איר צייכענונג: אויב מע וואָלט דעם פעלער ניט באמערקט און ס'וואָלט אוועק אין טעכני־שער דאָקומענטאציע אף דער בויונג, וואָלט געקאָנט דערנאָך געשען אן אוואריע.

— אף דער ארבעט דארף מען טראכטן וועגן דעם, וואָס מע טוט, און ניט פון זײַטיקע זאכן, — האָט ער געזאָגט אן אופגעבראכטער.

בא וואָליען האָבן זיך אָנגעגאָסן די אויגן מיט טרערן. זי האָט אים ניט געענטפערט א וואָרט. שפעטער האָט ער זיך דערוווּסט, אז איירנעכטן איז בא איר געשטאָרבן די מוטער.

„און איך האָב איר געזאָגט, אז זי קלערט וועגן זײַטיקע זאכן... פריִער וואָלט זי מיר גע־וויס דערציילט וועגן איר אומגליק, איצט — אלע האָבן געוווּסט, נאָר איך ניט... — האָט ער מיט הארצווייטיק געטראכט. — איך בין דאָ געוואָרן א פרעמדער“...

אויב פריִער האָט ער געמיינט, אז ער טוט אלץ ריכטיק, אזוי ווי מע דארף טאָן, האָט ער איצט גענומען זיך קווענקלען. און פּונקט אזוי ווי אין יענער שלאָפלאָזער נאכט נאָכן יובילײ־אָוונט האָט ער בא זיך געהאט באשלאָסן צו ווערן אן אנדערער, אזוי האָט ער איצט, ווידער אין א שלאָפלאָזער נאכט, באשלאָסן ווערן דער פריִערדיקער — א שטילער, א ווייכער, א נאָכ־גיביקער. ווידער הערן באָריס מאטווייעוויטשעס נארישע געשיכטעס און אנעקדאָטן, שטיין צו־זאמען מיט אים אין א רעדל און אונטער־שמייכלען און לאכן, ווען ס'לאכט זיך ניט... ניט פאָדערן בא קיינעם, נאָר בעטן, אזוי ווי מע בעט טאָן א טויווע. דעם געלערנטן סעקרעטאר וועט ער דארפן זאָגן, אז ער האָט דאַן אף דער פארזאמלונג איבערגעכאפּט די מאָס און ער בעט אים אנטשולדיקן, וואָס ס'האָט זיך בא אים ארויסגעכאפּט א צו שארף וואָרט. דעם דירעקטאָר, אנדריי איוואנאָוויטשן, וועט ער געבן אָנצוהערן, אז ער איז גרייט ווידער נעמען בא אים זײַנע „אָנגעוואָרפענע“ זײַטלעך...

אינדערפרי, ווען ער איז געקומען אף דער ארבעט, האָט ער, נאָך זײַענדיק אין אָנהייב פון קאָרידאָר, דערזען דאָס רעדל מיט באָריס מאטווייעוויטשן אינדערמיט. יענער האָט עפּעס דערציילט און מע האָט געלאכט. רודניצקי האָט ארופגעצויגן אָפן פּאָנעם א שמייכל, — ער האָט שוין געשמייכלט באצײַטנס און דערמיט גע־וואָלט ווײַזן, אז ער איז אויך גרייט צו הערן און צו לאכן, אָבער ווי נאָר ער האָט זיך דער־נעענטערט, איז מען אנשוויגן געוואָרן, בא אלע־מען זײַנען געוואָרן ערנסטע פּנעמער, און מער ווי בא אלעמען, בא באָריס מאטווייע־וויטשן.

אין צימער, ווו ס'ארבעטן די צייכנער, איז ער צוגעגאנגען צו וואָליען און פרײַנטלעך זיך באגריסט מיט איר. דאָס מיידל האָט זיך אָנגע־כמורעט, אים גאָרניט געענטפערט און ווידער געפירט מיטן צירקל און רייספעדער איבערן וואטמאן־בויגן.

באטאָג האָט אים ארויסגערופן צו זיך דער דירעקטאָר.

— א גאנץ פּעקל אָנקלאָגעס זײַנען אָנגע־קומען אף אײַך, — האָט אנדריי איוואנאָוויטש אים געגעבן צו וויסן. — איר האָט, דוכט מיר, סאָלאָמאָן יעקוסיעליעוויטש, איבערגעבויגן דעם שטעקן.

— אין דעם בין איך זיך מודה, ס'איז בעעמעס אזוי, — האָט רודניצקי זיך אָפגערופן.

— איר זײַנט, ווײַזט אויס, א מענטש מיט עקסטרעמקײַטן. אָדער — אָדער. — האָט ווײַטער אָנגעוויזן דער דירעקטאָר.

רודניצקי האָט געפּרוּווט אופכאפּן, צו וואָס עס פירן אנדריי איוואנאָוויטשעס רייד, און איי־דער יענער האָט געזאָגט דאָס, וואָס רודניצקי האָט זיך גערעכנט צו דערהערן, האָט ער אליין געזאָגט:

— איך האָב פארלאָרן אין מײַן אָפּטיילונג דעם אווטאָריטעט. ס'וועט מיר אויסקומען אײַך צו בעטן, אנדריי איוואנאָוויטש, אן ארבעט אין אן אנדער אָפּטייל, זאָל זײַן אפילע אף א נידע־ריקערער, איידער איצט.

— באליידיקט זיך ניט, סאָלאָמאָן יעקו־סיעליעוויטש, נאָר פריִער האָב איך טאקע ניט איין מאָל געטראכט, אז מע דארף אײַך צונעמען פונעם אָפּטייל. פאר א פארוואלטער האָט איר ניט געטויגט. אָבער איצטער טויגט איר יאָ. כ'וועל אײַך זאָגן נאָך מער — אײַער מיינונג האָבן מיר פריִער ווייניק־וואָס געשאצט, ווײַל מיר האָבן געוווּסט, אז צו זאָגן אָפן דאָס, וואָס איר מיינט, וועט איר ניט וואָגן. איצט זײַט איר נייטיק אין אונדזער אינסטיטוט פיל מער, איידער פריִער.

— איך בין אײַך זייער דאנקבאר, וואָס איר האלט מיך אונטער. — רודניצקי איז אנשוויגן געוואָרן, דערנאָך האָט ער געזאָגט: — גיט מיר די בלעטלעך פון אײַער ארטיקל. כ'וויל עס מאכן צו אײַער יובילײ.

— מיטן גרעסטן פארגעניגן וואָלט איך אײַך געגעבן, — האָט זיך צעלאכט אנדריי אי־וואנאָוויטש, — נאָר כ'האָב שוין אליין ווי־עס־איז אָנגעשריבן. איך האָב געכאפּט אײַער שניט...

ניט באַשערט...

איינער פון זיי, סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטש, האָט אָנגעפירט מיט אַ גרויסער אינדוסטריִעלער פאַרייניקונג, דער אַנדערער, איסאַק לאַזאַרעוויטש, איז אין דער זעלבער פאַרייניקונג געווען אַ שערער. די שערעריַי האָט זיך געפונען אויפן אונטערשטן שטאָק, באַם אַריַינגאַנג אין וועסטיביול, אין אַ זיַיטיקן ניט גרויסן צימער. סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטש האָט ליב געהאַט אַליין זיך צו גאָלן, אָבער איין מאָל אין כוידעש איז ער געקומען אונטערשערן זיך צו איסאַק לאַזאַרעוויטשן, און דער שערער האָט אים דעמלט באַוויזן זיַין גאַנצע מיַיסטערשאַפט. אַ מיַיסטער איז ער געווען אַ גרויסער, עקסטראַ־קלאַס, און ווי ער אַליין האָט דערציילט, איז ער איינער פון די דריַי מאָסקווער פאַריקמאַכערס, וועמען מע מעג אָנפאַרטרויען דעם סאַמע „שווערן“ קאָפּ. דעם גרעסטן פּליך וועט מען קוים אַרויסזען, די גרעסטע שישקע וועט מען קוים באַמערקן נאָכדעם, ווי ס'האָט געהאַט מיט זיי צו טאָן איסאַק לאַזאַרעוויטש. דער שעף, סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטש, האָט זיך ניט גענייטיקט, אַז מע זאָל איבער זיַין קאָפּ באַזונדערס אַ סאַך האָרעווען — פאַרדעקן, פאַרגלעטן, פאַרפּוצן נאַקעטע ערטער. ער האָט געהאַט אַ פיַינע שעוועליורע — שוואַרצע איבערגעפלאָכטענע מיט גראָווע, האָבן זיך די האָר זיַינע געקריַיזלט און צוגעגעבן כיין דעם אויסדרוקפולן פּאָנעם. דער שערער האָט זיי געמאַכט נאָך שענער, נאָך כיינעוודיקער. דער שעף האָט געדאַנקט, איסאַק לאַזאַרעוויטש האָט געשיַינט פון פאַרגעניגן, און דערמיט, אייגנטלעך, האָט פריִער די פריַינטלעכע באַקאַנטשאַפט געהאַט זיך באַגרענעצט צווישן זיי.

איצט זיַינען זיי פּענסיִאָנערן. ס'האָט אַזוי געטראָפן, אַז אויף פּענסיע זיַינען בײדע אַוועק אין איין און דעם זעלבן טאָג. אויפן דריטן שטאָק, אין באַנקעט־זאַל, האָט מען אַרויסבאַגלייט סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטשן. ס'האָבן זיך צוזאַמענגענומען זיַינע שטעלפאַרטרעטערס, אַנדערע פאַראַנטוואָרטלעכע טוער, ס'זיַינען ביַיגעווען פאָרשטייער פון מיניסטעריִום. אויפן ערשטן שטאָק, אויך אין אַ שיינעם זאַל, אָבער אַ קלענערן, האָבן זיך צונויפגעקליבן די מיטאַרבעטער פון דערווירטשאַפטלעכער פאַרוואַלטונג — עקספּעדיטאָרס, וועכטערס, אופּראַמערס, קורירערן, גאַרדעראָבשטשיקעס. די רעדעס, וועלכע מע האָט געהאַלטן דאָ און דאָרטן, האָבן זיך אונטערשיידט אין ניוואָ און מאַסשטאַב. אויפן העכערן שטאָק האָט מען איבערגערעכנט די גרויסע פאַרדינסטן פון אַ מענטשן אין מאַסשטאַב קימאַט פון אַ גאַנצן אינדוסטריִע־צוויַיג אין לאַנד; אויפן ערשטן שטאָק האָט מען גערעדט וועגן אַ באַשיידענעם מיטאַרבעטער, אָבער די ווונטשן זיַינען געווען איינע און די זעלבע. וואָס קאָן מען נאָך ווינטשן עלטערע מענטשן, כוץ און דעריקער, אַז מע זאָל זיַין געזונט, האָבן נאָכעס פון די דערוואַקסענע קינדער און אונטערוואַקסנדיקע אייניקלעך, דערלעבן ביז צו אוראייניקלעך, ניט האָבן קיין אַגמעסנעפעש, אין פרידן פאַרברענגען דעם פאַרדינטן אָפּרו. און ביידן, סיַי סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטשן, סיַי איסאַק לאַזאַרעוויטשן, איז געווען אָנגענעם צו הערן די גוטע וואַרעמע ווערטער, און ס'איז זיי אויך געווען טרויעריקלעך אויפן האַרצן, — אַנדערש קאָן מען זיך ניט פילן בײַס אַזעלכע אַרויסבאַגלייטונגען. ווען ניט דאָס האַרץ, וואָלט סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטש ניט פאַרלאָזט זיַין פּאָסטן, ער האָט שוין געהאַט צוויי האַרץ־אַטאַקעס, און די דאָקטוירים האָבן קאַטעגאָריש געפאָדערט, ער זאָל זיצן אינדערהיים, לעבן רויִק, ניט נערווירן, ניט מאַכן קיין איבעריקן טראָט. דער געזונטצושטאַנד האָט אויך אונטערגעפירט איסאַק לאַזאַרעוויטשן. ער וואָלט קיינמאָל ניט אַוועק אויף פּענסיע, ווען די הענט וואָלטן באַ אים ניט גענומען אונטערציטערן. פופציק יאָר האָבן זיי פעסט געהאַלטן דאָס שערל און דאָס גאָלמעסער, ביז זיי זיַינען שלאַף געוואָרן, ווי ס'ווערן שלאַף די הענט באַ מעלקערנס.

אויף מאָרגן באַטאָג האָבן די צוויי ניַיע פּענסיִאָנערן, סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטש און איסאַק לאַזאַרעוויטש, זיך באַגעגנט אויף אַ גרין שטעגעלע אין וואַלד הינטער מאָסקווע. זיי זיַינען אַרויס אין איין ציַיט אויף אַ שפּאַציר. סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטש האָט דאָ, נעבן וואַלד, אַ שיינע זומער־וווינונג, איסאַק לאַזאַרעוויטש האָט אינעם זעלבן יִשעוו מיט יאָרן צוריק געקויפט אַ שטיבל מיט אַ סעדל און ער האָט דאָ אויך אַ דאַטשע.

— אַ גוט־העלף, סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטש! — האָט איסאַק אים באַגריסט.

— אַ גוט־העלף! — יענער האָט זיך איַינגעקוקט אינעם מענטשן, וועלכער האָט אים אָפּגעגעבן באַרעכהאַבע. ער האָט אים ניט גליַיך דערקענט, אַזוי איז ער געווען פאַרטראַכט, פאַרטיפט אין זיך. פּאָשעטע מענטשן גייען אַוועק אויף פּענסיע און ווייסן ניט די ערשטע ציַיט, וווּ זיך אַהינצוטאָן, היַינט אַ מענטש, וועלכער האָט פאַרנומען אַזאַ פּאָסטן!

ער האָט וועגן וואָס צו טראַכטן און אין וואָס פֿאַרטיפֿערן זיך!

— אַך, דאָס זײַנט איר... — סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטש איז געווען אין אַ פֿאַרלעגנהײַט, וואָס ער האָט ניט דערקענט דעם אַלטן שערער. — אַנטשולדיקט מיר, אַנטשולדיקט...— האָט ער געבעטן, ווי ער וואָלט באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה. — די געדאַנקען האָבן מיך אַ ביסל פֿאַרטראָגן. דאָ איז אַזוי גוט איך וואַלד, נאָר איך גיי צום טײַך. איך בין אַ פֿאַרברענטער פֿישפֿאַנגער. — האָט ער דערקלערט. — און איר כאַפּט ניט קיין פֿיש?

— ביז איצט האָב איך ניט געכאַפּט.

— אַ שאָד. ס'איז אַ גרויסער פֿאַרגעניגן, און דער קאָפּ רוט אָפּ, און די נערוון שטילן זיך אײַן. איר זײַנט, דוכט מיר, אויך נעכטן אַוועק אַף פּענסיע? — האָט סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטש געפֿרעגט.

— יאָ. איך בין אָנגעקומען אינעם זעלבן יאָר, ווען איר זײַנט געוואָרן אונדזער שעף...

—צוזאַמען געקומען, צוזאַמען אַוועק... צוויי וויכטיקסטע דאַטעס אין אַ מענטשנס לעבן — ווען מע קומט אָן אַרבעטן און ווען מע גייט פֿון דער אַרבעט אַוועק.

איסאַק האָט בײַ אים אַ פֿרעג געטאָן:

— איר ווייסט, סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטש, אַז מיר זײַנען מיט אײַך שוין גאָר־גאָר פֿונלאַנג באַקאַנט, לאַנגאָניקע שכיינים?

— יאָ, אוואַדע פֿונלאַנג און טאַקע שכיינים... — סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטש האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אַף צוריק, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געריכט צו דערזען צווישן די ביימער זײַן דאַטשע און נאָך אַ שטוב דערבײַ, אַף וועלכער ס'וועט אָנווײַזן דער פֿאַבריקמאַכער און זאָגן, אַז אָט אין יענער שטוב וווינט ער.

— כ'מיין שכיינים נאָך פֿון אַ סאַך פֿריִער. איר זײַנט דאָך פֿונעם דאָרף הלינישטשי?

— יאָ, פֿון הלינישטשי. פֿונוואַנען ווייסט איר?

— דאָס ווייסן אַלע. בייס די וואַלן אין אויבער־ראַט איז געהאַנגען אַף דער וואַנט אײַער ביִאָגראַפֿיע.

— און איר זײַנט פֿונוואַנען? — האָט סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטש געפֿרעגט.

— פֿינף קילאָמעטער פֿון הלינישטשי איז געווען אַ שטעטעלע טשאָרנע.

— געהערט... טשאָרנע... בײַ אײַך איז געווען אַ קלוב, און איך בין פֿרי געוואָרן אַ רעדנער. ניט איין מאָל דאָרטן אַרויסגעטראָטן.

— און נאָך אײַערע רעדעס, — האָט אים איסאַק דערמאָנט, — פֿלעגן מיר אַרויסטרעטן מיט אַ ספּעקטאַקל. איך בין דאַן געווען אַן אַרטיסט, געשפּילט אין דראַמקרײַזל. איין מאָל האָבן מיר זיך פֿאָטאָגראַפֿירט צוזאַמען — די אַרטיסטן מיטן רעדנער, דאָס הייסט מיט אײַך.

— מיט מיר? אינטערעסאַנט. — סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטש האָט זיך פֿאַרכידעשט, ווי מע וואָלט אים אָפֿן לעבן נאָך ניט געהאַט פֿאָטאָגראַפֿירט. — די פֿאָטאָגראַפֿיע האָט זיך בײַ אײַך פֿאַרהיט?

— זי הענגט בײַ מיר אַף דער וואַנט און איך ווײַז אַלעמען, ווער ס'קומט אַרײַן. איך גרויס זיך דערמיט.

— דאָס איז שוין איבעריק — אַלעמען ווײַזן... אָבער ווען מע זאָל מיך פֿרעגן, וויִאַזוי וואָלט איך געלעבט, ווען די יאָרן זאָלן זיך אומקערן צוריק, וואָלט איך געזאָגט: כ'וואָלט ווידער געפֿאָרן אין שטעטל טשאָרנע האַלטן רעדעס, כ'וואָלט ווידער אין 1919־טן אַוועק אין אַ רויטאַרמייִשן אָטריאַד, ווידער דערנאָך אָנגעקומען לערנען אין אַרבפֿאַק, אין אינסטיטוט, געווען אַ נאַטשאַלניק פֿון אַ צעך... כ'וואָלט פֿון קיין איין שטופֿע אין מײַן לעבן זיך ניט אָפּגעזאָגט. נאָר די בעסטע צײַט איז פֿונדעסטוועגן די יוגנט, אַ?

— בײַ מיר איז די ביִאָגראַפֿיע ניט קיין רײַכע, — האָט געזאָגט איסאַק. — אַלע מײַנע יאָרן בין איך געווען אַ פֿאַבריקמאַכער. מילכאָמע־צײַט איז בײַ מיר אין רוקזאַק, כוץ די זאַכן, וועלכע זײַנען געלעגן בײַ אַלע סאָלדאַטן אין די רוקזעקלעך, אויך נאָך געווען אַ שערמאַשינקע, אַ שפּיגעלע... בייס די פֿריוואַלן אין וואַלד האָב איך אייניקע מאָל געעפֿנט מײַן שערערײַ. צו מיר האָט מען זיך פֿאַרשריבן אין דער ריי, ווי מע פֿאַרשרײַבט זיך אין די שטעט צו אַ גרויסן פּראָפֿעסאָר — מיט אַ כוידעש פֿריִער. נאָך דער פֿאַרוווּנדונג אָפֿן פֿראָנט בין איך געלעגן אין אַ שפּיטאָל, און ווען מע האָט מיך דאָרטן אונטערגעהיילט און מע האָט אָנגעשריבן אין מײַן ספּראַווקע, אַז איך בין ограниченно годен, בין איך אין שפּיטאָל געבליבן אַרבעטן, געוואָרן אַ שטאַטנער שערער בײַ די פֿאַרוווּנדעטע, און דאָרטן ערשט בין איך געוואָרן אַ מײַסטער. שערן און גאָלן פֿאַרוווּנדעטע איז ניט פֿון די גרינגע זאַכן, מע דאַרף דאָס קענען.

אַזוי זײַנען זיי געגאַנגען, דער געוועזענער שעף און דער געוועזענער פֿאַבריקמאַכער, און האָבן גערעדט צווישן זיך, דערציילט אַ ביסל איינער דעם אַנדערן זייער לעבן. זיי זײַנען צוגעקומען צום טײַך. עס קורסירט דאָרטן אַ שיפֿל, וואָס היט, אַז מע זאָל זיך ניט באָדן, דאָס אָרט איז געמאָלדן אַלס אַ סאַניטאַרע זאָנע. סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטש האָט פֿאַנאַנדערגעלייגט זײַנע פֿישפֿאַנג־מאַכשירים, פֿאַרוואָרפֿן די ווענטקע אין טײַך און אַוועקגעזעצט זיך אַף אַ גלאַטן שטיין, אַף וועלכן ער איז,

ווײַזט אויס, שוין ניט איין מאָל געזעסן. איסאַק האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן אים.

פישפאַנגער האָבן ניט ליב צו ריידן, ווען זיי טוען זייער מלאָכע. זיי האָבן, אפּאָנעם, מוירע, אַז די פיש וועלן פון די ריידערײַען זיך איבערשרעקן און מאַכן פּלייטע פון דער ווענטקע. סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטש האָט געשוויגן, דאָס גלעקעלע, וואָס דאַרף זיך צעקלינגען, ווען אַ פישל כאַפּט זיך אַרײַן, האָט אויך געשטומט. איסאַק, ווי ער אַליין וואָלט אויך געכאַפּט פיש, האָט אויפמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך יעדן קנייטשל פון דער שפּיגלדיקער וואַסער־איבערפלאַך, נאָך יעדן בלעזל, וואָס ווערט אינדערנאָענט פון דער ווענטקע אַפן וואַסער געבוירן, נאָך יעדן שאָקל פונעם גלעקעלע, וואָס דאַרף ברענגען די גוטע בסורע.

דער שמועס בייסן שפּאַציר אין וואַלד און דאָס זיצן שווײַגנדיק באַם פלאַכן זאַמדיקן טײַך־ברעג האָבן אָט די צוויי פאַרשיידענע מענטשן דערנעענטערט איינער צום צווייטן.

דאָס, וואָס פריִער האָט דעם שערער ניט געלייגט זיך אַפן זינען און ער האָט ניט געגלייבט, אַז ס'זאָל קאָנען פון דעם עפּעס אַרויסקומען, איז איצט אין זײַנע אויגן געווען שוין גאָרניט אַזוי אומגלייבלעך און אומעגלעך. פאַרוואָס ניט? די עלטער גלײַכט אויס אין ייִכעס. וואַדיק, איסאַקס אייניקל, איז שוין אַלט איין און צוואַנציק יאָר. פאַראיאָרן האָט וואַדיק געהאַט אַ לונגען־אָנצינדונג מיט נאָכווייעניש און געמוזט אין אינסטיטוט נעמען אַף אַ יאָר צײַט אַן אַקאַדעמישן אורלויב. איז ער געזעסן אַ גאַנצן ווינטער און פרילינג אַף דער דאַטשע און געלערנט, קעדיי ניט אָפּצושטיין פון זײַן קורס. אין די דאַטשע־צימערלעך איז וואַרעם, ליכטיק, געמיטלעך. שאַבעס און זונטיק קומען צו פאָרן די עלטערן, און אינדערוואָכן כאַפּט זיך אַראָפּ די באָבע לייע, איסאַקס פרוי, זי ברענגט אַלץ, וואָס דאָס אייניקל דאַרף. וואַדיק האָט אַזוי ליב געקראָגן די דאַטשע, אַז ווינטער, בייס די גרעסטע זאַווערוכעס און שנייען, פאַרלאָזט ער זי אויך ניט. אין איינעם אַ טאָג, ווען מע האָט ניט געקאָנט אַרויסגיין אין דרויסן, דער ווינט האָט געשמיסן פון אַלע זײַטן, און אַ גליטש — ניט צו שטעלן אַ טראָט, איז דער באָבע לייען געוואָרן אַ ראַכמאָנעס אַף וואַדיקן — ער זיצט אַליין אין וואַלד, און ס'האָט פאַר דער נאַכט אַזויפיל אָנגעשאָטן און אָנגעווייעט הורבעס שניי באַ דער דרויסנדיקער טיר, אַז ער וועט זי אַפילע ניט קאָנען עפענען אַרויסצוגיין. הייבט זי זיך אויף, לייע, און פאָרט אַף דער דאַטשע. זי קומט צו פאָרן — די טיר איז פאַרשלאָסן. וואַדיק איז ניטאָ. נאָך אַ שליסל האָט זי זיך ניט דערטראַכט מיטצונעמען. אין די שכײנעסדיקע דאַטשעס זעט מען ניט קיין לעבעדיקן נעפעש. די הינט בילן ניט, ליגן אין די קאָנורעס. די באָבע האָט ווי־עס־איז אויסגעטאָפּטשעט אַ סטעזשקעלע און גייט אום הין און צוריק — ניט צו פאַרפרוירן ווערן — פון דער טיר ביז דער קאַליטקע און פון דער קאַליטקע ביז צו דער טיר. צוויי שאָ איז זי אַזוי אומגעגאַנגען, געוואַרט און זיך ניט דערוואַרט. אַ דורכגעפרוירענע, אַ צוגעקילטע, האָט זי זיך אומגעקערט אין שטאָט. אַף מאָרגן נאָך דער אַרבעט איז געקומען צו פאָרן דער זיידע, דאָס הייסט ער, איסאַק.

— וווּ ביסטו דאָס נעכטן געגאַנגען אין דער זאַווערוכע? — פרעגט ער וואַדיקן.

— אין וואַלד, — ענטפערט וואַדיק. — דאָרטן איז געווען שטיל. מע האָט דעם ווינט אַפילע ניט געפילט.

— אַליין האָסטו שפּאַצירט?

— ניין, מיט זינקען.

— ווער איז דאָס זינקע?

— אַ מיידל. לעבט דאָ אויך אַ גאַנצן ווינטער אַף דאַטשע.

— שפּאַצירט איר צוזאַמען?

— די לעצטע צײַט נאָר צוזאַמען, — ענטפערט וואַדיק און קוקט אַפן זיידן, קווענקלט זיך, צי זאָל ער זאָגן, אָדער ניט זאָגן. ער באַשליסט זאָגן.

— נעכטן האָבן מיר זיך צונויפגערעדט, אַז מיר האָבן כאַסענע.

— געפונען אַ צײַט, ווען צונויפריידן זיך וועגן אַן ערנסטער זאַך, אין אַזאַ געווירבל, ווען פונעם ווינט האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם און ס'איז שווער געווען אויסצורײדן אַ וואָרט, — האָט דער זיידע געפרוווט פאַרוואַנדלען דעם אייניקלס ווערטער אין אַ שפּאַס. אָבער וואַדיק ענטפערט גאַנץ ערנסט:

— איך זאָג דאָך, אַז אין וואַלד איז געווען שטיל, אַ מינדסט ווינטל ניט, — און די אויגן באַם באָכער לײַכטן, מע זעט, אַז ער איז גליקלעך.

— ווער איז זי... זינקע?

— אַ סטודענטקע פון אינסטיטוט אַף סורי־קאָווס נאָמען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אינסטיטוט?

— מע גרייט דאָרטן מאָלער.

— וועט זי זײַן אַ מאָלערן?

— יאָ, זי איז זייער אַ פעיקע.

— און ווער זײַנען אירע עלטערן?

— פּראָגרעסיווע מענטשן, — ענטפערט ער. — דער טאַטע איז אַ דירעקטאָר פון אַ זאַוואָד, די מאַמע — אַ פּראָפעסאָר אין טעקסטיל־אינסטיטוט, פאַרוואַלטערן פון אַ קאַטעדרע.

— מעכוטאָנים — געהויבענע. זיי האָבן נאָך

קינדער, כוץ זינקען? — ווײַל שוין איסאַק אַלץ ווײסן געניטער.

— זי איז בא זיי אַן אײן־און־אײנציקע. נאָר לעבן זי די גאַנצע צײַט באַם זיידן.

— ווער איז דער זיידע?

— דער זיידע איז אויך אַ פּראָגרעסיווער מענטש, — לאַכט ער, וואַדיק. — אַ מענטש אַ גרויסער.

— וואָס הייסט אַ גרויסער? אַ מיניסטער?

— האָסט, זיידע, געטראָפן. קימאַט אַ מיניסטער.

— און ווי רופט מען אים, דײַן מיניסטער?

— סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטש. דו ווייסט אים זייער גוט. ס'איז שוין עפּשער צוואַנציק צי דרײַסיק יאָר, ווי דו שערסט אים און גאָלסט אים. וואָס קוקסטו אָף מיר אַזוי, זיידע, און וווּנדערסט זיך? אויב ער איז אַ גרויסער נאַטשאַלניק, קימאַט אַ מיניסטער, טאָר איך ניט כאַסענע האָבן פאַר זײַן אייניקל?

— מעגסט, אַוודע מעגסטו, פאַרוואָס ניט? — האָט איסאַק געענטפערט. — אין אַנדערע צײַטן שפּילט שוין ניט קיין ראָליע ייכעס־שמיכעס. פונדעסטוועגן... פונדעסטוועגן... אַז סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטש קומט אַרײַן צו מיר אין פאַריקמאַכערסקע און זעצט זיך אָף דער קרעסלע, פאַרגעס איך אַ מינוט ניט, ווער איך בין און ווער איז ער.

— און איך, אַז איך קום צו זינגען אָף דער דאַטשע, — האָט וואַדיק באַמערקט, — זעץ איך זיך דאַפקע אוועק אין איר זיידנס קרעסלע.

איסאַק האָט דערנאָך געזאָגט צו זײַן לייען:

— צוליב אַזאַ שידעך האָט געלוינט, אַז דו זאָלסט אַ ביסל פרירן אַפילע אין יענער זאַווערוכע אין דרויסן...

...דער שידעך איז אָבער ניט צו שטאַנד געקומען. דאָס פּאָרל איז אָפּגעקילט געוואָרן איינער צום אַנדערן, און ניט אַזוי די קאַלע צום כאָסן, ווי דער כאָסן, דאָס הייסט, וואַדיק, צו דער קאַלע. וואַדיקן איז שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן, וואָס זי האָט מיט גרינגשעצונג זיך אָפּגערופן וועגן זײַן זיידן, אַ זאָג געטאָן: „וויִאַזוי קאָן מען דאָס אַ גאַנצן לעבן זײַן אַ פאַריקמאַכער... ס'איז דאָך אַזוי מינדערווערטיק און אומעטיק... ער האָט ניט געקאָנט אויסקלײַבן זיך אַן אַנדער פאַך?"

וואַדיק האָט איר אָפּגעענטפערט, און זי אים. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן געפינען בא איר כוץ גרויסהאַלטערישקײַט, נאָך אַנדערע כעסרוינעס. און זי האָט שוין בא אים אויך געפונען כעסרוינעס.

דעם זיידן, דעם אַלטן פאַריקמאַכער, האָט דאָס פונדעסטוועגן אַ ביסל פאַרדראָסן. „ס'איז ניט באַשערט, אַז אין אונדזער מישפּאָכע זאָל זײַן קימאַט אַ מיניסטערס אַן אייניקל", — האָט ער געטראַכט, זיצנדיק באַם טײַך צוזאַמען מיט סערגיי קאָנסטאַנטינאָוויטשן.

אַ גרוס פון דער טאָכטער

1

קינדווײַז האָט זיאַמע שלעכט זיך געלערנט, ניט געפאָלגט די עלטערן, די לערער. אַ לײַט איז פון אים אויך ניט געוואָרן, ווען ער איז אויסגעוואַקסן. מיט צאָרעס האָט ער פאַרענדיקט אַכט קלאַסן, און ווײַטער לערנען ניט געוואָלט, ער האָט אויך ניט געוואָלט אַרבעטן. אין אַ קאָמפּאַניע כעווירע לײדיקגייער, אַזעלכע, ווי ער, האָט ער אין די אָוונטן געשפּילט אָף דער גיטאַרע און געשפּיגן דורך די ציין אָף אַ ווײַטן מעהאַלעך אַזוי קונציק, אַז פאַרבײַגייער האָבן זיך אומגעקוקט, צי איז די שפּײַעכץ ניט אַרוף אָף זייער בעגעד. אין די פריִערע יאָרן איז ער געווען פאַרשריבן אין קינדער־צימער פון מיליציע, דערנאָך האָט אָף אים געהאַלטן דאָס אויג דער מיליציאָנער פון באַצירק. קיין גנייווע איז ער ניט באַגאַנגען, זייגערס פון דער האַנט און היטלען פון קאָפּ ניט אַראָפּגעריסן, אָבער מע האָט געקאָנט זיך ריכטן, אַז ער וועט דאָס טאָן, ווײַל דעם טרונק האָט ער שוין ליב געקראָגן, און אָפן ביטערן טראָפּן באַדאַרף מען געלט. די מאַמע זײַנע, יעלענאַ גריגאָריעוונאַ, איז אַ לאַבאָראַנטקע אין לאַבאָראַטאָריע פון דער ראַיאָנער פּאָליקליניק. זי נעמט צו אינ־דערפרי די פלעשעלעך בא די כאָלאָים און מאַכט דערנאָך אַנאַליזן. אַ שטילע אָרנט־לעכע פרוי, אַן אַגונע, דער מאַן האָט זי פאַרלאָזט מיט אייניקע יאָר צוריק, איז ניט געווען בעקויעך אײַנצונעמען דאָס גערא־טענע זונדל אירס. זי האָט געפּרוווט אופווירקן אָף אים מיט געוויין, מיט געבעט, און אַז דער

גערודל האָט געפּלאַצט, האָט זי אַזוי געשריִען, אַז מע האָט געהערט אין די אַרומיקע הײַזער:

— פֿונוואַנען האָסטו זיך גענומען אַזאַ הול-טײַ אַף מײַן קאָפּ? בעסער וואָלט איך געשטאָרבן, אײדער איך האָב דיך געהאַט. איך האָב דאָך ניט קײן קויעך צו לײַדן פֿון דיר, וויפֿל בושע און ווייטעק איך טראָג אַריבער, כ'וועל פֿאַר דער צײַט אַוועקגײן פֿון דער וועלט!

אַף דער מאַמען האָט ער ראַכמאָנעס גע-האַט, און ווען זי האָט געשריִען און געוויינט, איז ער גרייט געווען פֿאַלן צו אירע פֿיס און שווערן, אַז פֿון איצט אָן וועט ער שוין זײַן אַן אַנדערער און קײנמאָל ניט פֿאַרשאַפֿן אַגמעס-נעפֿעש. ס'האָט געטראָפֿן, אַז ער איז דערנאָך בעקיוון צווי טעג ניט אַרויס אין דרויסן, קע-דיי ניט צו טרעפֿן זיך מיט די יונגען, די פֿרײַנטלעך זײַנע. זיי האָבן אַרופֿגעקוקט אײַנ-דערהייך צו זײַן פֿענצטער אַפֿן זעקסטן שטאָק און גערופֿן אים:

— זיאַמע, קום אַרויס! וואָס האָסטו זיך באַ-האַלטן?

ער האָט פֿונדעסטוועגן געפּרוווט ניט אַרויס-גײן, זײַענען זיי אַרײַן צו אים. די מאַמע איז געווען אַף דער אַרבעט. זיאַמע האָט מעכאַבעד געווען די געסט מיט אַלץ, וואָס די מאַמע האָט געהאַט פֿאַרגרייט אין אײַזקאַסטן, ס'איז אויך אַרויסגענומען געוואָרן דאָס פֿלעשל ווײַן — אַן אַלט פֿלעשל „מאַדעראַ“, וואָס די מאַמע האָט עס געקויפֿט מיט אַ צײַט צוריק, און זי האָט עס געהאַלטן, ווי זי וואָלט זיך געריכט אַף אַ מענטשן, וועלכער מוז פֿריִער אָדער שפּעטער אומבאַדינגט אַהער אַרײַנקומען און זי וועט דאַרפֿן אים מעכאַבעד זײַן מיט גוטן ווײַן. זיאַמען האָט זי אָנגעזאָגט:

— כ'באַשווער דיך, דו זאָלסט דאָס פֿלעשל ניט אָנרירן!

אַ סאַך מאָל איז באַ זיאַמען געווען גרויס דער יעיִצערהאָרע יאָ „אָנרירן“, אָבער ס'האָט אים אָפּגעהאַלטן, ווי פֿון פֿאַרשווערכן אַ הייליקײַט. באַ אים האָט דאָס פֿלעשל אַרויסגערופֿן אַן אומקלאָרע פֿאַרנעפּלטע האָפֿענונג, אַז דער טאַטע וועט זיך אומקערן. די כּוורעלײַט האָבן דערזען אין אײַזקאַסטן דאָס פֿלעשל, און ס'איז באַ זיי ניט געווען קײן שום צווייפֿל, אַז דאָס מוז גלײַך אַוועקגעשטעלט ווערן אַפֿן טיש. זיאַ-מע האָט זיך געקווענקלט, האָבן גענומען פֿליִען ווערטער, וועלכע האָבן אים געטראָפֿן מיט זײַן קרענקלעכער אײַגנליבע, אַזוי ווי שטײנער אין האַרצן.

— קאַרגוטש, אַזוי נעמסטו אויף געסט? אויב ס'ציטערן באַ דיר די הענט, וועלן מיר אַליין נעמען. — און מע האָט גענומען. דער באַלע-באָס האָט געבראַכט קעלישקעס. אין אַ מינוט איז די זיסלעכע געשמאַקע פֿליסיקײַט אויסגע-טרונקען געוואָרן. זיאַמע צוזאַמען מיט די כּוור-רע איז אַרויס אין דרויסן. שפּעטער, אײַנאָוונט, האָבן זיי אָפּגעשטעלט אַ פֿאַרבײַגײער, אין די מיטעלע יאָרן, מיט בלײַכע באַקן און אין ברילן. זיי האָבן באַ אים געבעטן אַ דרײַערל, און יע-נער האָט אָן שום רייד דאָס דרײַערל דער-לאַנגט, אָפּגעטראָגן זיך אַפּגיך, מע זאָל אים ניט געבן אַ טערעבענץ פֿונהינטן. מע האָט נאָך באַ-וויזן צו קויפֿן אין מאַגאַזין אַ פֿלעשל בראָנפֿן.

זיאַמע האָט זיך אומגעקערט אַהיים שפּעט באַ-נאַכט. ניט אויפֿצוּוועקן די שכנים, האָט די מאַמע געשטיקט אין זיך די געשרײַען און דאָס געוויין. אין מיליציע האָט מען, ווי מיט יעדן פֿון די יונגעלײַטלעך פֿון דער קאָמפּאַניע, גע-האַט אויך מיט זיאַמע ליעפּינסקין זייער אַן ערנסטן געשפּרעך. מע האָט אים געוואָרנט:

— אָדער — אָדער. אָדער דו ווערסט, זיאַמע ליעפּינסקי, אַ מענטש, קומסט אָן אַרבעטן, לערנען, אָדער מיר שיקן דיך אַרויס פֿון קאָלי-בין אַזוי ווײַט, אַז דו וועסט ניט געפֿינען דעם וועג אַף צוריק.

מיט אַ געלעכטערל, אַזוי ווי אַף אַ קאַטאַ-וועס, איז ער אָנגעקומען אַרבעטן אין דער הויז-פֿאַרוואַלטונג, אַ באַהעלפֿער באַ די שלאָסערס. זיאַמע האָט אָנגעהויבן אַרומגײן צוזאַמען מיטן שלאָסער, פּעטער איגנאַט, אַזוי ווי אַן אַדיו-טאַנט באַ אַן עלטערן קאָמאַנדיר, געטראָגן דאָס קעסטל אינסטרומענטן און מיט גרויס כיישעק געלאָפֿן נאָך אַ פֿלעשל בראָנפֿן, ווען דער פּע-טער איגנאַט האָט אים געשיקט. אָבער אַז דער אַדיוטאַנט האָט געוואָלט נאָך, האָט דער קאָ-מאַנדיר אים צוריקגעהאַלטן:

— דער טאָג איז נאָך גרויס און מע דאַרף זיך נאָך האַלטן אַף די פֿיס.

אָן פֿלײַס און אָן ברען האָט דער נעפֿעש פֿונדעסטוועגן זיך אויסגעלערנט פֿאַרריכטן אַ קראַן, דורכרייניקן אַ טרויב, אַרײַנשטעלן אַ נײַעם שלאָס, מאַכן אַן „אײַגל“ אין אַ טיר, אַז די באַלעבאָסטע זאָל זען דעם מענטשן, וועלכער וויל אַרײַנגײן אין שטוב. אין אַ יאָר אַרום האָט דער פּעטער איגנאַט זיך באַטראַכט און אוועק אַרבעטן אין אַן אַנדער אָרט, און זיאַמע איז געוואָרן אַן ערשטע פֿידל אין „זשעק“, אַן אָנ-געזעענער מענטש, ניט ווייניקער אָנגעזעען ווי דער אוטשאַסטקאָווע דאָקטער און ווי דער פּאָטשטאַליאָן, וואָס ברענגט פּענסיע. אַ שלאָ-סער איז אין גרויסן דעפֿיציט, אַ גאָלדענע מאַט-בייע. די אײַנוווינער פֿון די הײַזער טראָגן זיא-מען דעם גוטמאָרגן און גוט-העלף אָנטקעגן אַף אַ מײַל. שטוב-באַלעבאָסטעס ווייסן ניט, וויאַזוי זיסער צו ריידן מיט אים.

— זיאַמעטשקע, ביסט דאָך אַזאַ וווילער, אַזאַ טײַערער, האָסט אַזעלכע גאָלדענע הענט, זיי זאָלן שטענדיק זײַן געזונט באַ דיר...

ס'רינט ווידער דער קראַן, וועלכן דו האָסט אייערנעכטן פאַריכט. קום אַרײַן, טו א טויווע.

גוטע ווערטער, אויב זיי זײַנען אַפילו ניט אײַנגאַנצן אויפריכטיקע, א גוטער זאַג, א וואָרעמערער בליק העלפן אַמאָל פונדעסטוועגן אויך. דער באָכער האָט זיך גענומען מענטשלען. אײַנאַוונט, ווען זיאַמע גייט אַרויס אין זײַן אימפּאַרטנעם אַנצוג — דאָס זוניק-העל פּידזשאַקל איז מיט קוואַדראַטע לאַצן און די אַקסלען זײַנען הויך אָנגעבעט, אַזוי ווי בײַ א גענעראַל, ס'פעלן נאָר אַקסעלבאַנטן; די צווײ אונטערשטע, צווײ אייבערשטע און צווײ אינווייניקסטע קעשענעס פאַרשליסן זיך אויף פינקלענדיקע בליץ-שלעסלעך; ס'פינקלען די שלעסלעך אויך אויף די הויזן, קיין איין קנעפּל אויף א רעפּוע; דער שניפּס אויפן קראַגן פון דער מאַלעריש-שיינער אויבערהעמד איז פאַרבונדן, אָפּהענגיק פון דער לעצטער מאָדע, אין זייער א ברייטן אָדער זייער א שמאָלן קנופּ; די פּאַדעשוועס פון די שיך זײַנען פון קינסטלעכן קאַוטשוק און האַלטן די גרעב א האַלבן דעצימעטער; דאָס פּאָנעם — גוט אָפּגעגאָלט, די האָר אויפן קאָפּ פײַן צוגעקעמט, א קוטשמעלע באַרעמלט דעם שטערן און ס'שפּילט מיט דעם א ווינטל... ס'איז דאָ אויף וועמען צו קוקן. א באָכער ניט ערגער, אויב ניט נאָך בעסער, פון אַנדערע. פריִער האָט ער אויף מענטשן ניט געקוקט, איצט קוקט ער יאָ, און מיידלעך האָבן אָנגעהויבן זיך פאַרקוקן אויף אים. ער האָט זיך אָבער נאָר פאַרקוקט אויף איינער א סטודענטקע, וועלכע איז געקומען צו פאָרן פון לענינגראַד אויף די זומער-קאַניקולן אַהיים צו די עלטערן. ווען ער האָט זי דערזען צום ערשטן מאָל אין הויף, איז ער געווען א ביסל שיקערלעך. ער האָט א לאַנגע ווײַלע געהאַלטן אָנגעצילט אויף איר א פאַרווונדערטן בליק.

— איך האָב אײַך קיינמאָל ניט געזען דאָ, בײַ אונדז, — האָט ער זיך אָנגערופן מיט א מין טײַנע צו איר און צו זיך אויך, וואָס ער האָט זי ביז איצט ניט געזען אין קיין איין דירע, איבער וועלכע ער האַלט זײַן שלאָסערישע השגחה. — מע רופט מיך זיאַמע, — ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום באַקאַנען זיך.

— אַנאַ, — האָט זי זיך אָפּגערופן.

דער נאָמען איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. ניט אַניוּ, ניט אַנקע, נאָר אַנאַ. „אַנאַ קאַרענינאַ", האָט ער זיך דערמאָנט. דעם ראָמאַן האָט ער ניט געלייענט, נאָר געזען דעם פילם לויטן ראָמאַן, און ס'האָט זיך אים פאַרגעדענקט, ווי אַנאַ וואַרפט זיך אונטער די רעדער פון א פראַכט-צוג.

אין פאַרגלײַך מיט אים, אין אויסגעפּוצטן אין בגאָדים העכסט מאָדערן, האָט אַנעס קליידונג אויסגעזען גאַנץ באַשיידן. א מאַנטעלע, שוין ניט קיין נײַס, און פּאַשעטע שטיוועלעך אויף די פיס, מיט קורצלעכע כאַליעווקעס, און אָן איין צופּוצעכץ אויף זיי, אָן איין פליטערל, וואָס זאָלן באַווײַזן זייער טײַערקײַט. און דאָס פּאָנעם אירס, א בלייכלעכס, א ביסל אַפילו אָפּגעצערט, און די אויגן, מיט וועלכע זי האָט געגעבן א קוק אויף אים, זײַנען ניט געווען קיין יאָמטעוודיקע, האָבן ניט געשײַנט. ס'איז געווען א פּאַשעט מיידל, וואָס האָט זיך מיט גאָרניט אויסגעצייכנט פון די אַנדערע מיידלעך אין הויף, עפּשער פאַרקערט, זי האָט ניט אויסגעשפּילט, נאָר פאַרשפּילט אַנטקעגן זיי.

— אין וועלכן הויז און אין וועלכער דירע וווינט איר? — האָט ער מײַסע באַלעבאָס גענומען זיך נאָכפרעגן בײַ איר.

— איר מוזסט דאָס וויסן? — האָט זי א שמייכל געטאָן.

— איך וויס דאָ אַלץ און אַלעמען... און בײַ אײַך אין שטוב בין איך געוויס אויך געווען.

אַרײַנלאָזן זיך אין א געשפּרעך מיט אים, ווער און וואָס איז ער, האָט אַנאַ ניט געוואָלט און זי האָט זיך געלאָזט גיין ווײַטער.

נאָר ער האָט זיך ניט צעשיידט מיט איר, ער איז מיטגעגאַנגען.

— איר אײַלט ערגעץ — האָט ער געפרעגט.

— איך אײַל, — האָט זי קורץ געענטפערט.

— און איך אײַל ניט. דער אַרבעטסטאָג האָט זיך פאַרענדיקט. פאַרוואָס זשע האָב איך פריִער אײַך ניט געזען? — האָט זיאַמע אַלץ זיך ניט געקאָנט מוחל זײַן און זיך געוווּנדערט. — פונוואַנען זײַנט איר געקומען, אַזוי ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן.

— כ'בין געקומען פון לענינגראַד, כ'לערן דאָרטן אין אינסטיטוט.

א צווייענדיקער געפיל איז געווען בײַ אים צו איר פון דער ערשטער מינוט — ער האָט זיך געפילט נידעריקער פון איר: אַז ס'איז א קלוג פאַרשטאַנדיק מיידל האָט ער אויפגעכאַפּט לויטן אויסדריקלעכן פאַרשנדיקן בליק, וואָס זי האָט גלײַך פון אָנהייב א וואָרף געטאָן אויף אים, ער האָט אָבער אויך זיך געפילט העכער, אַלס מענטש, אויף וועלכן אַזאַ סטודענטקעלע קאָן זיך שטיצן. ווען ער האָט געקוקט אויף איר מאַנטעלע און אויף אירע שטיוועלעך, האָט ער געטראַכט, אַז מיסטאָמע האָט זי ניט אָפּגעגעבן אַן עקזאַמען און מע האָט זי אַראָפּגענומען פון סטיפּענדיע. בלייך איז זי, האָט ער בײַ זיך באַשלאָסן, ווײַל זי עסט אין דער סטודענטישער סטאָלאָווקע. ער האָט אויף איר ראַכמאָנעס געהאַט, א זעלטן געפיל, וואָס אויב ס'איז בײַ אים געווען אַמאָל, איז נאָר צו דער מאַמען.

בײַ א האַלבער שאָ האָבן זיי שפּאַצירט אַהין און צוריק איבער דער גאַס און זיך אומגעקערט אין הויף, נאָך ניט אײַנגאַנצן באַקאַנט

צווישן זיך און נאָך האלב־אָפּגעפרעמדטע, נאָר ביידע זיכערע, אז מע וועט מאָרגן ווידער זיך טרעפן, מע איז דאָך אין איין הויף.

אף מאָרגן האָט אנא אומגעקערט זיך אהיים שפעט אינאָוונט. די עלטערן האָבן בא איר געפרעגט, ווו איז זי געווען, און זי האָט געענטפערט: „מיט זיאמען אין קינאָ“. א צווייטן אָוונט איז זי געווען מיט זיאמען אין פארק, מע האָט געטאנצט צוזאמען אף דער טאנץ־וועראנדע, און זי האָט געזאָגט, אז אין קאלינין טאנצט מען בעסער, ווי אין לענינגראד.

אנא איז בא טאטע־מאמען געווען אן איינציק קינד, א באסיעכידע. דער טאטע — יורי (יודל) מאָיסייעוויטש איז געווען א בוכהאלטער, די מאמע — יודיף באָריסאָווּנע, אויך א בוכהאלטער; זיי וואָלטן געקאָנט ארבעטן צוזאמען אין איין אָרט, זיצן און כעזשבענען בא א טיש לעבן א טיש, נאָר ס׳זאָל ניט אויסקומען „מישפאָכעדיקייט“ איז מען געווען באשעפטיקט אין פארשיידענע אנשטאלטן. בא בוכהאלטערס איז דער פארדינסט ניט קיין גרויסער, און אויב זיי ווילן זיין ערלעכע מענטשן, דארפן זיי זיך ניט פארקוקן אף טייערע גארניטורן, זעלטענע כפייצים. יורי און יודיף האָבן זיך ניט פארקוקט. די צווייצימערדיקע דירע זייערע איז געווען מעבלירט גאנץ באשיידן, אין דער שאפע זיינען געהאנגען בגאָדים אלטע א סאך מער, אידער נייע. אָבער אפן לעבן האָט דער ארבעטסלוין געקלעקט, מע האָט נאָך אוועקגעלייגט א ביסל געלט אף א ביכעלע אין דער שפּאָרקאסע. אפן ערשטן זייטל פונעם ביכעלע איז געשטאנען א שטעמפל завещано (בעיערושע). ס׳איז ניטאָ די זאך אין שטוב, וואָס ס׳וועט מיט דער צייט ניט יארשענען דאָס ליב קינד, די איינציקע טאָכטער אנא, אָבער דערווייל פארגעסט מען זי אויך ניט, טאטע־מאמע האלטן זיך באם קלאל, אז ס׳איז בעסער צו געבן פון ווארעמע הענט, אידער דערנאָך זאָל דאָס ביסל גוטס ארויספאלן פון א האנט א קאלטער, פארגלייווערטער. קיין לענינגראד האָט מען אָפט געשיקט קעסטלעך מיט געשמאקן און דערהויפט נוצלעכן, רייכן מיט וויטאמינען, עסנווארג. די שפייז־קעסטלעך זיינען געווען אין דער מאמעס רעשוס, זי האָט געקראָגן די נייטיקע פראָדוקטן, זי האָט געבאקט געבעקסן, קאָנסערווירט קאָמפאָטן. דער טאטע איז געגאנגען אף דער פאָטשט אוועקשיקן געלט־איבערוויזונגען. ער האָט געהאט א גרויסע האנאָע אָנצושרייבן מיט זיין אויסגעצייכנטן האנטשריפט דעם נאָמען און פאָטערנאָמען פון דער טאָכטער. און ס׳איז ניט געווען בא די עלטערן קיין גרעסער גליק און גרעסערע פרייד, ווען אנא, אניעטשקע איז געקומען אהיים אף קאניקולן. אָבער יעדן מאָל

האָבן זיי געהאט הארצווייטעק, ווען זיי האָבן געטאָן אף איר א קוק. מאָגערלעך, בלייכלעך.

— זאָג מיר נאָר, קינד מיינס, — פרעגט מיט אן אומעטיקן שמייכל די מאמע, — אין לענינגראד איז נאָך אלץ די בלאָקאדע?

— די בלאָקאדע איז ניטאָ, — ענטפערט אניעטשקע, — אָבער פארגעסן וועגן איר האָט מען ניט.

— פארוואָס האָסטו זיך ניט געקויפט א נייעם מאנטל, — פרעגט דער טאטע, — מיר האָבן דיר דאָך ארויסגעשיקט געלט אף דעם, און דו האָסט אליין געשריבן, אז דו ווילסט קויפן...

— איך האָב זיך שוין געקליבן גיין אפן ניעווסקי פראָספעקט אין אוניווערמאג, — דערציילט אנא. — איך גיב א קוק אין בייטעלע — דאָרטן האָב איך שוין א פשיק.

די עלטערן פרעגן ניט, אף וואָס זי האָט פארטאָן דאָס געלט, זיי ווילן ניט באליידיקן זי מיט א מינדסטן פאָרוואורף, מיט אן אומפאָרזיכטיק וואָרט, וואָס קאָן זיך אראָפּקייקלען פון דער צונג.

— די קיכעלעך, וואָס איך האָב דיר אין דער לעצטער פאָסילקע געשיקט, זיינען דיר געווען געפעלן? — וויל וויסן די מאמע.

— יאָ, מאמע, זייער געפעלן. זיי זיינען געווען אזעלכע געשמאקע. אין צוזאמענוווינונג האָט מען זיי שטארק געלויבט.

די עלטערן, די בוכהאלטערס, ווילן פונדעסטוועגן דערגרונטעווען זיך צו א שטיקל כעזשבן, און דער טאטע פרעגט:

— געדענקסטו כאָטשבי, ווען און וויפל געלט דו אנטלייסט. אז מע גיט, דארף מען פארשרייבן אין א ביכעלע, ווען מע האָט געגעבן, מע זאָל וויסן, בא ווען דערנאָך אָפּצונעמען.

— פארשרייבן פארשרייב איך ניט, טאטע, איך געדענק אזוי. כ׳האָב אייך געשריבן, אז איך לעב מיט נאָך דריי מיידלעך אין אונדזער צימער און אז ס׳איז בא אונדז א קאָמונע.

— פון קאָמונעס האָט מען זיך שוין אָפּגעזאָגט. יעדערער קריגט אזויפיל, וויפל ער פארדינט, — באמערקט דער טאטע.

— אז מיר וועלן פארדינען, וועט יעדער פון אונדז קריגן זיין פארדינסט לויט זיין ארבעט. דערווייל קריגן מיר סטיפענדיע. סוועטלאנע האָט אף דער ווינטערדיקער סעסיע אָפּגעגעבן שלעכט די עקזאמענעס און מע האָט זי אפן גאנצן סעמעסטער אראָפּגענומען פון סטיפענדיע, אָבער גיין עסן אין סטאָלאָווע האָט זי געדארפט?

— מיר זיינען אויך ניט קיין נעגידים, דו ווייסט דאָס. — זאָגט שטיל די מאמע.

— דאָס גאנצע געלט אפן מאנטל האָסטו

דאָך סוועטלאַנען ניט אָפּגעגעבן, — פּרוווט אַרײַנטראָגן אַ קלאָרקײַט דער טאַטע.

— איך ווייס אַליין ניט, וווהין ס'איז זיך צעקראָכן, כאָטש אונדזער צימער איז פאַראַן נאָך צימערן, מע קומט אַרײַן און אָפּזאָגן קאָן מען ניט, וויבאַלד ס'איז דאָ אין בײַטעלע.

— נו, הערסטו, טאַכטערקע, בא דיר איז שוין גאָר אַזוי, ווי מענטשן וועלן לעבן באַם קאָמוניזם. דיר גיט מען אויך?

— אַז כ'וועל דאַרפן, וועט מען געבן. — האָט אַנאַ שטרענג, אַ ביסל אַפּילע מיט אַ קאַס, פאַר־ענדיקט דעם געשפּרעך, און ניט דער טאַטע, ניט די מאַמע האָבן ניט געפּרוווט אים באַ־נײַען, קעדיי ניט צו נערווירן זי. מע האָט אָף אָט דער טעמע מער ניט אויסגערעדט אַ וואָרט, ניט געוואָלט אײַנעסן זיך דער טאָכטער אין די ביינער. איז אָבער אופגעקומען אַ נײַע זאַך, וועלכע האָט שטאַרק באומרויִקט די עלטערן און שווײַגן האָבן זיי ניט געקאָנט. זיי איז גאָר ניט געווען צום האַרצן, וואָס אַנאַ פאַרברענגט די אָונטן מיט זיאַמען. דעם דריטן אָונט, ווען זי האָט זיך אומגעקערט שפּעט אַהיים און זי האָט געזאָגט, אַז זי איז געווען מיט זיאַמען אָף דער וואָלגע, געפאָרן מיט אים הין און צוריק אין אַן אָונטיקן שפּאַציר־מאַרשרוט אָף אַ דאַמף־שיף „מעטעאָר" און ביידע האָבן געהאַט גרויסן פאַרגעניגן פון דער קורצער רײַזע, וועלכע איז דורכגעפלויגן, ווי איין מינוט, האָט די מאַמע ניט אויסגעהאַלטן, און דער טאַטע איז אויך ניט געווען בעקויעך מער צו שווײַגן.

— ווייסטו כאַטשבי, ווער זיאַמע איז? — האָט די מאַמע געפרעגט.

— איך ווייס, מאַמע. ער איז אַ שלאָסער.

— און מער ווייסטו פון אים גאָרניט? האָסט מער גאָרניט געהערט?

— איך האָב געהערט. מײַנע כאַווערטעס דאָ האָבן מיר דערציילט.

— ווײַזט אויס, אַז ניט אַלץ האָבן זיי דיר דערציילט. אַניע, דו ביסט דאָך אַ קלוג מיידל. איך און דער טאַטע פאַרשטייען ניט, וואָס האָ־סטו דערזען אין אים, און וואָס האָט דער שי־קער, דער גאַרנישט, וועלכער איז געווען אַ וואָס אין דער קאַרט פריִער און איצט איז ער דאָס אויך, דערזען אין דיר. איר זײַנט דאָך ווײַט איינער פונעם אַנדערן, ווי דער הימל פון דער ערד.

— פאַרשיידענע פּאַליוסן, מאַמע, ציִען זיך צו, — האָט אַנאַ געלאַכט.

איצט האָבן די עלטערן שוין געוואָלט, אַז זי זאָל גיכער אוועקפאָרן קיין לענינגראַד, זי וועט זיאַמען ניט זען און פאַרגעסן וועגן אים, און ער וועט פאַרגעסן וועגן איר. דעם הולטײַ איז, ווײַזט אויס, אַנגענעם, וואָס ער שפּאַצירט מיט אַ סטודענטקע פון לענינגראַד און זי, די מעשוגענע, איז צופרידן, וואָס ס'איז איר אין די אָונטן ניט אומעטיק, ווען זיי וועלן זײַן פונדערווײַטנס, וועט דער מעשוגאַס דורכ־גיין.

ס'האָט זיך געדוכט, אַז אַזוי איז דאָס טאַקע. זי איז אוועקגעפאָרן קיין לענינגראַד, און פון אירע בריוו אַהיים, צו די עלטערן, איז אַפּילע מיט אַ וואָרט, מיט אַן אָנדײַט ניט געווען צו זען, אַז זי אינטערעסירט זיך מיט זיאַמען, קיין איין מאָל ניט נאָכגעפרעגט זיך, ניט דער־מאָנט זײַן נאָמען. אים האָט זי אויך ניט געשריבן. דאָס האָבן זיי געוווּסט אָף זיכער. אויב זי וואָלט געשריבן, וואָלטן זיי געוווּסט, זיאַמעס מאַמע וואָלט דערציילט.

זיאַמעס מאַמע, יעלענאַ גריגאָריעוונאַ, זי וווינט אינעם אַנטקעגנדיקן הויז, ווען זי האָט דערזען, אַז זיאַמע פאַרברענגט איין אָונט און אַ צווייטן אָונט, און אַ דריטן ניט באַם ביר־פּאַוויליאָן, צווישן זײַנס גלײַכן, ער איז צוגע־זאָטן געוואָרן צו דער סטודענטקע, וועלכע איז געקומען פון לענינגראַד, איז קיין גליקלעכע־רער מענטש פון איר ניט געווען אָף דער וועלט. זי איז אופגעריכט געוואָרן. זי האָט דערפילט, אַז אַ ליכטיקער שטראַל האָט אַרײַנ־געשײַנט צו איר אין שטוב. זי האָט זיך גע־גרייט, ווי צו אַ יאָמטעוו צו יענער שאַ, ווען זיאַמע וועט עפּשער אַרײַנפירן דאָס מיידל ווײַזן זײַן וווינונג. מיט אַ צײַט צוריק האָט זי גע־קויפט ניט קיין טײַערן טעפּיך, אַ פּאָר מאָל אויסגעשפּרייט אָפן דיל, און מער ניט. ער איז געלעגן אַ צונויפגעדרייטער באַ דער טיר פון באַלקאָן. אַ טעפּיך זאַפּט אײַן שטויב, מע דאַרף אים יעדן מאָל שלעפּן אויסקלאַפּן אין דרויסן, זיאַמע האָט אים איין מאָל אויסגעקלאַפּט און מער ניט געוואָלט דאָס טאָן, און ביידע, סײַ דער זון, סײַ די מאַמע, זײַנען געקומען צום באַשלוס, אַז אַזאַ זאַך, ווי אַ טעפּיך, איז אין זייער שטוב אַן איבעריקע זאַך. ווער גייט צו זיי? אין יענע טעג, ווען אַנאַ איז געקומען צו פאָרן, איז אין איינעם אַ זונטיק דער טעפּיך געוואָרן אויסגעשפּרייט אָפן דיל. עמעס, דאָס מיידל איז טאַקע דאַן ניט אַרײַנגעקומען אין שטוב, אָבער אַ שטיקל יאָמטעוו איז געווען דעם גאַנצער טאָג, ווײַל די מאַמע האָט געוווּסט, אַז זיאַמע איז אוועקגעפאָרן מיט אַנען אָף אַן עקסקורסיע קיין מאָסקווע, אַן אוטאָבוס וועט זיי אַרומפירן איבער די צענטראַלע מאָסקווער גאַסן און פּלע־צער. ווען זיאַמע האָט זיך אומגעקערט אַהיים און זי האָט געפרעגט באַ אים, צי די עקסקור־סיע איז געווען אַ גוטע, האָט ער זי אַרומגענו־מען און געענטפערט:

— זייער אַ גוטע, מאַמע, ס'איז געווען איין פאַרגעניגן.

און איר איז אויך געוואָרן אַזוי גוט, זי האָט אויך געהאַט אַזאַ פאַרגעניגן...

זי האָט געפּרוּווט זיך באַפרייַנדן מיטן מיידלס עלטערן, מע איז פריִער געווען באַקאַנט, ווי מע איז באַקאַנט מיט שכנים, וועלכע וווינען אין אַ גרויסן הויף מיט אַ סאַך הייַזער. מע באַגעגנט זיך, ווען מע לויפט אינדערפרי אַף דער אַרבעט און פאַרנאַכט פון דער אַרבעט, מע טרעפט זיך אויך, ווען מע טראָגט די עמערלעך מיסט צו די קאָנטיינערס; אַמאָל טוט מען אַ שאָקל איינער צום אַנדערן מיטן קאָפּ, אַמאָל קומט מען אָן אָן דעם אויך. איצט האָט יעלענאַ גריגאָריעוונאַ אַזוי פרייַנטלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ צו די בוכהאַלטערס, אַזוי ליב געשמייכלט צו זיי, אַקוראַט ווי זי וואָלט געגאַרט, זיי זאָלן פאַר איר אויסשרייַבן עפּעס זייער אַ ווערטפולן טשעק, אַ מין וועקסל פון אָנקומענדיקע גליק און פרייד. אָבער דאָס בוכהאַלטערישע פּאַרפאָלק האָט זייער קאַרג, זייער אייַנגעהאַלטן אָפּגעענטפערט איר מיט אַ קוים־קוים צוריקשאָקל מיטן קאָפּ, ווי דער קאָפּ וועט אַראָפּפאַלן, אויב מע וועט עטוואָס בעסער אים אַ נייג טאָן. אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך דעם, ווי אַנאַ איז אַוועקגעפאָרן, האָט זיאַמעס מאַמע פונדעסטוועגן איינמאָל אָפּגעשטעלט זיי, ליב און וואַרעם אַ שמייכל געטאָן:

— אַוועקגעפאָרן אייַער טאָכטער?

— אַוועקגעפאָרן.

— און ס'איז אַוואַדע אומעטיקער געוואָרן אין שטוב... — האָט יעלענאַ גריגאָריעוונאַ געוואָלט פאַרפירן אַ געשפּרעך, אָבער דאָס פּאָרפאָלק איז ניט געווען געניגט דערצו.

— ס'איז ניטאָ ווען, ס'זאָל זייַן אומעטיק... אַנטשולדיקט, מיר איַילן... — יודיף האָט גרינג אַ צי געטאָן דעם מאַן באַם אַרבל, און זיי זייַנען אַוועק ווייַטער.

— ס'האָט זיך באַקומען גראָב, אַזוי טוט מען ניט. — האָט יורי מאַיסייעוויטש געמאַכט אַ באַמערקונג דעם ווייַב, ווען זיי האָבן איבערגעלאָזט די פרוי אין אָפּהענטיקע און באַליידיקטע שטיין אין הויף.

— זאָל זי ניט מיינען און זאָל זי ניט האָפן, מיר וועלן מיט איר זיך ניט מעשאַדעך זייַן. אונדזער טאָכטער וועט נעמען דעם שייקער, נאָר ווען איך מיט דיר וועלן ליגן אין קייווער! — יודיף איז געווען אַזוי אויפגעבראַכט, ס'האָט אין איר אַזוי געקאָכט, אַז זי האָט דאָס אויסגעשריִען אין דער הויך. ס'האָט זי ניט געאַרט, וואָס אין הויף וועט מען הערן. אַדעראַבע, זאָל מען הערן און זאָל הערן דעם טאָכשיטס מאַמע, און אויב ער וועט דאָס אַליין הערן, איז אויך ניט שלעכט.

— שאַ, וואָס כאַפּסטו שוין די פיש פאַרן עק? — האָט יורי מאַיסייעוויטש געפּרוּווט זי באַרויקן. — ס'האַלט נאָך ניט דערבייַ. און וואָס האָסטו צו זייַן מאַמען? זי איז גענוג געוואָרן פאַרשוואַרצט מיט אים...

— ווילסטו, אַז מיר זאָלן אויך ווערן פאַרשוואַרצט? מיר צוזאַמען מיט אונדזער איינציקער טאָכטער?!

2

אין יאַנואַר, בייַס די ווינטער־קאַניקולן, איז אַנאַ אַף אַ וואָך געקומען צו פאָרן אהיים. זי האָט כאַווערטעס אין קאַלינין, זייַנען זיי אינעם זעלבן טאָג געקומען צו איר און מע האָט זיך געלאָזט גיין צום טייַך אַף ליזשעס. אַלץ איז געווען גוט, נאָר אַף מאָרגן אינדערפרי האָט זי מיט אַ געלעכטער אַ פרעג געטאָן אין שטוב:

— ס'רינט ניט באַ אונדז דער קראַן?

— ס'רינט ניט. — באַ טאַטע־מאַמע האָט פון דער פראַגע מיטן געלעכטערל אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן.

דאָס האָט אַזוי פאַרדראָסן דער מאַמען, אַז זי האָט באַשלאָסן אויסטראַכטן אַ גאַנצע מייַסע, אַ בילבל, אַבי די טאָכטער זאָל ווידער ניט פאַרברענגען די אָוונטן מיטן שיינעם קוואַליער. זי האָט דערציילט אַנען, אַז אין דער קאַנטאָר פון „זשעק“ איז אָנגעקומען אַרבעטן אַ סאַנטעכניקער, אַ יונגע, שיינע און פריילעכע פרוי. ווען ס'טרעפט אָן אַוואַריע, ס'פּלאַצט אַ טרויב, אָדער ס'גיסט זיך אָן אַנדער אומגליק, און מע לויפט זוכן דעם שלאָסער, זאָגט מען — זוכט אים ניט, ער איז באַ קאַטיען, באַם נייַעם סאַנטעכניקער.

באַ אַנען האָט זיך געביטן די פאַרב אין פּאָנעם, זי האָט געקוקט אַף דער מאַמען, שטומערהייט געבעטן, זי זאָל אויפהערן ריידן, נאָר די מאַמע האָט ניט אויפגעהערט:

— די רובלס און די דרייַערלעך, וועלכע מע שטופּט אים אין דער האַנט אַרייַן נאָך דעם, ווי ער האָט באַ עמעצן עפּעס־וואָס פאַריכט, ברענגט ער אויס אַף קאַטיען. מע נעמט זיך צונויף יעדן אָוונט און מע הוליעט.

— מאַמע, האָסט האַנאָע, וואָס דו דערציילסט דאָס מיר אַזוי געגנוי? — האָט אַנאַ אַ געשריי געטאָן.

די איבעריקע עטלעכע טעג, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אינדערהיים, האָט מען אין שטוב וויניק גערעדט צווישן זיך, די טאָכטער און

די עלטערן זײַנען אַזוי ווי פרעמדע געוואָרן. אַ סוואָרע, אַז אין אײנעם פון די אָוונטן האָט אַנאַ געטראָפן זיך מיט זיאַמען, אָבער קיין איין וואָרט ניט דערציילט וועגן דעם אין שטוב. דער טאַטע האָט אָנגעהויבן געבן עפּעס אַ פרעג, האָט אַנאַ אָן אויפגערעגטע אים איבערגעשלאָגן:

— דיר איז, טאַטע, דען ניט אַלציינס? די מאַמע און דו האָבן דאָך געוואָלט, ס'זאָל זײַן אַזוי, איז דאָס אַזוי און איר מעגט זײַן צופרידן!

די בריוו, וואָס זי האָט דערנאָך געשריבן פון לענינגראַד, זײַנען גאָרניט געווען, ווי די פריערדיקע. פריִער זײַנען זיי געווען לאַנגע, געניטע, זי האָט אַרויסגעשריבן קלייניקייטן, וועלכע, זי האָט געוווּסט, ס'אינטערעסירן די עלטערן. איצט — קורצע טרוקענע בריוולעך, נאָר קעדיי מע זאָל וויסן, אַז זי לעבט, איז געזונט, לערנט זיך... און זי האָט שוין אָנגעזאָגט, אַז הײַנטיקס יאָר וועט זי זומער אַהיים ניט קומען, צוויי כאַדאָשים וועט זי זײַן אין אַ סטודענטישן בוי־אָטריאַד, די איבעריקע צײַט, וועלכע וועט בלײַבן ביזן אָנהייבן לערנען, וועט זי אָפּרוען מיט סטודענטקעס פון איר קורס, ווו זיי וועלן אָפּרוען, וועט מען באַשליסן דערנאָך.

אָבער גאָר אומגעריכט האָבן די עלטערן אָנגעהויבן באַקומען פון דער טאָכטער „לעבעדיקע גרוסן“. פון קאַלינין ביז לענינגראַד איז ניט ווײַט. זיאַמע זעצט זיך אַרײַן אין אַ זונטיקדיקן טאָג אינעם עקספּרעס־צוג, וואָס גייט אָפּ פון קאַלינין אַרום דרײַ אַזייגער באַטאָג, און אַזייגער אַכט אינאָוונט איז ער אין לענינגראַד. דער וועג פון וואָקזאַל ביז דער צוזאַמענוווינונג אויף ליטיינע, ווו ס'וווינט אַנאַ, דויערט אַ האַלבע שאָ, אַזוי אַז ס'בלײַבט נאָך, אויב ניט דער גאַנצער אָוונט, איז אַ שטיקל אָוונט געוויס. דאָס ערשטע מאָל, ווען ער איז געקומען קיין לענינגראַד צו פאָרן, איז קיין אָוונט ביכלאַל ניט געווען, און קיין נאַכט אויך ניט. ס'איז געווען יון כוידעש, די צײַט פון די ווײַסע נעכט. אין דער ווײַסלעכער ווירבלענדיקער ניט־שטאַנדהאַפטיקער ליכטיקייט פון ניט־טאָג און ניט־נאַכט, האָבן די מויערן, און די בריקן איבער דער ניעווע, און די ניעווע גופא, און דער ניעווסקי פּראָספּעקט, די פּאַלאַצן מיט די סקולפּטורן, די דענקמאָלן אָף די פּלעצער — אַלץ האָט אויסגעזען רעטענישפול, רעאַל און ניט רעאַל. אַ רעטעניש איז אויך געווען דער באָכער פון קאַלינין און די סטודענטקע פון לענינגראַד, וועלכע באַמערקן ניט, ווען די ליכטיקע ניט רעאַלע נאַכט הייבט אָן פאַרביטן ווערן אָף אַ ליכטיקן, רעאַלן טאָג. דאָס פּאָרל איז געשטאַנען באַם טשוהונענעם פאָרענטש פון דער בריק אָפן ניעווסקי פּראָספּעקט, און זיאַמע האָט גערעדט צו אַנען, אַזוי שטיל, ווי שטיל ס'האָט געמורמלט דאָס וואַסער אונטערן בריק.

— ס'איז מיר געוואָרן אַזוי אומעטיק אָן דיר... ווען דו זאָלסט וווינען ניט דאָ, אינדערנאָענט, נאָר ווײַט, זייער ווײַט, אין וולאַדיוואָסטאָק, וואָלט איך אויך געקומען צו דיר...

— און זי, די סאַנטעכניקערן? — האָט אויך אַזוי שטיל געפרעגט אַנאַ.

— איך האָב דיר געזאָגט, ווען דו ביסט ווינטער געקומען צו פאָרן אַהיים, נאָר האָסט מיר דאַן ניט געגלייבט, ביסט אוועקגעלאָפן. פאַרוואָס ווילסטו מיר ניט גלייבן? ווען כ'זאָל וויסן, ווער דאָס האָט אויסגעטראַכט, וואָלט איך אים דערהאַרגעט. די סאַנטעכניקערן שיקט מיך אָף אַרבעט, כ'זיץ אַמאָל אין קאָנטאָר און רייד מיט איר. אין שטוב בא איר בין איך געווען איין מאָל, ווען זי האָט דעם גאַנצן „זשעק“ אײַנגעלאַדן צו זיך אָף איר געבורטסטאָג.

— פאַרענטפער זיך ניט... — האָט אַנאַ געבעטן.

— איך פאַרענטפער זיך ניט, נאָר גלייב מיר, אַז דאָס איז אַזוי.

דאָס אַנדערע מאָל איז זיאַמע געקומען צו פאָרן, ווען די ווײַסע נעכט זײַנען שוין ניט געווען. ס'איז געווען אַ געוויינלעכער אָוונט און אַ געוויינלעכע נאַכט. אַנאַ און די מיידלעך, וואָס וווינען מיט איר אין צימער, האָבן אים אויפגענומען זייער פרײַנטלעך. דער גאַסט האָט געבראַכט געשמאַקן געבעקס, וואָס די מאַמע זײַנע האָט אויסגעבאַקן, און די „קאָמונע“ איז זיך מעכאַבעד געווען. מע האָט געטרונקען צוזאַמען טיי. שפּעטער זײַנען אַלע אַרויס שפּאַצירן אין גאַס. זיאַמען און אַנען האָט מען געלאָזט אַ ביסל פאָרויס, אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע. אַנאַ האָט אים באַגלייט ביז דער אײַזנבאַן־פּלאַטפאָרם. ער איז אוועקגעפאָרן מיטן באַנאַכטיקן אײנסאַזייגערדיקן שנעלצוג.

אינדערפרי האָט דער באָכער דעם ערשטן וויזיט אָפּגעשטעקט אַנעס עלטערן.

— איך האָב אײַך געבראַכט אַ לעבעדיקן גרוס פון אײַער טאָכטער, — האָט ער אָנגעזאָגט די בסורע־טויווע גלײַך אָף דער שוועל, און מיט אַ געניטן אויג געכאַפּט שוין דערווײַל אַ קוק אָף די סאַניטאַר־אײַנריכטונגען אין דער דירע. אים האָט זיך זייער געוואָלט, אַז מע זאָל דאָ דאַרפן עפּעס־וואָס פאַריכטן.

„לעבעדיקע גרוסן“ פון אַנען האָבן אירע עלטערן דערנאָך שוין געקראָגן ניט זעלטענער, ווי צוויי מאָל אין כוידעש...

שימשן

ער הייסט שימשן, אָבער א גיבער איז ער ניט. עמעס, א שוואכינקער אויך ניט. א נאָרמאלער מאנצבל, פון מיטעלן וווקס, מיט ניט גאָר ברייטע, אָבער אויך ניט זייער שמאָלע אקסלען, די מוסקולן שפּילן ניט. נאָר זיי זײַנען אויך ניט קיין שלאבעריקע. א גרויסן זאק וועלן די הענט ניט אופהייבן, נאָר א זעקל פון א צוויי־דרײַ פּוד איז פאר זיי ניט קיין וועזן. אויסגעצייכנט האָט זיך שימשן מיט זײַנע אופטוען, א מענטש מיט א קאָפּ, און מיט ענערגיע, און מיט אָרגאניזאטאָרישע פעיִקײַטן. אייניקע מאָל האָט זײַן דורשט צו ברויזנדיקער טעטיקײַט אים פארטראָגן אפילע אין א זײַט, ער האָט איבערגעכאפּט די מאָס, און דאן האָט מען געזאָגט אף אים: „ער איז דאָך א מעשוגענער!“

פאר דער מילכאָמע איז שימשן געווען פאָרזיצער פון א קוסטארישער ארטעל — צוערשט פון א קליין ארטעלכל, ווו מע האָט געמאכט קאָנווערטן, קארטאָנענע קעסטלעך, שפּעטער האָט די איינפאכע קוסטארישע אונטערנעמונג זיך פארברייטערט. שימשן האָט געקראָגן דרײַ ניי־מאשינעס „זינגער“, אוועקגעזעצט בא זיי זעקס נייטערנס — צו דרײַ אין א וואכטע. אף פיר בענקעלעך זײַנען געזעסן שוסטערס, פאריכט שוכווארג. באם ארײַנגאנג אין ארטעל איז דער קאָרידאָר, וויפל ס'האָט זיך געלאָזט, געוואָרן אָפּגעצאמט, און פון דער דרויסנדיקער זײַט האָט מען אופגעהאנגען א שילד ремонт часов, דערנאָך האָט מען אין דער זײַט פון די טרעפּלעך, וועלכע האָבן געפירט אין א קעלער, צוגעקלאפּט א שילדל изготовление ключей, מיט אן אָנגעמאָלטן גרויסן שליסל. דער ארטעל האָט גענומען געבן ארבעט אף אהיים — אײַנבינדן, שטריקן. שימשן האָט זיך נאָך ניט בארויִקט. ער האָט אויסגעזוכט א צימער מיט א פירהויז פאר א שערערײַ, דערווײַל נאָר פאר מאנצבלען, אָבער ס'איז קיין סאָפּעק ניט געווען, אז ער וועט אויך עפענען א דאמען־זאל. ער האָט געפונען אן אָרט פאר צוויי מאשיניסטקעס און צוויי מאשינקעס — אן אָנהייב פון א מאשין־ביוראָ, וועלכע וועט מיט דער צײַט דרוקן הונדערטער זײַטלעך אין א טאָג. אין שטאָטסאָוועט און אין דער געברויך־קאָאָפּעראציע האָט מען שימשענען געלויבט, אונטערגעהאלטן זײַן איניציאַטיוו, נאָר אָפטמאָל האָט מען דאָרטן בא אים געפרעגט:

— סאמסאָן באָריסאָוויטש, איר ווילט די גאנצע שטאָט ארײַננעמען אין אײַער ארטעל?

ארומגעטראָגן האָט ער זיך מיט א פאנטאסטישן פּלאן, וועלכן אפילע ער אליין האָט קיינעם ניט געוואגט אויסצוזאָגן, כוץ דער פרוי זײַנער, אידען. אין די אָוונטן, בא זיך אין שטוב, אין א ווײַסער העמד אונטערן ברוינעם זשילעט און אין א ברוין היטעלע, א מין יארמלקע, וואָס ער אליין האָט אופגעניט, ס'איז גרינג און לוסטיק דעם קאָפּ אין א יארמלקע, — האָט ער געהאלטן, — איז ער ארומגעגאנגען איבערן צימער און פאנטאזירט:

— איך דארף א שיף. אײַ דארף איך א שיף...

— וואָס וועסטו מיט דער שיף אופטאָן? — די ברעמען בא אידען האָבן זיך געהויבן ארופצו, זי האָט גוטמוטיק, א ביסל מיט כויזעק, געקוקט אפן מאן, וועלכער וויל ווערן א שווימער, שווימען איבער יאמען. און שימשן האָט איר ערנסט און גענוי דערקלערט:

— בײַסן בירגערקריג זײַנען אומגעקומען א סאך שיפן, געגאנגען צו גרונט. און אף די שיפן, ווי מיינסטו, איז עפּעס געווען? אין אָדעס האָט מען דערטרונקען א גאנצע עסקאדרע.

— ווארט מען נאָר אף דיר, אף דײַן ארטעל מיט די דרײַ שנײַדערקעס און אָנדערהאלבן מאשיניסטקעס, דו זאָלסט די עסקאדרע ארויסשלעפּן? אָן דיר ווייסט קיינער ניט און האָט זיך ניט דערטראכט, אז אף די שיפן איז עפּעס געבליבן און מע דארף דאָס פון דאָרטן ארויסנעמען? — אידע, ווי יעדע געטרײַע ווײַב, האָט געהאט האנאָע, וואָס זי קאָן דעם מאן לערנען עטוואָס סייכל, א ביסל קליגער דענקען.

— מאך מיך ניט פאר קיין נאר און פאר א מענאכעם־מענדל, — האָט שימשן געהעכערט דעם קאָל. — כ'ווייס זייער גוט, אז ס'איז פאראן א גאנצע אָרגאניזאציע, עפּראָן הייסט זי, וועלכע פארנעמט זיך מיט אזעלכע זאכן. אָבער ארבעט וועט דאָרטן קלעקן ניט נאָר פאר עפּראָן, נאָר פאר יעדן, וואָס האָט א קאָפּ אף די פּלייצעס און איז בעקוייעך מיט עפּעס העלפן. איך וואָלט צוזאמען מיט אנדערע אויך זיך גענומען סאָפּקאָלסאָף צום „טיטאניק“.

— וואָס איז דאָס נאָך פאר א דערטרונקענער? — האָט אידע געוואָלט וויסן.

— האָסט ניט געהערט וועגן דער טראגעדיע פון „טיטאניק“? איז וועגן וואָס ביכלאל פאראן מיט דיר צו ריידן?

— אָך, דער „טיטאניק“, — האָט אידע זיך דערמאָנט. — אוודע האָב איך געהערט...

— האָסט געהערט און פארגעסן, און איך געדענק. „טיטאניק“ איז דערטרונקען געוואָרן

אין טויזנט נייַן הונדערט צוועלפטן יאָר אין אָקעאַן, — האָט שימשן געדולדיק גענומען דערקלערן, — ס'האָט אויסגעבראָכן א סריפּע, ווען אף די פאלובעס האָט מען געטאנצט. ס'איז געווען זייער א רייַכע שיף, מיליאָנערן זייַנען אף איר געפאָרן אין א לוקסוס־רייַזע, שטעלסטו זיך פאָר, וויפל גאָלד, בריליאַנטן, וויפל טייַערסטע צירונג און זאכן איז אַראָפּ אפן דעק צוזאמען מיט דער שיף און ס'ליגט דאָרטן ביז איצט?

אידע האָט געלאכט, און שימשן האָט זיך געקאעסט גאָר אָן קאטאָוועס.

— הונדערט פּראָיעקטן זייַנען שוין דאָ, פארוואָס טאָר ניט זייַן מייַן הונדערט ערשטער? ווען מע זאָל מיר נאָר אָנפארטרויען און לאָזן צעשפרייטן די הענט.

— טו, ווי דו פארשטייסט, — האָט אידע אים נאָכגעגעבן, ס'זאָל ניט דערגיין ביז צו א קריג. „מייַן שימשן איז גוט אין דער ארבעט“, — האָט זי אין זיך געטראכט.

ווען ס'איז געוואָרן די מילכאָמע, האָט מען שימשענען מאָבילעזירט אפן פראָנט. אומגעקערט האָט ער זיך מיט מאזל — די הענט, די פיס גאנץ, נאָר א קאָנטוזיעטער. אייַנגעאָרדנט האָט ער זיך אף א רויִקער ארבעט — א קירזשנער אף א היטל־פאבריק, קירזשנערייַ האָט ער נאָך אין דער יוגנט א ביסל זיך אויסגעלערנט אין שטעטל בא א באלמעלאָכע. אף דער פאבריק האָט ער געהאט א פּריווילעגיע — שאבעס ארבעט ער ניט. ער איז נאָך דער מילכאָמע געוואָרן א פרומער. ווען מע פלעגט אים בעמען דערווייַזן, אז אויב ס'וואָלט געווען א גאָט, וואָלט ער דען דערלאָזט, אז מע זאָל די ייִדן אזוי רוידעפן, מע זאָל אזויפיל ייִדן אויסהארגענען, האָט שימשן מיט אָנגעצונדענע אויגן געענטפערט:

— און דאָך לעבן מיר! ניט אומזיסט זאָגט מען: „אייל מאָלע ראכמים“. ער האָט געשטראָפט, ווייַל מע האָט אופגעהערט גלויבן אין אים!

די פאנטאזיעס, כאלוימעס, צו וועלכע ער איז שטענדיק געווען גענייגט, האָבן אים איצט נאָך מער פארכאפט און ניט געלאָזט צורו, זיי האָבן אָבער געענדערט זייער ווענדונג און ריכטונג. אויב פריִער האָבן זיי געטראָגן א פּאָזיטיוון, אָדער לויט דער נייַער טערמינאָלאָגיע, אזוי צו זאָגן, קאָנסטרוקטיוון כאראקטער, געהאט א ציל אופצוטאָן נוצלעכע זאכן, זייַנען איצט די געדאנקען, די פאנטאזיעס זייַנע געווען הוילע באטלאָנעס, אויסגעזען מעשוגעדיק, ווילד, — אזעלכע קאָנען געבוירן ווערן נאָר בא א מענטשן, וועלכער איז גערירט פון זינען. מע האָט אים טאקע פאר אזא געהאלטן.

אזוי ווי בא א שיקער, ווען ס'פאלט אף אים אָן דער דורשט צו טרינקען, און וויפל ער טרינקט ניט, איז אים ווייניק, אזוי איז אף שימשענען פון צייַט צו צייַט אָנגעפאלן א דורשט צו לייענען ביכער, מאמעש צו שלינגען זיי, און נאָך מער א דורשט צום שרייַבן. ער האָט דעמלט, ווי נאָר ער איז געקומען אהיים נאָך דער ארבעט, פארשפּאַרט זיך אין איינעם פון די צימערן פון זייַן צוויי־צימערדיקער דירע און קיינער האָט ניט געטאָרט אף א מינוט אריַינגייִן צו אים. די פרוי, אידע, אויך ניט, אפילע אָנקלאפן אין דער טיר. ער האָט זיך געגריבלט אין ענציקלאָפעדיעס, אָנגעזאפט זיך מיט יעדיִעס, פון וועלכע ער האָט פריִער ניט געהערט אָדער געהאט זייער א קנאפע אנונג. די יעדיִעס האָבן אף א פענאָמענאלן אויפן „איבערגעקאָכט“ זיך בא אים אין קאָפּ און אף זייער סמאך האָט ער פארפאסט דערציילונגען. געשריבן האָט ער אין גראָבע העפטן, געשריבן גיך, אימפּעטדיק, מיט א געדיכטן פארדרייט־פארפלאָנטערטן קסאַוו, וועלכן קיינער און ער אויך ניט, האָבן דערנאָך ניט געקאָנט פאנאנדערקלייַבן אָן אָס. דערפאר מיסטאמע האָט ער די געשיכטעס זייַנע קיינמאָל ניט געלייענט, נאָר דערציילט מינדלעך. און דערציילן האָט ער ליב געהאט יעדן, וועמען ער האָט נאָר געהאט א מעגלעכקייַט צו דערציילן. מעשוגעדיקע מייַסעס, אויספאנטאזירטע אָפטמאָל אפילע מיט געוויסן טאלאנט.

צו מיר האָט שימשן אָנגעהויבן אריַינקומען, ווי נאָר ער האָט פארענדיקט א נייַע זאך. אין איינעם א טאָג, שוין אין שפעטן אָוונט, איך האָב נאָר באוויזן עפענען די טיר און אים אריַינלאָזן, האָט ער גלייַך פון שוועל מיר אריַינגעשעפטשעט אין אויער:

— איך בין עליִאָהו האנאָווי!

איך האָב א שמייכל געטאָן און געגעבן א טראכט, אז מייַן אָרעמער שימשן האלט שוין גאָר ווייַט.

— הייַנט איז ניט פייסעך־צונאכטס און אף עליִאָהו האנאָווי וואַרט איך ניט, דעם קאָס ניט אָנגעגאָסן, — האָב איך געפּרוווט אים א ביסל אויסניכטערן פון זייַן מעשוגאַס און, דעם עמעס געזאָגט, ניט געהאט דעם מינדסטן כיישעק אוועקזעצן זיך איצט מיט אים און ביז האלבער נאכט הערן זייַן שפּאָגל־נייַ ווערק. מיר זייַנען געשטאנען אין קאָרידאָר, און איך האָב זיך ניט געייַלט צו העלפן אים אויסטאָן דעם מאנטל, ער האָט גיך אליין אים אויסגעטאָן, און נאָך פריִער פון מיר אריַין אין מייַן צימער. ער איז געווען אזוי אופגערודערט, אז ער האָט זיך ניט אוועקגעזעצט אפן דיוואַן, ווו ער האָט ליב צו זיצן, נאָר געבליבן שטיין אינמיטן צימער.

— איר זיצט און שרײַבט אײַערע מײַסעס־שפּײַסעס, — ער האָט מיט ביטל און קאַס א מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַף די זײַטלעך פּאַפּיר, וואָס זײַנען געלעגן בא מיר אַפן טיש, — מוישקעלע האָט זיך פאַרליבט אין ריווע־קעלען... אָט הערט מיך אויס! — דאָס פּאָנעם איז געווען בא אים שטרענג, די קנײטשן אַפן שטערן — טיפער, ווי געוויינלעך. די אויגן האָבן געגלאַנצט מיטן פײַערדיקן גלאַנץ פון א מין קישעפמאַכער, וועלכער קאָן ווײַזן ניסים, א מין דזשין, וואָס איז געזעסן פאַרפּראָפּקעוועט אין זײַן פלאַש און מע האָט אים אַרויסגעלאָזט, ער זאָל קומען און דערציילן דער וועלט וווּנדער־לעכע געשיכטעס מיט קלוגע מוסער־האַסקלס.

מײַנע בני־באַיִס, דורכגייענדיק פאַרבײַ דער אָפענער טיר פון מײַן צימער, האָבן געכאַפּט א קוק אַפן גאַסט. ער האָט זיי באַמערקט און גענומען אַרײַנרופן:

— קומט אַרײַן, קומט אַרײַן! איר מעגט דאָס אויך הערן, און זאָלן די איבעריקע פון שטוב אויך אַרײַנגיין אַהער!

מײַנע שטוביקע האָבן זיך אוועקגעזעצט אַפן דיוואַן, איך האָב אויסגעדרייט מײַן שטול מיטן ווענטל צום פענצטער, כ׳זאָל זײַן מיטן פּאָנעם צום אוילעם, און זיך אויך אוועקגעזעצט. גע־בליבן איז נאָר שטיין אינמיטן צימער, ווי אַן אַרטיסט, אונדזער רעב שימשן. ווי געוויינלעך, האָט ער זײַן געשיכטע ניט געלייענט, נאָר דערציילט אויסווייניק, בלויז פון צײַט צו צײַט, אַזוי ווי פון יויצע־וועגן, א קוק געטאָן אין העפט, וואָס ער האָט געהאַט אוועקגעלייגט אַפן טיש, צעעפנט אַפן ערשטן זײַטל. א צעעפנטס אַפן זעלבן זײַטל איז עס געבליבן, ביז ער האָט פאַרענדיקט זײַן מײַסע.

— ליבע פרײַנט מײַנע, — האָט ער אָנגע־הויבן, — איך האָב פאַר אײַך א פריש מײַסעלע. הערט מיך אויס מיט קאָפּ. איר וועט כאַראָטע ניט האָבן. אים האָב איך שוין געזאָגט, — שימשן האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אַף מיר, — אַז איך בין עליִאָהו האַנאָווי.

ס׳האָט זיך דורכגעטראָגן א געלעכטער. א פּאָר הענט האָבן אַפילע א פּליעסקע געטאָן און א פּאָר ליפּן א שעפּטשע געגעבן מיט פאַרגע־ניגן: „ס׳איז אַן אײַנפאַל! ס׳איז גוט!“ שימשן האָט אַרומגעכאַפּט אַלעמען מיט א דורכדרינג־לעכן האַרבן בליק, אַזוי ווי באַפוילנדיק, ס׳זאָל ווערן שטיל.

— ס׳איז ניטאָ אַף דער וועלט אַזא טרויע־ריק לעבן, ווו ס׳זאָל אין מעשעך פון יאָרן ניט אַרײַנדרינגען אויך א שטראַל פון פרייד, ס׳איז ניטאָ אַזא פרייד, צו וועלכער ס׳זאָל קיינמאָל זיך ניט צומישן אויך טרויער, אַנגסט, אַגמעס־נעפעש. לאָמיר נעמען אַלס בײַשפּיל א כאַסע־נע, — האָט שימשן גערעדט אין א מאַגידישן נוסעך, — צווײ הערצער פאַרייניקט צוזאַמען אין גרויסע ליבע. ליכטיק איז די מינוט, ווען ס׳ווערט בא א יונג גליקלעך פּאָרפּאָלק גע־בוירן א יוירעש, אַן אָנזאָג אַף א נײַעם דאָר, אַף נײַע לעבנס, וואָס וועלן אין זייער צײַט ברענגען ווידער לעבנס. אָבער איך בעט אײַך, ליבע פרײַנט מײַנע, אַף א ווײַלע זיך פאָר־שטעלן אַזא בילד. מײַן פאַנטאַזיע פאַרטראָגט מיך ניט נאָר צו די הויכע הימלען, צו דער זון, צו ליכטיקײַט, צום אייביקן גאַניידן, זי שלײַדערט מיך אויך אַרײַן אין די גענעמס, אין די קאַפּעקאַלס, אין די וויסטע אָפּגרונטן, טיפס־טע טהאָמען.

מײַן אוילעם אַפן דיוואַן האָט ווידער א לאַך געטאָן, און די פרויען האָבן גענומען מאַכן צו אים מיט די הענט, ער זאָל אופהערן אַנטקעגן דער נאַכט פאַרשפּרייטן זיך וועגן וויסטע אָפּ־גרונטן, שוואַרצע טהאָמען.

שימשן, ווי ניט אים מיינט מען, האָט פאָר־געזעצט:

— הערט זשע א נײַע געשיכטע, א געשיכ־טע פון אונדזער צײַט. וועגן דעם מאַבל, וואָס גאָט האָט פאַרצײַטנס אַראָפּגעשיקט אַף דער ערד, האָט איר אַלע געהערט. ס׳האָבן זיך געעפנט די פענצטער פון הימל און דער רעגן האָט געפּלייצט פערציק טעג און פערציק נעכט. און וועגן נויעכן און זײַן טייווע ווייסט איר אויך. גאָט האָט געזאָגט צו נויעכן: מאַך דיר א טייווע פון פּימסנהאָלץ, און זאָלסט זי אויס־פּעכן פון אינווייניק און אויסווייניק מיט פּעך, און האַלטן זאָל זי דרײַ הונדערט איילן די לענג, פופציק איילן די ברייט און דרײַסיק איילן די הייך. און פון אַלץ, וואָס לעבט, זאָלסטו אַרײַנברענגען צו צווײ פון איטלעכן מין אין דער טייווע, אַן ער און א זי זאָלן זיי זײַן. פון די פייגלען נאָך זייערע מינים, און פון די בע־היימעס נאָך זייערע מינים, פון אַלע שראָצים נאָך זייערע מינים, צו צווײ פון איטלעכן מין זאָלן אַרײַנגיין צו דיר, קעדיי זיי זאָלן בלײַבן לעבן. און נויעך האָט אַזוי געטאָן. און ס׳איז אומגעקומען אַלדאָס לעבעדיקע, אַלץ, וואָס אַף דער יאַבאָשע, איז געשטאָרבן. נאָר נויעך איז געבליבן און די, וועלכע זײַנען מיט אים געווען אין זײַן קאַסטן. איצט הערט, ליבע און כאַשע־ווע מײַנע פרײַנט, א נײַע געשיכטע — פון אונדזער צײַט. כ׳וועל ניט אַרופוואַרפן א גרויל און אַן אומעט, דער סאָף וועט זײַן א גוטער, נאָר ביז מיר וועלן צוקומען צום גאַניידן, מוז איך אײַך דורכפירן דורכן גענעם.

מע האָט ווידער א לאַך געטאָן און ווידער האָט מען גענומען מאַכן מיט די הענט — ווער וויל דאָס אַפילע איין מינוט זײַן אין גענעם? מײַן קאַרעוו, וואָס איז געווען צוגאַסט בא מיר, האָט זיך אופגעהויבן און אַרויס אין קאָרידאָר

רייכערן. שימשן האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט א
פאָרורטיילנדיקן בליק און איז צוגעטראָטן צו
דער עצעם געשיכטע.

— ס'איז ווידער געווען א פאַרפלייציזונג, א
וועלט־מאַבל. אַלץ איז דערטרונקען געוואָרן,
פאַרשוווּנדן אין די טיף־טיפענישן, אין די אָפּ־
גרונטן פון דער ערד. און ווידער איז פון יעדן
מין געבליבן לעבן אַן איך־און־איינציקע פּאָר.
אָבער איצט איז די מענטשהייט שוין באַשטאַ־
נען ניט פון איין פאָלק. ס'זיינען שוין געווען
הונדערט פעלקער, און פון יעדן פאָלק האָט
אויך זיך געראַטעוועט נאָר איין פּאָר — א יונ־
גער באָכער און א יונג מיידל. ליכטיקע פּנע־
מער, טונקעלע פּנעמער, ווייסהויטיקע,
שוואַרצהויטיקע, מעש־קאָליר... א סאַך פּאָרלעך
האָבן זיך געפרייט, געווען גרויס באַ זיך און
שטאָלץ — דורך זיי וועט ווידער אופגעלעבט
ווערן זייער פאָלק, וואָס האָט פאַר דער פאַר־
פלייצונג געקלונגען אין דער וועלט מיט זיינע
אופטוען, מיט זיינע מענטשן — גרעסטע דענ־
קער, גרעסטע געלערנטע, גאָניאַלע שרייבער,
קינסטלער. איניקע פּאָרלעך האָבן זיך פאַר־
קלערט: פעלקער? ווער האָט זיי אויסגעטראַכט?
ווידער — יעדער מיט זיין לאָשן, מיט זיינע
טעמפּלען און טפילעס, מיט זיינע מינהאָגים,
וואָס אָפּטמאָל געפעלן זיי ניט די אַנדערע פעל־
קער. ווידער מעכיצעס, גרענעצן, רייסערייען,
קריגערייען, מילכאָמעס.

— ס'מוזן דען זיין רייסערייען, קריגערייען,
מילכאָמעס? — דערווידערן די, וועלכע פאַרלאַנ־
גען, אַז פעלקער זאָלן פאַרבלייבן. — קיין איין
פאָלק פאַרלאַנגט ניט מילכאָמע. בעעמעס גרוי־
סע מענטשן און מענטשן פּאַשעטע, אַרבעטס־
לייט, האָבן קיינמאָל ניט געפּריידיקט מאַכלוי־
קעס און פיינטשאַפט ניט פון פאָלק צו פאָלק,
ניט פון מענטש צו מענטש. זיי האָבן געהאַלטן,
אַז דאָס איז אומגעזעצלעך און קעגן דער
נאַטור.

געקווענקלט האָט זיך דאָס יידישע פּאָרל.
געווען זיינען זיי שיין און יונג און האָבן זיך
שטאַרק ליב געקראָגן, ווי נאָר זיי האָבן זיך
דערזען. זיי האָבן שפּאַצירט צוזאַמען, אָבער
ניט דערלויבט זיך א קוש געבן איינער דעם
אַנדערן אין די ליפּן, ניט צו דערוועקן דעם
יעיצערהאָרע. אַזוי ווי זייערע אור־אורעלטערן
האָט ער געהייסן אוראָהאָם, און זי סאָרע. אַנ־
דערע פּאָרלעך האָבן זיך פאַרקוקט אַף זיי און
זיך געוווּנדערט, וואָס זיי האָבן ניט כאַסענע.
סאָרען איז געווען שטאַרק אומעטיק און זי האָט
גערעדט צו אוראָהאָמען:

— זע נאָר, ס'וועלן דורכגיין ניט קיין סאַך
יאָרן, און ס'וועלן ווידער זיין מענטשן פון זייער
פריערדיקן אָפּשטאַם, ס'וועלן ווידער זיין אַלע
פעלקער, נאָר מיר וועלן פאַרשווינדן אַן א
זייכער. מיט וואָס זיינען מיר ערגער פון אַנ־
דערע?

— כ'ווייס ניט מיט וואָס, — האָט דער באָ־
כער געענטפערט, — נאָר זינט ס'איז אופגעקו־
מען באָוול און פון אַן איינציקער שפּראַך זיינען
געוואָרן א סאַך לעשוינעס, ס'זיינען אַנטשטאַ־
נען אַריבער הונדערט פעלקער, איז אונדזער
פאָלק געווען צווישן די סאַמע געפּלאָגטע, גע־
רודפטע, דערנידעריקטע פעלקער. די גאַנצע
געשיכטע אונדזערע איז אויסגעפּלאַסטערט מיט
גזיירעס, פּאָגראָמען, פאַרניכטונג.

— יאָ, דאָס ווייס איך, דאָס איז אַזוי, —
האָט סאָרע טרויעריק צוגעשטימט, — אָבער מיר
זיינען דאָך געווען באַוווּסט אין דער וועלט ניט
נאָר מיט דעם, מיר האָבן אויך געקלונגען מיט
עפּעס אַנדערס. אָן אונדז וועט די וועלט זיין
אָרעמער, אומעטיקער.

— ס'איז עמעס, אַז יידן קאָנען אויך פריי־
לעך מאַכן, — האָט אוראָהאָם באַמערקט, —
דער יידישער „פריילעכס" איז ניט ערגער פון
אַנדערע „פריילעכסן", אָבער ס'איז אָפּטמאָל
געווען א טאַנץ ערעוו א שכיטע.

— מיר וועלן עפּשער געבוירן א נייעם
שפּינאָזע, א נייעם איינשטיין... — האָט סאָרע
געבעטן.

— אָדער א נייעם דרייפוס, א נייעם ביילים,
אַף וועמען מע טראַכט אויס בלוטיקע בילבו־
לים.

— א נייעם היינע, א נייעם יאַנוש קאָר־
טשאַק, — האָט סאָרע ניט אופגעהערט צו מורמ־
לען אירס, און אוראָהאָם האָט אַפּסניי הארב
דערווידערט:

— היינעס ווערק האָבן געפּלאַקערט אַף
שייטערס, יאַנוש קאָרטשאַקן, צוזאַמען מיט די
קינדער, וועלכע ער האָט דערצויגן, האָט מען
פאַרברענט אין א גאַז־אויוון.

— אָבער דעם פּאַשיזם האָט מען דאָך באַ־
זיגט...

— און ער האָט ווידער אופגעהויבן דעם
קאָפּ.

— ניט אומעטום... און וועט מען דען איצט,
נאָך דער פאַרפלייצונג, ניט בעסער, ניט ווייכער
ווערן איינער צום אַנדערן? ניט קליגער ווערן?

— קליגער עפּשער יאָ, אָבער בעסער ניט,
אויב נאָר ס'וועט ווידער הערשן לוקסוס און
גיריקייט און ס'וועט ליגן, א צעטראָטענע אין
טיפער נויט, די אָרעמקייט. די גרעסטע ראָצ־
כים זיינען גאָר ניט די גרעסטע נאַראָנים.
כ'וועל דיר זאָגן, ליבע סאָרע מיינע, אָט וואָס:
פעלקער, אויב זיי לעבן בעשאָלעם, איז עפּשער
גאָראַנירט שלעכט, וואָס זיי זיינען פאַרשיידענע.
אין א וואַלד, ווו ס'וואַקסן ביימער נאָר פון
איין מין, ווערט דאָס אויג גיכער פאַרמאַטערט

פון קוקן אפן איינארטיקן בילד. העלער, פרייַלעכער איז אין א וואלד א געמישטן, מיט קאָלערלייַ געוויקסעניש. אזוי קאָן אויך זייַן מיט פעלקער. יעדעס פאָלק ברענגט ארייַן אין דער וועלט־קאמער זייַן אייגנארט, זייַן כאָכמע, זייַן אויפן פון דענקען — אין דער פארשיידנקייַט איז דער פילפארביקער רעגנבויגן פון קליגסטן און שענסטן...

— זעסטו, זאָגסטו דאָך אלייַן... — סאָרע האָט זיך דערפרייט פון די לעצטע רייד זייַנע. זי האָט אים ארומגענומען און געקושט. און איר ליבע צו אים, און זייַן ליבע צו איר איז געווען אזוי גרויס, אז זיי זייַנען בייַגעקומען די קווענקלעניש.

— איך האָב צום אָנהייב, מייַנע ליבע פרייַנט, אייַך צוגעזאָגט, אז מייַן מייַסע וועט זיך ענדיקן גוט און ווי איר זעט, האָב איך ניט אָפגענארט. איצט זייַנען מיר שוין זיכער, אז אלע פעלקער וועלן לעבן אף דער וועלט, קיין איין פאָלק וועט ניט פעלן... און אָט די בסורע־טויווע האָב איך אייַך הייַנט געבראכט, איך, עליִאָהו האנאָווי.

אזוי האָט פארענדיקט שימשן, און מייַן אוילעם איז געווען צופרידן, מע האָט אים אפלאָדירט. דער קאָרעוו מייַנער, וועלכער איז ארויס רייכערן אין קאָרידאָר, האָט כאראָטע געהאט, האלעמייַ ער איז ניט געבליבן זיצן אפן דיוואן און האָט ניט געהערט... און איך האָב אויך כאראָטע געהאט. כ'האָב מיך אייַנגערעדט, אז שימשן איז ניט בא די געדאנקען. אויב ס'טרעפט מיט אים אמאָל, אז ס'איז יאָ אזוי, איז דאָס נאָר אף א קליין־קליין האָרעלע. א מענטש מיט פאנטאזיע הייסט ניט קיין מעשוגענער!..

כראָניק

יאנקא קופאלאס א ליד אין 80 שפראכן

אין מינסקער פארלאג „מאסטאצקאיא ליטעראטורא" איז אין צוזאמענהאנג מיטן 100־טן געבורטסטאָג פון דעם ווייַסרוסישן פאָלקס־פאָעט יאנקא קופאלא דערשינען אין א ספעציִעלער אויסגאבע דעם דיכטערס ליד «А хто там ідзе». די ליד איז געדרוקט אין 80 שפראכן, דערונטער אויך אין יִידיש („ווער גייט עס דאָרט?", איבערזעצונג פון זעליק אקסעלראָד).

דער קאָוונער יִידישער זעלבסטעטיקער אנסאמבל אין פאלאנגע

אין איינעם פון די גרעסטע זאלן פון דער קוראָרט־שטאָט פאלאנגע איז ארויסגעטראָטן דער פארייניקטער אנסאמבל פון דער יִידישער קינסטלערישער זעלבסטעטיקייַט באַם קאָוונער קולטור־פאלאץ פון די פראָפאריינען.

עס האָבן באוויזן זייער קונסט די וואָקאלע גרופע אונטער דער אָנפירונג פון ד. גאָמבערג (סאָליסטן — מ. אנאָליק, ע. גאנדעלסאָן, ב. שליאָם), דער דראמאטישער קאָלעקטיוו (רעזשיסער יו. ראָנדער), דער עסטראַדע־אנסאמבל אונטער דער אָנפירונג מון כ. אמדור און דער טאנץ־קאָלעקטיוו אין באשטאנד פון דרייַסיק אָנטיילנעמער צוזאמען מיט א גרופע קינדער (כאָרעאָגראפן ל. געלפאנד, ר. סמאָליאנסקאיא).

באזונדערס האָט באם אוילעם אויסגענומען די ליטעראריש־דראמאטישע קאָמפאָזיציע, וועלכע איז געבויט לויט מאָטיוון פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק. געפירט די פראָגראם האָט דער וועטעראן פון די יִידישע זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון, פאָרזיצער פונעם קונסט־ראט ב. שליאָם.

הירש דאָבין

צווײ ברעגן

1

אין א הייסן סאָפּזומערדיקן טאָג איז צו דער געבײַדע פונעם שפּיטאָל, וואָס געפינט זיך איך איינעם פון די נײַ־אופגעבויטע ייִשוּווים באם אמור, צוגעפאָרן רײַטנדיק א רויטארמייער פון דער גרענעץ־וואך; ער האָט געפירט מיט זיך נאָך איין אָנגעזאָטלט פערד.

דערזען אקוראַט ארויסקומען אפן גאנעק איינע פון די מעדיציניש שוועסטער, האָט זיך דער רויטארמייער שנעל אראָפּגעכאַפּט פון זײַן פערד, זיך באַגריסט מיט איר און געפרעגט, ווו מע קאָן זען דעם כירורג.

ניט ענטפערנדיק אים גאָרנישט, האָט זיך דאָס מיידל אויסגעדרייט צו דער האלב־אָפּע־נער טיר, הינטער וועלכער עס איז געווען לופטיק און שטיל דערפון, וואָס די פענצטער זײַנען געווען פאַרהאַנגען, און א רוף געטאָן:

— דאָקטער לעווי, מע איז געקומען נאָך אײַך פון דער זאסטאווע.

אף איר קאָל איז פונעם שפּיטאָל ארויסגעגאנגען ניט קיין הויכער יונגערמאַן מיט א היפּשער באָרד, אָנגעטאָן אין א ווײַסן כאַלאַט, און האָט קורצזיכטיק באטראַכט דעם רײַטער.

צוגעטראָגן א האַנט צום גרינעם היטל, האָט דער רויטארמייער קורץ און דײַטלעך אף א מיליטערישן אופן זיך געווענדט צום כירורג:

— דער שעף פון זאסטאווע האָט געבעטן באַלד קומען צו פאָרן.

— אזוי, באַלד קומען צו פאָרן... — האָט לעווי אַן אומצופרידענער איבערגעכאַזערט, ניט האָבנדיק, ווײַזט אויס, קיין איבעריקן כיישעק צו פאָרן ערגעץ. — גיב איבער דעם שעף אײַערן, אז איך בין ערשט נאָך א שווערער אָפּעראַציע און שוין פאָרן קאָן איך ניט...

— דאָקטער, דער שעף האָט געבעטן אָפּלייגן אלע ארבעטן און קומען צו פאָרן. ס'איז א דרינגנדער איניען.

— איך בין שרעקלעך מיד, — האָט לעווי אָפּגעהאַרציק זיך מוידע געווען, — איך האָב נאָך הײַנט אין מויל גאָרנישט געהאַט. דערצו איז נאָך ניט אזוי שפּעט, — האָט ער א ווײַז געטאָן אף דער זון, וואָס איז נאָך געשטאַנען הויך אינעם הימל. — איך וועל נאָר עטוואָס אָפּרוען און קומען.

דער רויטארמייער האָט אָבער ווי ניט געהערט, וואָס מע רעדט צו אים. ער האָט צוגע־פירט דאָס אָנגעזאָטלטע פערד צום סאַמע גאנעק.

— דאָקטער, אָן אײַך וועל איך אין ערגעץ ניט פאָרן. דער שעף אונדזערער איז א שטרענגער, און זאָל איך ניט אויספילן זײַן באַפעל, וועל איך באַקומען פון אים דעם עמעסן פּסאָק.

— און איך וואָס? איך בין שוין גאָר ניט קיין שטרענגער? — האָט לעווי א מרוקע גע־טאָן צו זיך אין דער באָרד ארײַן, — איך האָב געזאָגט, אז איך קאָן ניט, קאָן איך ניט...

אין א ווײַלע ארום האָט ער זיך פונדעסטוועגן מעיאַשעוו געווען, אז ווײַבאַלד דער שעף האָט געפונען פאַר נייטיק צו שיקן נאָך אים א מענטשן, איז עס מיסטאָמע ניט אומזיסט.

דערצו נאָך האָט ער געזען, אַז אַרויסצודרייען זיך פֿון אָט דעם אײַנגעשפּאַרטן רויטאַרמייער וועט זיך אים אויך אַזוי לײַכט ניט אײַנגעבן, און לעווי איז אַוועק זיך איבערטאָן.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט, און ער איז צוריק אַרויסגעקומען אין דרויסן מיט אַ רעגנמאַנטל אין דער האַנט און מיט אַ ברייט היטל אויפֿן קאָפּ, פֿון וואָס זײַן אויסזען האָט זיך געענדערט. ער איז געוואָרן קלענער און וואַכעדיקער. זיך אַרײַנגעזעצט אינעם זאָטל און צורעכט געמאַכט אויפֿן זײַט די טאַש מיט די סאַמע נייטיקע אינסטרומענטן און רעפֿועס, האָט ער מיטאַמאָל באַקומען דעם אָנבליק פֿון אַ יינגל מיט אַ באָרד, וועלכער טוט אַלץ, קעדיי אויסזען עלטער און סאָלידער פֿון זײַנע יאָרן. עס האָט אים אָבער ניט געהאָלפֿן קיין זאַך. וואָס ער זאָל ניט געווען טאָן, אַלציינס האָט געוויזט פֿון זײַנע פֿרישע און פֿולע באַקן, פֿון זײַנע ליפּן מיט יונגקייט. ער איז געבליבן דער זעלבער, וואָס געווען.

2

די זאַסטאַווע — אַ לאַנגע, איינשטאָקיקע, ווײַס-געקאַלכטע קאַזאַרמע מיט אַ טורעמל אויפֿן דאַך, אין וועלכן ס'איז קײַלעכיקע מעסלעסן געשטאַנען אַ רויטאַרמייער אויף דער וואַך, האָט זיך געפֿונען אויפֿן הויכן און פֿעלדזיקן ברעג פֿון אַמור. כּוץ דער קאַזאַרמע זײַנען דאָ נאָך געווען עטלעכע הײַזלעך, אַ קוזניע, שטאַלן פֿאַר די פֿערד און אַ ספּאָרט-פּלאַץ מיט אַ טורניק און מיט רינגען. פֿון אַלע זײַטן האָט די זאַסטאַווע אַרומגערינגלט אַ הויכער אָנשיט פֿון ערד און פֿון שטיינער, וואָס איז פֿאַרוואַקסן געווען מיט גראָז. אויף דעם גרינעם שיפּוע פֿון אָט דעם אָנשיט האָבן זיך געפּאַשעט פֿערד, און זייער הילכיקע הירזשערײַ איז פֿאַרטראָגן געוואָרן אין די בערג פֿון דעם קליינעם כינגאַן, וואָס זײַנען פֿאַרלאָרן געגאַנגען אין דער ווײַט אין אַ בלוי רויכל איבערן אַמור.

אויף דער זאַסטאַווע האָט מען געבויט אַ קעלער, פֿאַרגרייט היי אויף ווינטער, און ווער ס'איז געווען פֿרײַ פֿון זײַנע מיליטערישע פֿליכטן, וואָס איז שײַך דעם גרענעץ, איז איצט געווען פֿאַרנומען בײַ אָט דער אַרבעט: האָט געגראָבן די ערד אָדער צעזעגט געהילץ אויף ברעטער.

דער נאַטשאַלניק אַליין, אַנדריי פּעטראָוויטש מאַראַזאָוו, אַ פֿולבלעכער מאַנצבל פֿון אַ יאָר עטלעכע און פֿערציק מיט שיטערלעכע האָר, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן גראָו ווערן, איז אויך געשטאַנען בײַ איינעם פֿון די שטאַלן און אויסגעלאָדן היי פֿון אַ נאַרוואַס געבראַכ-טער פֿור.

דערהערט אַ טופּערײַ פֿון פֿערד, האָט מאַראַזאָוו אַרײַנגעשטעקט די ווילע אינעם היי און גענומען קוקן, ווער דאָס פֿאָרט אַזוי, אַז אַרום זײַנע אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן פּיל-צאַליקע קנייטשעלעך. ער האָט אויפֿגעהויבן אַ האַנט און פֿונווײַטן באַגריסט די אָנקומענדיקע.

ווי נאָר לעווי איז אַראָפּ פֿונעם פֿערד, אַזוי גלײַך האָט אים מאַראַזאָוו אַוועקגעפֿירט נאָך זיך. אָבער ניט צו זײַן קאַבינעט, אין וועלכן ער האָט אַלעמען אויפֿגענומען און ווו טאָמיד, סײַ בײַטאָג און סײַ בײַנאַכט, איז געווען טומלדיק, נאָר צו זיך אַהיים, אינעם באַזונדערן הײַזל, וואָס האָט זיך געפֿונען דערבײַ.

דאָס ווײַב זײַנס האָט גראָדע געוואַשן דעם פּאָל אינעם פּירהויז בײַס די מאַנצבלען זײַ-נען אָנגעקומען. דערזען פֿאַר זיך דעם באַקאַנטן כירורג, האָט זי זיך אַ ביסל פֿאַרשעמט, אַ בליק געגעבן אויף אירע נאַסע פֿאַרנומענע הענט און, ניט האָבנדיק קיין אַנדער ברירע, אויס-געשטרעקט צו אים אַן עלנבויגן, געבעטן דורכגיין אין שטוב.

אין דעם זוניקן און גערמען צימער, וווהין בײדע זײַנען אַרײַנגעקומען, איז קיינער ניט געווען, אויסער אַ צעוויקלט איפּעלע, וואָס איז געלעגן אינעם קינדער-בעטעלע באַם אָפֿענעם פֿענצטער און, אונטערהויבנדיק פֿאַראַקשנט דאָס קעפּל, זיך אַלץ געסטאַרעט אַרײַנ-צונעמען אינעם מײַלכל איינס פֿון זײַנע פֿיסלעך.

מאַראַזאָוו האָט זיך צוגעזעצט צום געגרייטן טיש און גענומען אָנשנײַדן ברויט.

— קערסט שוין געוויס זײַן הונגעריק. טאָ נעם און כאַפּ דערווײַל עפּעס איבער, ביז-וואַנען די באַלעבאָסטע וועט זיך ניט אײַנפּאַרען, — און צוגעגעבן, ווי ער וואָלט זיך באַדאַרפֿט פֿאַר עפּעס פֿאַרענטפֿערן, — אַן אומגליק מיט די ווײַבער. בײַ זיי איז דער איקער — ריינקייט.

— אַ דאַנק. איך האָב שוין אָפּגעגעסן.

— הער אויף מיט דײַנע צערעמאָניעס! טרינק כאַטש אויס אַ גלאָז קאַלטינקע מילך. איך

װאָלט דיך אוודאי מעכאַבעד געװען מיט עפּעס שטאַרקערס, נאָר עס איז איצטער ניט די צײַט דערױף. איך מײן, אַז עס װעט נאָך זײַן אַ געלעגנהײַט צו נעמען אַ קױסע.

— איך מײן אױך אַזױ...

קײַענדיק אַ ביסן ברױט, האָט מאַראַזאָװ געפֿרעגט:

— װאָס הערט זיך בײַ אײַך? װי גײט די אַרבעט אין שפּיטאָל?

— װאָס זאָל איך דיר זאָגן? אַלץ, דאַכט זיך, װי עס באַדאַרף צו זײַן. נאָר עס האָט געמעגט אױך זײַן בעסער...

— װאָס איז דען?

— װי אומעטום אין שפּאָגל־נײַע ייִשובים שיקט מען צו אײניקע װײניקער װיכטיקע זאַכן מער, װי מע דאַרף, און אַנדערע, זײער װיכטיקע, פֿעלן אױס...

— צום בײַשפּיל...

— נעמען כאָטש מעדיקאַמענטן. קײן עפֿיר איז ניטאָ. אָפּטמאָל, קעדײ אײַנצושלעפֿערן אַ כױלע פֿאַר דער אָפּעראַציע, קומט אױס צו שיקן שלוכים צו די שכײנים. זידלסט דעם פֿעלדשער, די מעדשװעסטער. און װאָס איז דער טאָלק? אַנומלטן האָט מען געבראַכט צו פֿירן אײנעם אַן אַלטן איבערװאַנדערער, אַ געװיסן לישניאַנסקין. ער האָט זיך געפּאַקט אונטער אַ טראַקטאָר און צעקאַליעטשעט. מע דאַרף אים עקסטרע לײגן אױפֿן טיש און קײן עפֿיר איז ניטאָ. אַרום שטײען זײַנע אײגענע, װײנען אױף מײַן קאָפּ, ברעכן די הענט, בעטן זיך: „דאָקטער, ראַטעװעט“, איז אױסגעקומען זיך נעמען פֿאַר דער אַרבעט אָן אַ שלאָף־געטראַנק. דער אַלטער איז אַ פֿעסטער ייִד, האָב איך באַשלאָסן, — ער װעט אױסהאַלטן. איז אָט... איך שטײ איבער אים און פֿון מיר גיסן זיך טײַכן שװײס. ער שרײַט: „דאָקטער, אױב עס איז מיר באַשערט שטאַרבן, אַרט מיך ניט. נאָר מאַכט עס װאָס גיכער, װאָרעם איך קאָן שױן מער ניט אױסהאַלטן“. — און לעװי האָט אַ זיפֿץ געטאָן, — װאָלט איך שױן בעסער געװען אַ שנײַדער, װי מײַן טאַטע: װאָס־װאָס, נאָר אַ פֿינגערהוט מיט אַ שער איז בײַ אים געװען...

— מ־דאַ... אַ שנײַדער צו זײַן איז אוודאי לײַכטער, — האָט אַנדרײ פּעטראָװיטש צוגעשטימט, באַטראַכטנדיק בײסמײַסע דעם בערדיקן יונגנמאַן מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק, װי עס װאָלט אים אין לעבן געגאַנגען זיך דערװיסן, צי קאָן מען דעם מענטשן אָנטרױען דאָס, צוליב װאָס ער האָט אים צו זיך אַרױסגערופֿן — װאָס איז דאָ אַ סאַך צו ברײַען? עס איז אוודאי ניט גוט, װען עס פֿעלן אױס מעדיקאַמענטן. — און דאָ איז דער נאַטשאַלניק אױף אַ װײַלע אַנשװיגן געװאָרן, ניט װיסנדיק, װיאַזױ איבערצוגײן צום נײטיקן אינין. — פֿאַרשטײסט, ס'איז בײַ אונדז פֿאַרלאָפֿן אַ זאַך, װאָס אָן אַ דאָקטער װעסטו זיך אין איר ניט פֿאַנאַנדערקלײַבן. אונדזערע יאַטן האָבן פֿאַרהאַלטן אַ כינעזער, װעלכער איז געשװוּמען אױף אַ שיפֿל פֿון יענער זײַט. ער זאָגט, אַז בײַ אים איז געפֿערלעך קראַנק אַ זון. ער פֿאַרמאָגט אַ דערלױבעניש פֿון דער מאַנדזשוריש־יאַפּאַנישער מאַכט צו ברענגען אַהין אַ דאָקטער. בײַ זײ, זאָגט ער, זײַנען ניטאָ קײן דאָקטױרים. אױב גלײבן אים, איז ער אַן אָרעמער פּױער. ער װײנט: דער זון זײַנער װעט שטאַרבן, אױב מע װעט אים ניט ראַטעװען. און נאָך, זאָגט ער, אַז מע װאָלט אים גאָרניט דערלױבט צו ברענגען אַ דאָקטער, װען ער איז ניט קײן יעגער און שטעלט ניט צו צום טיש פֿון זײערן דאָרטן עפּעס אַ מאַכטהאָבער פֿאַרשײדן פֿלײש פֿון פֿױגל און כײַעס.

אַנדרײ פּעטראָװיטש האָט זיך נעענטער צוגערוקט צום יונגנמאַן.

— איז אָט באַשטײם איצט אַלײן, װאָס מע טוט דאָ... איז װירקלעך אַזױ, װי דער כינעזער טײַנעט, דאַרף מען אים, פֿאַרשטײט זיך, העלפֿן. עלע װאָס דען, דאָס האָבן זײ דאָרטן אַלץ צוגעטראַכט צוליב עפּעס אַ פֿאָרטל, װאָלט ניט געשאַט, זאָלסט זײַן אױף יענער זײַט און אַ קוק געבן, װאָס דאָרטן טוט זיך. װי מײנסטו, כירורג?

לעװי האָט מאַראַזאָװן ניט איבערגעשלאָגן. ער האָט אױך ניט געאײַלט מיט אַן ענטפֿער, װען יענער איז אַנשװיגן געװאָרן. עס האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַז דער מענטש איז איצט מער פֿון אַלץ פֿאַרנומען מיט דער אַכילע.

לעבאַטכילע, בײס אַנדרײ פּעטראָװיטש האָט אים פֿאָרגעלײגט איבערצובײַסן, האָט זיך לעװי געהאַט אָפּגעזאָגט, ניט געקוקט דערױף, װאָס ער איז געװען הונגעריק, דערפֿאַר װײַל פֿון קינדװײַז אָן איז ער בעטעװע געװען אַ שטאַרק שעמעװדיקער און, װיסנדיק זײַן פֿעלער, שאַרף דערפֿון געליטן. צוביסלעכװײַז האָט ער זיך אָבער פֿאַרטאָן אײנעם שמועס, װאָס זײ האָבן געפֿירט, ער האָט זיך דערפֿילט הײמישער און אַלײן ניט באַמערקט, װען און װיאַזױ ער האָט זיך אַ צי געגעבן צום טיש. טונקענדיק, װי אַ קינד, שטיקער פֿרישן ברױט אין מילך, האָט לעװי מיט אַזאַ מין אַפּעטיט געגומען רײַבן אױף בײדע באַקן, אַז דער נאַטשאַלניק האָט זיך אַזש פֿאַרקוקט אױף אים. ער אַלײן איז, בײַ אַ געלעגנהײַט, אױך געװען ניט קײן

קליינער באַלן אַף אַפּצועסן ווי עס באַדאַרף צו זײַן. ער האָט געהאַלטן פֿונעם קלאַל, אַז דער, וואָס קאָן ניט אַרײַנקוקן, איז אויך אַן אַרבעטער ניט קיין וואַזשנער. דעריבער איז מאַראָזאָוון געפֿעלן געוואָרן, וויאַזוי לעווי האָט אַרײַנגעקוקט, און ער האָט מיט אַ שמייכל איבערגעפֿרעגט דעם יונגן דאָקטער:

— נו, וואָס זאָגסטו דערויף?

— איך מיין אויך, אַז מע דאַרף זען, וואָס דאָרטן טוט זיך. וואָס זאָגט דער כינעזער? אַף וואָס קלאָגט זיך זײַן זון? צי שמעקט דאָ ניט מיט עפּעס אַן עפּידעמיע? וואָרעם טאָמער יאָ, דאַן וואָלט עס אויך פֿאַר אונדז געווען געפֿערלעך.

— ער זאָגט, אַז ער לײַדט פֿון בויכווייטעק. ווייסט גאָר וואָס, איך וועל אים הייסן ברענגען צו מיר אינעם קאַבינעט, און דו רייד זיך מיט אים דורך.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען צו מאַראָזאָוון אין קאַבינעט געבראַכט צו פֿירן דעם כינעזער, ניט קיין יונגן, דאַרן מענטשן, מיט עטלעכע געציילטע האָר אין דער באָרד און מיט אַ געלבלעכער הויט, ווי ער וואָלט ניט לאַנג צוריק געקרענקט אַף געלזוכט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין עפּעס אַ לײַבל אָן אַרבל און אין ברייטע, פֿאַרלאַטעטע פּלודערן, פֿאַרבונדענע פֿון אונטן, בײַ די בײַנדלעך פֿון די פֿיס מיט שנירלעך. ער האָט זיך אַלץ האַכנאָעדיק געניגט און געבוקט פֿאַר דעם נאַטשאַלניק פֿון דער זאַסטאַווע און פֿאַרן דאָקטער און אָן אופֿהער עפּעס געפּלאַפּלט אַף זײַן שפּראַך. ערשט דעמאָלט, ווען עס איז אַרײַנגעקומען דער איבערזעצער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האַלט אין איין איבערכאַזערן, אַז דער זון איז בײַ אים קראַנק און אַז ער לײַדט פֿון בויכווייטעק.

— נו? — האָט זיך מאַראָזאָוו געווענדט צום כירורג, קוים האָט מען נאָר דעם כינעזער אַרויסגעפֿירט פֿונעם צימער.

— מע דאַרף פֿאָרן.

— אַדעראַבע. אויסער דיר איז ניטאָ ווער.

— איך וואָלט זיך געוויס ניט אָפּגעזאָגט...

— וואָס זשע דען?

— די צאָרע איז, וואָס בײַ אונדז גייט שווער צו קינד איינע אַ פֿרוי.

— און אָן דיר וועט מען זיך ניט באַגיין? אַף וויפֿל איך פֿאַרשטיי, ביסטו דאָך גאָר ניט קיין אַקושער.

— אין אַ נויט וועסטו ווערן ניט נאָר אַן אַקושער, — האָט לעווי זיך ניט פֿריילעך צעשמייכלט, — מיר פֿאַרמאָגן דאָ אַזאַ מין רײַכע פּראַקטיק, אַז עס איז גענוג אָפּצואַרבעטן אַזוי עטלעכע יאָר און האָסט אַ גרייטע דיסערטאַציע צו באַקומען דעם טיטל פֿון אַ געלערנטן.

— דאַרפֿסט דאָרטן לאַנג ניט זײַן. צופֿאָרן אַ בליק געבן און באַלד צוריק.

— יאָ, איך פֿאַרשטיי... אָבער, — האָט זיך לעווי אַלץ געקווענקלט, כאָטש ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז איבעריקס צו אַמפּערן זיך מיט מאַראָזאָוון איז אויך ניט קעדײַ; יענער האָט געקאָנט מיינען, אַז ער האָט פּאַשעט מורע צו פֿאָרן אַף יענעם ברעג, בייס אין דער ווירקלעכקײַט איז ער שווין פֿון לאַנג אָן געווען אַ באַלן כאָטש מיט איין אויג אַ בליק געבן אַף דעם, וויאַזוי לעבן דאָרטן מענטשן.

דער סאָף איז געווען, אַז ער האָט זיך געלאָזט אײַנריידן, אָבער מיט דעם טנײַ, אַז ער וועט פֿריִער צופֿאָרן צוריק אינעם שפּיטאָל און אַלץ באַוואָרענען, עס זאָל דאָרטן אָן אים, כאַלילע, גאָרניט געשען.

— און פֿאַריינס, — האָט זיך לעווי אויך אַ ווײַצל געטאָן, — וועל איך בעטן די געוויינערן, זי זאָל צוואַרטן, ביזוואַנען איך וועל זיך ניט אומקערן...

— רעכט. מאַך עס וואָס גיכער! — האָט אים מאַראָזאָוו דערויף געענטפֿערט און האָט זיך אַליין אויך פֿאַנאַנדערגעלאַכט.

ב

שפּעט אין אָוונט האָט זיך לעווי צוזאַמען מיט דעם כינעזער געלאָזן איבער דעם אמור. פֿון דעם קליינעם כינגאַן האָט געבלאָזן אַן עסעריקער ווינט און, מידע פֿון פֿלײַען אין די וואַרעמע לענדער, האָבן הויך ערגעץ אין די הימלען געשרײַען ווילדע גענדז, דערוועקנדיק אינעם האַרצן פֿונעם יונגן כירורג אַ טיפֿן אומעט.

זיך זאָרגנדיק איבערהויפּט וועגן דעם, אַז דער האַסטיקער שטראָם זאָל זיי ניט אָפּטראָגן

אין א זייט, זיינען ביידע שוויַיגנדיקערהייט אריבערגעשווומען דעם רוישיקן טייַך. דאָס קליינע, פלאַכע שיפל איז געווען אזוי ניט שטאַנדהאַפטיק אפן וואַסער, אז א מינדסטע כוואַליע האָט עס פאַרגאָסן, און די גאַנצע צייַט האָט שוין לעווי מוירע געהאַט, אז עס זאָל זיך ניט איבערקערן. ער האָט זיך אזוי אומזיכער געפילט, ווי ער וואָלט געשווומען אף א שפענדל.

נאַסע און דורכגענומענע פון דער קעלט, וואָס האָט זיך אַלץ מער געלאָזט פילן, זייַנען זיי ארויסגעקומען אפן צווייטן ברעג.

עס איז געווען שטאַרק פינצטער און, אויסער איינזאַמע פייַערלעך, וואָס האָבן געלויכטן פונדערווייַטן, האָט מען אין ערגעץ ניט געזען קיין סימען פון לעבן.

גייענדיק אזוי מיט א סטעזשקע, וואָס האָט געפירט צום דאָרף, זייַנען זיי ארויסגעקומען צו א גרויס פעלד מיט טשומיזע. שטייַפע בעזעמלעך פון הויך־שטייַגנדיקע געוויקסן האָבן געשמיסן אין פּאָנעם און סומנע גערוישט ארום און ארום. דערנאָך האָבן זיך אוועקגעצויגן גערטענער, פון וועלכע מע האָט שוין אראָפּגענומען די גערעטעניש, און אף די נאַסע בייטן זייַנען ערטערווייַז בלויז איבערגעבליבן בלעטער פון קרויט. ערשט שפּעטער האָבן זיך באַוויזן עטלעכע נידעריקע פאַנזעס מיט שטרויענע דעכער און מיט הויכע קוימענס הינטער יעדן פון זיי; ווען לעווי זאָל שוין ניט האָבן געזען אזעלכע קוימענס בא די כינעזער אָדער קאָרייער, וועלכע לעבן אף אונדזער טעריטאָריע, וואָלט ער געוויס געמיינט, אז דאָס האָבן זיי פאַרבלאָנדזשעט צו עפּעס א פאַבריק־שטעטל.

קיין איין רעגע ניט פאַרגעסנדיק, אז כוץ דעם, וואָס ער האָט דאָ צו טאָן ווי א דאָקטער, איז ער דערצו, אין א געוויסן זין, מעכויעוו צו זייַן אויך אן אויסשפּירער, האָט לעווי, גייענדיק מיט דעם כינעזער, ניט אופגעהערט זיך ארומצוקוקן, ווו ער געפינט זיך און וואָס עס טוט זיך ארום. אומזיסט איז אָבער געווען זייַן טירכע. ווי אָנגעשטרענגט ער האָט זיך ניט ארומגעקוקט און זיך ניט צוגעהערט צו דער נאַכט, האָט ער קלאָל גאָרנישט ניט באַמערקט אזעלכעס, וואָס זאָל בא אים ארויסרופן א כשאַד. וויסט און פאַרלאָזן האָט אויסגעזען דאָס שלאָפנדיקע דערפל. ערגעץ אין דער פינצטערניש האָט זיך געהערט א געיאָמער פון א פרוי, וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיט א צעצויגענעם הינטישן געוווי, און פון דעם איז דעם יונגנמאַן דורך א שוידער איבערגען לייַב. און וואָס לענגער זיי זייַנען געגאַנגען, אַלץ אומהיימלעכער איז אים געוואָרן. עס האָט אים פאַרוווּנדערט, וואָס קיינער האָט זיי ניט אָפּגעשטעלט פרעגן, ווער זיי זייַנען, לעכאָלאָפּאָכעס פאַרלייגן צו באַווייַזן די דאָקומענטן. ער האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אז אָט אזוי לייַכט זאָל מעגלעך זייַן דורכצושמוגלען די גרענעץ און קיינער זאָל עס גאָר ניט באַמערקן. ניט ווילנדיק האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז די גאַנצע צייַט שפּירט מען נאָך זיי נאָך, זיך פאַרטייַענדיק הינטער די פאַנזעס. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אָפּפּאַרטיקן זיך דאָ מיט אַלץ און זיך אומקערן אהיים, אפן אייגענעם ברעג.

ענדלעך זייַנען זיי צוגעקומען צו איינער א פאַנזע, וואָס איז אויך, ווי אַלע איבעריקע, געווען מיט א שטרויענעם דאַך, פון וועלכער עס האָט זיך דורכגעשלאָגן א צאַנקענדיקע שייַן. בא דער סאַמע טיר האָט שוין אף זיי געוואַרט אן עלטערע פרוי און, דערזען זי, האָט זיך לעווי גלייַך דערמאָנט אינעם געיאָמער, וואָס ער האָט פריִער פאַרנומען: ניט אַנדערש, אז דאָס האָט זי אזוי געוויינט...

זיך נייגנדיק ביז דער ערד פארן דאָקטער, האָט זי אופגעעפנט די טיר און אים אַרייַנגעפירט אין שטוב. ניט געוווינט דערצו, אז מע זאָל אים אָפּגעבן אזא מין קאָוועד און, בייכלאַל ניט פאַרלייַדנדיק, אז מע זאָל זיך בוקן פאַר עמעצן, האָט זיך לעווי פאַרלאָרן און ניט געוווּסט, וויאַזוי צו גייען אין דער האַלב־טונקלקייַט פון שטוב און ווו אוועקצולייגן זייַן רעגנמאַנטל מיטן טאַש רעפּועס און אינסטרומענטן.

די פאַנזע האָט אויסגעזען אָרעמער, ווי מע האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן. פון מעבל איז קיין סימען ניט געווען. ניט קיין בעט און ניט קיין שטולן. דאָס אַלץ האָט פאַרביטן ניט קיין הויכע לעזשאַנקע פון ציגל, וואָס האָט פאַרנומען קימאַט א העלפט פון דער פאַנזע און אף וועלכער עס זייַנען געלעגן אויסגעשפּרייט שטרויענע מאַטעס. צוגעדעקט מיט א קאָלדרע, איז אף דער לעזשאַנקע געלעגן א יִינגל פון א יאָר זעכצן־זיבעצן. ווען לעווי איז צו אים צוגעקומען און אונטערגעהויבן די קאָלדרע, האָט דער קראַנקער אף א רעגע אופגעעפנט די אויגן, פאַרצויגענע, ווי מיט א טויטן הייַטל, א בליק געטאָן אף אים און טייקעף זיי צוריק פאַרמאַכט. עס האָט זיך געפילט, אז דער מענטש ווענדט אָן די לעצטע קויכעס, קעדיי זיך ניט צעשרייַען פאַר גרויס ווייטעק...

דעם יִינגלס פאָטער האָט זיך אף א רעגע ערגעץ ארויסגעכאַפּט און זיך אומגעקערט מיט איינעם אן אַלטיטשקן, וועלכער האָט געקאָנט א ביסל רוסיש. לעווי איז צוגעטראָטן באַטראַכטן דעם כוילע.

פאַר דער צײַט, וואָס דער באָכער איז געווען קראַנק, איז ער אַזוי איסגעדאַרט געוואָרן, אַז בײס לֿעווי האָט דערזען זײַן לײַב, איז אים באַפאַלן אַ שרעק; פאַר אים איז געלעגן אַ סקעלעט, ניט קיין מענטש. און דעריבער האָט ער באַלד פאַרגעסן, מיט וואָס דאָ איז, מעגלעך, אַלץ פאַרבונדן. ער האָט דערזען פאַר זיך בלויז ליגן אַ קראַנקן, וועלכער נייטיקט זיך אין זײַן הילף, און ס'איז בא אים דעריקער געווען, וואָס ער, לֿעווי, דער דאָקטער, האָט דאָ צו טאָן פון זײַנטוועגן און וויִאַזוי אים צו ברענגען אַ רעטונג.

זיך צוגעלייגט צום באָכערס ברוסט פריִער מיטן טרײַבל און דערנאָך אויך מיטן בלויזן אויער, האָט לֿעווי אופמערקזאַם אויסגעהערט, וויִאַזוי ער אָטעמט. ער האָט אים גענומען טאַפּן דעם בויך. פויקנדיק מיט די פינגער אין דער רעכטער זײַט פונעם בויך, האָט לֿעווי אין איין אָרט ענדלעך פאַרנומען אַ טויבן קלאַנג. ער האָט לײַכט אָנגעקוועטשט אַף דעם זעלבן אָרט און האַסטיק צוגעכאַפּט זײַן האַנט. דער כוילע האָט אַ זיפץ געטאָן און איבער זײַן פּאָנעם האָבן זיך פאַרשפּרייט בלאַסע פלעקן.

דעם כירורג איז קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פאַרלאָזענעם אַפּענדיקס, וואָס פּאָדערט אַן עקסטרע אָפּעראַציע. ער איז דאָך געווען אומבאַהאָלפן. ער האָט ניט גע־ווּסט, וואָס צו טאָן... פונעם קורצן געשפּרעך מיטן אַלטיטשקן איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט דאָ ניט פון וועמען צו דערוואַרטן קיין הילף; ניט אינעם דאָרף און ניט אינעם אַרום איז ניט געווען קיין דאָקטער און קיין שפּיטאָל.

ער האָט אויך גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן, ניט האָבנדיק דערויף קיין דערלויבעניש פון דער גרענעץ־וואַך...

אומזיסט איז דעם קראַנקנס מוטער געפאַלן אים צו די פיס און זיך בא אים געבעטן ראַכמים, אַז ער זאָל ראַטעווען זייער קינד. לֿעווי האָט זיך באַמיט באַרויִקן די עלטערן. ער האָט זיי דערקלערט, וויִאַזוי זיך באַגיין מיטן כוילע, טאָמער ווערט אים שלעכט. ער האָט אויך איבערגעלאָזן פון זײַנטוועגן די סאַמע נייטיקסטע רעפּועס און, באַפוילן קומען נאָך אים נאָכאַמאָל אין אַ טאָג אַרום, האָט לֿעווי, ווי נאָר עס האָט גענומען שאַרײַען אַף טאָג, פאַרלאָזט די פּאַנזע.

ווען לֿעווי איז ווידער אַריבערגעשווומען דעם אַמור און איז אַרײַנגעקומען אינעם געראַ־מען הויף פון דער גרענעץ־וואַך, האָט ער בא די שטאַלן געטראָפן שטיין אָנגעזאָטלטע פערד. אין אײַלעניש איז ערגעץ געלאָפן אַ גרופּע באַוואָפנטע רויטאַרמייער. און, ניט ווויסנדיק, וואָס קומט דאָ פאָר, האָט אים אַן אומרו באַהערשט. די שאָ זאָל גאָר קיין שאָ ניט זײַן, אויב באַם אַמור זאָל זיך עפּעס אָנהייבן, טאָ וועמען וועט שוין דאַן ליגן אין קאָפּ דאָס קראַנקע כינע־זישע ייִנגל...

ניט באַוויזן האָט נאָך לֿעווי דורכגייך דעם הויף, איז פון הינטער די פערד אויסגעוואַקסן דער זעלבער רויטאַרמייער, וועלכער איז געקומען נאָך אים אינעם שפּיטאָל. ווי אַלע דאָ, איז ער אויך געווען באַוואָפנט און גרייט צום שלאַכט.

— וואָס איז געשען? — האָט לֿעווי געפרעגט.

דער רויטאַרמייער האָט זיך אַ קנייטש געגעבן און אים גאָרנישט ניט געענטפערט. לֿעווי האָט אַפילע פאַרדראָסן, האַלעמײַ ער האָט אים גאָר געפרעגט.

ווײַזט אויס, אַז מאַראָזאָוו האָט שוין אַף אים געוואַרט. וואָרעם בײס לֿעווי איז אַרײַנ־געקומען צו אים און יענער האָט אים דערזען, אַזוי באַלד האָט ער אַראָפּגענומען די ברילן און אָפּגערוקט פון זיך די פּאַפּירן, איבער וועלכע ער איז געזעסן. פון דרויסן האָט שוין אַרײַנגעקוקט דער פרימאָרגן. באַם נאַטשאַלניק אָבער אינעם קאַבינעט האָט נאָך געברענט אַ קעראָסין־לאָמפּ. די אויגן בא מאַראָזאָוון זײַנען געווען רויטע. מע האָט זיך לײַכט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ער האָט זיך ניט צוגעלייגט די גאַנצע נאַכט.

— וויִאַזוי האָסטו עפּעס דורכגעמאַכט דעם וועג?

— ווי מע זעט, כ'בין לעבן געבליבן.

— איז דאָרטן טאַקע עמעצער קראַנק?

— געפערלעך קראַנק. מע וואָלט דעם כוילע וואָס גיכער באַדאַרפט ברענגען צו אונדז אין שפּיטאָל.

— האָט דער כינעזער, הייסט עס, טאַקע ניט געלײַגט. — האָט מאַראָזאָוו ווי פאַר זיך באַשלאָסן. דערבײַ האָט מען אָבער ניט געקאָנט פאַרשטיין, צי איז ער מאַסקים מיט דעם, וואָס לֿעווי האָט פאָרגעלייגט, אָדער ניין. לֿעווי האָט געפילט, אַז מאַראָזאָוו איז איבער עפּעס שטאַרק פאַרטראָגן און טראַכט בײסמײַסע גאָר וועגן וואָס אַנדערס, וואָס איז, מעגלעך, פיל וויכטיקער איידער דאָס געזונט פון איינעם אַ כינעזער. און ער האָט ניט ווילנדיק אויך צו־געשוויגן.

אנדריי פעטראָוויטש האָט זיך אופגעהויבן און פאַרלאָשן דעם לאָמפּ. ער איז דורכגע־גאַנגען איבערן צימער.

— נו, און אויסער דעם קראַנקן, האָסטו גאַרניט באַמערקט?

— וואָס קאָן מען דאָרטן זען? אַן אָרעמקייט אַ שרעקלעכע... עס איז אוממעגלעך זיך פאָר־צושטעלן, אַז מענטשן זאָלן קאָנען אַזוי לעבן...

אנדריי פעטראָוויטש האָט זיך פאַרקרימט:

— וואָס פאַר אַ שייך לעבן דאָרטן איז, ווייס איך גוט אָן דיר. ניט דאָס בין איך אויסן.

— אַ, — האָט זיך לעווי פאַרכאַפּט, — ניין. מער האָב איך גאָרניט באַמערקט.

— גאָרניט, זאָגסטו?

— גאָרניט.

— נו, רעכט. פאָר אַהיים און רו זיך אויס. ווען מען דאַרפֿן, וועל איך נאָך דיר צו־שיקן.

ווען לעווי איז אַרויסגעקומען אין דרויסן, האָט שוין אַף אים געוואַרט דער באַקאַנטער רויטאַרמייער מיטן פערד. און די גאַנצע צייַט, וואָס ער איז דערנאָך געפאָרן אַהיים, האָט אים ניט פאַרלאָזט דער געדאַנק, אַז מאַראַזאָוו האָט אים עפּעס ניט דערזאָגט, פּאַשעט ניט דערזאָגט, ניט וועלנדיק ריידן וועגן דעם, וואָס איז אים אַליין עפּשער נאָך ניט אינגאַנצן קלאָר געווען.

4

דער נאַטשאַלניק פון דער גרענעץ־וואַך, אנדריי פעטראָוויטש מאַראַזאָוו, וועלכער האָט מער ווי אַ העלפט פון זייַן לעבן דורכגעמאַכט באַ די גרענעצן פונעם ווייַטמיזרעכדיקן קאַנט, האָט בעפּיירעש געהאַט אַ גרונט כּוישעד צו זייַן, אַז אַף יענער זייַט אַמור גרייט מען זיך צו עפּעס.

די יאַטן פון זייַן זאַסטאַווע, וועלכע האָבן סיי באַטאָג און סיי באַנאַכט ניט אופגעהערט אַכטונג צו געבן איבערן טייַך, האָבן אים שוין ניט איין מאָל איבערגעגעבן וועגן דעם, אַז צווישן דעם מאַנדזשוריש־יאַפּאַנישן מיליטער קומט פאָר עפּעס אַ באַוועגונג.

דאָס, וואָס די פייַנטלעכע טיילן ענדערן זייערע ערטער, איז פאַר מאַראַזאָוון אַפילע קיין נאָווינע ניט געווען. ווייַל אויך ביז איצטער איז אַזעלכעס שוין ניט איין מאָל פאָרגעקומען. און דאָס אַליין וואָלט אים עפּשער גאָר אַזוי ניט געאַרט, ווען די יאַפּאַנער זאָלן עס ניט געווען טאָן צו אָפן, ווי בעקיוון, אַז אונדזערע גרענעצלער זאָלן עס זען. צוליב וואָס טויג עס זיי? וואָס האָבן זיי דערבייַ אַנגעטראַכט?

אין מעשעך פון דער צייַט, זינט די יאַפּאַנער האָבן פאַרכאַפּט צאָפן־מאַנדזשוריע, איז מאַראַזאָוון שוין ניט איין מאָל אויסגעקומען האָבן מיט זיי צו טאָן, און ער האָט געוווּסט, אַז זיי זוכן באַר אַ געלעגנהייַט זיך צו פאַרטשעפּען. ער האָט אָבער קיינמאָל ניט פאַרגעסן אינעם קלאַל: בעסער אַ שלעכטער שאָלעם אײדער אַ גוטע קריג, און ער האָט זיך באַמיט אויסצו־מייַדן יעדע זאַך, וואָס האָט געקאָנט ברענגען צו אַ קאָנפליקט.

איצטער איז ווידער דאָס זעלבע: פאַראַקשנט האָבן די יאַפּאַנער נאָכגעשפּירט נאָך אונד־זער ברעג. פאַרשטייט זיך, אַז אים, מאַראַזאָוון, האָט עס ניט געקאָנט זייַן שטאַרק געפעלן. אָבער פון דער אַנדערער זייַט: זאָלן זיי! זאָלן זיי זיך טרייסטן דערמיט, אַז עס גיט זיך זיי קלוימערשט אייַן אויסצושפּירן עפּעס וויכטיקס. פונוואַנען זאָלן זיי וויסן, אַז די בוויגונג, וואָס ווערט געפירט אַף אונדזער ברעג, איז ניט מער, ווי אַ בוטאָפאָריע, וואָס ווערט אַרויסגע־שטעלט אין אַ שוי־פענצטער, קעדיי צו פאַרבלענדן די אויגן, בייס גאָר ניט ווייַט פון דעם אָרט, וווּ מע בויט, איז בעעמעס געשאַפן געוואָרן אַ מעכטיקע שוץ־ליניע.

און פונדעסטוועגן האָבן דאָך די יאַפּאַנער ניט אומזיסט געלאָזט מיטן אַמור אַ געוויינ־לעכע שאַלאַנדע, וועלכע זייַנע יאַטן האָבן באַמערקט, ווען זי איז געשוווּמען מיט פאַרלאָשענע פייַערן אין דער ריכטונג, וווּ אונדזערע פאַרפעסטיקונגען זייַנען געווען.

און ווייַזט אויס, האָט געטראַכט מאַראַזאָוו, איז אויך גאָר ניט צופעליק פּלוצעם געקו־מען צו שווימען פון יענער זייַט דער כינעזער...

דאָס אַלץ האָט נאָך מער אויסגעזען פאַרדעכטיק דערפאַר, וואָס אַפן ערשטן בליק איז עס אַלץ געווען גאַנץ לאָגיש און נאַטירלעך. וואָדען? עס איז קראַנק געוואָרן אַ מענטש, מע

דארף אים ראטעווען, איז אט האט מען זיך עס געווענדט, אז מע זאל צושיקן א סאוועטישן דאקטער. עלעהיי מע קומט עפעס ליי‏ען בא א גוטן שאכן.

מאראזאוו האט אבער קלאל ניט געגלייבט אין דער גוטער פריינטשאפט פון די יאפאנער. און דעריבער האט ער פארפרי, נאך איידער לעווי האט זיך געהאט אומגעקערט פונעם אנדערן ברעג, זיך פארבונדן מיט די שכיינעסדיקע זאסטאוועס, וואס באם אמור, און זיי באקאנט מיט דער געשאפענער לאגע. ער האט אויך באצייטנס אנגעקלונגען אינעם שטאב פון דער אמורער פלאטיליע, וואס קורסירט איבערן טייך. ער האט לעסאף אויך געווארנט זיינע יאטן, אז מע זאל זיין וואכזאם. און אט איצטער, קוים איז נאר לעווי ארויסגעגאנגען פון אים, האט ער זיך אליין אויך באוואפנט, באפוילן אנזאטלען דאס פערד און איז אין דער באגלייטונג פון זיין ארדינארעץ אוועקגעפארן מיטן ברעג פון אמור.

אנדריי פעטראוויטש איז געפארן און זיך געסטארעט צו טראכטן וועגן וואס איר ווילט, נאר ניט וועגן דעם, וואס אים האט איצטער אמערסטן באומרויקט.

ער האט געטראכט וועגן דעם, אז אין פארלויף פון יארן, זינט ער לעבט דא, באם אמור, האט ער זיך נאך רעכט ניט באוויזן אנצוקוקן מיט דעם וואנדערלעכן, ווילדן און שיינעם קאנט, ווו דער וועטער ענדערט זיך אפט צען מאל א טאג און צו וועלכן ער האט זיך אזוי צוגעבונדן, אז ווען מע לייגט אים פאר, ער זאל ערגעץ אוועקפארן, וואלט ער יענעם אנגעקוקט ווי א מעשוגענעם. ערשט נעכטן, דוכט זיך, איז געווען אזוי הייס. עס האט מאמעש געסמאליעט די זון. צו דער נאכט צו האט אבער פון ערגעץ א בלאז געטאן א קאלטער ווינט, אנגעטריבן וואלקנס און עס איז אוועקגעגאנגען א שניי.

מאראזאוו איז געפארן פאמעלעך, ווי אף א שפאציר, זיך האלטנדיק די גאנצע צייט ניט ווייט פונעם ברעג טייך און, געוווינט דא צו אלץ, האט דאס פערד מיט א לייכטן געלויף זיך אופגעהויבן אף פארוואקסענע סאפקעס מיט יונגע דעמבלעך אדער זיך ווידער אראפגעלאזן אין דער בידער, צו פרייע און ניט טיפע טאלן, ווו איבער פארוואקסענע שטיינער מיט שליימיקן מאך האבן געראַשט פילצאליקע קוואלן.

ערטערווייז האבן אומגעוואלגערטע ביימער פארצוימט דעם וועג, און עס איז זיי אויסגעקומען ארומפארן. דא און דארטן האבן זיך באגעגנט שווארץ-אפגעסמאליעטע פליינען מיט בלאסע פלעקן, באדעקטע, ווי מיט גרויען אש,— סימאנים פון א „פאל“, וואס האט זיך דא ניט לאנג דורכגעטראגן און, אויסער אפגעברענטע שטאמען פון ביימער און נאקעטע קוסטעס אן בלעטער, גארנישט ניט איבערגעלאזט. נאך וויסטער האבן אויסגעזען די זעלבע ערטער, זייענדיק פארפאראשעט מיט שניי, וואס דער ווינט וועט, מעגלעך, שוין אין א טאג ארום איבערמישן מיט ערד אזוי, אז עס וועט פון אים קיין זייכער ניט איבערבלייבן, און דער גאנצער ארום, מיט דער טייגע און מיט די פעלדער, וועט ווידער באקומען דעם זעלבן בונטרויטן קאליר, ווי אין האַרבסט.

זיך אופגעהויבן אפן שפיץ פון איינער א סאפקע, וואס האט געהערשט איבערן ארום, האט מאראזאוו אפגעשטעלט דאס פערד; דער אומרו, פון וועלכן ער האט זיך נאך ביז איצט ניט געהאט באפרייט, האט זיך אויך איבערגעגעבן דעם פערד, און עס האט אופגעהויבן דעם קאפ, גענומען פראלן מיט אנגעשפיצטע אויערן.

ווייט אונטן האט שווער געפליעסקעט אינעם ברעג דער אופגערודערטער טייך. דער שניי האט אלץ געשאטן.

צוגעפאסט, ווי עס קער צו זיין, די אקוליארן פונעם בינאקל, וועלכער איז בא אים געהאנגען אף דער ברוסט, האט מאראזאוו גענומען באטראכטן דעם צווייטן ברעג.

אויסער דעם, וואס דער פאלנדיקער שניי האט געשטערט צו זען, איז דערצו אויך באלד כמארנע געווארן. און דעריבער איז אפילע קיין כידעש ניט געווען, וואס ער האט ניט באלד באמערקט אף יענער זייט א גרופע מענטשן. זאלן עס זיין כינעזער אדער יאפאנער?— האט מאראזאוו זיך אליין געפרעגט, זיך איינקוקנדיק אין דעם, מיט וואס די געסט פארנעמען זיך. ער האט בעשום-אויפן ניט געקאנט באנעמען, וואס טוען זיי דארטן.

מיט פארקאטשעטע הויזן העכער די קני זיינען יענע געגאנגען לענגויס דעם טייך און מיט שטריק געשלעפט נאך זיך פון הינטער דעם אויסבויג פונעם ברעג, וועלכער האט אלץ פארשטעלט פון מאראזאוון, עפעס זייער שווערס...

מיט אראפגעלאזענע קעפ, אנווענדנדיק דערביי אלע קויכעס, זיינען די מענטשן געגאנגען פון שטיין אף שטיין און דארטן, ווו עס איז אומעגלעך געווען דורכצוגיין, זיך געשלעפט מיטן וואסער.

מאראזאוון איז אומגעהייער שווער געווארן זיך דערוואַרטן, ביזוואנען ער וועט דערזען, וואס זשע פארט שלעפן זיי עס אזעלכעס. ער האט מיט דער האנט א רוף געטאן צו זיך זיין

אָרדינאַרעץ און אָנגעטריבן די פערד, האָבן זיך בײדע אַריבערגעכאַפּט אַף אַ צװײטער סאָפּקע, נעענטער צום טײַך.

ענדלעך האָט זיך פון הינטער דעם אױסבױגיק פונעם ברעג אַף יענער זײַט טײַך באַװיזן פריִער די נאָז פון אַ שיף און דערנאָך אױך דער ברײטער טײל פונעם דעק, אַף װעלכן עס זײַנען געשטאַנען פּעסער, געלעגן און געהאַנגען נעצן, עס האָט זיך געטריקנט װעש. אַף אײנעם פון די פּעסער איז געשטאַנען אַ קלײן הינטל און האָט געבילט גלאַט אין דער װעלט אַרײַן. קורץ: אַפן ערשטן בליק ניט אַנדערש, װי אַ געװײנלעכע שאַלאַנדע, מיט װעלכע די כינעזער שװימען אַפן אַמור, קעדײ צו כאַפּן פיש.

מיטאַמאָל האָט אַף דער שאַלאַנדע גענומען אַרבעטן די מאַשין. װי לױט אַ קאָמאַנדע האָבן די מענטשן געװאָרפן די שטריק און זײַנען זיך צעלאָפן איבערן ברעג װער װוּהין. די שיף האָט זיך אַ ריס געטאָן פאָרױס און שנעל זיך גענומען דערנעענטערן צו דעם אָרט, װוּ מע האָט געבױט די סאָװעטישע פאַרפעסטיקונגען.

אַף דער שאַלאַנדע האָבן זיך באַװיזן מענטשן. קלײנװוּקסיקע, באַװעגלעכע און פלינקע, האָבן זײ אין גרױס אײַלעניש אָנגעהױבן אײַנשטעלן געװיסע אַפּאַראַטן.

בא מאַראַזאָװן איז מער קײן צװײפל ניט געװען, אַז די־אָ, װעלכע זײַנען אַף דער שיף, זײַנען יאַפּאַנער. זײ האָבן מער קײן צײַט ניט געהאַט, די הױט האָט אַף זײ שױן געברענט...

מיט אַ רעגע שפּעטער האָט זיך פון אונדזער ברעג דערטראָגן אַ שיסערײַ. פון דער שאַלאַנדע האָט מען גענומען ענטפערן מיט אַ קױלנװאַרפער.

אַף דער דאָזיקער שיסערײַ האָט זיך פון צאָפן־זײַט אָפּגערופן דאָס קנאַלן פון לײַכטע האַרמאַטן און, אײנע נאָך דער אַנדערער, האָבן זיך מיטן אַמור באַװיזן סאָװעטישע קאַנאָנערקעס, שנעל און לײַכט זיך טראָגנדיק איבער די כװאַליעס...

די שאַלאַנדע האָט זיך אױסגעדרײט און גענומען מאַכן פּלײטע. און אין דעם, װיאַזױ זי האָט געאײַלט װאָס גיכער אַנטרונען צו װערן, איז געװען עפּעס זײער ניט אָנשטענדיקס: אַזױ אַנטלױפט אַ געשלאָגענער הונט מיט אַ פאַרבױגענעם עק צװישן די פיס, װאָס האָט מוירע, אַז מע זאָל אים װידעראַמאָל ניט אָנברעכן די בײנער.

5

ניט באַװיזן האָט נאָך לעװי כאַפּן אַ דרעמל, איז געקומען צו לױפן אײנע פון די מעדיצינישע שװעסטער און אים אױפגעװעקט.

— װאָס איז? — האָט ער אַ מעװוּלװעלער געפרעגט, — זי גײט שױן צו קינד?

— נײן, דאָקטער. מע האָט געבראַכט צו פירן אַ קאָלװירטניצע, װעלכע איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ דרעש־מאַשין און האָט זיך צעמאַזיקט.

נאָר דאָס האָט אים איצט אױסגעפעלט! ער האָט אַזױ אױך, דוכט זיך, קײן רו ניט, ניט באַטאָג און ניט באַנאַכט. דאָס איז דער קראַנק געװאָרן, דאָס האָט זיך יענע אָנגעטראַכט גײן צו קינד, און ער דאַרף טראָגן די פאַראַנטװאָרטלעכקײַט פאַר אַלעמען. ער איז דאָך דאָ אַן אוניװערסאַלער דאָקטער, שיר ניט אַ גאָט...

— װער איז זי? פון װעלכן קאָלװירט?

— דאַכט זיך, פון „ליבקנעכט“.

אײנעם הױף פונעם שפּיטאָל, װוּהין לעװי איז באַלד געקומען צו גײן, איז געװען טומלדיק. ניט געקוקט דערױף, װאָס קײנער האָט דאָ די געלײטענע ניט געקענט, האָט זיך אַרום דער פאָר צוזאַמענגעקליבן אַ רעדל פּרױען און געזיפצט און געקרעכצט, ניט װיסנדיק, מיט װאָס װאָלטן זײ איר געקאָנט העלפן.

צוקאָפּנס באַם װײַבל איז געשטאַנען איר מאַן — אַן עלטערער פון איר ניט װינציקער, װי אַף אַ יאָר צען. ער האָט פאַרלאָרן זיך געװישט דעם נאַסן שטערן און זיך געבעטן בא איר:

— באַסיע, זאָג מיר כאָטש אַ װאָרט. דו הערסט מיך, באַסיע...

זי איז אָבער געלעגן אַפן הײ מיט פאַנאַנדערגעלאָזענע האָר, אַ יונגע, װי אַ מײדעלע, און אַ בלאַסע פון דעם, װאָס זי האָט פאַרלאָרן אַ סאַך בלוט, אַן אָפּגעשװאַכטע פון װײטעק און פון שרעק, געפילט, װיאַזױ צום האַרצן טרעט איר צו אַ מלאָסנעקײַט און שטיל געקרעכצט, ניט האָבנדיק קײן קױעך צו ענטפערן אים עפּעס.

ווען מע האָט זי אראָפּגענומען פונעם וואָגן און אוועקגעטראָגן צום שפּיטאָל, איז איר ניט גוט געוואָרן, און זי האָט פאַרלאָרן דעם באַוווסטזיין.

אָפּגעמינטערט די פרוי און זי באַטראַכט, קעדיי צו קלאָר מאַכן פאַר זיך, וואָס איז מיט איר, האָט לעווי דערזען, אַז אָן אָפּעראַציע וועט עס זיך ניט באַגיין. און ער איז אַרויסגעקומען אין דרויסן זיך דורכריידן מיט איר מאַן.

ווי אַ האַלב־מעשוגענער, איז סעגאַלאָוויטש אַרומגעגאַנגען אַרום דעם וואָגן און זיך קיין רו ניט געקאָנט געפינען. ער האָט זיך אויסגעגעסן די גאַל, וואָס, שטייענדיק אויף דער דרעש־מאַשין, האָט ער ניט באַמערקט, וויאַזוי אַלץ איז פאָרגעקומען.

ער האָט בא זיך ניט געקאָנט רעכט מאַכן, וואָס ער, אַ געזונטער מאַנצבל, אַ געוועזענער קאַצעוו, וועלכער איז פעיִק געווען מיט איין קלאַפּ פון דער האַנט אומוואַלגערן אַן אָקס, האָט איצט גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן פאַר זײַן ווײַב, דער מוטער פון זײַנע קינדער.

ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום דער פור און איבערגעכאַזערט פאַר זיך אַלץ איינס און דאָס זעלבע: „ווער האָט זי געבעטן? זי האָט דאָך געקאָנט בלײַבן אין דער היים. ניין, אַלע גייען אויפן טויק, מוז זי אויך גיין... וואָס איז זי, בעסער פון אַלעמען?"...

דערזען אַרויסקומען דעם כירורג, איז ער צו אים צוגעלאָפן.

— דאָקטער, זי וועט כאָטש בלײַבן לעבן?

— זי וועט לעבן, אײַער באַסיע, — האָט לעווי אים געענטפערט, ניט קיין צופרידענער דערפון, וואָס מע האָט אים ניט געלאָזן כאַפּן אַ דרעמל, — פון דעם, וואָס מע צעברעכט אַ פוס, איז דערוויַיל נאָך קיינער ניט געשטאָרבן, — און ער האָט געפרעגט, וויאַזוי איז עס מיט איר געשען.

סעגאַלאָוויטש האָט גענומען דערציילן: זיי האָבן געדראָשן טוועע. זי, באַסיע, איז געשטאַנען אויבן און דערלאַנגט די סנאָפּעס, כאָטש אין פלוג גענומען האָט זי, אַרבעטנדיק אין קאָלווירט פאַר אַ כעזשבנפירער, גאַרניט געמוזט גיין דרעשן. אויף דער פאַרוואַלטונג פון קאָלווירט האָט מען אָבער באַשלאָסן, אַז אַלע, אָן אויסנאַם, דאַרפן אַרויסגיין העלפן פאַרענדיקן מיטן ברויט, איז זי אויך אוועק...

— קירצער, רעב ייִד, מאַכט עס וואָס קירצער.

— וויאַזוי זאָל איך מאַכן קירצער? — האָט זיך סעגאַלאָוויטש צעשריִען מיט אַ דין קעלכל, — אַז אויף מיר האָט זיך אַרופגעוואַלגערט אַזאַ מין בראָך? איך דערצייל דאָך אײַך... זי איז געשטאַנען אינדערהייך אויף דער דרעש־מאַשין און דערלאַנגט די סנאָפּעס. צי זי האָט זיך פאַרקוקט אויף עפּעס אָדער געטראָפן מיט אַ פוס פאַרבײַ דער ברעט, נאָר ווען איך האָב אופגעהויבן אַ געשריי און זיך אַ וואָרף געגעבן צו איר, איז זי שוין געלעגן אויף דער ערד און עס האָט זי געשלעפּט דער רימען פון דער מאַשין.

— וואָס איז זי אַזאַ שוואַכינקע? זי האָט געקרענקט בא אײַך?

— ניין. קרענקען האָט זי קיינמאָל ניט געקרענקט, אָבער אַ שוואַכינקע איז זי, דאָס איז עמעס. דאָס האָט זי אין האַנט צעבראָכן, און דאָס — די אַנדערע. און אַלץ זומער, ווען עס איז גאָר ניט גליטשיק. דערפאַר טאַקע איז איר אויסגעקומען צו פאָרן אויף קורסן פון בוכהאַלטערס און איבערגיין אַרבעטן אין קאַנטאָר.

— ווי זשע האָט איר זי צוגעלאָזן צו דער דרעש־מאַשין? איר האָט דאָך געוווּסט, אַז זי איז אַ שוואַכינקע?

— דאָקטער, איר ווייסט, וואָס איר רעדט? וואָס הייסט — באַסיען ניט לאָזן. זי דאַרף דאָך זײַן אַ בײַשפּיל פאַר אַנדערע... אַזוי אויך זײַנען דאָך דאָ אַ סאַך, וואָס ווײַכן פון דער אַרבעט. אויף די אַרבעטס־טעג גיט מען דאָך קימאַט גאָרנישט ניט אַרויס...

— ס'איז אַלץ קלאָר, — האָט לעווי אַ מאַך געטאָן, פאַרשטייענדיק, אַז עס איז איצט ניט קיין צײַט צו רײַען לענגער. און דאַן האָט ער זיך אָנגענומען פאַר סעגאַלאָוויטשעס געזונטן אַקסל, זיך עטוואָס אונטערגעהויבן און אוועקגעזעצט זיך אויף דער דראַבינע פונעם וואָגן. ער האָט זיך פאַרטראַכט.

— עפּעס געדענק איך גאָרניט, אַז אײַער באַסיע זאָל זיך ווען בא אונדז היילן.

— ניין, דאָקטער, איר זײַנט נאָך דעמאָלט דאָ ניט געווען. עס האָט זי געהיילט אַן אַנדערער, וועלכער איז באַלד אַנטלאָפן פון ביראָבידזשאַן. אים איז דאָ ניט געפעלן געוואָרן: אַ ווילדעניש אַרום, קאָמאַרן, פאַרפלייצענישן... און אַ ווײַב האָט ער אויך געהאַט יענע מין „צאַצע": „אַוועקפאָרן און אַוועקפאָרן"...

— מיילע. לאָמיר וועגן דעם ניט ריידן, — האָט לעווי געזאָגט און באַגײַיס אַ מאָל אַרופּגעליגט זײַן האַנט אויפן קאָלווירטניקס אַקסל. לויט זײַן דערפאַרונג האָט ער שוין געוווּסט, אַז מיט אַזוינע פאַרשוינען, ווי אָט דער סעגאַלאָוויטש, באַדאַרף מען זיך באַגיין וואָס רויִקער,

אַניט זייַנען זיי פּעיִק אָף אַזעלכע שפּיצלעך, נאָך וועלכע וועסט דערנאָך לאַנג צו זיך ניט קומען. — אייַער באָסיע, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן שטילערהייט און ווייך, אַקוראַט ווי מע רעדט צו אַ קינד, — האָט צעבראָכן אַ פוס. קעדיי זי זאָל ניט לייַדן קיין ווייטעקן בייַס דער אָפּעראַציע, דאַרף מען זי אייַנשלעפערן. איר פאַרשטייט, וואָס איך רייד צו אייַך?

— יאָ, דאָקטער.

— איז אָט... איך וועל אייַך געבן אַ צעטעלע צו דער עלטערער מעדשוועסטער פון אַמורזעטער ראַיאָנעם שפּיטאָל און איר וועט דאָרטן באַקומען צוויי פּאָרציעס עפיר. איין פלעשעלע וועט זייַן פאַר אייַער באָסיען, און דאָס אַנדערע דאַרף מען, קעדיי צו ראַטעווען איינעם אַ קיטייַען. אַזוי אַז שפּאַנט אויס וואָס גיכער אייַער פערד, זעצט זיך אַוועק רייַטנדיק און מאַרש קיין אַמורזעט. ביז נאַכט זאָל מיר דער נאַרקאָז זייַן דאָ.

— און די מעדשוועסטער וועט מיר ניט אָפּזאָגן?

לעווי איז שיִר ניט אין קאַס געוואָרן:

— וואָס הייסט, זי וועט אייַך אָפּזאָגן? און ווו זייַנט איר? אַשטייגער, מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך אין קאָלווירט?

— פרעגט בעסער, וואָס האָב איך שוין אין קאָלווירט ניט געטאָן. כ'בין געווען אַ קאָניוך, פּאַרוואַלטער פון דער מילך־פערמע און אַיך צייַט, ווען אונדזער אַגראָנאָם איז געווען קראַנק, האָב איך אים פאַרביטן...

— און אייַך איז אַלעמאָל צוגעגאַנגען גרינג? אויב די מעדשוועסטער וועט אייַך ניט וועלן געבן, טאָ גייט צום פּאַרוואַלטער פונעם שפּיטאָל. ער שטאַמט, עמעס, פון די טראַנסבייַקאַלער קאָזאַקן, נאָר אַ מענטש איז ער ניט קיין שלעכטער. ער וועט אייַך ניט אָפּזאָגן.

— גוט, דאָקטער. זאָל זי נאָר מיר פּרווון ניט געבן, וועל איך מאַכן אַזאַ פּאָגראָם, אַז זי וועט אָף אייביק פאַרגעדענקען, וואָס הייסט האָבן צו טאָן מיט אַן אָדעסער.

און לאַנג ניט געטראַכט, האָט סעגאַלאָוויטש אויסגעשפּאַנט דאָס פערד, זיך אַרופגעכאַפּט אָף אים און איז אַוועקגעפלויגן רייַטנדיק, אָן אַ זאָטל, קיין אַמורזעט. ער האָט געשמיסן דאָס פערד מיט אַ רוט, געפּויקט אים אין די זייַטן מיט די שטיוואַלעס און געהעצקעט זיך, געטריבן אָן אופהער. דאָס היטל האָט ער ערגעץ פאַרלאָרן בייַסן זעצן זיך אָפן פערד און האָט עס אַפילע ניט באַמערקט. ער האָט געיאָגט מיט אַלע קויכעס, ניט זשאַלעוועדיק ניט זיך, ניט דאָס פערד. ער האָט געדענקט בלויז איינס, אַז אינעם שפּיטאָל איז איבערגעבליבן זייַן באָסיע און אויב ער וועט צו דער צייַט ניט ברענגען דעם נאַרקאָז, וועט ער זיך קיינמאָל, קאָלזמאַן ער וועט לעבן, גאָר ניט מויכל זייַן...

6

עס איז אומעגלעך זיך פאָרצושטעלן סעגאַלאָוויטשעס פרייד, בייַס ער האָט צוגעבונדן דעם פערד צום פּלויט, איז אַרייַנגעקומען אין אַמורזעטער שפּיטאָל, איבערגעגעבן דער עלטערער מעדשוועסטער דאָס צעטעלע, וואָס לעווי האָט איר אָנגעשריבן און, ניט אויסריידנדיק קיין איין־און־איינציק וואָרט, האָט זי אים אַרויסגעטראָגן אַ פלעשעלע מיט עפיר, אייַנגעוויקלט אין וואַטע.

מיט ציטערנדיקע הענט צוגענומען בא איר דאָס פלעשעלע און פאָרזיכטיק, עס זאָל בא אים, כאָלילע, ניט אַרויספאַלן, אַרייַנגעלייגט אין בוזעם־קעשענע פון זייַן רעקל, האָט זיך סעגאַלאָוויטש ווידער אָנגעשטעלט אָף דער מעדשוועסטער, ניט קיין יונג און ווייַט ניט קיין שיין ייִדיש ווייַבל אין ברילן און אין אַ ווייַסן כאַלאַט, מיט אַ ווייַסן מיצל אָפן קאָפּ.

— וואָס נאָך? — האָט זי אים געפרעגט, דערזעענדיק, וויִאַזוי ער קוקט אָף איר.

— צוויי, — האָט ער געענטפערט און, קעדיי עס זאָל איר זייַן קלאָרער, באַוויזן צוויי פינגער.

— וואָס צוויי? — האָט זי ניט פאַרשטאַנען.

— צוויי פלעשעלעך האָט מען מיר געהייסן ברענגען.

— מער איז בא אונדז ניטאָ. ווען מיר האָבן נאָך, וואָלט איך ניט געזשאַלעוועט.

דערהערט אַזעלכע רייד, האָט סעגאַלאָוויטש, ווי שווער עס זאָל אים ניט געווען זייַן, פונדעסטוועגן באַשלאָסן ניט אַרויסצושפּרינגען, ניט באַגייִן קיין נאַרישקייַטן. געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ טאַם, האָט ער געזאָגט:

— איך ווייס ניט... איך ווייס ניט...

— וואָס ווייסט איר ניט?

— וויפל איז בא אײַך פאראן און וואָס איז בא אײַך פאראן. ניט מײַן דײַגע. מע האָט מיר געהייסן ברענגען צוויי...

— וואָס זײַט איר, פון זינען אראָפּ? הער נאָר א מײַסע... אליק ענגן מיר זיך, שנײַדן די פינגער און — אים גיב! ווו וועלן מיר נעמען, אז אונדז אליין וועט אויספעלן? מיר האָבן דען זאפאסן?

— מע האָט מיר געהייסן ברענגען צוויי פלעשעלעך, און שוין...

— ווער האָט געהייסן?

— אונדזער כירורג.

— זאָל זיך אײַער כירורג שאפן בא זיך אינעם שפּיטאָל. דאָ האָב איך מיר מײַן נאַטשאלניק.

אָנגעבויגן עטוואָס דעם קאָפּ אף א זײַט און קרומלעך קוקנדיק אף דער מעדשוועסטער, האָט סעגאלאָוויטש ווייך און נאָכגיביק געפרעגט:

— זאָגט מיר אבעטאך, איר זײַנט ניט קיין יִדישע?

— נו, א יִדישע. איז וואָס?

— זעט איר דאָך, הא? האָב איך זיך טאקע ניט גענארט, — און ער האָט ווידער אָנגעהויבן מיט א ברייטן שמייכל, — אבעטאך, לאָמיר איינער דעם אנדערן ניט פארסאמען דאָס בלוט. איר גיט מיר נאָך א פלעשעלע עפּיר, און איך וועל מיר אוועקפאָרן. ניט פאר גרויס ווילטיק בין איך דאָך געקומען צו אײַך. דאָס פערד האָב איך פארמאטערט און אליין האלט איך זיך שוין אויך קוים אף די פיס. אָט וועל איך אומפאלן, און אײַך וועט נאָך אויסקומען האָבן צו טאָן מיט מיר.

— נישקאָשע, — האָט די מעדשוועסטער קארג א שמייכל געטאָן, — אזוינע פאלן ניט אום.

— ווער ווייסט...

— נו, אן עק. איך האָב מער ניט קיין צײַט צו ברײַען דאָ מיט אײַך, — און דאָס ווײַבל האָט זיך אויסגעדרייט, געוואָלט אוועקגיין. סעגאלאָוויטש האָט זי אָבער פארהאלטן. ניט איין מאָל איז אים אויסגעקומען צו פאָרן אין עמטעס אָדער אין סעלכאָזסנאב נאָך טיילן צו מאַשינעס, און קיינמאָל איז ניט געווען דער פאל, ער זאָל זיך אומקערן מיט ליידיקע הענט. צו דעם האָט ער א שמייכל געטאָן, יענעם מעכאבעד געווען מיט א סלוייִק האָניק אָדער מיט א ביסל אליין־געזייטן טאבעק, און עס איז געגאנגען א גאנג. שוין זשע וועט ער אָט די העסלעכקײַט ניט בײַקומען? און סעגאלאָוויטש איז ארײַנגעקראָכן מיט א האנט אין קעשענע, ארויסגענומען געלט.

— איר ווייסט גאָר וואָס, — האָט ער געזאָגט, ווי עס וואָלט אים אײַנפאלן א שפּאָגל־נײַער אײַנפאל. — איך וועל אײַך באצאָלן, רעכט? אין דרײַ מאָל מער, איידער דאָס קאָסט. נו, זאָגט אליין, איר זײַנט דאָך א קלוגע פרוי... וויִאזוי זאָל איך זיך אומקערן אינעם שפּיטאָל מיט איין פלעשעלע נארקאָז? וואָס וועט מען זאָגן: „פארשטייט זיך, פאר דער אייגענער ווײַב האָט ער דערקאָזשעט. אײַ וואָס עס וועט שטארבן דאָרטן עפּעס א קיטײַעץ? גייט עס אים ניט אָן“. זאָל גאָט אויסהיטן, אויב מיט אים וועט עפּעס געשען. וויִאזוי וועל איך זיך פארענטפערן?

די מעדשוועסטער איז אופגעבראכט געוואָרן:

— וואָס טויג מיר אײַער געלט? וואָס איז בא אונדז עפּעס — אן אפּטייק? וויפל מיר האָבן געקאָנט געבן, האָט איר באקומען. זאָגט א דאנק אויך דערפאר און פאָרט אהיים. איר פארשטייט, מיר האָבן מער ניט. וויפל קאָן מען עס ריידן מיט א מענטשן?

זי איז שוין פּאָשעט געשטאנען, ווי אף הייסע קוילן. דערצו נאָך איז איר באלד אויך צוגעגאנגען א צווייטע שוועסטער און זי ערגעץ גערופן. עס האָט זיך געהערט, ווי אין אייַנער פון די פאלאטעס שרײַט און אָכקעט א כוילע.

— איר גיט ניט, וועל איך גיין צו אײַער זאוועדושטשע...

— ער וועט אײַך מער ניט געבן.

— זאָל ער נאָר מיר פרווון אָפּזאָגן, וועל איך אים אָפּשפּילן אזא מין קאָנצערט, אז ער וועט פארזאָגן א צווייטן... ווו געפינט ער זיך דאָ בא אײַך?

— ער איז אף א באראטונג. פריִער, ווי אין עטלעכע שאָ ארום, וועט ער זיך ניט אומקערן.

— גוט. איך וועל צוווארטן.

און סעגאלאָוויטש איז ניט פויל, גייט זיך ארויס אין דרויסן און זעצט זיך אוועק אפן גאנעק, ווארטן אפן פארוואלטער פונעם שפּיטאָל.

מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ האָט זיך דאָס פערד געצויגן צו אַ בינטל פאַרוועלקטע גראָז, וואָס איז געוואַקסן הינטערן פּלויט. און, דערזען שטיין אונטערן דעכל, ניט ווײַט פונעם ברונעם, אַ וואָגן מיט היי, האָט סעגאַלאָוויטש אַנגענומען אַ היפּשע זשמעניע און געבראַכט צום פערד. אַליין האָט ער פון אײַנדערפּרי אַן אײַן מויל גאָרנישט ניט געהאַט. נאָר ס'איז אים איצט געוואָרן אַזוי פּאַסקודנע אַפּן האַרצן, אַז ער וואָלט סײַוויסײַ גאָרניט געקאָנט עסן. אינעם מויל איז אים געווען ביטער. עס האָט זיך שטאַרק געוואָלט טרינקען. און ער אַליין האָט זיך אָנגעטרונקען פונעם עמער באַם ברונעם און אויך אָנגעפּויעט דאָס פערד. ער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אַפּן גאַנעק, צוהערנדיק זיך דערצו, וויאַזוי אונטערן פענ־צטער פונעם שפּיטאָל רעדט זיך דורך מיט אַ כוילע איינע אַ פרוי. אײַנגיכן איז די פרוי צוגעקומען צום גאַנעק, אַף וועלכן סעגאַלאָוויטש איז געזעסן, און האָט זיך אויך אַוועקגע־זעצט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך זי וואַרט אַפּן פּראָוואַלטער פונעם שפּיטאָל. זי וויל בא אים זיך דערשלאָגן, אַז ער זאָל אַפּלאָזן איר מאַן אַהיים. גענוג איז אים דאָ צו שלאָגן בײַדעקעס... ווי מע זעט, קומט אָן דער ווינטער. קיין היי פאַר דער בעהיימע איז ניטאָ, האָלץ דאַרף מען פאַרגרייטן. און ער האָט זיך אײַנמיטנדערינען געמאַכט אַ קוראַרט, דער פּויליאַק...

סעגאַלאָוויטשן איז אַפילע איצט גאָרניט געווען אינעם קאָפּ אויסצוהערן די אַלע רייד. פונדעסטוועגן האָט ער געענטפערט:

— ווער זשע האַלט אים דאָ?

— ווער, דער זאַוועדושטשע... ער זאָגט, אַז מע דאַרף אים נאָך היילן.

— און עפּשער איז ער געזעכט?

— ווייס איך וואָס!

— וואָס איז ער דען, אַ שלעכטער דאָקטער? ער ווייסט ניט וואָס ער זאָגט?

— וואָס רעדט איר? ער איז שוין גראָדע אַ גוטער דאָקטער. אַלע לויבן אים אינעם הימל אַרײַן. ער איז נאָר אַ גרויסער אַקשן. זאָגט ער אַ וואָרט, איז כאָטש האַק אים...

— און עפּשער איז אײַער מאַן טאַקע קראַנק?

— איך ווייס בעסער פון אים, מיט וואָס מײַן מאַן איז קראַנק, — און דאָ האָט זיך דער יִידענעס פּאָנעם אויסגעקרימט, אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן, — מאַטערסט זיך אַליין אי אין שטוב, אי אינעם קאָלכאָז, און ער פּראָוועט קוראָרטן. אַ לײַדאַק איז ער, אָט וואָס... ער וויל ניט אַרבעטן. אין זשיטאָמיר האָט ער געלעבט, ווי אין אַ גאַנײדן. דעם האָט ער אָפּגעגאָלט, יענעם אונטערגעשאָרן און עס איז געווען אַלעמאָל אַ גרייטע קאָפּעקע, דאָ אָבער...

— ווער האָט אים געצוואונגען קומען צו פאָרן אַהער?

— ווער האָט אים געצוואונגען... ער איז אַליין שולדיק. איצטער בײַסט ער זיך דעם עלנבויגן.

אומדערוואַרט האָט זיך אָנגעהויבן ענדערן דער וועטער. די זון איז פאַרגאַנגען. עס האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינט און אָנגעטראָגן אַ קעלט. הילכיק האָבן זיך צעקרייעט העגער.

סעגאַלאָוויטש האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזען, וויאַזוי דער הימל ווערט אַלץ מער פאַר־צויגן מיט וואָלקנס, און עס איז אים געוואָרן קאַלאַמוטנע אַפּן האַרצן. אַוועקגעפאָרן איז ער גלײַך פונעם טויק, ווו מע האָט געדראָשן. ער האָט אַפילע ניט באַוויזן פאַרלויפן אַהיים און אַ בליק געבן אַף די קינדער. און כאָטש ער האָט געוווסט, אַז מע וועט זיי ניט איבערלאָזן אַליין, ביזוואַנען ער וועט זיך ניט אומקערן, פונדעסטוועגן איז ער דאָך ניט געווען רויק. קליינע קינדער זײַנען דאָך עס. זיי זאָלן דאָרטן, גאָט באַהיט, ניט אָנטאָן קיין צאָרעס.

די פרוי האָט אַ וווּנק געטאָן צו סעגאַלאָוויטשן: עס גייט דער פּראָוואַלטער פונעם שפּי־טאָל, און זי האָט זיך אופגעהויבן, איז אַוועקגעגאַנגען נאָך אים.

אומגעקערט האָט זי זיך אַ בייזע און, ניט זאָגנדיק גאָרניט סעגאַלאָוויטשן, דורכגעגאַנגען פאַרבײַ. זעט אויס, אַז זי האָט באַם פּראָוואַלטער פונעם שפּיטאָל גאָרנישט ניט געפּויעלט. איצט איז געווען זײַן רײַ צו פּרווון ס'מאַזל. און סעגאַלאָוויטש האָט זיך אויך אופגעהויבן.

אינעם קליינעם קאַבינעט, וווהין ער איז אַרײַנגעקומען, איז געזעסן דער פּראָוואַלטער, אַן אַלטיטשקער מיט אַ געגאָלט און פאַרברויגט פּאָנעם פון אייגעם, וואָס האָט, קענטיק, ניט איבעריקס ליב צו זיצן פאַרשפּאַרט אין ענגע דאַלעדאַמעס פון ווענט. און, דערזען אים, האָט סעגאַלאָוויטש אַ טראַכט געטאָן, אַז וויבאַלד ער שטאַמט פון די געוועזענע, פון די קאָזאַקן, פאַרמאָגט ער שוין זיכער אַ גאָרטן מיט עטלעכע בינשטאָקן, ער קאָן געוויס אויך גיין אַף יאַגד און עס פעלט אים שוין גאָרניט. ער האָט זיך אי פליייש, אי פיש, ניט ווי אַ נאַשבראַט, אַן איבערוואַנדערער, וועלכער דאַרף לעבן דערפון, וואָס מע וועט אים אַרויסגעבן אַף די

אַרבעטס־טעג. ער האָט געגומען דערציילן, וואָס ער וויל פון אים, האָט אפילע אָנגעוויזן אַף דער בוזעם־קעשענע, ס'הייסט, איך פלעשעלע מיט נאַרקאָז האָט ער שוין באַקומען, עס איז אים אָבער ווינציק. ער דאַרף באַקומען צוויי, ווי עס שטייט געשריבן אינעם צעטעלע, וואָס ער האָט געבראַכט פונעם כירורג.

ניט הערכערנדיק די שטים, האָט דער פאַרוואַלטער געענטפערט, אַז מער געבן קאָנען זיי ניט. זאָל דער כירורג פרווון נאָך ערגעץ קריגן.

סעגאַלאָוויטש איז אַ געפּלעפּטער געבליבן זיצן אַפן ברעג שטול. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט זיך מער גאָרניט דערשלאָגן און אומזיסט איז ער געבליבן דאָ וואַרטן אין דער צײַט, ווען אינעם שפּיטאָל קוקט מען אַף אים אַרויס די אויגן. ער האָט זיך אופגעהויבן און געוואָלט שוין אַוועקגיין. נאָר מיטאַמאָל האָט אין אים עפּעס אופגעפלאַמט. ער האָט זיך צעשריִען:

— אַוואַדע, ווען עס קומט צו אײַך צו גיין אײַערער אַ קאָזאַק, וואָלט איר אים, מיסטאַמע, ניט אָפגעזאָגט...

דער אַלטיטשקער האָט אים גאָרנישט ניט געענטפערט. ער האָט זיך אופגעהויבן, איז אַרויסגעגאַנגען פונעם צימער און זיך באַלד אומגעקערט מיט דער עלטסטער מעדשוועסטער.

— נעמט אים צו פונדאַנען, — האָט ער געזאָגט, — נעמט אים צו...

אַרויסקומענדיק מיט סעגאַלאָוויטשן אין דרויסן, האָט דאָס ווײַבל געוואָלט באַ אים דערגיין — וואָס האָט ער אַזעלכעס געזאָגט דעם פאַרוואַלטער און צי ווייסט ער, וואָס פאַר אַ גאָלדענער מענטש דאָס איז.

סעגאַלאָוויטש האָט איר גאָרנישט ניט געענטפערט. ער האָט זיך אַרופגעכאַפּט אַף זײַן פערד און, שלאָגנדיק אים, גענומען טרײַבן.

ז

עס איז אַוועק אַ שניי. פריִער קוים־קוים, מיט לײַכטע שנייעלעך, ווי מיט פוך, האָט דער שניי דערנאָך גענומען שיטן און שיטן אַזוי, אַז עס איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, ווי'אַזוי ניט לאַנג נאָך צוריק האָט זומערדיק געשײַנט די זון און עס איז געווען אפילע הייס.

פאַר פאַרדראָס, האַלעמײַ ער האָט ניט געפאָלגט די מעדשוועסטער און איז ניט באַלד אַוועקגעפאָרן, דערצו נאָך אַזוי ווילד באַפאַלן דעם אַלטן, וואָס ער האָט דאָס ערשטע מאָל געזען אין זײַן לעבן און וועלכער איז, מעגלעך, גאָר ניט געווען אַזאַ שלעכטער, ווי עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, האָט סעגאַלאָוויטש אָן אופהער געטריבן דאָס פערד, ניט קוקנדיק, וווּ־הין ער פאָרט און גאָרניט באַמערקנדיק אַרום זיך.

אַגעוו, דאָס, וואָס פלוצעם איז אַוועק אַ שניי, האָט סעגאַלאָוויטשן קלאָל ניט פאַרוווּנ־דערט. פאַר די עטלעכע יאָר, זינט ער איז געווען אין בירָאָבידזשאַן, איז אים שוין ניט איין מאָל אויסגעקומען צו זען, ווי'אַזוי אומדערוואַרט קאָן אַוועקגיין אַ שניי אָדער אָנהייבן גיסן אַזעלכע רעגנס, אַז דער אַמור גייט אַרויס פון די ברעגן און פאַרפלייצט די פעלדער און יישוווים. ניט אומזיסט האָט מען דאָך אינעם קאָלווירט אַזוי געײַלט מיטן אָפדרעשן דאָס ברויט.

ער האָט אויך ניט באַדאַרפט זיך אײַנקוקן, צי ער פאָרט מיטן וועג, וואָס מע דאַרף, אָדער ניין. צענדליקער מאָל איז ער שוין געפאָרן קיין אַמורזעט צוליב פאַרשיידענע איניאָנים פונעם קאָלווירט און ניט איין מאָל, ווען פון די רעגנס איז דער וועג געוואָרן אײַן דורכוי־סיקע בלאָטע, איז ער דאָ געבליבן שטעקן מיט זײַן פור, פאַרשעלטנדיק דאָס לעבן אַלץ מיטאַנאַנדער, ביזוואַנען נאָך עמעצער איז ביסמײַסע ניט אָנגעקומען און געהאָלפן אַרויסצו־קריכן פונעם זומפּ.

ניט לייגנדיק קיין אַכט אַף דעם, וואָס עס טוט זיך אַרום, איז סעגאַלאָוויטש מעשוגע־נערוויַיז געפלויגן, ביזוואַנען זײַן קאָס איז אים צוביסלעכווײַז ניט שטילער געוואָרן.

איבער זײַן פּנים זײַנען גערונען ריטשקעס פונעם צעגאַנגענעם שניי. ער האָט געפּרווט אויסווישן דאָס געזיכט מיטן אַרבל פון זײַן רעקל איין מאָל און נאָכאַמאָל, עס האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן. דאַן האָט ער אָפגעשטעלט דאָס פערד, איז אַראָפגעקראָכן אַף דער ערד און זיך אַרומגעקוקט, ווו ער געפינט זיך. ער האָט ניט דערקענט דאָס אָרט, אַזוי איז אַלץ אַרום פאַרענדערט געוואָרן. עס איז אים קאַלט געוואָרן. עס האָט אים גענומען טרייסלען.

אראָפּגענומען פונעם פערד דעם פאַרוסיגעגעם רעגנמאַנטל, וואָס האָט אים פאַרביטן א זאָטל, האָט סעגאַלאָוויטש אים אָנגעטאָן אף זיך. זיך אופמערקזאם ארומגעקוקט, אין וועלכער ריכטונג זאָל ער זיך ווײַטער לאָזן, האָט ער אָנגענומען דאָס פערד פאַר דער הריווע און זיך געוואָלט ארופזעצן אף דעם, נאָר פּלוצעם זיך דערמאָנט אינעם פלעשעלע מיט נאַרקאָז. עס האָט זיך אים פאַרגלוסט איבערצייַגן, ווו עס ליגט. און זײַן הארץ האָט זיך אים אָפּגעריסן — דאָס פלעשעלע איז ניט געווען.

— פאַרלאָרן! — האָט ער באשלאָסן, זיך אָנכאַפּנדיק פאַרן קאָפּ. — בין געפלויגן, ווי א מעשוגענער, און האָב פאַרלאָרן. וואָס זשע טוט מען איצט? ווהין פאָרט מען? זיך אומקערן און פּרוון זוכן, טאָ ווו וועט ער איצט עפּעס געפינען, אז עס שיט אזוי. העגגען זיך דאַרף ער, אָנטאָן זיך א מיסע... קיין אנדער זאַך איז אים ניט איבערגעבליבן. ווי אזוי זשע וועט ער זיך אומקערן מיט ליידיקע הענט? וואָס וועט ער זאָגן אין שפּיטאָל? מע האָט אים ספּעציעל געשיקט, ער האָט פאַרמאַטערט דאָס פערד, קוים באקומען דעם נאַרקאָז, און אָט האָסטו דיר...

ניט גלייבנדיק זיך אליין, האָט ער דאָך אין א ווײַלע ארום אָנגעטאַפּט אין דער בוזעם־קעשענע א הארטע זאַך: ס'איז געווען דאָס פלעשעלע. און פאַר גרויס פרייד, וואָס דער אייגנס האָט זיך אָפּגעזוכט, האָט ער בײַז אויסגעשפּיגן און זיך גענומען זידלען, אָנרופן זיך אליין מיט אלע שיינע נעמען, ווי שמאָטע און בולאָך דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אזוי דערשראָקן. ער האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט אפן פערד און איז אוועקגעפאָרן. איצטער, עמעס, שוין ניט אזוי גיך, ווי פריִער.

קיין זייגער איז בא אים ניט געווען. וויפל צײַט ער איז אזוי געפאָרן, האָט ער קיין אנונג ניט געהאַט. לעפּיערך האָט זיך שוין געדאַרפט אָנרוקן די נאַכט. ער האָט פאַרשטאַנען, אז ער האָט ערגעץ, ווײַזט אויס, א קערעווע געטאָן דאָס פערד ניט אין דער ריכטונג, וואָס מע האָט באַדאַרפט, אז ווען ער לאָזט אים פרײַ גיין, ווהין ער וויל, וואָלט ער געוויס ארויסגע־פירט אף א וועג און זיי וואָלטן שוין לאַנג געווען אפן אָרט. איצטער אָבער פאָרט ער און פאָרט און מע זעט ניט קיין סאָף צום וואַלד, ארום און ארום שפּרייט זיך אלץ טײַגע, מיט ביימער און קוסטעס, מיט הויכן גראָז העכער א מענטשן־וווקס, וועלכע האָבן זיך ערטער־ווײַז אָנגעבויגן אונטער דער שווערקײַט פונעם שניי. און קיין סימען פון לעבן איז ניט צו זען און ניט צו הערן; ניט קיין פײַערל, ניט קיין בילן פון א הונט, וואָס זאָל געבן צו וויסן, אז ערגעץ איז דאָ א יִישעוו. סעגאַלאָוויטש האָט סאָפּקאָלסאָף פאַרשטאַנען, אז ווי ער זאָל זיך שוין ניט סטאַרען, אלציינס וועט ער אזוי גיך ניט קומען אינעם שפּיטאָל, און עס האָט אים באהערשט א ייִעש און א ביזאָיען דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרבלאָנדזשעט, און דערצו נאָך ווו, לעבן דער סאַמע היים. וואָרעם אז ער געפינט זיך ניט ווײַט ערגעץ פון דער היים, אין דעם האָט ער ניט געצווייפלט. עס האָט אים מער ניט געפעלט, אז די קאָלווירטלער זייערע זאָלן זיך דערוויסן, וואָס מיט אים איז געשען. זיי וואָלטן דאָך קיינמאָל גאָרניט אופגעהערט צו לאַכן פון אים.

זיך ווידעראַמאָל אָפּגעשטעלט, איז סעגאַלאָוויטש אראָפּ פונעם פערד און, האַלטנדיק אים פאַרן צוים, אוועקגעפירט נאָך זיך. אײַלן, טרײַבן דאָס פערד איז שוין מער קיין זין ניט געווען. אזוי האָט ער בלויז געקאָנט נאָך מער פאַרקריכן אין עפּעס א העק, פונוואַנען ער וועט זיך ניט ארויסקלײַבן. דאָס וויכטיקסטע, וואָס ער האָט איצט געקאָנט טאָן, דאָס איז אָפּזוכן ערגעץ א שטיל אָרט, וואָס איז באשיצט פונעם ווינט, פאַנאַנדערלייגן דאָרטן א פײַער און אזוי שוין איבערזיצן, ביז עס וועט ניט ווערן ליכטיק. ווי עס זאָל ניט געווען זײַן, איז אינדערפרי פאָרט פרייַלעכער. עפּשער וועט עמעצער דורכפאָרן פאַרבײַ און אים דערזען, אָדער ער וועט דערהערן רוישן א מאַשין.

זיך אָפּשטעלן אָבער האָט סעגאַלאָוויטש אויך ניט געקאָנט. באַם געדאַנק, אז אינעם שפּיטאָל וואַרט מען אף אים און מע קאָן זיך ניט דערוואַרטן, אז דאָרטן קומט פאַר ווער ווייסט וואָס מיט זײַן דאַרינקער און שוואַכינקער באַסיען, איז זײַן הארץ באַגאָסן געוואָרן מיט בלוט און ער האָט זיך ווײַטער אוועקגעשלעפּט מיט די לעצטע קויכעס, אָן א וועג און אָן א שטעג.

פירנדיק נאָך זיך דאָס פערד פאַרן צוים, האָט סעגאַלאָוויטש אופמערקזאם זיך געקוקט אונטער די פיס, צי וועט ער אמאָל ניט דערזען שפּורן פון א וועג. טיילמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך צוגעהערט, צי וועט ער ניט פאַרנעמען עפּעס א קלאַנג. אָבער אויסער דעם שווערן גערויש פון די ביימער אונטערן ווינט, צו וועלכן עס איז באַלד צוגעקומען דער געוווי פון וועלף, האָט ער גאָרנישט ניט געהערט. עס איז סעגאַלאָוויטשן דורך א שווי־דער איבערן לײַב, כאָטש ווינציקער פון אלץ האָט אים איצט געשראָקן דער אייגענער טויט.

וואָס לענגער ער האָט זיך אַזוי געשלעפּט מיטן פערד, אַלץ שווערער איז געוואָרן זײַן געמיט. ער האָט ראַכמאָנעס געקראָגן אויף זיך אַליין: פאַרוואָס קומט אים אַזאַ מאַטערנישן? מיט וואָס האָט ער זיך פאַרזינדיקט? פאַרוואָס לעבן איינע אַפּאַ לעבן, ניט וויסנדיק פון קיין צאַר, און ער דאַרף זיך שטענדיק מאַטערן?

— אַן אומגליקלעכער, אַ שלימאַזל בין איך, — האָט ער זיך צעוויינט פאַר זיך אַליין, — באַם גרעסטן טייל מענטשן זײַנען דאָ ווײַבער און אין פרייד אָדער אין לײַדן לעבן זיי מיט זיי אויס די יאָרן. בא אים איז דאָס ערשטע ווײַב געשטאָרבן און האָט אים איבערגעלאָזט צוויי פּיצלעך קינדער. און איצט, ווען ער האָט געפונען אַ מוטער פאַר זײַנע קינדער און צווישן זיי האָט זיך פאַמעלעך אײַנגעשטעלט אַ לעבן, איז נאַ דיר גאָר אַ נײַע צאָרע... ליגט זי אין שפּיטאָל, די קינדער זײַנען געבליבן אַליין, און ער... צוליב וועלכע קלאָגן האָט ער באַדאַרפט אַזוי לאַנג זיצן אין אַמורזעט? דאָס איז אַלץ איבער דעם פאַרשאָלטענעם קיטײַעץ. אַלץ איבער אים. ווען ניט ער, וואָלט אַלץ געווען אַנדערש. אים, סעגאַלאָוויטשן, זעט אויס, האָט זיך פאַרגלוסט אַרויסצוווײַזן מענטשלעכקײַט.

זײַענדיק פאַרטיפט אין ענלעכע געדאַנקען, האָט סעגאַלאָוויטש אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער דאַרף זײַן פּאַרזיכטיק, קעדיי זיך ניט אַרײַנכאַפּן מיטן פערד אין עפּעס אַ זומפּ, און ער האָט גאָרניט באַמערקט, וויאַזוי ער האָט פאַרלאָרן דעם באָדן אונטער די פיס. ביידע, אי ער אַליין, אי דאָס פערד, האָבן געטראָפן אין עפּעס אַ גרוב מיט וואַסער, וואָס איז פאַרשאָטן געווען מיט שניי.

מיט גרויס מאַטערניש אַרויסגעשלעפּט דאָס פערד אויף אַ טרוקן אָרט, האָט סעגאַלאָוויטש באַשלאָסן אַ ביסל זיך אָפּרוען. וואָרעם ביזוואַנען ער האָט זיך ספּראַוועט מיטן פערד, איז ער אַזוי מיד געוואָרן, אַז ער איז געפאַלן פון די פיס. אים איז שטאַרק דורשטיק געוואָרן. ער איז אינגאַנצן נאַס געווען פון שוויס.

אויף קיין איין רעגע ניט אַרויסלאָזנדיק פון די הענט דאָס צײַמל, אַז ער זאָל, כאַלילע, ניט אָנווערן דאָס פערד, וואָס האָט, פירשקענדיק, זיך אָפּגעטרייסלט פון דער בלאָטע, אַ צעהיצטער ניט ווינציקער פון זײַן באַלעבאָס, האָט זיך סעגאַלאָוויטש ענדלעך אַראָפּגעלאָזן אויף אַן אומ־געוואָלגערטן בוים און אַ ביסל פרײַער אָפּגעעטעמט.

עס איז אים געקומען אויפן זינען דער קאָלווירט: נו, וועט עס אים דער פּאַרזיצער פון קאָלווירט שוין נעמען אין דער אַרבעט אַרײַן! אין אַזאַ מין צײַט, בייס ניט נאָר אַ מענטש, נאָר יעדער פערד איז מיט גאָלד צו גלײַך, האָט ער, ניט פּרעגנדיק בא קיינעם, זיך געלאָזן קיין אַמורזעט און אפילע ניט געפונען פאַר נייטיק איבערצוגעבן מיט עמעצן, ווהין ער איז אוועק־געפאָרן און ווו איז פאַרפאַלן געוואָרן דאָס פערד.

זיך דערמאָנענדיק אינעם קאָלווירט, האָט זיך סעגאַלאָוויטש שוין פאַריינס דער־מאָנט אינעם שפּיטאָל, ווו ער האָט איבערגעלאָזן באַסיען. ער האָט באַשלאָסן: „וועל איך נאָר ברענגען דעם נאַרקאָז אַהין, וועט מען דאַרפן זיך דורכריידן מיטן כירורג וועגן איר. איך וועל אים דערקלערן, וואָס זי באַטײַט פאַר אונדז, אַז זי איז אַ מוטער פון דרײַ קינדער און זאָל ער זײַן זייער פּאָרזיכטיק בייס דער אָפּעראַציע".

ניט אויפהערנדיק די גאַנצע צײַט צו טראַכטן וועגן באַסיען, איז אים אויפן זינען אויפגע־קומען דער ערשטער טאָג פון זייער צוזאַמענלעבן, בייס זי איז נאַרוואָס געהאַט געקומען צו גיין צו אים און געגומען אײַנפירן אַן אָרדענונג אין דער באַלעבאַטישקײַט...

ער האָט דעמלט אָנגעטראָגן פונעם ברונעם אַזויפיל וואַסער, אַז זי האָט זיך אַזש פאַר־וווּנדערט: „נו, האָסטו זיך פאַסטאַרעט". זי האָט אײַנגעהייצט אין קיך די פּליטע, אָנגעוואָ־רעמט וואַסער און אין דער מולטער, אין וועלכער מע האָט געוואַשן גרעט, געגומען באָדן די קינדער. אַליין אויך אַ קלײַנינקע און דאַרינקע, ווי אַ קינד.

זי האָט זיי געוואַשן, און ער איז געשטאַנען אין דער טיר פון דער קיך, זיך געהאַלטן מיט ביידע הענט פאַרן בײַשטידל און געקוקט אויף אירע שמאָלע אַקסלען, מוירע האָבנדיק צו שטערן איר און ניט וויסנדיק, ווען ער האָט עס צו פאַרדאַנקען דערפאַר, וואָס זי האָט באַשלאָסן קומען צו אים, דעם אַלטן מאַן מיטן „נאַדן", מיט צוויי ברעקלעך קינדער, אַ ייִנ־געלע פון פינף יאָר און אַ מיידעלע פון צוויי.

סעגאַלאָוויטש האָט זיך דערמאָנט אויף דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, ווען עס איז געשטאָרבן זײַן ווײַב, און ער איז איבערגעבליבן אַליין מיט צוויי נאַרישע ברעקלעך. ער האָט געמיינט, אַז עס איז אַ סאָף געקומען צו זײַן לעבן, אַז ער האָט שוין ניט מער גאָרניט, וואָס צו דערוואַרטן אין דער צוקונפט.

ער האָט זיך דערמאָנט, וויאַזוי ביטער פּלעגט אים ווערן אויף דער נעשאָמע יעדעס מאָל, ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, די קינדער זײַנען אײַנגעשלאָפן און ער איז געבליבן איינער

אליין צווישן פאַריאָסעמטע ווענט. וויפל מאָל האָט ער זיך געוואָלט א מיסע אָנטאָן. וואָרעם צוליב וואָס האָט אים געטויגט דאָס לעבן אָן דווירען, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקאַנט, ווען זיי זײַנען נאָך יונגע געווען.

קעדיי עס זאָלן איבער אים ניט האָבן קיין שליטע די שווערע מאַכשאָוועס, אַז קיין זאַך זאָל אים ניט דערמאָנען אינעם פריערדיקן לעבן, האָט ער דווירעס בילד אַראָפגענומען פון דער וואַנט און פאַרבאַהאַלטן אין דער שאַפע. ער האָט האַלב אומזיסט אויסגעפאַרקויפט אירע קליידער...

נאָר אויך דערנאָך איז אים לײַכטער ניט געוואָרן. דעמלט האָט ער באַשלאָסן אוועקפאָרן ערגעץ, אַנטלויפן מיט די קינדער פון די היימישע ערטער, ווו דער אומגליק האָט אים געטראָפן. א סאַך מענטשן זײַנען געפאָרן קיין ביראָבידזשאַן, און ער האָט זיך אויך געלאָזט אַהין.

ניין, ער האָט דווירען ניט פאַרגעסן, כאָטש פון זינט זי האָט זיך געפעלט, זײַנען פאַרבײַ יאָרן. פאַר דער צײַט זײַנען די קינדער אונטערגעוואַקסן און עס איז בא אים מיט באַסיען געבוירן געוואָרן א מיידעלע. ער דערמאָנט זיך גאַנץ אָפט אָף דווירען. ערגעץ טיף אין זײַן האַרצן, אונטערן יאָך פון טאָגטעגלעכע זאָרגן און דײַגעס, געפינט זיך איר געשטאַלט. נאָר, ווײַזט אויס, קאָלזמאַן דער מענטש לעבט און אין זײַנע אָדערן פליסט וואַרעם בלוט, איז ער נאָך פעיִק עמעצן ליב האָבן.

מיט גוואַלד, אָנווענדנדיק אַלע קויכעס, האָט סעגאַלאָוויטש זיך געצווונגען איבערצורײַסן דעם גאַנג פון זײַנע געדאַנקען.

— אַן עק, — האָט ער צו זיך געזאָגט, — מע טאָר מער ניט זיצן. הייב זיך אויף, אירמע, האָסט אָפּגערוט א ביסל, און גענוג. עס איז צײַט צו טופען ווײַטער. מע דאַרף גיין. עפשער וועסטו זיך פאָרט אַרויסשלאָגן אָף עפּעס א וועג. — און כאָטש אים איז אומגעהייער שווער געווען צו רירן זיך פון אָרט, האָט ער זיך דאָך פונדעסטוועגן אופגעהויבן און זיך ווײַטער אוועקגעשלעפּט מיטן ברעג וואַלד, פירנדיק נאָך זיך דאָס פערד און איבערגייענדיק פון איין סאָפקע אָף דער אַנדערער.

ער איז געגאַנגען, סעגאַלאָוויטש, און, ווי א צוגעבונדענע, זײַט בא זײַט, איז אים באַסיע נאָכגעגאַנגען. און ווידער האָבן אים באַהערשט זיכרוינעס און ער האָט באַנײַס, ווי דערפון וואָלטן אים צוגעקומען נײַע קויכעס, זיך אומגעקערט צו דער פאַרגאַנגענהײַט.

עטלעכע יאָר האָט ער זיך געמאַטערט, לעבנדיק אַליין מיט די קינדער. ער האָט אַליין געוואַשן, אַליין געקאָכט און געלאַטעט, ניט וועלנדיק גאָר הערן פון קיין נײַע שידוכים, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז אין קאָלווירט זײַנען פאַראַן פרויען, וועלכע וואָלטן ניט געווען קעגן צו כאַסענע האָבן מיט אים. ער האָט זיך פון זיי געהאַלטן פונדערווײַטן. עס האָט אים געדוכט, אַז אויב ער וועט ברענגען צו זיך אין שטוב א פרוי, וועט ער האָבן א ווײַב. אָבער פאַר די קינדער וועט זי שטענדיק פאַרבלײַבן א שטיפמאַמע. ער האָט ניט געגלייבט, אַז עס קאָן זיך אָפּזוכן א פרוי, וועלכע זאָל זיי פאַרבײַטן א מוטער.

עס האָט אָבער פּאַסירט אַזוי, אַז איינמאָל, ווען ער איז געקומען צו גיין פון פעלד, האָט ער אין דער פאַרוואַלטונג פון קאָלווירט געטראָפן באַסיען. זי איז שוין געווען אין קאָלווירט עטלעכע יאָר, און ער האָט זיך מיט איר אויך ביז אַהער ניט איין מאָל געהאַט באַגעגנט אָף דער אַרבעט. נאָר ביז איצטער האָט ער זי ווי ניט באַמערקט, ניט אונטערשיידט פון אַלע אַנדערע פרויען. דאָס מאָל האָט זי דאָך בא אים מיט עפּעס אויסגענומען. זי איז אים געפעלן געוואָרן.

ער האָט געהערט דערציילן, אַז אויך זי האָט געהאַט א מאַן און זיך איבער עפּעס מיט אים פאַנאַנדערגעגאַנגען. נאָר גיין פרעגן, וואָס איז צווישן זיי געווען, איז אים אפילע ניט אײַנגעפאַלן. אייסעך, א פרעמד לעבן איז ווי א געדיכטער וואַלד. גיי קלײַב זיך פאַנאַנדער, ווער פון זיי איז געווען גערעכט און ווער ניט.

עס איז אים געפעלן געוואָרן אַרײַנצוקומען אין פאַרוואַלטונג און קוקן, וויִאַזוי באַסיע אַרבעט, וויִאַזוי זי באַגייט זיך מיט מענטשן. אָפן טיש איז בא איר קיין איבעריקע זאַך ניט פאַראַן. אַליין איז זי אַקוראַט אָנגעטאָן. וואָס זי זאָל אָף זיך ניט טראָגן, איז עס ווי אָנגעמאָסטן. אין דער קאָנטאָר איז טומלדיק. אַלע רוישן, נאָר קוים איז דאָ באַסיע, הערט מען פון קיינעם ניט קיין גראָב וואָרט. שוין אָפּגערעדט, אַז עמעצער זאָל זיך אויסזידלען. אַלע האַלטן שטאַרק פון איר. דאַרף מען עמעצן אויסקלײַבן אין עפּעס א קאָמיסיע, שרײַט מען דעריקער: „באַסיען!‟ פון באַנק קלינגט מען באַסיען, פון סעלכאָזסנאַב — ווידער באַסיען.

ער האָט זיך וויפל מאָל געכידעשט, וויִאַזוי ספּראַוועט זי זיך מיט אַלע אַרבעטן סײַ בא דער שטוב און סײַ אין דער קאָנטאָר. זי וואַשט און ראַמט, זי נייט און שטריקט די קינדער פאַרשיידענע קאָפטלעך, אַז זיי זאָלן זײַן אָנגעטאָן ניט ערגער פון אַלע קינדער. עס פעלט

איר אויס וואָל, צעלאָזט זי אַן אלט, אָפגעטראָגן סעקל אף פאָדעם און שטריקט ווידער. ער גייט אוועק צו א שאָכן עפּעס לייַען און בלייַבט דאָרטן זיצן, פארגעסט, נאָך וואָס ער איז געקומען. זי האָט ניט קיין צייַט ארויסצוגיין ערגעץ, זי שמייכלט: „אונדזער טאטע איז פאר־פאלן געוואָרן״.

אין די אָוונטן, באזונדערס ווינטער, ווען מע איז פרייַ פון אנדערע ארבעטן, זיצט זי און שטריקט עפעס. מיטאמאָל הייבט זי אָן צוריק פאנאנדערצולאָזן דאָס, וואָס זי האָט שוין גע־מאכט. ער קאָן עס ניט פארלייַדן.

— גאזלענטע! — טייַנעט ער צו איר, — וואָס טוסטו? האָסט דאָך אין דעם אריַינגעטאָן אזויפיל ארבעט...

גיט זי זיך א קנייטש: עס האָט זיך ניט באקומען אזוי, ווי זי וויל.

עס קומט אמאָל צו לויפן דאָס ייִנגל פון שול א צעטראָגענער: ער האָט פארלאָרן דעם טאָגבוך.

— דו לייַגסט, — איז זי צו אים צוגעשטאנען, — זאָג, וווהין האָסטו אים אהינגעטאָן, דעם טאָגבוך?

— הער אוף מיט אים זיך אייסעקן! — האָט ער זיך אריַינגעמישט. — וואָס מאכסטו פון אלץ א טראגעדיע? עפשער האָט ער טאקע פארלאָרן?

האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זי איז געווען גערעכט. באקומענדיק אין שול א „צוויי״, האָט דאָס ייִנגל באשלאָסן אין דער היים גאָרנישט ניט דערציילן און האָט דעם טאָגבוך באגראָבן הינטערן שטאָל.

אָך, ווי זי האָט עס דאן געוויינט!..

און וואָס האָט זיך געטאָן, בייס זייער מיידעלע, ניט די בעשוטפעסדיקע, נאָר זייַנע, האָט זיך מיט עפעס פארסאמט. בא אנדערע ווערט קראנק א קינד, מאכט מען ניט קיין וועזן. וואָסי דער ראש? אלע קינדער קרענקען. זי האָט אָבער נעכט ניט צוגעמאכט מיט קיין אויג, געהאלטן דאָס אָפגעשוואכטע קינד אף די הענט און יעדע פינף מינוט אפן זייגער אריַינגעגאָסן דעם אינעם מייַלכל א טיי־לעפעלע געזאָדן וואסער. אין דער זעלבער צייַט איז ער, דער גוילעם, דער שטיק פלייש מיט אויגן, געלעגן זיך אין בעט און געכראָפעט, ניט טראכטנדיק וועגן דעם, וואָס זי לעבט איבער און וואָס דאָס קאָסט איר...

סעגאלאָוויטש איז גרייט געווען צו רייַסן פון זיך שטיקער דערפאר, וואָס ער האָט בא־סיען ניט אויסגעהיט. וואָס וואָלט ער איצטער ניט געווען אוועקגעגעבן, אבי זי זאָל זיך אומ־קערן א געזונטע אהיים...

אין מעשעך פון זייַן לעבן האָט סעגאלאָוויטש אזויפיל ניט איבערגעטראכט, וויפל אים איז אויסגעקומען איבערצוטראכטן אין דער דאָזיקער נאכט. און עס קאָן געמאָלט זייַן, אז ווען ניט אָט די אלע מאכשאָוועס, וואָס זייַנען פול געווען מיט צאר און כאראָטע, וואָלט ער געוויס ניט אויסגעהאלטן.

זייַענדיק פארטאָן אין די גערדאנקען און אָפט ריידנדיק פאָשעט צו זיך אליין, האָט סעגא־לאָוויטש ניט באמערקט, וויִאזוי ער איז ארויסגעקומען צו א פאסעקע.

ער וואָלט אויך איצטער ניט באמערקט, וווהין ער איז ארויסגעקומען, ווען פון אונטערן שניי זאָלן זיך ניט געווען ארויסזען די פלעקלעך, אף וועלכע עס שטייען זומער די בינשטאָקן.

די פאסעקע איז געווען ארומגעצאמט מיט א פלויט פון דרענגלעך — א סימען, אז ניט ווייַט איז א דאָרף. און כאָטש דאָס האָט סעגאלאָוויטשן שטארק דערפרייט, פונדעסטוועגן האָט ער זיך ניט באשלאָסן צו פאָרן ווייַטער.

עטוואָס אין א זייַט פונעם אָרט, ווו ער איז שטיין געבליבן, האָט זיך געזען א נידעריקע געבייַדע, לעבן וועלכער עס איז געווען א סטויג היי. און איבערצייַגנדיק זיך אין דעם, אז דאָס איז אַן אָמשאניק, אין וועלכן מע נעמט ארייַן אף ווינטער די בינשטאָקן, האָט סעגאלאָ־וויטש פרייַער אָפגעאָטעמט. ביז טאָג איז דאָ כאָטש געווען ווו איבערצוזיצן אין דער ווארעם.

אף דער טיר פון אָמשאניק איז אָבער געהאנגען א שלאָס, און מוירע האָבנדיק ניט אריַינ־צופאלן אין עפעס א נייַער מייַסע, האָט סעגאלאָוויטש אים ניט געוואגט אָנצורירן.

ער האָט צוגעבונדן דאָס פערד, אָנגעצופט פאר אים א ביסל היי און איז אליין געווען א באלן ארונטערקריכן אונטערן סטויג, כאפן א דרעמל. איבער די וועלף האָט ער אָבער מוירע געהאט איבערצולאָזן אליין דאָס פערד. אָנשטאָט דעם האָט ער צונויפגעקליבן צווייַגן, צעלייגט א שייַטער און זיך אוועקגעזעצט באם פייַער.

צוביסלעכווייַז האָט דער שניי אופגעהערט צו שיטן. דער ווינט איז אויך שטילער געוואָרן. ערגער — בעסער, נאָר מע האָט געקאָנט אזוי איבערקומען די נאכט. פונדעסטוועגן איז דאָך סעגאלאָוויטש ניט אייַנגעזעסן. ער האָט זיך ניט פארגונען א מינוט רו. עטלעכע מאָל איז ער

געהאט צוגעקומען צום פערד און געוואָלט זיך ווידער לאָזן אין וועג אַרײַן. נאָר יעדעס מאָל האָט זיך צו אים דערטראָגן דער געוווי פון וועלף, און ער האָט עס מוירע געהאט צו טאָן. ער האָט אָפּגעזוכט לעבן אַמשאַניק אַן אײַזערנע פּרענט און אוועקגעלייגט אונטער דער האַנט. ער האָט אַנגעוואָרפן אויפן פײַער נאָך צווײַגן.

— נו, וואָס, ברודער? — האָט סעגאַלאָוויטש געפּרוווט בארויִקן דאָס פערד, וואָס האָט אומרויִק געהירזשעט און זיך אַלץ נעענטער גערוקט צום פײַער. — פּײַן האָבן מיר זיך אַרײַנגעפּאַקט מיט דיר?

אָטעמענדיק מיט ברייט צעבלאָזענע נאָזלעכער סעגאַלאָוויטשן אינעם פּאָנעם אַרײַן, האָט דאָס פערד געקוקט אויף אים מיט קלוגע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דאָס פײַער, און יעדעס מאָל אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ אין יענער זײַט, פונוואַנען עס האָט זיך דערטראָגן דער וועלפישער געוווי. אַזוי אַז וועגן שלאָף האָט שוין קיין רייד ניט געקאָנט זײַן. אין געהאַקטע ווונדן איז סעגאַלאָוויטש שוין אַזוי אָפּגעזעסן, ביז עס איז ניט געוואָרן טאָג.

ווען ער האָט זיך באַנײַס געלאָזט אין וועג אַרײַן, איז ער, צו זײַן גרויסער שטױנונג, אַרויסגעקומען צו דעם זעלבן אָרט, וווּ מע האָט נעכטן געדראָשן דאָס ברויט און וווּ עס איז פאַרלאָפן דער אומגליק מיט באַסיען.

צי דערפאַר, ווײַל עס האָט דערפילט נאָענט די היים, אָדער דערפאַר, וואָס עס האָט דערזען אַנדערע פערד, האָט זיך אונטער סעגאַלאָוויטשן צעהירזשעט דאָס פערד. סעגאַלאָוויטש האָט עס אָבער געגעבן אַ גוטן זעץ מיט די שטיוואַלעס אין די זײַטן און שטילינקערהייט, ווי אַ גאַנעוו, אויסמײַדנדיק דאָס דאָרף, אוועקגעפאָרן מיט די קוסטעס. ערשט דערנאָך, ווען דאָס דאָרף איז געבליבן הינטער אים און ער איז אַרויסגעקומען צום וועג, וואָס האָט געפירט אינעם שפּיטאָל, האָט ער מיט גרויס אימפּעט באַנײַס גענומען יאָגן דאָס פערד...

8

ווען סעגאַלאָוויטש איז צוגעפאָרן צום שפּיטאָל, איז לעווי געשטאַנען אויפן גאַנעק און עפּעס אײַנגעטײַנעט מיט איינער פון די מעדשוועסטער. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פערד, איז צוגעלאָפן צו אים, דערלאַנגט דאָס פלעשעלע מיט עפיר.

— אַנטשולדיקט, דאָקטער, — האָט ער זיך אַ צעראַשטער געווענדט צום כירורג, — דערפאַר, וואָס איך האָב מער ניט געבראַכט. זאָגט מיר, כ׳בעט אײַך, וואָס איז מיט מײַן באַסיען? עפּשער מעג איך צוואַרטן, ביזוואַנען איר וועט איר מאַכן די אָפּעראַציע?

— איר קאָנט פאָרן אַהיים. מיר זײַנען שוין אויסגעקומען אָן נאַרקאָז, — האָט לעווי געענטפערט, — מיר האָבן אויף אײַך געוואַרט און געוואַרט און זיך ניט דערוואַרט... זי איז ווערט, אַז מע זאָל זי טראָגן אויף די הענט, אײַער באַסיע. אַ מאָלאָדיעץ איז זי... אַן אַנדערע אויף איר אָרט וואָלט שוין אונדז געגעבן די וועלט צו זען...

— איך שעץ זי, דאָקטער. איך וועל זי אויף די הענט טראָגן, אַבי זי זאָל מיר זײַן געזונט. — און סעגאַלאָוויטש האָט אויסגעדרייט דאָס פּאָנעם אין אַ זײַט, ניט געקאָנט מער ריידן...

— וווּ זײַט איר עס פאַרפאַלן געוואָרן?

— פרעגט בעסער ניט, דאָקטער. ס׳איז מיר אַ ביזאָיען צו דערציילן. זאָגט מיר בעסער, איך קאָן זען באַסיען?

בייס מע האָט סעגאַלאָוויטשן דערלאַנגט אַ כאַלאַט און אַרײַנגעלאָזן אין דער פּאַלאַטע, איז באַסיע געלעגן אַ בלאַסע און אָפּגעשוואַכטע. אירע אויגן האָבן פיבערדיק געגלאַנצט. ווײַזט אויס, אַז זי האָט אַ ביסל היץ געהאַט.

סעגאַלאָוויטש האָט צוגערוקט צו איר בעט דאָס טאַבורעטל און זיך אוועקגעזעצט. זי האָט אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט און די גאַנצע צײַט, וואָס ער איז דערנאָך לעבן איר געזעסן, האָט זי זײַן האַנט ניט אָפּגעלאָזן. זי האָט מיט אַ שוואַכער שטים געפרעגט:

— וואָס הערט זיך אין דער היים?

— וואָס זאָל זיך הערן אין דער היים? — האָט ער אַ צעטומלטער איבערגעפרעגט. — אַלץ איז אין אָרדענונג.

זי האָט דערקענט אין אים, אַז ער זאָגט ניט דאָס, וואָס ער טראַכט, און איבערגעפרעגט:

— זאָגסט אַן עמעס?

— וואָס וועל איך דיר לײַגן? — האָט ער זיך קלוימערשט באַליידיקט. — דו ווייסט דאָך,

אַז איך האָב פּײַנט, ווען מע לײַגט. אײדער איך האָב זיך געלאָזן אַהער, האָב איך די קינדער אַנגעקאָרמעט, אַלץ אָפּגעטאָן אין שטוב. נו, ווי פילסטו זיך, מײַן שוואַכינקע?

דערפון, וואָס איר איז נאָך קײנמאָל ניט אויסגעקומען צו פילן אַזאַ מילדע צערטלעכקײַט אין זײַן שטים אָדער דערפאַר, ווײַל זי האָט זיך דערמאָנט אין דעם, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען בײַס דער אָפּעראַציע, האָבן זיך אירע אויגן אָנגעפילט מיט טרערן און זי האָט, ווי אַ קאַפּריז קינד, גענומען ברעכן פינגערס.

— ניט קײן שוואַכינקע בין איך, נאָר אַ שטאַרקע. ווען דו ווײסט, וואָס פאַר אַ ווײטעקן מיר איז אויסגעקומען אַריבערצוטראָגן...

— איך ווײס, איך ווײס, — איז ער מאַסקים געווען, — ביסט אוואַדע גערעכט. דער כירורג זאָגט אויך, אַז דו האָסט זיך געהאַלטן, ווי אַ העלד. — און ער האָט צוגעגעבן: — דו ביסט בײַ מיר אַ גיבער...

אַז סעגאַלאָוויטש איז אַרויסגעקומען אין דרויסן, האָט ער דעם כירורג נאָך אַלץ געטראָפן אויפן גאַנעק. עס איז ווידער געווען וואַרעם. די זון האָט זיך באַוויזן און אַלץ אַרום באַגאָסן מיט אַ העלער שײַן. און בײַ דער ליכטיקער פרימאָרגנדיקער שײַן האָט זיך סעגאַלאָוויטשן אויסגעוויזן, אַז לעווי איז שטאַרק מיד, אַז ער שטײט זיך און רײכערט אין דרויסן, קעדיי זיך עטוואָס אָפּרוען. און הויך שעצנדיק סײַ אים אַלײן און סײַ די מעלאָכע, מיט וועלכער דער יונגערמאַן האָט זיך דאָ פאַרנומען, איז ער ניט דרײסט צו אים צוגעקומען און געוואָלט דערלאַנגען די האַנט, אָפּדאַנקען פאַר אַלץ. נאָר באַמערקט, אַז די הענט זײַנען בײַ אים קויטיקע, האָט ער עס ניט געטאָן. ער האָט געזאָגט:

— דאָקטער, בײַ אונדז זײַנען פאַראַן בינשטאָקן. איז ווי נאָר איך וועל באַקומען דעם ערשטן האָניק, וועל איך אײַך ברענגען פאַרזוכן. זאָל אײַך גאָט געבן געזונט און לאַנגע יאָר...

— אַ דאַנק. איך דאַרף גאָרניט.

— איר ווײסט ניט, וויאַזוי מיר האָט זיך געוואָלט אַרויסרײַסן נאָך אַ פלעשעלע נאַרקאָז. איך האָב אַפילע געזידלט דעם זאַוועדושטשע פונעם שפּיטאָל.

— דאָס, זעט איר, איז גראַדע ניט קעדײַ געווען. דער אַלטער האָט עס ניט פאַרדינט.

— און ווי שטאַרק האָט מיר וויי געטאָן, וואָס דעם קיטײַעץ וועט אויספעלן נאַרקאָז! איצטער וועט איר אים אויך קאָנען מאַכן אַן אָפּעראַציע. אַ ווײַל פאָלק זײַנען די קיטײַצעס, זײער גוטע אַרבעטער זײַנען זײ. גאָלדענע גערטנער. ניט ווײַט פון אונדז לעבן זײערע עטלעכע מישפּאָכעס. וואָלט איר באַדאַרפט זען, סאַראַ גערטענער בײַ זײ איז. קײן איבעריק גרעזעלע וועט איר בײַ זײ אויף די בײטן ניט געפינען...

לעווי האָט געזען, אַז אויסער אַלץ ווילט זיך דעם מענטשן אַ ביסל אויסרײדן דאָס האַרץ און ער האָט אים באַרויִקט:

— לעבט ניט איבער. מיט דעם קיטײַעץ וועט אויך זײַן אַלץ אין אָרדענונג. די הויפּטזאַך איז, וואָס איר האָט געבראַכט דעם נאַרקאָז. מיר האָבן שוין ניט געוווּסט, וואָס איבערצוטראַכטן. פאַרפאַלן געוואָרן אַ מענטש, און שוין...

ווען סעגאַלאָוויטש האָט אײַנגעשפּאַנט דאָס פערד אינעם וואָגן און זיך געקליבן פאַרלאָזן דעם הויף פונעם שפּיטאָל, איז געקומען צו פאָרן מאַראָזאָוו, דער נאַטשאַלניק פון דער גרענעץ-וואַך. סעגאַלאָוויטש האָט ניט געוואַגט אַרײַנצומישן זיך אינעם געשפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן מאַראָזאָוון מיטן דאָקטער. ער האָט זיך דאָך צוגעהערט, וועגן וואָס זײ רײדן. זיך אָנגעשטויסן, אַז זײ שמועסן וועגן דעם יונגן, קראַנקן כינעזער, איז ער אויך צוגעקומען.

— עפּשער, — האָט ער געפרעגט, — בין איך שולדיק, וואָס איך האָב זיך געזאַמט מיטן נאַרקאָז?

אַ קורצע ווײַלע האָט דער כירורג מיט מאַראָזאָוון צוגעשוויגן. דערנאָך האָט אַנדרײ פּעטראָוויטש זיך אָפּגערופן:

— ניט איר זײַנט שולדיק אין דעם, וואָס מיר קענען פאַרן קראַנקן גאָרנישט ניט טאָן. עס זײַנען דאָ אַנדערע, וועלכע זײַנען שולדיק...

אַז מאַראָזאָוו איז צוגעקומען צו זײַן פערד און זיך געוואָלט אַרײַנזעצן אינעם זאָטל, האָט זיך פונעם ברעג אַמור דערטראָגן אַ שיסערײַ פון קוילנוואַרפערס און, זיך האַלטנדיק מיט בײדע הענט פאַרן זאָטל, איז ער אַזוי אַ ווײַלע פאַרגליווערט געוואָרן, זיך צוהערנדיק, ווו מע שיסט...

אין עטלעכע רעגעס אַרום איז מאַראָזאָוו אַרויסגעפאָרן פונעם הויף. אָנטרײַבנדיק דאָס פערד, איז הינטער אים געפאָרן אויף זײַן פור סעגאַלאָוויטש.

דאָרטן, ווו די צאַרטע רויזן ליגן

באַלאַדע וועגן צוויי כאַווירים

אין מאָסקווע בײדע האָבן זיך באַקאַנט
און זייַנען פרייַנט געוואָרן ניט אומזיסט.
דער ערשטער האָט געוווינט אין סאַמאַרקאַנד,
דער צווייטער — אין א שטעטל לעבן מינסק.

פון מאָסקווע איז דער צוג געגאַנגען שנעל
און זיי צום אָנגעמערקטן אָרט געבראַכט —
ניט גלאַט אַזוי א קוק טאָן אף דער וועלט,
נאָר ארבעטן מיט אימפּעט, ווי מע דאַרף!

דער מייַסטער מיט די באָכערים די צוויי
א שמועס האָט אָן ערנסטן געפירט:
כ'וויל וויסן, צי פאַרשטייט איר וואָס עס הייסט
אָן אייַזנבאַן־וועג בויען אין סיביר?

דאָ איינער מיט דעם צווייטן איז פאַרייינס —
אַזאַ איז שוין באַ אונדז דער קאָלעקטיוו.
— פאַרשטייט זיך, —
איינער ענטפערט אים, — איך ווייס,
אַזוינע מענטשן דאַרף מען אין סיביר.

מיט צוויי פּוטיאָווקעס פון קאָמיוג צו אייַך
געקומען זייַנען מיר ניט גלאַט אַזוי.
ער נעמט פאַנאַנדער א פּאַפּיר און ווייַזט,
ווו אַלץ איז אָנגעשריבן וועגן זיי.

און בײדע זייַנען ארבעטן אוועק,
און, ווי כאַווירים גוטע, זיך צעשיידט.
דער ערשטער בויט א סטאַנציע לעם וועג,
מיט א מאַשין דער צווייטער רעלסן לייגט.

מע איז צופרידן פון די יונגעלייַט,
וואָס זייַנען פריילעך אַלעמאָל געשטימט.
ווי בויער אויסגעצייכנטע שוין הייַנט
געוואָרן זייַנען זיי אין לאַנד בארימט.

און ווויל איז יענעם, וועלכער, יעדנפאַל,
לאָזט איבער אף דער ערד א גוטן שפּור!
אַלץ לענגער, שענער ווערט די מאַגיסטראַל,
וואָס פון בייַקאַל וועט גיין ביזן אַמור.

פיר ברידער זייַנען מיר געוועזן

אין דער מילכאָמע איז אין ווייסרוסלאַנד אומגעקומען
יעדער פערטער

מייַן גוטע מאַמע, די שטילע מירל,
געהאַט האָט פיל נאַכעס פון די זין פון אירע.
פיר באָכערים שלאַנקע,
געזונטע און שיינע —
באַ וועמען אין שטעטל געפינט מען אַזוינע?
פון אונדזער פירלינג מייַן ברודער דעם ייִנגסטן
האָבן דערמאָרדעט גאַזלאָנים — פאַשיסטן.
די מערדער די זעלבע, די זעלבע סאָלדאַטן
האָבן דערהאַרגעט מייַן מאַמען, מייַן טאַטן.
פון אונדזער פירלינג — מייַן ברודער דער צווייטער
אין אָפענער שלאַכט אין געפאַלן א טויטער
שוין דאַן, ווען מיר האָבן דעם סוינע געטריבן —

אזוי האָט מען מיר פֿון זײַן ראָטע געשריבן.
ביטאָ איז דער דריטער פֿון אונדזער פּירלינג —
איך ווייס ניט ביז איצט ווו זײַן קיווער געפֿינט זיך.
איך ווייס נאָר:
ער האָט קעגן פֿײַנט זיך געשלאָגן
אזוי ווי א גיבער.

— — — — — — — — — — — — — — —

מיר זײַנען געווען פֿיר ברידער,
בין איך געבליבן איינער.

בלומען אפֿן ברודער־קיווער

אף אן אָרט א הויכן,
צווישן קליאָנען ברייטע,
האָבן מיר אוועקגעלייגט די טויטע.
דאָרט געבראַכט צו קווורע אין א ברודער־
קיווער
אכט סאָלדאַטן פֿון דער ערשטער ראָטע,
צווישן זיי מײַן לאַנדסמאַן פֿרידמאַן מאָטע.
מיר זײַנען געווען פֿון איין עלטער.
איצט בין איך פֿון אים אין צוויי מאָל עלטער.
פֿרילינג־צײַט, ווען אף די פֿעלדער גריבע,
הייבן אָנעט די ראָמאַשקעס בליִען,
קומט א סאָלאָוויי אהין צו פֿליִען

און באַזעצט זיך אף די זעלבע קליאָנען,
און דערנאָך
א קײַלעכדיקן זומער
ליגן אפֿן קיווער פֿרישע בלומען:
כריזאַנטעמעס,
ראָזעס צאַרטע
ליכטיקע טיולפּאַנען —
אלע בלומען זײַנען דאָרט פֿאַראַנען.
יעדן אינדערפֿרי, ווי לויטן זייגער,
איז דער סאָלאָוויי שוין אפֿן קיווער,
דאָרטן, ווו די צאַרטע רויזן ליגן, —
ער פֿאַרציט זײַן אומשטערבלעכן ניגן!

* * *

כ׳קאָן אָנווײַזן אפֿילו איצט דאָס אָרט —
איך וועל עס ניט פֿאַרבײַטן, ניט פֿאַרגעסן:
א ייִד א זאַקן מיט א ווײַסער באָרד
איז לעם א בוים,
ניט ווײַט פֿון אונדז, געזעסן.

דערנאָך האָט ער זיך אף די פֿיס געשטעלט
און אָנגעטאָן א טאַלעס אף דער פּלייצע.
איך האָב אים פֿון די ערשטע דאָרט
באמערקט —
מיר האָט געדוכט זיך, אז ער איז מײַן זיידע.

איך האָב אים אָפּגעגעבן דעם „עץ־זע״,[1]
וואָס אין מײַן זעקל איז געווען באהאלטן,
נאָר ער האָט סײַוויסײַ מיך ניט געזען —
ניט איך אין קאָפּ געלעגן בין באם אלטן.

[1] בייס דער מילכאָמע פֿלעגן די סאָלדאַטן טראָגן מיט זיך עפּעס פֿון עסנווארג, וואָס מע האָט גע־דאַרפֿט היטן פֿאַר א נויט („ניעפּריקאָסנאָוועני זאַ־פּאַס)״ — א רעזערוו, צו וועלכן מע רירט זיך ניט צו).

* * *

אף א ניט דינעם צווײַגל פֿון א דעמב
האָט שטיל א ווײַסער בושעל זיך געשאָקלט,
ער האָט זיך אויסגעטיילט פֿון אנדערע מיט דעם,
וואָס אים האָבן די קוילן ניט געשראָקן.

איוואַן פּוכאָוויטש — איינער א סערזשאַנט —
האָט די דערשײַנונג פּינקטלעך ניט פֿאַרשטאַנען:
— פֿאַרוואָס, — האָט ער געפֿרעגט, — איך פֿרעמדן קאַנט
איז ער, דער בושעל, אויך מיט אונדז צוזאַמען?

אַן אָפּקלאַנג פֿונעם קריג

אין אייניקע ערטער, וווּ אין דער צײַט פֿון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע זײַנען פֿאָרגעקומען ביטערע שלאַכטן, געפֿינט מען נאָך ביז איצט באָמבעס און מינעס.

סאַפּיאָרן זײַנען אָנגעקומען שנעל
און צו דער אַרבעט טייקעף צוגעטראָטן.
עס פּאָרט אַ לאַסט־מאַשין פֿאַוואַליע, שווער —
מיט אַלטע באָמבעס איז זי אָנגעלאָדן.

די וואָך וועט שטיין לעם טיפֿן קאָטלאָוואַן
ביז די געפֿאַר דעם יישעוו וועט פֿאַרמײַדן.
אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק דעם יונגנמאַן,
וואָס האָט דער ערשטער אָנגעטאַפּט די אײַזנס.

ווער טראַכטן האָט געקענט, וואָס דאָ עס דראָט,
וואָס דאָ פֿון דער מילכאָמע איז געבליבן...
באַגינען, ווײַט פֿון מענטשן, הינטער שטאָט,
וועט דער מעטאַל זיך אויפֿהייבן אין הימל.

דער ווינט וועט אײַנדערלופֿטן אומבאַדינגט
די שווערע לאַסט צעשלײַדערן, צעשלעפּן.
און נאָך אַן אָפּקלאַנג פֿון דעם ווײַטן קריג
וועט גרינג פֿאַנאַנדערגיין זיך ווי אַ נעפּל.

די באָבע

זי איז אַ באָבעניו געוואָרן,
איר אייניק טרעט ניט אָפּ פֿון איר.
נאָך יעדן טראָט די באָבע שפּירט,
ווי גיך עס לויפֿן דורך די יאָרן.

זי שטעלט זיך זעלטן־ווען צום שפּיגל,
ווײַל דאָרטן וועט זי ניט דערזען,
ווי זי איז יונג און שיין געווען —
ס'איז ניט קיין גרויסער פֿאַרגעניגן.

זי האָט אַ פֿאָטאָ אויסגעקליבן
און סאַשענקען באַווײַזן ברענגט:
אין אַ פּילאָטקע דאָרט זי שטייט,
אין אַ שינעל, אין קורצע שטיוול.

באַקוקט דאָס בילד פֿון אַלע זײַטן,
דער אייניק האָט זי ניט דערקענט —
ניט יענע האָר, ניט יענע הענט
ניט יענער ווונק, ניט יענע צײַטן...

נאָר עפּעס האָט זיך יאָ דערמאָנט
אין איר געזיכט, אין מילדן שמייכל.
— אָ, באָבע מײַנע, זײַ מיר מויכל,
האָט סאַשע שטילערהייט געזאָגט.

וועטעראַנען

געבענטשט זאָל זײַן דאָס אָרט פֿון שטאָלץ
און רום,
וווּ דו האָסט זיך מיט פֿעסטע טריט געשטעלט.
דאָ גייט מען זיך צונויף פֿון אומעטום —
פֿון נאָענט און פֿון ווײַט, פֿון גאָר דער וועלט.

די ערע־וואַך באַם לעניך־מאַוזאָליי
שטרענג לויט דער צײַט זיך בײַטן גייט אַרויס.
אָט זע איך יונגעלײַט, און לעבן זיי
אַ מענטש אין מײַנע יאָרן טיילט זיך אויס.

איך האָב אים צווישן אַנדערע דערקענט.
ער האָט מיך אויך דערקענט, זיך אויך
דערפֿרייט.
מיר האָבן זיך גענומען פֿאַר די הענט,
צעקושט זיך און שוין לאַנג מער ניט צעשיידט.

געבליבן איז די פֿרײַנטשאַפֿט שטאַרק, געטרײַ,
ווײַל די מילכאָמע האָט זי אויסגעפּרוווט.
עס זעען יונגע, גייענדיק פֿאַרבײַ,
ווי וועטעראַנען נעמען זיך אַרום.

אַ מיידעלע האָט יאַגעדעס געקליבן

צום וואַלד אַ סטעזשקע ציט זיך ניט קיין לאַנגע,
פֿון דאָרף איז זי ניט נאָענט און ניט ווײַט...
און ווידער איז דאָס מיידעלע געגאַנגען
אין וואַלד, וווּ רויטע יאַגעדעס מע קלײַבט.

און ווידער פֿול געוואָרן איז די קיילע
מיט יאַגעדעס פֿאַר אַלע אירע פֿרײַנט,
און טאָמער אָפּ אַ שאָ פֿאַרשפּעטיקט — מיילע,
די מאַמע וועט אָפּ איר אין קאַס ניט זײַן.

כ'פלעג אויך איך וואלד ניט זעלטן זיך
פארהאלטן

און זייַן דאָרט, ביז עס פלעגט פארגיין די זון.
עס קרייען העגער. לעם די פלויטן אלטע
האָט גוט זיך איינגעאָרדנט אונדזער הונט.

דאָרט איז געווען זייַן אָרט, ווו ער פלעגט מעגן
ארומגיין, ווי א שוימער, טאָג און נאכט...
ער האָט דער ערשטער, ווי א פרייַנט, באגעגנט
דאָס מיידעלע, וואָס האָט אין וואלד פארבראכט.

* * *

א דיכטער האָט געשריבן, אז א פרייַנט
איז גרינג פארלירן, אָבער שווער געפינען—
דערביי האָט ער געוויס געהאט אין זינען:
א פעלער דארף מען קענען מויכל זייַן.

נאָר מויכל זייַן מע טאָר ניט קיין פאראט,
אין דעם האָט קיינער קיינמאָל ניט געצווייפלט.
דאָס האָט קיין זין אפילע אונטערשטרייַכן,
אויב ס'גייט א רייד וועגן דער היים ביפראט.

וואָס דארף איך

איך דארף מע זאָל ערגעץ ניט שיסן,
די וועלט זאָל פון צאָרעס ניט וויסן,
מיט פרייַנט זיך ניט קענען צעשיידן,
מיט מענטשן מיט ווילע זייַן איידל,
מיט פרישע געדאנקען זיך טראָגן —
וואָס דארף איך, מישטיינסגעזאָגט, האָבן?

געזונט און א שטילן באגינען,
א נאָמען א גוטן פארדינען,
אָן טויוועס פאר מענטשן ניט בלייַבן,
די הארציקע לידער—דערשרייַבן.
נאָר כ'דארף, אויב געקומען צום וואָרט איז,
א ביסעלע מאזל, מער גאָרנישט.

יעווגעניִע מאַלאַכאָווסקאַיאַ

וואַרעמע רעגנס

הינטערן פענצטער איז געגאַנגען אַ רעגן. נאַטאַליע האָט געקוקט דורך דער שויב און האָט ראַכמאָנעס געהאַט אַפֿן רעגן. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז די רעגן־טראָפּנס קלאַפּן באַרויִגעזדיק אין דער שויב און קומען אום, ווי זיי וואָלטן זיך אַראָפּגעקײַקלט ערגעץ אין יענוועלט. אַזוי הערן אויף צו זײַן קעגנשטאַנדן, מעגלעך, אַז אַזוי הערן אויף צו עקזיסטירן מענטשן.

פּלוצעם האָט איר זיקאָרן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די ראָמאַנטישע העלדן־ריטערס פֿון מיטלאַלטער. דערנאָך זײַנען איר געקומען אויפֿן זינען די מוטיקע מענטשן, וואָס זײַנען אַוועק אויף די באַריקאַדן. זיי זײַנען אויך געווען גרייט צו מעסירעסנעפֿעש, וואָס איז ראָמאַנטיש און דערהויבן.

דער צוג האָט געקלאַפּט אין די רעלסן, ראַשיק זיך געקײַקלט ווײַטער, געקלונגען פֿאַרבײַ די קליינע סטאַנציעס.

דער רעגן האָט מעשוגענערווײַז געפּאַטשט אין שויב, האָט פֿאַרצויגן דעם טאָג מיט גרויקײַט און אומעט, געראַשט, ווי זיך געקלאָגט. די רעגנס זײַנען דאָך ניט קיין שטומע, זיי האָבן אַ כאַראַקטער, אַ שטים, אַ קאָליר, ווי מענטשן. זיי פֿאַרעבענדעווען, ווײַל זיי רעגענען דאָך אין דער סאַמע אומפּאַסיקער צײַט.

אין וואַגאָן איז געווען קאַלט און ווינציק מענטשן. אַנטקעגן נאַטאַליען האָט אַ גאַנץ ליבלעכע פֿרוי מיט פֿלײַס פֿון אַן אַלטיטשקער עפּעס געשטריקט. ווײַזט אויס, זי האָט ניט געהערט, ווי עס הודזשעט דער רעגן און ווי עס פּויקט דער האַלב־פּוסטער וואַגאָן. נאַטאַליע האָט אָפּהענטיק אויסגעווישט די אויגן, ווײַל זי האָט שלעכט געקאָנט זען די פֿרוי אויף דער קעגנײַבערדיקער באַנק.

און דער צוג האָט אַלץ געדונערט, דער רעגן האָט געהודזשעט, אַ גרויע נאַסקײַט האָט געדריקט אויף דער ערד.

נאַטאַליע האָט אָנגעקלונגען אין טיר־גלעקל.

דאָס איז געווען שפּעטער, נאָכדעם. קיינער האָט ניט געענטפֿערט, אָבער זי איז געווען זיכער, אַז דאָרטן, אין דער דירע, איז גראָד עמעצער דאָ. זי האָט נאָך דרייסטער אָנגעקלונגען. צום דריטן מאָל איז פֿון איר אַוועק די אומגעוואַגטקײַט, און אין האַלדז איז שוין ניט געווען אַזוי טרוקן.

נאַטאַליע איז געווען פֿאַרצווייפֿלט. אַ מידע, האָט זי זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און פֿאַרביטערט געטראַכט, ווי זי האָט קיין מאַזל ניט. דאָס רויטע אייגל באַם ליפּט האָט ניט געברענט, און דער וועג איז געווען פֿרײַ. ס'איז איר ווידער געקומען אויפֿן זינען די פֿרוי, וואָס האָט געשטריקט. פּלוצעם האָט זיך די טיר געעפֿנט, זי האָט דערהערט, אַז מע באַגריסט זי. לויטן קאָל האָט נאַטאַליע ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, ווער רעדט עס, נאָר זי האָט אויך געענטפֿערט אויף דער באַגריסונג, ניט אָפּקערנדיק די אויגן פֿונעם רויטן קנעפּעלע אויפֿן ליפּט.

— איך בין גרייט אײַך צו דינען.

— אַ, דאָס זײַט איר? כ'האָב אײַך ניט דערקענט, וואַלענטינע איוואַנאָוונאַ, — האָט געזאָגט נאַטאַליע, באַטראַכטנדיק יורי אַלעקסייעוויטש גאַגאַרינס אַלמאָנע. זי האָט געקוקט

אזוי לאַנג אַף דער אַלמאַנע, אַף וויפֿל דאָס קאָן דערלאָזן דער עטיקעט פֿון אַ זשורנאַליסט, וואָס נעמט אַן אינטערוויו. — אַנטשולדיקט מיר.

— נישקאָשע, — האָט געזאָגט וואַלענטינע איוואַנאָוונאַ. — צו מיר ווענדן זיך גאַנץ אָפֿט זשורנאַליסטן, און אַלע זײַנען זיי פֿאַרשיידענע. דאָס איז פֿאַרשטענדלעך, קיין אײנאַרטיקע מענטשן זײַנען ניטאָ.

— איך בין זייער צופֿרידן, וואָס מע האָט מיך באַופֿטראָגט אָנשרײַבן וועגן יורי אַלעק־סייעוויטשן, דאָס איז אַ קאָוועד פֿאַר מיר.

— איך באַגריס אײַך.

— דערלויבט זיך פֿאָרשטעלן, איך בין נאַטאַליע טשופּאַראָווסקאַיאַ, — און האָט אָנגע־רופֿן דעם נאָמען פֿון דער צײַטונג.

— ביטע, קומט אַרײַן אין שטוב, — האָט אײַנגעלאַדן וואַלענטינע איוואַנאָוונאַ. בייס נאַ־טאַליע האָט אַריבערגעשפּאַנט די שוועל פֿון דער דירע, האָט איר אָפּגענומען דאָס לאָשן, אזוי דערשיטערט איז זי געווען, וואָס זי געפֿינט זיך אין גאַגאַרינס דירע. ס'האָט זיך איר געדוכט, אַז זי האָט אַרויסגעבראַכט אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער, אָבער זי האָט דערפֿילט, ווי וואַלענטינע איוואַנאָוונאַ האָט זיך צוגערירט צו איר האַנט, און דאָס האָט זי באַרויִקט.

דער צימער מיטן גרויסן פֿענצטער איז געווען פֿול מיט פּילצאָליקע בילדער, טעפּיכער און אַנדערע סוווענירן, און נאַטאַליע האָט זיך מאַמעש געשראָקן, ווי ס'וואָלט זי אַרומגע־רינגלט הייליקײַט. זי האָט זיך געזעצט אין אַ שטול, וואַלענטינע איוואַנאָוונאַ האָט, אײַנ־האַלטנדיק איר אומגעדולד, זיך ניט געזעצט.

נאַטאַליע האָט געקוקט אַף איר, און זי האָט דערקענט באַקאַנטע געזיכט־שטריכן.

— איך בעט אײַך, נאַטאַשע, זיצט. איר האָט דאָך געזען, אַז איך קלײַב צו די דירע.

ערשט איצט האָט נאַטאַליע דערזען וואַלענטינע איוואַנאָוונעס פּאַרטעך און אַרויסגע־פּרעפּלט:

— אַנטשולדיקט.

— וואָס אינטערעסירט אײַך, נאַטאַשע? — האָט געפֿרעגט וואַלענטינע איוואַנאָוונאַ, אָנ־שפּאַרנדיק זיך אין שטול. — וועגן יורען האָט מען אַזויפֿיל געשריבן, מײַנע קאָנסולטאַציעס זײַנען שוין איבעריק. טרעפֿלעכע זשורנאַליסטן אַרבעטן מיט פּובליקירטע טעקסטן.

— מיך אינטערעסירט אַלץ, בוכשטעבלעך אַלץ. איך וויל וויסן, וויאַזוי האָט איר זיך באַקאַנט, וועגן וואָס האָט איר יענעם ערשטן אָוונט גערעדט יורע. אַנטשולדיקט, ניט אַזוי האָב איך געדאַרפֿט זאָגן, כ'האָב אים ניט געדאַרפֿט אָנרופֿן יורע...

וואַלענטינע איוואַנאָוונאַ האָט אופֿגעציטערט, זיך אויסגעגלײַכט, און, וועלנדיק באַנעמען, וואָס נאַטאַשע האָט געזאָגט, האָט זי זי אָנגעקוקט.

— אַנטשולדיקט, — האָט שטיל אַרויסגעמורמלט נאַטאַליע און זיך אופֿגעהויבן פֿון שטול.

— נאַטאַשע, פֿאַר וואָס זאָל איך אײַך אַנטשולדיקן?

— כ'האָב ניט געדאַרפֿט זײַן אַזוי פֿאַמיליער און זאָגן „יורע".

וואַלענטינע איוואַנאָוונאַ האָט אַ שמייכל געטאָן, אירע אויגן הינטער די ברילן, וועלכע האָבן פֿריער אָפּגעשפּיגלט אַ קאַלטן פֿרעמדן גלאַנץ, זײַנען וואַרעמער געוואָרן, אין זיי האָבן ווי אופֿגעפֿלאַמט לעבהאַפֿטע, גוטמוטיקע פֿײַערלעך.

— אַלע האָבן אים אַזוי גערופֿן, און יורע האָט זיך קיינמאָל ניט באַליידיקט. אין אָט דער פֿאַשעטער ווענדונג איז דאָ מער קאָוועד, איידער אינעם צעצויגענעם נאָמען און פֿאָ־טערנאָמען.

— איך קאָן ניט דערקלערן, פֿאַרוואָס איך האָב אים אַזוי אָנגערופֿן, נאָר אַזוי איז מיר באַקוועמער, וואַרעמער.

— רופֿט אים טאַקע אַזוי, רופֿט אים — יורע! ער האָט, צום באַדויערן, די פּריווילעגיע אַף אייביק צו בלײַבן יונג. וואָס האָט איר זיך אופֿגעהויבן פֿון שטול, זעצט זיך. — וואַלענ־טינע איוואַנאָוונאַ האָט אַליין זיך אויך אַוועקגעזעצט אין שטול אַנטקעגן נאַטאַליען.

— איך מיין ניט די באַקוועמלעכקײַט צו ריידן, נאָר אַזוי וועל איך קאָנען פֿירן דעם אינטערוויו, ווי איבער אַ גלײַכן באַקוועמען וועג. מיסטאָמע האָב איך דאָס ניט פֿאַרשטענד־לעך געזאָגט?

— פֿאַרוואָס עפּעס ניט פֿאַרשטענדלעך? אײַערע באַציִונגען מיטן ערשטן קאָסמאָנאַווט געהערן בלויז אײַך. דאָ בין איך קיין ריכטער ניט. איך בין זײַן פֿרוי, און די סוביעקטיווי־קײַט פֿון די אייגענע פּרויען זײַנען ווי שווערע קייטן פֿאַר זייערע מענער, און פֿאַר זיי גופֿע אויך.

— אַ דאַנק, — האָט זאַכלעך באַמערקט נאַטאַליע, זייער שעצנדיק וואַלענטינע איוואַנאָוו־נעס ווערטער. — צי דאַרף איך דערציילן וועגן זיך?

וואַלענטינע איוואַנאָוונאַ האָט אַראָפּגעלאָזט זי אויגן.

— ניין, קאָן זיין דערנאָך, אויב מע וועט דאַרפֿן. אָבער אין אַלגעמיין בין איך גרייט אייַך צו ענטפֿערן אויף אַלע פֿראַגן.

וואַלענטינע איוואַנאָוונעס שטים האָט געקלונגען אומזיכער.

— דער זיקאָרן האָט פֿאַרהיט זייער אַ סאַך, — האָט שטיל געזאָגט וואַלענטינע איוואַנאָוונאַ. — פֿאַרשטייט זיך, אַז די יאָרן האָבן עפּעס צעפּלאָנטערט, אָפּגעווישט פּראַטים, נאָר אַלצייִנס צאַפּלט עס. עס וועקט דערינערונגען און פֿירט צו יענעם אָוונט אין דער מיליטעריש שול, קימאַט פֿינף און צוואַנציק יאָר צוריק. די מוזיק, וואָס האָט געצוווּנגען צו זייַן אומעטיק, זיך דרייען אין וואַלס, די געזעמלעך קורסאַנטן, וועלכע זייַנען שעמעוודיק געשטאַנען אין שאָטן, און דער גאַנצער אומגעווייַנלעכער ארום, דער אויפֿגערעגטער פּלאַטער, יעדעס מיידל גייט דאָך אויף אַזאַ אָוונט, קעדיי צו באַגעגענען איר „פּרינץ", אָדער, ווי מע זאָגט, געפֿינען דעם אייגענעם גורל. נאַטירלעך, האָב איך אויך געטראַכט וועגן דעם, אָבער איך האָב ניט אָנגעהויבן וויסן, אַז אָט דער „פּרינץ" וועט דערשייַנען אין אָפּגעשווירענער, אַ דערשראָקענער, מיט אַ שאַרפֿער אונטערשטער קין, מיט היימלעכע אויפֿמערקזאַמע אויגן אין דער פֿאָרם פֿון אַ קורסאַנט און אין גראָויסע קירזעווע שטיוול...

— הייסט עס, ביזן קומענדיקן זונטיק האָט יורע געלאָזט וויסן מיט אַזאַ זיכערקייַט, ווי ער וואָלט ניט געבעטן, מיר זאָלן זיך באַגעגענען און ווי ער וואָלט ניט געצווייפֿלט אַפֿילע אַ האָר ניט אין דער מעגלעכקייַט זיך צו זען מיט מיר. אַזוי פֿעסט האָט ער אַליין באַשטימט אונדזער קומענדיקע באַגעגעניש. איך זאָג אייַך אָפֿן, אַז זייַן פֿעסטקייַט איז מיר געווען צום האַרצן. כ'האָב פֿאַרשטאַנען, אַז איך געפֿעל אים, אַז אין דעם געווימל פֿונעם מוירעדיקן אוילעם האָט ער טאַקע אויסגעקליבן נאָר מיך און ער וויל מיך ניט פֿאַרלירן. מעכטיק און אַנטשיידן, קימאַט מיט אַ שרעקנדיקער פּאַדערהאַפֿטיקייַט, האָט ער באַשטימט זייַן רעכט אויף פֿרייַנטשאַפֿט. אין זייַן בוך „דער וועג אין קאָסמאָס" האָט יורע געשריבן וועגן אונדזער באַקאַנטשאַפֿט: „מיר האָבן זיך באַקאַנט, ווען מע האָט אונדז אַרויסגעלאָזט פֿון קאַראַנטין, ווי די מיידלעך פֿלעגן זיך אויסדריקן, „פֿליכעוואַטינקע קורסאַנטן". אויף די טאַנץ־אָוונטן אין שול איז זי געווען אָנגעטאָן אין אַ פּאַשעט העל־בלוי קליידל, און געווען איז זי זייער אַ שעמעוודיקע. איך האָב זי איינגעלאַדן אויף אַ וואַלס, און דאָס איז געווען, נעמלעך, דער אָנהייב פֿון אונדזער פֿעסטער פֿרייַנטשאַפֿט".

די צווייטע באַגעגעניש איז געווען אַ מער באַדייַטנדיקע, אונדז איז קלאָר געוואָרן, אַז מיר באַזיצן פֿאַרשיידענע כאַראַקטערס, אונדזערע מיינונגען און שטאַנדפּונקטן וועגן קונסט און קינאָ זייַנען אויך פֿאַרשיידן. ניט ער, ניט איך האָבן עס ניט פֿאַרבאָרגן, מיר האָבן זיך געאַמפּערט, יעדערער האָט פֿאַרטיידיקט זייַן פּאָזיציע, נאָר צעקריגט האָבן מיר זיך ניט. הערנדיק זייַנע מיינונגען, האָב איך אומדערוואַרט פֿאַר זיך אַליין דערפֿילט, אַז דאָס איז מיר אינטערעסאַנט. זייַנע מיינונגען, זייַנע שטאַנדפּונקטן האָבן מיך פֿאַרינטערעסירט. איך פֿלעג אומרויִק קוקן אויפֿן זייגער, ווייַל ס'האָט מיך געשראָקן די נאָענטקייַט פֿון אונדזער צעשיידונג. קיינמאָל האָט אונדז ניט געקלעקט קיין צייַט, איך האָב אַלעמאָל געצווייפֿלט, צי וועלן מיר זיך נאָכאַמאָל באַגעגענען. יורע האָט זיכער און אייַנגעגלייבט אין זיך געטרויט אונדזער פֿרייַנטשאַפֿט. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער האָט זייער ליב ליטעראַטור, נעמט זי אויף באַזונדערס דין און טראָגט זיך ארום מיט אַ כאָלעם אָנצושרייַבן אַ בוך. די צייַט האָט גיך געשטראָמט און דערנענטערט אונדזער צעשיידונג. יורע האָט וועגן דעם אַזוי געזאָגט: „אַלץ איז זייער גוט, אַזוי האָב איך טאַקע געטראַכט. הייסט עס, ביזן קומענדיקן זונטיק, לאָמיר גיין..." פּלוצעם איז ער שטיל געבליבן, זיך אַ ביסעלע פֿאַרשעמט, ווייַל ער האָט פֿאַרשטאַנען מייַן שטימונג. ער האָט מיך אויפֿמערקזאַם אָנגעקוקט און אויסגערופֿן: „מיר גייען צוגאַסט!".

— וווהין גייען מיר עס? — האָב איך געפֿרעגט, אָבער איך בין געווען פֿאַרוווּנדערט און דערפֿרייט. כ'האָב אים געפֿרעגט: — צו אונדז גייען מיר?

— יאָ, צו אייַך.

דאָס אַלץ איז געשען אַזוי גיך, אַז ס'איז ניט געווען קיין צייַט דאָס צו באַטראַכטן. פֿון דער זייַט האָט עס געקאָנט אויסזען לייַכטזיניק: זיך נאָרוואָס באַקאַנט, און מע רופֿט שוין אַ באַכער צו זיך אין שטוב. אָבער ער... פֿאַרוואָס האָט ער זיך געוואָלט באַקאַנען מיט מייַנע עלטערן? אין אַ צייַט ארום, ווען איך האָב אים בעסער דערקענט, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז איינע פֿון זייַנע מערקווירדיקע כאַראַקטער־שטריכן. יורע פֿלעגט לייַכט און פֿריי זיך צונויפֿגיין מיט מענטשן, גיך אַרייַנוואַקסן אין אַ באַליביקער אומגעבונג, אין וואָס פֿאַר אַ

געזעלשאַפט ער זאָל ניט געווען קומען, האָט ער זיך געפּילט ווי אַן אייגענער, מאַמעש ווי אַ פיש אין וואַסער.

יורע פלעגט באַ אונדז זײַן אָפט, ער האָט מיר ניט איין מאָל געזאָגט, אַז אין מײַן מישפּאָכע פילט ער זיך ווי אינדערהיים. מיר האָבן זיך געפריינט, ווען ער פלעגט קומען, און גאָר אינגיכן איז ער אין אונדזער מישפּאָכע געוואָרן אַן אייגענער מענטש. ער איז געווען שטיפעריש, פריילעך, אַמאָל פאַרביטערט פון וועלכע־ניט־איז געשעענישן, אָבער אַלעמאָל אופמערקזאַם, זאָרגפול, האַגאַם שטענדיק אָן אַנדערער, קיינמאָל ניט אַלציינס. מיר האָבן מיט אים אָפּגעלעבט אַ קורצן צוזאַמענלעבן, אינגאַנצן צען יאָר, און די צען יאָר גיבן מיר ניט קיין רעכט צו זאָגן, אַז כ'האָב אים געקענט גוט. קאָן זײַן, אַז איך האָב אים געקענט בעסער פון אַנדערע, אָבער אין קיין פאַל האָב איך אים ניט געקענט אַלזײַטיק. גאַנץ אָפט ווענדן זיך צו מיר ליטעראַטן, איך זאָל זיי אַרויסהעלפן. מיט וואָס נאָר איך קאָן, בין איך גרייט אַרויסצוהעלפן אַ שרײַבער, אַ זשורנאַליסט אין זײַן אַרבעט, אָבער איך וויל, מע זאָל מיך ריכטיק פאַרשטיין, אויב איך מײַד אַמאָל אויס באַגעגענישן, שמועסן, אינטערוויוען. מיט מײַנע דערינערונגען, דערציילונגען, וואָס קאָנען זיך קעגן מײַן ווילן אויסגיסן אין אַ געוויסן אינסטרוקטאַזש און שמעלער מאַכן די פאַרשטעלונג וועגן יורען, אַוועקפירן דעם אַווטאָר, וועלכער שרײַבט וועגן אים, אין דער ספער פון פערזענלעכע איבערלעבונגען, פאַרקריפּלען זײַן פּראַפעסיאָנעלן טאַמציס אין זײַן טעטיקײַט. און דאָס אַלץ קאָן צעשטערן אַ גוטן פאַרטראַכט. איך בין פולשטענדיק מאַסקים מיט אַלעקסיי לעאָנאָווס מיינונג וועגן דעם, אַז די אַלע, וועלכע האָבן נאָענט געקענט יורי גאַגאַרינען, געאַרבעט איינינעם מיט אים, וועט מיט דער צײַט פאַרייניקן ניט נאָר אַ נאַטירלעכער געפיל פון שטאָלץ און דאַנקבאַרקײַט, נאָר טאַקע אויך אַ געפיל פון שטײַגנדיקער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר יעדער וואָרט וועגן אים. יעדער פּראַט פון זײַן לעבן, יעדער כאַראַקטער־שטריך, וועלכע זײַנען פאַרבליבן אין זיקאָרן, האָבן שוין אופגעהערט זײַן דײַנע, זיי זײַנען אַלעמענס, פונקט ווי יורי גאַגאַרינס גופע ווערט אַלץ קנאַפּער און קנאַפּער דײַן פערזענלעכער באַקאַנטער, דײַן כאַווער, דײַן קאָלעגע, ווײַל מיט יעדן יאָר געהערט ער אַלץ מער און מער צו דער מענטשהײַט...

וועגן יורען איז שוין אָנגעשריבן ניט ווייניק ביכער, ניט אַלץ פונעם פאַרעפנטלעכטן איז מיר געלונגען איבערצולייענען, דאָס, וואָס איך האָב איבערגעלייענט, איז ניט גלײַכוואַרטיק. געוויס האָט יעדער שרײַבער באַזונדער זײַן קוק אויף יורי גאַגאַרינס לעבן און אויף זײַן מוטיקן טאַט. יעדערער האָט זיך זײַן מאַניר צו דערלאַנגען דעם מאַטעריאַל, יעדער האָט זײַן קוק אויפן העלד און אויף דער וועלט פונעם העלד. איך וואָלט באַזונדערס געוואָלט אָפּמערקן די ביכער פון די סאָוועטישע פליִער־קאָסמאָנאַווטן, זיי האָבן נאָענט געקענט יורען, האָבן אָנגעשריבן וועגן אים ניט ווייניק גוטע ווערטער און אַנטפּלעקט זײַן אינווייניקסטן טאַמציס, האָבן אונדז אַלעמען געהאָלפן אָביעקטיווער און טיפער אופנעמען יורעס פערזענלעכקײַט.

וואַלענטינע איוואַנאָוונאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ צײַט געשוויגן. נאַטאַליע האָט זיך באַהערשט, אופמערקזאַם געקוקט אין וואַלענטינעס פּאָנעם: קנייטשעלעך באַ די אויגן, דער שטערן אויך ווי צעאַקערט, די נאָז דין, די אונטערשטע קין ווילנקרעפטיק. דער אומגליק האָט פאַרהאַרטעוועט איר כאַראַקטער. נאַטאַליע האָט אומגערן אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פּאָנעם, דערפילט מיט דער דלאָניע די אופגעבערגלטקײַט אויף די באַקן און באַמערקט:

— וואַלענטינע איוואַנאָוונאַ, עפּשער עפּעס אַן אייצע, האָט קיין פאַריבל ניט, עפּשער וואָלט איר אַליין אָנגעשריבן אַ בוך וועגן יורען?

פּאַמעלעך, ווי וואַלענטינע איוואַנאָוונאַ וואָלט אַראָפּגעוואָרפן אַ שווערע מאַסע פון די פּלייצעס, האָט זי אופגעהויבן דעם קאָפּ און פאַרדריסלעך־אומעטיק אָנגעקוקט נאַטאַליען:

— מיר איז ווייטעקדיק צו שרײַבן וועגן אים, זײַן טויט איז נאָך ביז איצט אַ טיפע וווּנד, זיך דערמאָנען אין אים ווי אין אַ פאַרשווונדענעם אויף אייביק איז אומעגלעך. מע זאָגט, אַז די צײַט איז דער בעסטער דאָקטער, מײַן ווייטעק האָט אָבער דערווײַל די צײַט ניט געלינדערט. די יאָרן האָבן נאָר דערמעגלעכט, איך זאָל בעסער באַנעמען זײַן מעהוס, איך זאָל טיפער פאַרשטיין זײַן קראַפט און זײַן גוטסקײַט, וואָרעם פּאָנעם־על־פּאָנעם קאָן מען דאָס געזיכט באַם נאָענטן ניט זען. „דאָס גרויסע זעט מען בעסער פון דערווײַטן“.

אין לויף פון די יאָרן האָב איך פאַרשטאַנען בעסער יורעס כאַראַקטער. כאָטש, איך זאָג אײַך אָפן, אין עפּעס־וואָס בלײַבט ער פאַר מיר ביז הײַנט אַ רעטעניש. עס קאָן גראָד זײַן, אַז די געהיימניס, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, האָט מיך שטענדיק געצויגן צו אים און אַרויסגערופן מײַן אַנציקונג. כ'האָב קיינמאָל ניט געקאָנט וויסן, וואָס יורע וועט זאָגן אין דער אָדער אַנדערער אומגעבונג, וויאַזוי וועט ער זיך אופירן אין אַ סיטואַציע, צו וועלכער

ער איז ניט צוגעווינט. ער איז אלעמאָל געווען אזא, ווי ער איז. קיין שום פּאָזע, צווידיײַטי־קײַט, זעלבסטרעקלאמע, אלעמאָל זײַנען זײַנע ענטפערס געווען שארפזיניק, טרעפלעך, ער האָט זיך קיינמאָל ניט איבערגעכאזערט, און אלץ איז געווען צו דער צײַט און צו דער מאָס, כאָטש ער האָט פון פריער ניט צוגעגרייט זײַנע ענטפערס.

אנומלטן האָט עמעצער בא מיר געפרעגט, וועמען האָט יורע ניט ליב געהאַט. איך האָב אף דער פראגע ניט געקאָנט ענטפערן. איך האָב געטראכט, געזוכט און פונדעסטוועגן ניט אָנגערופן זײַנע גרינטלעכע כאראקטער־שטריכן, כאָטש כ'האָב געוווסט, אז ער איז פּרינצי־פּיעל, פּאָשעט און אָפנהארציק. ער גופע האָט זיך פון קיינעם ניט באזײַטיקט און האָט זיך ניט גענומען אין קלעם פון אומבאדינגלעכקײַט. ער האָט ניט געטראכט, צי זאָל ער זײַן אזא אָדער אן אנדערער.

— איר האָט עפּעס געוואָלט פרעגן? — האָט וואלענטינע איוואנאָוונא זיך געווענדט צו נאטאליען. נאטאליע האָט זיך זייער פארוווּנדערט, וואָס וואלענטינע איוואנאָוונא האָט אזוי צוגעטראָפן מיט דער פראגע, און זי האָט זיך דערפילט אומבאקוועם.

— איך וואָלט געוואָלט אָנשרײַבן וועגן יורען אזוי, אז זײַן פּאָרטרעט זאָל זיך באקומען לעבעדיק און רעאל.

— וואָס זשע שטערט אײַך? שרײַבט. איר זײַנט דאָך א ליטעראַט, שרײַבט זײַן ליטעראַ־רישן פּאָרטרעט. זאָל דאָס זײַן אָנגעשריבן אָן זוך און אָן ווינט.

— אָבער וואָס שרײַבן? יורע האָט געקאָנט עפּעס ליב האָבן, עפּעס אָפּוואַרפן. געוויס זײַנען בא אים געווען שרײַבער באליבטע און אקטיאָרן ניט קיין באליבטע.

— מעגלעך, נאָר אײַערע ווערטער קלינגען מיר מאָדנע, ווי מע וואָלט בא מיר געפרעגט, וואָס האָב איך מער ליב, מײַן געבורטסטאָג אָדער יענעם טאָג, ווען מע האָט מיך אָנגערופן מיט א נאָמען פון א געוויסער היילִיקער.

וואלענטינע איוואנאָוונא איז נאָך אלץ, אפּאָנעם, געווען פארנומען מיט אירע געדאנקען, דערנאָך האָט זי זיך אופגעהויבן פון שטול, איז צוגעגאנגען צום אלמער, ארויסגענומען א בלויען פּאקעט, אים באטראכט, זיך, ווײַזט אויס, בארויִקט און זיך ווידער אוועקגעזעצט אין שטול.

— יורע האָט אלעמאָל געזאָגט אין די אויגן א באקאַנטן אָדער א פרײַנט אלץ, וואָס ער האָט געטראכט. ער האָט דאָס געטאָן ניט דערפאר, ווײַל ער האָט, כאָליע, געוואָלט בא־לײדיקן א מענטשן. פארקערט, ער האָט געוואָלט ארויסהעלפן, אויסגלײַכן א קרומע זאך, אויב נאָר ער האָט געפילט, אז ער האָט רעכט אף דעם. ווען ער האָט געענדיקט די מיליטער־רישע אוויאציע־שול, איז יורע אוועקגעפאָרן אף צאָפן. איך בין געווען געצוווּנגען צו בלײַבן אין אָרענבורג. ער האָט אָפט געשריבן, קימאַט אלע טאָג פלעג איך קריגן פון אים בריוו. געשריבן האָט ער וועגן אלץ: וועגן וועטער, וועגן זײַנע כאווירים, וועגן אָפּרו, וועגן זײַנע פלוגן און וועגן זײַן פארנומענקײַט. לויט דער האנטשריפט האָב איך געווירטײלט וועגן זײַנע שטימונגען, וועגן זײַן ארבעט און בענקשאפט. ער האָט נאָך מיר זייער שטארק געבענקט, ווי איך נאָך אים.

אמאָל פלעגט מיר יורע צושיקן לידער. איך האָב פארשטאנען, אז די לידער האָבן אים אופגערעגט, זיי געפעלן אים. דעריבער האָב איך געלייענט די לידער באזונדערס אופמערק־זאם. אין זיי איז געווען א קנויל געפילן, א וועלט מיט איבערלעבונגען. איינמאָל האָב איך געקראָגן פון אים פעטראַרקעס א סאָנעט. דער סאָנעט איז מיר זייער געפעלן געוואָרן, און איך האָב איבערגעלייענט גאנץ פעטראַרקען. אין נאָך א בריוו האָט יורע געשריבן:

„דיר וועט דאָס זייער געפעלן ווערן. איך האָב נאָך ניט געזען דעם גאנצן ארום, נאָר די, וועלכע לעבן דאָ פונלאנג, לויבן זייער און זאָגן, אז דאָ זײַנען דאָ אויסערגעוויינלעך שיינע ערטער. געוויס זײַנען דאָ שווערִיקײַטן, ווי אין אלע שטעט...“

איך פלעג אים גלײַך ענטפערן. עס פלעגט טרעפן, אז איך שרײַב אָן א בריוו און כ'האָב ניט אָנגעשריבן אלץ, וואָס אים קאָן אינטערעסירן, דאן פלעג איך נאָך דער ארבעט אין אָוונט אים שרײַבן נאָך א בריוו.

ערגעץ־ווו האָב איך געלייענט שורעס וועגן דעם, ווי איך מיט יורען האָבן זיך איבער־געשריבן. וויִאזוי איז דאָס ארײַנגעפאלן אין דרוק, ווייס איך ניט. דאָס זײַנען געווען בריוו פון א יונגנמאן, וועלכער איז גרענעצלאָז פארליבט. לויט דער עמאָציאָנעלער אָנגעזאפּטקײַט און לויט דער לײַדנשאפט האָט מען עס געקאָנט פארגלײַכן מיט בריוו פון פארליבטע ליטע־ראטור־העלדן. א באוווסטער און ארויסגעזאָגטער געפיל איז אוועקגעלייגט געוואָרן אפן פּאפּיר. מיט אזעלכע בריוו שטאָלצירן פרויען, אין זיי איז דערקלערונג אין ליבע, אומרו און א גוטע

אייצע, א באגער וואָס גיכער זי צו זען און א קלאָרע, ערלעכע, אינהאַלטסרײַכע פּראָגראַם, וויאַזוי צו לעבן, ווי דאָס פאַרשטייט א מיליטערישער פליִער.

מעגלעך, אַז דער אויטאָר, וואָס קאָמענטירט, איז גערעכט.

— איך האָב ליב מײַן מאַנס בריוו. צום באַדויערן, זײַנען זיי ניט אַלע פאַרהיט געוואָרן, נאָר אין די בריוו איז יורע מיט די בײַנער: א הייסער, א פלאַמיקער, א פאַרליבטער. מיר איז שווערלעך צו ריידן וועגן די אייגנשאַפטן פון מײַן מאַן. מײַן אָפּשאַצונג וועט געוויס זײַן סוביעקטיוו, ווײַל איך בין דאָ דער פאַרינטערעסירטער צאַד.

אין פעוורואַל 1958 האָב איך געוואָלט פאָרן צו יורען, כּאָטש זײַן מיט אים די קורצע סטודענטישע קאַניקולן. די שווערע רײַזע אף צאַפן האָט מיך ניט געשראָקן. זײַן מיט אים כּאָטש פינף־זעקס טעג האָט מיר אויסגעזען ווי א גליקלעכע אייביקייט. אָבער א מענטש טראַכט, און גאָט לאַכט. מײַן טאַטע איז קראַנק געוואָרן. איך האָב אָנגעשריבן יורען:

„ער איז אַלט 64 יאָר. דאָס איז גאָרניט אַזוי פיל, אָבער ער איז, נעבעך, זייער אַלט און קראַנק. זײַן שווער לעבן, זײַן אָרעמע, הונגעריקע קינדהייט, דאָס באַטראַכטעוועז אפן פאָרעץ האָבן אויסגעשעפּט זײַנע קויכעס. איך האָב זייער ליב דעם טאַטן, און איך וועל טאָן אַלץ, וואָס ס'איז מעגלעך, קעדיי צו לינדערן זײַנע ליידן. מײַן ליבער, דו ווייסט מיך פאַרשטיין און מיר מוחל זײַן, וואָס כ'האָב ניט פאַרבראַכט מיט דיר די קאַניקולן. געדאַנקלעך בין איך מיט דיר שטענדיק. ווי דײַן ווײַב, איז מײַן פליכט צו זײַן לעבן דיר. געוויס ווייס איך, אַז דיר איז דאָרטן, אין דעם האַרבן קרירעדיקן קאַנט, ניט גרינג. נאָר איך בין ניט פרײַ פון אַן אַנדער פליכט. זיי איז אויך איצט ניט גרינג, און דו ווייסט גוט פאַרוואָס...“

איך ווייס, אַז מײַן בריוו האָט פאַרשאַפט יורען אומאָנגענעמלעכקייטן. נאָר ער האָט עס ניט געקאָנט אויסלייגן צום שלעכטן. קינדער זײַנען פאַרפליכטעט צו העלפן זייערע עלטערן. אין זײַן ענטפער אף מײַן בריוו, קעדיי איך זאָל זיך ניט ערגערן, האָט ער געשריבן:

„נאַטשאַלסטווע ליובט מיך. איך ווייס ניט, צי איך פאַרדין עס, צי ניט. אָבער ס'איז ניטאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען, איך וויל דאָך ווערן אַן עמעסער מיליטערישער פליִער, א שרעק־לאַזער אַס, כ'זאָל זײַן פעיִק צו פליִען אין סאַמע שווערע מעטעאָ־באַדינגונגען. איך וויל, ווי דער גרויסער טשקאַלאָוו, אַרומפליִען „דאָס קײַלעכל“. נאָר פריִער פון אַלץ באַגער איך נאָכן אַרומפלי אומבאַדינגט זיך אַראָפּלאָזן אף דעם אַעראָדראָם, וועלכער איז פאָרויס באַשטימט אין דער פלאַן־טאַבעלע. די מערהײַט אַוויאַציע־טראַגעדיעס טראָגן אויעק מיט זיך די געהיימ־ניס פון פאַרפאַל, נאָר איך טראַכט, אַז איך האָב א גרונט צו טראַכטן, אַז א וועזנטלעכן כיילעק פון דער שולד לייגט זיך אפן פליִער. מע דאַרף זיך א סאַך, זייער א סאַך לערנען. איך וועל זיך דערגרונטעווען צום טאַמציס פון פלי־מײַסטערשאַפט“.

יורעס בריוו זײַנען געווען אַזוי קאָנקרעט און פּינקטלעך, אַז ווען איך בין געקומען אף צאַפן, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך בין שוין דאָ געווען. אָן יורען איז מיר געווען בי־טער, די איינזאַמקייט האָט מיר געהאָלפן פאַרשטיין, וואָס פאַר א ראָל ער האָט געשפּילט אין מײַן לעבן.

זומער בין איך אַוועקגעפאָרן צו יורען.

איך האָב ליב געקראָגן צאָפן, דער קאַנט איז געווען בעסער, ווי איך האָב מיך פאָרגע־שטעלט. ניט לאַנג זײַנען מיר דאָרטן געווען, נאָר יענע קורצע צײַט איז אין אונדזער לעבן אײַנגעקריצט און איז אונדז זייער טײַער. דאָרטן האָבן זיך נעמלעך אויסגעשליפן אונדזערע באַציִונגען. בא יורען האָבן זיך פאַרבונדן וועזנטלעכע מיליטערישע פרײַנטשאַפט. מיר האָבן דעראָבערט א סאַך פרײַנט. צאַפן, טראַנספּאָליאַריע האָבן אונדז באַזונדערס געגעבן, דאָס האָט אַרויסגערופן פריידיקע אַסאָציאַציעס און ראָמאַנטישע כאַלוימעס. צו אונדז פלעגן אָפט קומען פליִער פון צאַפן, און איך האָב געזען, מיט וואָס פאַר א ליידנשאַפט און נײַגער יורע פרעגט זיי וועגן דעם דאָרטיקן קאַנט. אים האָט אינטערעסירט בוכשטעבלעך אַלץ: דער וועטער, די פלוגן, די קוואַליפיקאַציע פון די פליִער, די מעגלעכקייט פאַר יאַגד און פישפאַנג. דאָס אַלץ וועט זײַן שפּעטער, און דערווײַל, נאָכן קומען, האָבן מיר געדאַרפט אײַנאָרדענען אונד־זער שטייגער. א סאַך פּראָבלעמען, וועלכע ס'איז אין די צאַפן־באַדינגונגען ניט לײַכט צו לייזן. נאָך גוט, וואָס מיר האָבן שוין געהאַט א סאַך פרײַנט, זיי האָבן געהאָלפן קריגן א צי־מער, מעבל, געפעס.

אָפט פרעגט מען בא מיר: „צי האָט איר געוווסט, אַז יורע גרייט זיך צום פלוג אין קאָסמאָס?“ יאָ, עפּעס־וואָס האָב איך געוווסט, פאַרשטייט זיך, דאָס, וואָס די אומשטענדן האָבן דערלויבט. איך האָב קיינמאָל ניט געפרעגט יורען און בין ניט געווען נײַגעריק. איך האָב פאַרשטאַנען: וואָס מע קאָן — וועט ער זאָגן, וואָס מע קאָן ניט — וועט ער ניט זאָגן, פרעג, וויפל דו ווילסט, וועט ניט העלפן. קנאָפּער דערציילן איז געווען זײַן פליכט.

אייגנטלעך, צי איז דאָס געווען א סאָד? דעם 15 יוני 1958 האָט דער באַוווּסטער שרײַבער־פאַנטאַסט אַלעקסאַנדער קאַזאַנצעוו פאַרעפנטלעכט אין דער צײַטונג „פּראַוודאַ“ אַן אַרטיקל „די פאַרקערפּערונג פון א כאָלעם“, אין וועלכן ער האָט געשריבן: „דער פלוג אין קאָסמאָס אויף א קאָסמישער שיף איז טאַקע א כאָלעם. נאָר צי איז עס א ווײַטער כאָלעם? צי עפּשער א נאָענטער, קימאַט א פאַרווירקלעכטער... עס דרייט זיך שוין א קאָסמישע שיף אַרום דער ערד — א ספּוטניק! דאָס ווייסנדיק, גלייבט זיך אין א נאָענטן קאָסמישן פלוג. מיר וועלן באַשרײַבן און זען אין קינאָ־בילדער די לעוואָנע־קראַטערן, די וויסטענישן און געוויקסן אויפן מאַרס, די דזשונגלס און בלאָטעס אויף דער ווענערע מיט דער פּראַהיסטאָרישער פלאָרע און פאַונע אויף דער דאָרטיקער ערד“.

אפילע א. קאַזאַנצעוו מיט זײַן דורכדרינגלעכער וויסנשאַפט־דיאַגנאָסטיק האָט פּינקטלעך ניט געקאָנט זיך פעסטשטעלן די צײַט פון ארײַנדרינגען אין קאָסמישן רוים.

יורע, ווי אַלע קאָסמאָנאַווטן, האָבן זיך געגרייט לויט אן איינהײַטלעכער פּראָגראַם.

אַוועקפליִענדיק פון מאָסקווע, האָט ער ניט געוווּסט, אַז ער וועט זײַן דער ערשטער. אים זײַנען געווען גוט באַקאַנט אַלע קאָסמאָנאַווטן פונעם ערשטן זעקסטל, און יעדער איינער פון זיי האָט געקאָנט זײַן דער ערשטער. יורע האָט ניט איין מאָל וועגן דעם גערעדט. דערנאָך האָט דאָס לעבן באַוויזן, אַז יורעס אָפּשאַצונג איז ריכטיק. שפּעטער האָבן די זעקס פאַרווירקלעכט זייער קאָמפּליצירטע פּראָגראַם אין קאָסמישן רוים. ביז הײַנט ווייס איך ניט, פאַרוואָס איז דאַפקע יורע געווען באַשטעטיקט צו פליִען דער ערשטער.

זײַן קאַנדידאַטור האָט פאָרגעלייגט נ. פּ. קאַמאַנין. פאַראַן עטלעכע ווערסיעס, פאַרוואָס מע האָט יורען באַשטעטיקט, נאָר וועלכע איז די ריכטיקע, ווייס איך ניט.

אַנומלטן האָט מען אויף דער פראַגע פון קאָרעספּאָנדענטן געענטפערט. אָט וואָס עס האָט געזאָגט וו. א. שאַטאַלאָוו: „דער מענטש, וועמען ס׳איז פאָרגעשטאַנען צו זײַן דער ערשטער אין דער געשיכטע פון א קאָסמישער רײַזע, דאַרף אין א געוויסן זין פון וואָרט זײַן דער שאָליִעך פון דער מענטשהײַט, דער בירגער פון דער גאַנצער ערד. און דאַן וועט ער האָבן די זכיִע צו טראָגן דעם הויכן טיטל פון ערשטן קאָסמאָנאַווט. גאַגאַרינס פּרעכטיקע אייגנשאַפטן האָבן באַמערקט דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר, דער אַקאַדעמיקער סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָראָליאָוו און ניקאָלײַ פּעטראָוויטש קאַמאַנין. זיי האָבן זיך עס טאַקע פאַרנומען מיט צוגרייטן דעם קאָסמאָנאַווט, פאַרשטייט זיך, איינצײַטיק מיט אַלע קאָנסטרוקטאָרס, מעטאָדיסטן און אַנדערע פּילצאָליקע ספּעציאַליסטן, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין צוגרייטן דעם פלוג אין קאָסמישן רוים. די קאָסמאָנאַווטן גופע האָבן אויך ניט אין קיין עפנטלעכער אַנקעטע אָנגעוויזן אויף יורע גאַגאַרינען ווי אויפן ערשטן קאַנדידאַט. איך שטרײַך אונטער, אַז דאָס איז געווען דער אויסוואַל ניט פון איינעם אָדער עטלעכע מענטשן, נאָר פון א סאַך. דאָס איז געווען א געמיינזאַמע מיינונג, וואָס האָט זיך געשאַפן בא געמיינזאַמער אַרבעט.

דאָס גאַנצע לעבן פונעם ערשטן בירגער אין דער אַלוועלט האָט דערוויזן, אַז דאָס איז געווען א ריכטיקער אויסוואַל. זײַן באַציִונג צו דער אַרבעט, צו כאַווירים, זײַן פּרינציפּיִעלע פּאַרטייִשקײַט וועלן אַלעמאָל זײַן א בײַשפּיל פאַר אַלע סאָוועטישע קאָסמאָנאַווטן.

די באַלוינונגען, מיט וועלכע א סאַך מעלוכעס האָבן באַלוינט יורען, איז געווען זייער אָנערקענונג פאַר זײַן מוטיקן טאַט, וואָס עס האָט אויפגעטאָן א סאָוועטישער מענטש, א קאָמוניסט. דער געוואַגטער טאַט פון אונדזער דאָר איז דאָך אויך די מוטיקײַט און געוואַגטקײַט פאַר די קומענדיקע דורעס. דער אַלוועלט־אָקעאַן באַזיצט נאָך גענוג סודעס און רעטענישן. דאָס וועט זײַן איבערגעגעבן פאַר א סאַך דורעס מענטשן. יורען האָט שטענדיק געעקבערט א געפיל פון א געוויסער אומרעכט בענעגייע זײַנע כאַווירים: צי שוין זשע איז ניט צופיל רום און קאָוועד אויסגעפאַלן גראָד אים?

יורע האָט ניט איין מאָל געזאָגט: „צי דען וואָלט איך געקאָנט ארײַנדרינגען אין קאָסמאָס, ווען איך וואָלט געווען נאָר אַליין? טויזנטער סאָוועטישע מענטשן האָבן זיך געמיט און קאָנסטרויִרט די ראַקעטע מיט דער קאָסמישער שיף, אויף וועלכער מע האָט מיר אָנגעטרויט צו פליִען. איז דאָס נעמלעך דער טריומף פון קאָלעקטיווער מי און געדאַנקען, דערפאַר געהערט דער רום דעם גאַנצן פאָלק...“

אינעם בלויען פּאַקעט זײַנען געווען בריוו.

אין דעם איז אומעגלעך צו גלייבן: מע האָט געשריבן — און זי האָט געלייענט וועגן דעם אין עפּעס א ביכל, — אַז די בריוו האָבן זיך פאַרהיט. אָבער פון אַש קאָן אפּסנײַ געבוירן ווערן נאָר דער פויגל פעניקס.

מעטאַמאָרפאָזע!

די בריוו — אַזאַ דאָקומענט!

מעגלעך, אַז אין זיי איז דער ענטפער אף דער רעטעניש וועגן גאַגארינס פענאָמען.
דאָס, וואָס יורע איז געוואָרן אַזוי באַוווּסט, איז באַשערט געווען זעלטן עמעצן פון די מענטשן אף דער וועלט. גראָד דערפאַר האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון זיין רייזע איבער אויסלאַנד:
— די ערדישע וועגן זיינען אַן אַ שיר שווערער פון די קאָסמישע.
ווו ער זאָל ניט געווען זיין, האָט מען אים געבעטן עפּעס אַריינשרייבן אין איינדרוקס־בוך פון בעקאָוועדיקע געסט. אַלע טאָג זיינען געווען צען־פופצן באַזוכן און ער האָט, פאַרשטייט זיך, פיל מאָל געדאַרפט אַריינשרייבן זיינע איינדרוקן. ס'איז געווען שווער צו כאַפּן דאָס וויכטיקסטע, מאַכן אַ וואַרעמען אומיטלבאַרן אונטערשריפט, אַזאַ, וואָס לאָזט זיך פאַרגעדענקען. אינעם מוזיי פון טעאָלאָגיע האָט יורע געשריבן: „איך בין אַנציקט פונעם גרויסן אויצער, וואָס באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייטן האָבן איבערגעלאָזט". אַ דערשיטערטער פון דעם, וואָס ער האָט דערזען אין לידיצע, האָט ער עס אויסגעדריקט אין אַזעלכע ווערטער: „דער אייביקער זיקאָרן וועגן די אומגעקומענע איז אַ שאַרפע וואָרענונג דעם סוינע".
— אונדז איז אויסגעקומען אַ סך אַרומצופאָרן, מיר זיינען געווען אין אַ סך לענדער פון דער וועלט, און אומעטום האָט מען יורען אַרומגערינגלט מיט ליבע און אופמערקזאַמער זאָרגעוודיקייט. אָבער ער האָט געבענקט. אפן דריטן־פערטן טאָג האָט ער באַמערקט: „וואָס הערט זיך דאָרטן אין זוויאָזדנע? עס ווילט זיך אהיים".
יורע האָט ליב געהאַט זוויאָזדנע, אַלעמאָל אָנטיילגענומען אין די פּלענער פון דער בויונג, געהאָלפן די בויער קריגן דעפיציטע מאַטעריאַלן, אָפּט זיך באַגעגנט מיט זיי און פּלעגט אַרויסטרעטן פאַר זיי.
ס'זיינען געווען באַראַטונגען, וויאַזוי מע זאָל בעסער בויען זוויאָזדנע, מע האָט גערעדט וועגן יעדער הויז, אויסגעהערט אַ סך מיינונגען. אף איינער פון די באַראַטונגען האָט יורע געזאָגט:
— מיר האָבן דאָ אַרומגערעדט דעם פּלאַן פון אונדזער קומענדיקער שטאָט, באַטראַכט די פּראָיעקטן פון די קאָטעדזשן. איך מיין, אַז דאָס זיינען פאַרעלטערטע וואַריאַנטן. מיר דאַרפן בויען גרויסע, פילדירעדיקע הייזער. מיר דאַרפן ניט פאַרגעסן די טראַדיציעס פון סאָציאַליסטישער צוזאַמענוווינונג, לאָמיר וווינען איניינעם, אַזוי איז דאָך פריילעכער, זאָלן אונדזערע הייזער ווירדיק אָפּשפּיגלען די עפּאָכע פון אונדזער צייט.
אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען געלאָזט וויסן, אַז אַלע פאָרשלאָגן, וואָס די קאָסמאָנאַוטן האָבן געמאַכט, זיינען אָנגענומען געוואָרן, כּוץ איינעם: די באָד האָט מען פונעם גענעראַל־פּלאַן אויסגעמעקט. יורע האָט פאָרגעלייגט:
— אָבער אַ באָד דאַרף מען דאָך אומבאַדינגט! ווען מיר עס אָנרופן וויסנשאַפטלעך — קאַמערע פון געהעכערטער פייכטקייט.
אַזוי האָט מען טאַקע די באָד אָנגערופן. עס האָט געווירקט די אַלזיגנדיקע קראַפט פון וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע.
אין זוויאָזדנע האָט זיך יורען גוט געאַרבעט, ער פּלעגט פרי אופשטיין, מאַכן גימנאַסטיק, נעמען אַ דוש. בא דער גאַנצער אָנגעשטרענגטקייט פונעם אַרבעטסטאָג, בא דער קאָלאָסאַלער פאַרנומענקייט האָט יורע אַלעמאָל געפונען צייט צו שפּילן מיט די טעכטער, פרעגן וועגן זייערע אופגאַבן, שטימונגען, וועגן די פּלענער פונעם טאָג.
איך פּלעג גאַנץ אָפט מיטפאָרן מיט יורען, און איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט זיך צוקוקן צו אים, ווי אַ זייטיקער מענטש. איך האָב געזען, ווי עס קומען פאָר באַגעגענישן, געהערט שמועסן. און כאָטש יעדע רייזע איז געווען צוגעגרייט פון פריער, איז אין דער צוגרייטונג אַריינגעגאַנגען דאָס באַקאַנען זיך מיט דער געשיכטע, קולטור, טראַדיציעס פון דעם אָדער אַנדער לאַנד. צומאָל פּלעגן אופקומען ווייט ניט פאָרויסגעזעענע אומשטענדן, וועלכע האָבן געפאָדערט פאַרשטאַנד, באַלדיקן שווונג, טאַקט און פּאָליטישע רייפקייט. אין דער צוגרייטונג אַרויסצופאָרן האָט ער איינגעשלאָסן ביכער: ציאָלקאָווסקיס, קאָראָליאָווס, קעלדישעס. באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטשעס ביכער. ער פּלעגט זיי אַ סך מאָל לייענען, און שטענדיק האָט ער אין זיי געפונען נייע געדאַנקען און מיינעס.
„לויט דער נאַטור און כאַראַקטער, — האָט געשריבן קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטש, — בין איך אַ רעוואָלוציאָנער און אַ קאָמוניסט. מיין שטרעבונג איז געווען געווענדט צו טעכניק, וויסנשאַפט, אָנטדעקונגען און, נאַטירלעך, פילאָסאָפיע. אין אָנפאַנג איז דאָס אַלץ געווען אין געביט פון כאַלוימעס, טאָמיד האָב איך דאָרטן געפונען עפּעס נייס פאַר זיך. דערנאָך איז די נאָוואַטאָרישקייט דערשינען אויסערלעך". ציאָלקאָווסקיס ביכער האָט יורע געלייענט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פאָרשערישער ליידנשאַפט און פלאַמיקער קאָנסעקווענטקייט. קוים האָט ער

געפונען עפּעס אַן אומבאַקאַנטע אַרבעט ציאָלקאָווסקיס, האָט ער אַלץ אָפּגעלייגט אין א זייט און אָנגעהויבן עס שטודירן.

— וואָליע, קום אַהער, הער זיך איין, וואָס דאָ שרייבט קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטש, — פלעגט ער מיך רופן און פאָדערן פון מיר פולשטענדיקע אויפמערקזאַמקייט, — הער, וואָליע: „ס'איז דערוויזן די איינהייטלעכקייט פון קאָסמאָס, זיין אומענדלעכקייט, די לעבנספייקייט פון אַלע זיינע טיילן. די אַלוועלט איז אָנגעפּיקעוועט מיט באַשעפענישן; פּלאַנעטן, ענלעכע צו דער ערד, זיינען ניט קיין סאַך און זיינען נאָך אין אַן עמבריאָנישן צושטאַנד. דאָס לעבן פון דער מערהייט באַשעפענישן איז פּאַרפולקומט אַדאַנק דער אַנטוויקלונג פונעם סייכל“. דאָס איז וווּנדערלעך! — האָט יורע געטראַכט אַף א קול. — דאָס איז דאָך אָנגעשריבן אין 1928.

מיט דער צייט האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין מער און אויך געלייענט קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטשן מיט גרויס כיישעק.

יורע האָט געגלייבט אין די פּילצאָליקע וועלטן אויסער אונדזער פּלאַנעטע. ער האָט געגלייבט, אַז עס עקזיסטירן אויך אַנדערע ציוויליזאַציעס, און האָט זייער פיל נאָכגעפאָרשט, צי זיינען ערגעץ־ווו נאָך פאַראַן אַרבעטן וועגן אונדזערע סייכלדיקע ברידער. ער האָט מיט גרויס כיישעק געלייענט פאַנטאַסטן, וועלכע האָבן געשריבן וועגן איינוווינער פון אַנדערע פּלאַנעטעס.

ער האָט מיר ניט איין מאָל געזאָגט וועגן זיינע אייגענע היפּאָטעזעס, ערנסט, מיט אַזאַ דערוויזן זיין שטאַנדפּונקט. ערשט דערנאָך האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען ציאָלקאָווסקיס וויסנשאַפטלעכע אָנשויונגען. יאָ, גרויס איז געווען די האַשפּאָע פונעם געלערנטן אַף יורען.

יורע האָט גוט פאַרשטאַנען אַז דער וועג צו די שטערן וואָלט פאַר אים געווען אוממעגלעך אָן די אויספאָרשונגען און אַנטדעקונגען פון די פאָרגייענדיקע דורעס. אין זיינע פּילצאָליקע אַרויסטרעטונגען האָט ער צום גוטן דערמאָנט קריאַקוטנען, וועלכער האָט דער ערשטער זיך אופגעהויבן אַף א לופטבאַלאָן. ער האָט אויך ניט פאַרגעסן לאָמאָנאָסאָוון, מענדעלייעוון, קורטשאַטאָוון, קאָראָליאָוון, טשקאַלאָוון.

אַלעמאָל האָט ער דערמאָנט די וויסנשאַפטלעכע געוואַגטקייט און דעם אווטאָריטעט פון גרויסע פערזענלעכקייטן. איך געדענק, וויאַזוי ער האָט זיך געגרייט צו זיין ערשטער אַרויסטרעטונג דורך ראַדיאָ. ער האָט אופמערקזאַם איבערגעלייענט קאָנסטאַנטין עדואַרדאָוויטשעס ערשטמייקע באַגריסונג און פון דאָרטן אַרויסגעשריבן: „איך גלייב פינקטלעך, אַז מיין מעכטיקער כאָלעם פון צווישנפּלאַנעטישע רייזעס, וועלכע איך האָב טעאָרעטיש באַגרינדעט, וועלן פאַרקערפּערט ווערן אין דער ווירקלעכקייט. פערציק יאָר האָב איך געאַרבעט אַף צו שאַפן א רעאַקטיוון מעכאַניזם. איך האָב געטראַכט, אַז דער שפּאַציר אַף מאַרס וועט זיך אָנהייבן אין א סאַך יאָרהונדערטער אַרום. נאָר די טערמינען בייטן זיך, איך גלייב, אַז א סאַך פון אייך וועלן זיין אייִדעס פון דער ערשטער רייזע אין דער טראַנס־אַטמאָספער. העלדן און געוואַגטע וועלן דורכלייגן די ערשטע לופט־טראַסעס: ערד — לעוואָנע, ערד — מאַרס און נאָך ווייטער: מאָסקווע — לעוואָנע, קאַלוגע — מאַרס“.

יורע האָט זיך ניט באַנוצט מיט ציאָלקאָווסקיס ווערטער, מעגלעך, אַז ער האָט געוואָלט נאָר אַריינדרינגען אין דער וועלט פונעם געלערנטן און פאַרשטיין די צייט, ווען ער האָט אָט די ווערטער געזאָגט. אין זיין רעדע דורך דער מאָסקווער ראַדיאָ האָט ער געזאָגט וועגן וולאַדימיר איליטש לענינען, וויאַזוי ער האָט געשאַפן און אַנטוויקלט די פאָטערלענדישע ראַקעטבויונג. אין דער אַרבעט זיינען דאָ אַזעלכע ווערטער: „איך פרילינג באַנייט זיך און צעבליט זיך אַלץ אין דער נאַטור. אין פרילינג ווערן געבוירן באַם מענטשן נייע טרוימען, נייע האָפענונגען, עס קומען אוף פאַר אים נייע אידעאַנים... און מיר, סאָוועטישע מענטשן, שטאָלצירן מיט דעם, וואָס די קלאָרע פּערספּעקטיוו־אידעאַנים זיינען אונדזער צוועק“. אַזוי האָט לענין געוויזן דער מענטשהייט, מיט וואָס פאַר א וועג זי דאַרף גיין. און אַזוי האָט ער געניאַל באַשיינט אונדזער צוקונפט.

אין יורעס טאָגבוך זיינען געווען א סאַך פאַרנאָטירונגען פון וולאַדימיר איליטשס אַרבעטן, און ער האָט זיי גאַנץ אָפט אויסגענוצט. גרויס אופמערקזאַמקייט האָט יורע אָפּגעגעבן זיין פערזענלעכער צוגרייטונג. ער האָט א סאַך געלייענט, אַלעמאָל דערגאַנצט זיין ביבליאָטעק מיט נייע ביכער. ער האָט ליב געהאַט זיך צו באַגעגענען מיט שרייבער. א סאַך אווטאָרן האָבן אים געשענקט זייערע ווערק. פריינטשאַפט מיט שרייבער איז באַ יורען אופגעקרמען גלייך נאָך זיין פלוג. דאַכט זיך, אַז דעם 4 מיי 1961 איז ער געווען איינגעלאַדן אין צענטראַלן ליטעראַטן־הויז אַף א באַגעגעניש. אים האָבן אופגענומען קאָנסטאַנטין פעדין און געאָרגי מאַרקאָוו. די באַגעגעניש און דער שמועס מיט די מאָסקווער שרייבער האָבן אַף יורען

געמאכט א קאָלאָסאַלן אײַנדרוק. ער האָט אָפּט איבערגעכאַזערט מ. א. שאָלאָכאָווס ווערטער: „אָט דאָס איז א זאך!.. אָט דאָ זײַנען ניט שײַך קיין איבעריקע ריידן!" — האָט אנציקט אויסגערופן דער מעכאבער פון „שטילן דאָן".

יורע איז געווען אנציקט פון פעדינען און מארקאָווען. איך האָב דאָס פארשטאנען. דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיך דאָך באגעגנט מיט אזעלכע באוווסטע שרײַבער. „דו ווייסט, וואָס עס האָט געזאָגט קאָנסטאנטין אַלעקסאנדראָוויטש? ער האָט געזאָגט: „ווו בעמט מען דאָס וואָרט, וואָס זאָל אויסדריקן דעם אומרו און די אופרעגונג פון אָט דעם טאָג? אזא וואָרט קאָן איך ניט געפינען".

געאָרגי מארקאָוו האָט יורען געשענקט זײַנע ביכער, וועלכע ער האָט גלײַך איבערגעלייענט. שפּעטער האָט ער געזאָגט: „אזא שאָד, וואָס איך האָב ניט באגריסט געאָרגי מאָקייעוויטשן מיט זײַן פּופּציקיאַריקן געבורטסטאָג. עפּשער אים שיקן מײַן בוך?" און טאקע אָף מאָרגן אים דעם בוך אָפּגעשיקט. אָף דער באגעגניש מיט די שרײַבער האָט ער זיך באקאנט מיט זײַן לאַנדסמאַן אַלעקסאנדער טוואַרדאָווסקי און האָט באקומען פון אים א מאטאָנע — די פּאָעמע „ווײַט־נאָך־ווײַט". בייס טוואַרדאָווסקי האָט זיך געזעגנט מיט יורען, האָט ער אים געזאָגט: „פארגײַס זיך ניט, יורע! בלײַב אזא, ווי דו ביסט. מיר זײַנען דאָך מיט דיר סמאָלענסקער".

בייס קאָנסטאנטין פעדין האָט באגלייט יורען, האָט ער אים צוגעזאָגט איבערגעבן די בריוו, טעלעגראַמעס, קאַרטלעך, וואָס שרײַבער האָבן צוגעשיקט אין דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד און אין רעדאַקציע פון „ליטעראַטורנאַיא גאַזעטאַ" אין שײַכעס מיטן ערשטן פלוג אין קאָסמאָס. ער האָט געהאַלטן וואָרט, מיר האָבן געקראָגן אַזויפיל באגריסונגען, אז מיר זײַנען בוכשטעבלעך נישטוימעס געוואָרן. צווישן די באגריסונגען זײַנען געווען א סאך באַקאַנטע און באוווסטע נעמען, און מיר האָבן פארשטאנען, אז דאָס איז א גרויסער קאָוועד פאר אונדז.

דער הימל, וואָס האָט צו זיך צוגעשמידט די אויפמערקזאַמקײַט פון די שרײַבער, איז געוואָרן ניט נאָר א זאך פאר באווונדערונג, נאָר אויך אן אויספאָרשערישער אָביעקט. ווען ס'איז דורכגעגאנגען דאָס ערשטע געפיל פון אנציקונג, האָבן די שרײַבער זיך פארטראכט וועגן דעם אומענדלעכן רוים, וועלכער האָט אזא וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע און פּראַקטישע באדײַטונג. דאָסטאָיעווסקי האָט אמאָל זיך אויסגעדריקט: „ווען מע זאָל געבן א רוסיש ייִנגל די מאַפּע פונעם באשטערנטן הימל, וואָלט ער אָף מאָרגן אָט די מאַפּע אויספאַריכט, דער הימל וואָלט געוואָרן זײַן ארבעטס־פּלאַץ".

נאטאַליע איז מיד געוואָרן. זי האָט פאַנאַנדערגענומען די הענט, און זיי זײַנען קראַמפּהאַפטיק געבליבן ליגן אָף אירע קני. אין דעם רעיעסטער פון די אויסגערעכנטע שרײַבערישע נעמען זײַנען ניט געווען קיין אויסלענדישע שריפטשטעלער. פאַרוואָס? זי געדענקט דאָך גוט אייניקע זייערע ארויסזאָגונגען. אָט, לעמאָשל דזשעס באָגאַ:

„מע קאָן זיכער זאָגן, אז פון אַלע באוווסטע נעמען, וועלכע וועלן בארימט ווערן אין דער צוקונפט, אין די ענציקלאָפּעדיעס פון 5000־טן יאָר, וועלן פיגורירן פּראָמעטיי און יורי גאַגארין — דער העלד פון דער לעגענדע און דער העלד פון דער וואָר, וועלכער וועט א האָר ניט געמינערט ווערן אין דער שײַן פונעם מיטישן העלד".

אזוי־זיך ווערטער — ניט קיין באפליגלטע, ניט קיין אפאָריסטישע. אַלבערט קאָן האָט אנדערש געזאָגט: „איך פארגעס ניט קיין מענטשלעכע לײַדן, וועלכע זײַנען נאָך געגוג אָף דער וועלט. איך פארגעס ניט די מעטוראָפּים, וועלכע פּלאַנירן א נײַע מילכאָמע".

„וואָס פאר אן אינטערעסאַנטער געדאַנק, — האָט א טראכט געטאָן נאטאַליע, — א פולשטענדיקער צונויפגוס פון געזעלשאַפטלעכע דערשײַנונגען". זי האָט געזוכט עפּעס א סינאָנים, און זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אָף די ווערטער וועגן גאַגארינס טאַט. „גאַגארינס פלוג, — האָט געשריבן אַלבערט קאָן, — וועט האַמעווען נײַע מילכאָמעס". נאטאַליע האָט גאנץ פרײַ אָפּערירט מיטן טעקסט. זי האָט קאָרעקטירט אַלבערט קאָנס ווערטער: „צווי מיליאַרד יאָר איז די ערד געווען פארשלאָסן אין ערדישע ראַמען. די רעגע, ווען דער מענטש האָט זיך ארויסגעריסן הינטער דער אייגענער פּלאַנעטע, איז די סאַמע אויסערגעווייִנלעכע רעגע פון דער אַלצײַט".

פאַרוואָס האָט וואַלענטינע איוואַנאָוונא קיינמאָל ניט דערמאָנט די ווערטער, זי האָט דאָך געזוכט אזעלכע, וואָס זאָלן קאָנצענטרירן אירע שטאַנדפּונקטן, ס'זאָלן אופזידן אירע געפילן און אָפּגעשפּיגלט ווערן דער פּרײַקער גאַגארין.

— וועגן דעם אַלץ רייד איך ניט צופעליק, איך בין אנציקט פון דער באציִונג צו יורעס פלוג מיצאַד די שרײַבער, פון דעם קאָלאָסאַלן אינטערעס, וואָס זיי האָבן ארויסגעוויזן צו

זייַן פּערזענלעכקייַט. פאַרשטייט זיך, האָט עס יורען זייער אינטערעסירט. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז די אויפמערקזאַמקייַט פון די שרייַבער צום קאָסמאָס קאָן זייַן פאַרכאַפּנדיק און קאָן בעעמעס דערציִען מוטיקייַט פון מיליטערישער פליכט. אזוי טאַקע האָט ער געזאָגט: „די קאָסמישע טעמע פון סאָלדאַטישער מוטיקייַט אין נאָמען פון הימלאַנד און פאָלק דאַרף זייַן איינע פון די הויפּט־טעמעס“.

אנומלטן האָט מען באַ אים געפרעגט:

— וואָס איז, לויט אייַער מיינונג, דאָס סאַמע וויכטיקע אין דער שאַפונג פון א שרייַבער?

האָט ער געענטפערט:

— געטרייַקייַט צום לעבן, צום פאָלק, צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די באַגעגענישן מיט באַוווסטע שרייַבער האָבן געהאַט אַף יורען א גרויסן איינפלוס. בייסן באַזוך באַ שאָלאָכאָוון האָט מיכאַיִל אַלעקסאַנדראָוויטש אים געזאָגט:

— דער קאָסמאָס אינטערעסירט מיך. איך האָב ליב קאָסמאָנאַווטן, איך בין זיי מעקאַנע... איר דאַרפט שרייַבן... אַז דער באָקסיאָר גייט אוועק פון רינג, ווערט ער א זשורנאַליסט. דער קאָסמאָנאַווט דאַרף ווערן א שרייַבער.

שאָלאָכאָוו האָט געוואָלט וויסן יורעס געשמאַק צו ליטעראַטור, און ער האָט אים געשטעלט עטלעכע פראַגן. פאַר מיכאַיִל אַלעקסאַנדראָוויטשן איז דאָך גאַגאַרין געווען א פאַרשטייער פון א נייַעם דאָר, א פּערזענלעכקייַט, וועלכע האָט אין זיך אַריינגענומען די בעסטע שטריכן פון דער צייַט. גאַגאַרין האָט עס אויך פאַרשטאַנען און געענטפערט טרעפלעך, קלאָר. ס'איז געווען צו זען, אַז ער איז באַהאַוונט אין דער ליטעראַטור, איז באַקאַנט מיט שרייַבער. זייַנע געדאַנקען האָט ער באַשטעטיקט מיט טעקסטן, וועלכע ער האָט פּאַרגעלייענט.

אין יענער צייט איז אין דער פּעריאָדיק געגאַנגען א שאַרפע פּאָלעמיק וועגן „פיזיקער“ און „ליריקער“. מע האָט געוואָלט וויסן, וויאַזוי באַציט זיך צו אָט דער פראַגע דער ערשטער קאָסמאָנאַווט.

יורעס אַרויסטרעטונג אַף איינער פון די שרייַבער־באַראַטונגען האָט פאַרעפנטלעכט די „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ“, און דאָס איז געווען א פּולער און א גענוג אויסשעפּנדיקער ענטפער אַף דער דיסקוסיע. „איך דערמאָן זיך אָסטראָווסקיס, טאָלסטאָיס, גאָרקיס, פּושקינס, מאַיאַקאָווסקיס און שאָלאָכאָווס ביכער: א דאַנק אייַך, מייַנע ליבע שרייַבער“.

— דו ביסט עפּשער מיד געוואָרן? — האָט ער מילד מיך געפרעגט.

— ניין, איך הער. — איך האָב געזאָגט דעם עמעס, כ'האָב טאַקע געהערט זייַן שטים. כ'האָב געהערט, ווו ער רעדט העכער, ווו נידעריקער, אָבער געטראַכט האָב איך וועגן אונדזער לעבן, וועגן אונדזער קומענדיקן קינד.

אַף איינער פון די באַגעגענישן האָט יורע פון דער ערשטער מינוט באַהערשט די אויפמערקזאַמקייַט פון די צוהערער. ס'זייַנען געווען פיל שרייַבער פון בולגאַריע, אונגאַרן, פון דדר און פּוילן. יורע האָט זיך א סאַך געוויצלט, פריילעך רעאַגירט אַף די רעפּליקעס פון כאַווירים. די שרייַבער האָבן אים גענוי פאַנאַנדערגעפרעגט, וויאַזוי ער איז געפלויגן, וועגן די קאָסמאָנאַווטן, וועגן דער צוגרייטונגס־סיסטעם צום פלוג, וועגן קאָסמישן רוים.

די באַציִונגען מיט די שרייַבער האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט זאַכלעך און גרינג. שרייַבער האָבן אים ליב געהאַט אָן א מאָס, אָפנהאַרציק. ער איז זיי מעקאַנע געווען און ניט איין מאָל זיך מודיע געווען: „איך וועל קיינמאָל אזוי ניט קענען“. אין דער אוויִאַציע־שול האָט יורע אָנטיילגענומען אין ליטעראַרישן קרייַזל, געשריבן לידער, ער האָט אָן צווייפל פאַרמאָגט ליטעראַרישע פעיִקייַטן. צו אים האָבן זיך געווענדט רעדאַקציעס פון זשורנאַלן און צייַטונגען, ער זאָל שרייַבן פאַר זיי, און ווען ער האָט געהאַט א ביסל פרייַע צייַט, פלעגט ער שרייַבן.

אין די לאַנגע ווינטערדיקע, קאַלטע נעכט האָבן געמיטלעכקייַט און וואַרעמקייַט אַרייַנגעטראָגן אין אונדזער שטוב ביכער. אָט אין איינעם אזא טאָג האָט ער אָנגעהויבן פאַרלייענען א בוך פון אַן אומבאַקאַנטן אווטאָר. איצטער קלינגט עס אַרכאַיִש, איצטער לייענט מען ניט פאַר, נאָר איך האָב געוואַרט אַף מייַן קינד. כ'האָב זיך געקוקט אין דער פוטערנער קורטקע און מוירע געהאַט צו אָטעמען, אזוי אויפמערקזאַם האָב איך אים געהערט. דאָס איז דאָך מאַמעש א גליק, ווען מע לייענט פאַר א בוך נאָר פאַר דיר איינער. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָב איך זיך אייַנגעהערט, ווי יורע לייענט, און לויט דעם, ווי זייַן קאָל האָט געקלונגען, האָב איך געפילט זייַן באַציִונג צו מיר, וואָרעם יורעס ליבע איז געווען מייַן וווילטיק. איך האָב מער גאָרנישט ניט געוואָלט, און קיין זאַך האָט מיך ניט געאַרט, כוץ דעם צוטרוי פון מייַן מאַן

און זײַן אומויסלעשנדיקע ליבע. יורעס שטים איז געווען זייער אַן אייגנאַרטיקע, געקלונגען האַרציק אַן מילד. און ווען ער איז אומדערוואַרט שטיל געבליבן, האָב איך געעפֿנט די אויגן.

נאַטאַליע האָט געקוקט אַף וואַלענטינע איוואַנאָוונעס הענט. זי האָט לאַנג אַף זיי געקוקט און איז מאַמעש געווען פֿאַרשיקערט פֿון זייער פּלאַסטישקײַט. די הענט האָבן ווי געלעבט אַ זעלבשטענדיק לעבן, זיי זײַנען געווען מימאַרטיק און אויסדריקלעך, ווי מענטשן. זיי האָבן אויסגעדריקט וואַלענטינע איוואַנאָוונעס צושטאַנד, איר כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט.

— דער זייגער האָט געשלאָגן צוועלף.

וואַלענטינע איוואַנאָוונאַ האָט אַזוש אויפֿגעציטערט, זיך אָנגעשטרענגט, אירע פּלייצעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט. די אַרבעט האָט געוואַרט אַף איר.

נאַטאַליע, דער אומגעבעטענער גאַסט, האָט זיך געפֿילט שולדיק, וואָס זי רײַסט אָפּ די באַלעבאָסטע פֿון דער אַרבעט: מע דאַרף צוקלײַבן, קאָכן, דורכקוקן די פּאָטשט.

— דערלויבט, איך וועל אײַך העלפֿן, — האָט נאַטאַליע געבעטן.

— פֿאַרוואָס? איך וועל אַליין. איר האָט אַנדערע אַרבעט. ווי לאַנג רעכנט איר צו שרײַבן?

— גלײַך ווי כ'וועל צונויפֿזאַמלען דעם מאַטעריאַל.

וואַלענטינע איוואַנאָוונאַ האָט זיך אָפּגערוקט פֿונעם אַלמער, איר שטערן האָט דורכגעשניטן אַ טיפֿער קנייטש, זי האָט, פֿאַרשטייענדיק און צוגלײַך צווייפֿלענדיק, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

אין דעם איז געווען די פֿילאָסאָפֿיע פֿון לעבן און די פֿאַרשיידנקײַט פֿון זייערע פּראָפֿעסיעס.

— אַ סאַך צײַט וועט בײַ אײַך אוועקגיין אַף קלײַבן דעם מאַטעריאַל?

נאַטאַליע האָט דערפֿילט, אַז עס פֿעלט איר אויס לופֿט, ווי בײַ די וואַסערטויכער, בײַס עס ענדיקט זיך בײַ זיי דער זויערשטאָף, און זי האָט געמוזט ווי אַרופֿשווימען. זיי, די מע־סירעסנעפֿעשדיקע מענטשן, קאָנען אַרבעטן מיט סטראַכירונג, זייער ריזיקע איז באַרעכטיקט, און דאָס איז אַ דאַנקבאַרער איניען פֿאַר זיי.

דערנאָך האָט זיך נאַטאַליען אויסגעוויזן, אַז זי פֿליט פֿון אַ הויכן באַרג זייער גיך, קוים אויסמײַדנדיק די שטרויכלונגען. זי האָט באַשלאָסן, אַז איר פּראָפֿעסיע איז ניט די סאַמע שווערע און אַז זי איז אַ שלימעזאַלניצע. אַ הײַנטצײַטיקער זשורנאַליסט דאַרף זײַן געבילדעט, אָנגעלייענט, טרעפֿלעך, היימלעך, ער דאַרף האָבן געוווינהײַטן פֿון אַ דיפּלאָמאַט, פֿון אַ שטאַנגיסט און אַ באָקסיאָר, בעקיצער, אַ הײַנטצײַטיקער זשורנאַליסט דאַרף זײַן אַן אוניווערסאַל.

די אַלע אייגנשאַפֿטן וואָלט גרינגער געווען צו באַזיצן אַ מאַנצבל, ניט קיין פֿרוי.

— וויפֿל צײַט וועט בײַ מיר געדויערן אויפֿצוקלײַבן דעם מאַטעריאַל? — האָט איבערגעפֿרעגט נאַטאַליע, פֿאַרשטייענדיק, אַז איר ענטפֿער פֿאַרשפּעטיקט. — אין טאָג. הײַנט וויל איך עס פֿאַרענדיקן.

— הײַנט? איז לאָמיר זיך באַמיִען, ווײַל דאָס איז דאָך אין אונדזערע הענט, — האָט וואַלענטינע איוואַנאָוונאַ אויסגערופֿן, און זי האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן וולאַדימיר קאָמאַראָוון.

קאָמאַראָווס טראַגישער אומקום אין אַפּרעל 1967 איז געווען דער ערשטער קאָסמישער פֿאַרלוסט. אַלע קאָסמאָנאַווטן האָבן גוט פֿאַרשטאַנען, אַז אויספֿאָרשן דעם קאָסמישן רוים איז אַ נײַער, שווערער, סוידעסדיקער איניען, און דאָס וועט פֿאָדערן קאָרבאָנעס, אָן פֿאַרלוסטן וועט מען דאָ זיך ניט באַגיין. נאָר צוגעוווינען זיך צו דעם איז געווען אוממעגלעך. ס'זײַנען פֿאַרלאָרן געגאַנגען די בעסטע, די סאַמע מוטיקע און ווירדיקע.

קאָמאַראָוון האָט מען מעקאַבער געווען בײַ דער קרעמל־וואַנט אַפֿן רויטן פּלאַץ ערעוו די ערשטמײַיקע יאָמטויווים. די הויפּטשטאָט איז שוין געווען יאָמטעוודיק אויסגעפּוצט. רויטע לײַוונטן האָבן זיך צעקווייטלט פֿון דער פֿרילינג־זון, און פּלוצעם האָט זיך אַרײַנגעריסן אין זיי אַ שוואַרצער קרעפּ. דאָס איז געווען אומנאַטירלעך.

יורע האָט אַלעמען געמוטיקט, האָט זייער געזאָרגט פֿאַר קאָמאַראָווס אַלמאָנע מיט זײַנע קינדער, אויסערלעך האָט ער ניט אַרויסגעוויזן זײַנע געפֿילן, און נאָר בײַס איך האָב אים דערזען אין שטוב, האָב איך פֿאַרשטאַנען, ווי שווער ער לעבט איבער דעם אומקום פֿון זײַן פֿרײַנט.

אַף דער לעוויע, בײַ דער געזעגענונג, האָט ער געזאָגט: „מיר שווערן דיר, אַז מיר וועלן זיך אויסלערנען פֿליִען...“

און מע האָט זיך אויסגעלערנט. די קאָסמישע שיפֿן „סאָיוז“ זײַנען אוועק אין אַלוועלטרוים, האָבן געטראָגן אַהין דעם רום פֿון דער סאָוועטישער וויסנשאַפֿט.

יורע האָט זייער אופמערקזאַם געשפּירט נאָך די פלוגן, האָט פאַרצייכנט אין דער טאַבעלע די רעקאָרדן, זיך געפרייט, וואָס אַלע רעקאָרדן אָף די אײנאַרטיקע קאָסמישע שיפן געהערן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

פון סאַמע אָנהייב האָט זיך יורע גוט באַצויגן צו די פליִער, צו די קומענדיקע מיטגלידער פונעם ערשטן אָטריאַד קאָסמאָנאַווטן. אין וואָס באַשטייט דער דערפאָלג פון זײַן אַווטאָריטעט און ווו איז די סיבע פון זײַן כיינעוודיקייט?

אָף אָט דער פראַגע, וועלכע מע האָט מיר געשטעלט אַ סאַך מאָל, קאָן איך ניט ענטפערן. יורע האָט קיינמאָל ניט געזוכט קיין רום, ניט געשטרעבט צו באַוווסטקייט. עפּשער דערפאַר, ווײַל ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס אַלץ וועט מיט דער צײַט קומען, אויב די פליִער וועלן זײַן ווירדיק און געטרײַ דער זאַך. זיך האָט ער צו דער עליטע ניט צוגערעכנט. זײַן לעבן איז געווען זייער אַ שווערס. זײַן קינדהײַט איז געווען אַרומגעכאַפּט פון מילכאָמעפלאַקער. ער איז געווען האַלב־הונגעריק, און זײַנע עלטע אָפּגעטראָגענע בגאָדימלעך האָבן אים ניט געוואַרעמט בייס ער איז געלאָפן אין שול. אַזאַ איז געווען די צײַט, וואָס האָט קיינעם ניט אויסגעמיטן. די מילכאָמע האָט געלאָזן טיפע וווּנדן אין מענטשלעכע הערצער.

די נאַטור האָט רײַך באַלוינט יורען, נאָר זײַנע פייִקײַטן האָבן זיך אַנטוויקלט ערשט שפּעטער. פריִער די האַנטווערקער־שול, מע האָט זיך געדאַרפט גרייטן צו אַן אַרבעטער־פּראָפעסיע. דאָס לאַנד האָט גאָרנישט ניט געזשאַלעוועט פאַרן נײַעם דאָר. אין דער האַנטווערקער־שול איז יורע דורכגעגאַנגען די ערשטע אַרבעטס־אוניווערסיטעטן, האָט דערוואָרבערט פעסטע געוווינהײַטן פון אַרבעטער־קאָלעקטיווקײַט. יורע האָט געהאַט אַ סאַך מענטשלעכע קאָמפּלעקסן, נאָר ער איז לאַכלוטן ניט געווען אין קלעם פון זעלבסטצופרידנקײַט און פון דער שטרעבונג צו אָנפירערשאַפט. אין אַ באַליביקער לעבנס־סיטואַציע האָט ער אויסגעהיט די אַכטונג צו זײַנע כאַווירים, דעם גלויבן אין פרײַנטשאַפט און אין זויבערקײַט פון באַציִונגען. אָט די אַלע אייגנשאַפטן האָט ער זייער געשעצט בא די מענטשן, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט. און נאָר זיי זײַנען געווען דער קריטעריִ פון זײַנע אָפּשאַצונגען. אָבער בעשום־אויפן ניט דער אַמט און דער ראַנג, וועלכע אַ מענטש האָט געטראָגן, ווײַל ער האָט ריכטיק פאַרשטאַנען, אַז דאָס זײַנען פאַרבײַגייענדיקע זאַכן. ער האָט אָן אַ מאָס געאַכטעט די כאַווירים אינעם צוגרייטונגס־צענטער פון די קאָסמאָנאַווטן, די געלערנטע, די קאָנסטרוקטאָרס. יורע האָט געהאַט אַן אַנטוויקלט געפיל אַרײַנצודרינגען אין טאַמציס פון מענטשן. אין דער שול און שפּעטער אין פּאָלק האָט ער זיך געכאַווערט מיט וואַלענטין זלאָבינען, יורי דערגונאָוון, ניקאָלײַ רעפּינען. דאָס געפיל פון מיליטערישער ברודערשאַפט האָט ער דורכגעטראָגן דורך זײַן גאַנץ לעבן, קיינמאָל ניט פאַראַטן די היילִיקע באַציִונגען. מע שרײַבט אָפט, אַז יורע האָט אַרויסגעהאָלפן זײַנע כאַווירים. יורע האָט ניט ליב געהאַט קיין סופּערמענסטווע. געוויס האָט ער אַרויסגעהאָלפן זײַנע כאַווירים, אויב זיי האָבן זיך גענייטיקט אין דעם.

יורעס פּערזענלעכקײַט האָט זיך פאַרמירט אונטער דער קאָלאָסאַלער ווירקונג פונעם ערשטן קאָסמאָנאַווטן־אָטריאַד. איך געדענק, ווי יורע איז געווען אַנציקט, וואָס גערמאַן טיטאָוו איז אַזוי אָנגעלייענט. ס'האָט אים געפרייט די ברייטע כאַווערישקײַט פון פּאַוועל פּאָפּאָוויטש. ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס פאַר אַ פעסטן כאַראַקטער פאַרמאָגט אַנדריִאַן ניקאָלײַעוו, מיט וואָס פאַר אַ כאַווערישער גרייטקײַט וואַלערי ביקאָווסקי איז אַלעמאָל געטרײַ זײַנע פרײַנט, וואָס פאַר אַ קינסטלערישן געשמאַק עס פאַרמאָגט אַלעקסיי לעאָנאָוו און וואָס פאַר אַ ספּאָרטיווער ווירטואָז געאָרגי שאָנין איז. בייס געאָרגי בערעגאָוואָי איז אָנגעקומען אין צענטער פאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן, האָט יורי זיך געוווּנדערט, וואָס פאַר אַ באַגאַבטער פליִער־אויספּרוּווער, וואָס פאַר אַ שרעקלאָזער אַס ער איז. יורע האָט געהאַלטן, אַז דער גאַנצער קאָלעקטיוו איז רײַפער געוואָרן, זײַן מאָראַליש־עטישער צושטאַנד איז באַדײַטנדיק און די אַטמאָספער איז רײַך. יורע גופע האָט זיך גענייטיקט אין דער הילף פון זײַנע כאַווירים און האָט עס גערן גענומען.

נאָך יורעס פלוג אין קאָסמישן רוים האָט אַלעקסיי לעאָנאָוו אים געשענקט אַ בילד, וואָס ער האָט געמאָלט פון יורעס ווערטער. יורע האָט דאָס בילד לאַנג באַטראַכט, זיך געוווּנדערט, ווי פּינקטלעך און ריכטיק לעאָנאָוו האָט פאַרווירקלעכט די קאָליר־גאַמע, ווײַל לעאָנאָוו אַליין האָט דאָך דאָס ניט געזען, ער האָט נאָר געהערט, וואָס יורע האָט דערציילט.

— אַ דאַנק, קוטשעריאַווער (אַזוי האָט גאַגאַרין גערופן אַלעקסיי לעאָנאָוון). — דו ביסט אַ טאַלאַנט, דאָס איז גוט, האָסט אָנגעמאָלט אַ שעדעווער. דו האָסט דערטראַכט, וואָס איך האָב ניט דערזאָגט.

אַ סך מאָל האָט יורע גערעדט וועגן לעאָנאָווס טאַלאַנט, וועגן זײַן עסטעטישן אײַנפֿלוס אױף די כאַווײרים. ניט געקוקט אױף דעם, וואָס אַלעקסײ אַרכיפּאָוויטש איז געווען זײער פֿאַרנומען, האָט ער אױסגעפּאָרמירט די וואַנטצײַטונגען „שפּריץ״ און „נעפּטון״. ער האָט געצײכנט כאַווערישע שאַרזשן, געגרײט הומאָריסטישע ווינטשן צום ספּעציעלן נומער פֿון דער צײַטונג. יורע האָט דער ערשטער זיך אָפּגערופֿן און געשאַצט זײער הויך די קינסטלערישע אַרבעטן, וואָס אַלעקסײ אַרכיפּאָוויטש האָט געמאַכט. ער האָט געשריבן: „בײַ מיר אין שטוב, אין די דירעס פֿון אַלע קאָסמאָנאַווטן הענגען בילדער אױף קאָסמישע טעמעס, וואָס לעאָנאָוו האָט אָנגעמאָלט. ער נוצט די רײַכע פּאַליטרע, מאָלט גוט די ערד, וועלכע איז אַרומגענומען מיט אַ רעגנבויגן פֿון דינסטע קאָלירן. ער מאָלט די ווײַט־ווײַטסטע שטערן, מיר אַלע דאַרפֿן זײער הויך שאַצן די לײַוונטן, וועלכע עס מאָלט אונדזער כאַווער, און ער ווײסט, פֿאַרשטײט זיך, אַ ריס טאָן צו די שטערן, ווען ס׳וועט קומען די צײַט״.

— איר קאָנט מיר פֿאָרוואַרפֿן, פֿאַרוואָס איך רײד וועגן לעאָנאָוון דעם קינסטלער און אַקצענטיר זײַן פֿאַרכאַפּטקײַט מיט מאָלערײַ און ניט זײַן דינסט. קאָן זײַן, אַז דאָס איז דערפֿאַר, וואָס וועגן זײַן דינסט ווײס איך אַ סך קנאַפּער, ווי וועגן זײַן געזעלשאַפֿטלעכקײַט. צוויטנס, האָט זײַן שאַפֿן געהאָלפֿן דער פּראָפּאַגאַנדע פֿון קאָסמאָס און האָט קינסטלעריש באַוויזן די קאָסמאָנאַווטן־פּראָפֿעסיע.

אַלע ווײסן גוט וועגן אַנדריִאַן ניקאָלײַעווס גרויסער באַשײדנקײַט. עס איז צו באַוווּנדערן, וואָס פֿאַר אַ שווײַגער ער איז, אױסערלעך אַ ביסל אַ מרוק, באַדאַכטלעך אַ סך מער, ווי אַ מענטש פֿון זײַן עלטער. ער איז זײער ברײטהאַרציק. אַנדריִאַן ניקאָלײַעוו האָט געזאָגט, אַז אין „דער קאָסמאָנאַווטן־מישפּאָכע איז יורע געווען זײער צום האַרצן, ער איז געוואָרן אַלעמענס כאַווער און דער ליבלינג פֿונעם גאַנצן קאָלעקטיוו. יורע איז אַלעמאָל געווען פֿרײלעך, ער האָט געשמײכלט און איז געווען גרײט אוועקצוגעבן אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט.

איך גלײב אין אַנדריִאַן ניקאָלײַעווס יעדער וואָרט, איך ווײס, וואָס פֿאַר אַ זויבערער מענטש ער איז, און איך שאַץ הויך זײַן אָפֿנהאַרציקע פֿילבאַרקײַט.

יורע האָט דערצײלט, אַז ניקאָלײַעוו האָט ליב געהאַט צו טרוימען, אַ סך געלײענט, גוט געקענט דיכטונג, מיט כײשעק זיך פֿאַרנומען מיט ספּאָרט, איז געווען באַהאַוונט אין פֿיזיק, מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, זײַן אַלזײַטיקע צוגרײטונג און זײַן גיריקײַט זיך צו דערוויסן וואָס מער, זײַן שטענדיקע אומצופֿרידנקײַט מיט זיך האָבן אים געהאָלפֿן זיך אַנטוויקלען, ער האָט געלעבט מיט אַן אינטערעסאַנט, אָנגעפֿילט לעבן און דערמיט אָנגעשטעקט זײַנע כאַווײרים.

יורעס און אַנדריִאַנס פֿרײַנטשאַפֿט איז געווען אַ בעעמעס פֿעסטע מאַנצבלשע פֿרײַנטשאַפֿט, אַפֿילע בײַס יורע איז שוין ניט געווען, איז אַנדריִאַן גריגאָריעוויטש געבליבן טרײַ דער פֿרײַנטשאַפֿט און האָט אַרויסגעוויזן טיפֿע אַכטונג און טרײַקײַט די כאַווערישע באַציִונגען.

עס האָט זיך געגרײט אַ נײַער סטאַרט. דער קאָמאַנדיר פֿון דער קאָסמישער שיף „סאָיוז־9״ אַנדריִאַן ניקאָלײַעוו און דער באָרט־אינזשעניער וויטאַלי סעוואַסטיאַנאָוו האָבן נאָך אַ סך טעג האָרעוואַניע געקראָגן אַ צווײטאָגיקן אָפּרו. אַלץ איז שוין פֿאַרטיק צום שווערן און דויערנדיקן פֿלוג, אַלץ איז קאָנטראָלירט, אַלץ איז באַשטאַט. אָבער די געהירן בײַ די, וואָס וועלן דאַרפֿן פֿליִען, דרײען זיך שוין ווי אין קאָסמאָס. דאָס איז אומפֿאַרמײַדלעך, אַזוי איז מיט אַלעמען... אָבער עס ווילט זיך צעשטרײַען, אַ ביסל אַרומגײן איבער דער ליבער לײַבלעכער ערד. די נאַטור איז הײלבאַר. און אָט זײַנען זײ אַוועק אױף פֿישפֿאַנג...

אַנדריִאַן גריגאָריעוויטש איז געזעסן אױפֿן ברעג, בײַם סאַמע טײַך און האָט ניט אָפּגעווענדט זײַן בליק פֿון דער גלאַטער שפּיגל־פֿלאַך. פֿאַרשטײט זיך, געטראַכט האָט ער ניט וועגן פֿישפֿאַנג, נאָר וועגן דעם פֿאַרשטײענדיקן פֿלוג.

זיצט ער אַזוי מיט דער ווענטקע, אַ צוגעזשמורעטער פֿון דער מײַ־זון און דערזעט, ווי פּלוצעם האָט דאָס וואַסער אָנגעהויבן קרײַזן, איז געוואָרן מוטנע, דערנאָך גרינלעך, האָט ער אַ צי געטאָן די ווענטקע און אַרויסגעצויגן — אַ העכט! אַ לאַנגן און אױסגעפּאַשעטן, און אַ רונדיקן. אַזאַ פֿאַנג איז געווען אַ זעלטנהײַט. דער העכט האָט געצאַפּלט, געפּאַטשט מיטן עק, געעפֿנט דאָס בלוטדאָרשטיקע מויל. זײער געהיט האָט ניקאָלײַעוו אַרויסגענומען דאָס העקל פֿונעם העכטס מויל, אַ וואָרף געטאָן די ווענטקע, אַ הײב געטאָן דעם טראָפֿײ אין דער הויך. די כאַווײרים, וועלכע זײַנען געווען דערבײַ, האָבן זיך גלײַך אַ לאָז געטאָן צום מאַזלדיקן פֿישער.

אַנדריאַן גריגאָריעוויטש האָט מיט פאַרגעניגן געוויזן, וואָס ער האָט געכאַפּט, אַלע האָבן געטומלט און זיינען געווען איבעראַשט. יעדערער האָט געוואָלט אַ קוק טאָן אָפן העכט. נאָר ניקאָלײַעוו האָט, אופהייבנדיק די הענט אין דער הויך, פעסט געהאַלטן דעם גליטשיקן מאַזיק.

— איר זײַנט מעקאַנע? אַ קלאָרע זאַך. וועלן מיר אים טאַקע פאַרמישפּטן ווי ס'געהער צו זײַן.

— וואָס פאַר אַ מישפּט? אין טאָפּ אַרײַן — און פאַרטיק! — האָט עמעצער געזאָגט.

— און עפּשער גאָר צוריק אין וואַסער אַרײַן? — האָט געפרעגט ניקאָלײַעוו. ס'האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַז ער וויל טאַקע אַזוי טאָן.

נאָר דער העכט האָט ניט געדרעמלט. פאַר דער צײַט, וואָס די פישער האָבן געטומלט, האָט זיך דער העכט אַ דריי געטאָן, זיך אַרויסגעגליטשט פון ניקאָלײַעווס הענט, געמאַכט אַ פּירועט אינדערלופטן און זיך אַ שלײַדער געטאָן אויף דער ערד.

ניקאָלײַעווס גרויסער פינגער איז געווען פאַרבלוטיקט.

— וואָס זשע וועט זײַן? — האָט דער ערשטער זיך געכאַפּט אַ פאַלקאָווניק מיט אַ גראָ־ווער שעוועליורע. — וואָס וועט זײַן מיט אײַער פלוג?

— מיט מײַן פלוג? וואָס קאָן זײַן מיטן פלוג, עס וועט זיך ביז דאַן פאַרהיילן. פליען — דאָס איז מײַן דינסט־פליכט, דאָס איז אַ באַפעל. און אַ באַפעל פילט מען אויס. צודערצו האָב איך געשוווירן אין יורי אַלעקסייעוויטשעס קאַבינעט, און ער איז דאָך מײַן פרײַנט און מײַן קאָמאַנדיר.

— אַנדריאַן גריגאָריעוויטש, כ'האָב מוירע, אַז די אומבעראַכטמאָנעסדיקע עסקולאַפּן וועלן אײַך פאַרבאָטן צו פליען. בעסער דערציילט זיי ניט וועגן דעם.

— דאָס פאַרבאָרגן? — האָט אויסגערופן ניקאָלײַעוו. — פאַר קיין פאַל ניט. איך וועל אומבאַדינגט פליען, די וויסנשאַפט דאַרף דאָך וויסן, וואָס ס'וועט פאָרקומען אין דער אומ־וואָגיקײַט מיט אַ קאָסמאָנאַווט, וואָס האָט אַן אָפענע וווּנד. — אַנדריאַן גריגאָריעוויטש איז שטיל געבליבן, האָט געקוקט אויף דער זון, ווי ער וואָלט באַטראַכט די אומאָנגענעמע סיטואַ־ציע, אין וועלכער ער האָט זיך פּלוצעם אַרײַנגעפּאַקט. — נײַן, איך וועל זאָגן, דער עמעס איז אַלע מאָל די בעסטע זאַך.

ניקאָלײַעוו האָט זיך געזעצט אין דער מאַשין זייער אַ פאַרלאָרענער. ס'האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, בײַ וועלכער ער, דער קאָסמאָנאַווט, האָט געקאָנט שטערן דעם גאַנצן קאָלעקטיוו, וואָס האָט געהאַט פאַרענדיקט אַזאַ קאָמפּליצירטע אַרבעט. סיבעס צו זײַן אומרויִק איז געווען ניט ווינציק. דער גאַנצער עקיפּאַזש פון דובליאָרן איז שוין געוויס געבראַכט געוואָרן אין באַלדיקער גרייטקײַט.

דער דאָקטער, אַ הויכער, אַ מאָגערער, האָט דורך די דיקע ברילן־גלעזער באַטראַכט די וווּנד. ער האָט געדרייט דעם פינגער, געדריקט דאָס מיטעלע געלענקל, ווי ער וואָלט זיך נאָך געדאַרפט איבערצײַגן אין דעם, אַז די וווּנד איז טאַקע דאָ און בלוט רינט.

— דאָקטער, — האָט ניקאָלײַעוו געבעטן, — מע קאָן גיכער מאַכן אַ רעפּועו?

— מע קאָן עס גיכער ניט מאַכן, — האָט געענטפערט דער דאָקטער. — מע קאָן נאָר אָפּ־שנײַדן דעם פינגער...

— אָפּשנײַדן? דאַן דאַרף מען דאָס מאַכן וואָס גיכער, ווײַל אין צוויי טעג אַרום איז דער סטאַרט.

— מע קאָן, נאָר מע דאַרף ניט.

מע דאַרף ניט אָפּשנײַדן. מע דאַרף ניט זאָגן וועגן דעם דער אָנפירונג.

— וואָס זשע דאַרף מען יאָ?

— איר ווילט זייער געזונט ווערן?

— אַ פראַגע!

— דאַן וועל איך עס באַשמירן מיט זאַלב.

— אַ דאַנק.

דער דאָקטער האָט מיט זאַלב באַשמירט די וווּנד און האָט דערציילט אַ געשיכטע, וועלכע יורי גאַגאַרין האָט אים דערציילט.

— הערט זיך צו, — האָט געזאָגט צו מיר יורי אַלעקסייעוויטש, — פאַרצײַטנס זײַנען די טערקן אָנגעפאַלן אויף אונדזער לאַנד, האָבן פאַרכאַפּט די פעסטונג פון אַלושטע און האָבן געוואָלט ווײַטער שפּאַנען. אָבער דער וועג אויף סימפעראָפּאָל האָבן איבערגעצוימט די רוסישע גרענאַדיאָרן, ס'האָט זיך צעצונדן אַ מוירעדיקע שלאַכט. די בערג האָבן געציטערט פון קעַ־סיידערדיקן שיסן, די זון איז פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ געדיכטן פּולווער־רויך, און די רוסן

זײַנען אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען, אָפּשטויסנדיק דעם סוינע. מיכאיִל קוטוזאָוו איז געגאַנגען פֿאָרויס און האָט מיט דער שווערד געשניטן די סאָנים. גאַדזשי אַלי־בײַ האָט עס דערזען, זיך זייער דערשראָקן, אַז קוטוזאָוו זאָל ניט אויסשנײַדן דאָס גאַנצע טערקיש כאַיִל, האָט ער אויסגעשאָסן, און די קויל האָט געטראָפֿן קוטוזאָוון אין קאָפּ, ער איז אומגעפֿאַלן און זיך באַגאָסן מיט בלוט. די רוסישע גרענאַדיאָרן האָבן אָפּגעשטויסן דעם פֿײַנט, אַוועקגעטראָגן זייער קאָמאַנדיר צום טײַך און אָפּגעוואַשן די ווונד. און ס׳האָט געטראָפֿן אַ נעס: די ווונד האָט זיך גיך פֿאַרהיילט. קוטוזאָוו דער גיבער האָט זיך אופגעהויבן און איז ווידער אַוועק שלאָגן די טערקן.

אין צוויי טעג אַרום איז אין קאָסמאָס אַוועק דער פֿאַלקאָווניק ניקאָלײַעוו. אין 18 טעג אַרום האָט דער אַראָפּגעלאָזענער אַפּאַראַט ווייך זיך אַראָפּגעזעצט אין דעם ראַיאָן, וועלכער איז פֿאָרויס באַשטימט געוואָרן.

— זאָגט, ביטע, דאָקטער, מיט וואָס פֿאַר אַ רעפֿוּע האָט איר מיך דאַן געזונט געמאַכט? — האָט ניקאָלײַעוו אים שפּעטער געפֿרעגט.

— אָ, דאָס איז אַ באַזונדערע רעפֿוּע, אַן אוניקאַלע.

— פֿונדעסטוועגן, ווי הייסט זי?

— וואַזעלין!

— וואַזעלין? און דאָס האָט מיך אויסגעהיילט?

— אײַך האָט אויסגעהיילט יורי אַלעקסייעוויטשעס מײַסע.

— אַ דאַנק.

מעגלעך, אַז אָט דער פֿאַל איז אַ ביסל בעלעטריזירט, נאָר אין גרונט ליגט דאָ דער עמעס פֿון צווישנבאַציִונגען, און דאָס באַשטענדיקן אַנדריִאַן גריגאָריעוויטשס ווערטער און זײַן אַרבעט.

איך ווייס ניט און קאָן ניט דערקלערן, וויִאַזוי האָט יורע באַוויזן זיך צו באַטייליקן אין דער אַרבעט פֿונעם עלטערן־קאָמיטעט אין שול, אָנפֿירן מיט דער טעכנישער פֿעדעראַציע־קאָמיסיע פֿון וואַסער־ספּאָרט, זײַן אַ מיטגליד פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט, אָנפֿירן מיט דער געזעלשאַפֿט סאָוועטיש־קובינער פֿרײַנטשאַפֿט, און אויסער דעם נאָך שרײַבן ביכער און אַרויסטרעטן דורך ראַדיִאָ.

יורע איז געווען אַן איבערגעגעבענער פֿאַמיליע־מענטש, זייער ליב געהאַט אונדזערע קינדער. צווישן אים און די טעכטערלעך זײַנען געווען זייער געטרײַע באַציִונגען, אופֿריכטיקע סימפּאַטיע און שפּילעוודיקײַט. די שפּיל־מײַסעלעך פֿלעגן גרינג פֿאַרוואַנדלט ווערן אין ערנסטע שמועסן וועגן אופֿירונג, פֿליכט, אַכטונג. יורע האָט ניט געהאַט קיין ספּעציִעלע פּעדאַגאָגישע באַהאַוונטקײַט, נאָר ווי אַ רײַך באַגאַבטע נאַטור, האָט ער אינטויִטיוו טאָמיד געפֿונען אַ ריכטיקן צוגאַנג צו די קינדערשע הערצער. ער האָט ערנסט זיך באַצויגן צו זייער אופֿירונג, זייערע ווערטער, זיי האָבן אים זייער ליב געהאַט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיי זײַנען צו אים מער צוגעבונדן, איידער צו מיר.

יורע האָט ניט געבאַלעוועט אונדזערע טעכטערלעך, נאָר מאָטאָנעס פֿלעגט ער זיי ברענגען, אָפּטער פֿון אַלץ ביכער. אַ נײַעם בוך פֿלעגן זיי לייענען אײַנייִנעם. דאָס זײַנען געווען מײַסעלעך, קינדער־דערציילונגען. נאָך דעם ווי זיי האָבן איבערגעלייענט פּושקינס מײַסעלעך, האָט ער זיי פֿאָרגעלייענט רוסישע פֿאָלקס־מײַסעס, שפּעטער האָבן זיי אײַנייִנעם געלייענט נאַ־סאָון. יורע האָט מיט זיי געשפּילט ראַשיק, ער האָט מיט זיי געאַרבעט מײַסים אָפּן טעפּיך, דערנאָך געפֿירט איך אויטאָמאָביל, איז געגאַנגען מיט זיי אין וואַלד. עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז ווען ס׳איז געווען אַ פּאַסיקע שאָ, האָט ער געבעטן, די מיידלעך זאָלן זינגען. דאָס, וואָס דער טאַטע האָט געבעטן, איז געווען הייליק. יורע האָט אַפֿילע פֿאַרשריבן אָף אַ טאַשמע זייערע שטימען, נאָר ער האָט זייער געהיט די טאַשמעס, און זעלטן האָבן מיר זיי געהערט.

בייס די טעכטערלעך זײַנען אונטערגעוואַקסן, האָט זיי יורע פֿאָרגעלייענט ק. ע. ציִאָלקאָווסקיס ביִאָגראַפֿיע. אין פֿלוג האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס ער לייענט דאָס קאַפּיטל פֿון 11 ביז 14 יאָר. דאָרטן זײַנען געווען אַזעלכע ווערטער: „איבער מײַן טויבקײַט איז מײַן ביִאָגראַפֿיע ניט אינטערעסאַנט. איך קאָן ניט פֿאַרברענגען מיט מענטשן, דעריבער איז מײַן ביִאָגראַפֿיע אָרעם און איז טאַקע אויסשליסלעך אַ ביִאָגראַפֿיע פֿון אַ קאַליקע“.

שפּעטער האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז יורע האָט דאָ געפֿירט מיט אונדזערע טעכטערלעך אַן ערנסטן שמועס וועגן לעבן, וועגן אייגנשאַפֿטן, וואָס קומען אויף בא מענטשן מיט שטאַרקע ווילנס, וועלכע פֿילן אויס דעם פֿליכט פֿאַר זיך און פֿאַר אַנדערע. מיט די טעכטערלעך איז

ער טאָמיד געווען אָפנהאַרציק, ערלעך. אויב ער האָט עפּעס צוגעזאָגט, האָט ער אומבא־דינגט געהאַלטן וואָרט. אויב ניט קיין פאַרויסגעזעענע אומשטענדן האָבן אים געשטערט צו האַלטן וואָרט, פלעגט ער די האַוטאַכע אַריבערטראָגן אויף אַן אַנדער צײַט. אונדזערע טעכ־טערלעך האָבן זיך מיט אים געייצעט וועגן אַלצדינג. צום בײַשפּיל, וואָס לייענען, וועלכע הענטשקעס צו אָנטאָן, וואָס פאַר אַ מאַטאָנע שענקען אַ כאַווערטע צום געבורטסטאָג. יורע האָט אַלעמאָל בא זיי געפרעגט: „ווי טראַכט איר אַליין?" דערנאָך האָט ער געדולדיק, פאַרינטערעסירט מיט זיי איניינעם באַהאַנדלט אַזאַ אָדער אַן אַנדער פראַגע, דערבײַ האָט ער קלאָר אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג און געגעבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס ער זאָגט אַזוי און ניט אַנדערש.

יורע האָט זייער ליב געהאַט וואַלד, פישפאַנג, יאַגד. זײַן מיט דער נאַטור איז געווען פאַר אים אַ גרויסער פאַרגעניגן. דאָס האָט ער געוואָלט צוויגענען אויך די קינדער, און ער איז אָפט געגאַנגען מיט זיי אין וואַלד. אַמאָל האָט ער געבראַכט אַ שטעכלער, אַמאָל אַ קאַ־נאַרייקע, ווײַל ער האָט געוואָלט, אַז אונדזערע קינדער זאָלן ליב האָבן די נאַטור און באַלע־כאָים אַזוי, ווי ער. יורע איז ניט געווען שטרענג מיט די קינדער, האָט זיי קיינמאָל ניט באַ־שטראָפט, שטיפערײַ האָט ער געהאַלטן פאַר אַן אומבאַדינגטן, אומפאַרמײַדלעכן שטריך פון קינדהײַט. ער איז געווען געדולדיק צו דעם, וואָס זיי פלעגן צושטיין מיט פאַרשיידענע פראַ־געס.

מיט די קרוויוים האָט ער אויך געקאָנט זײַן געדולדיק און אויפמערקזאַם. וועגן די על־טערן האָט ער אַלעמאָל געזאָרגט, און ניט נאָר אין הינזיכט פון מאַטעריעלע באַדערפענישן. זיי זײַנען געווען נאָענט יורען: ער האָט שטענדיק געוווּסט וועגן זייערע דײַגעס, איז טאָמיד געווען אַ צאַרטער און פאָלגעוודיקער זון. בייס ער איז געוואָרן אַ באַרימטער מענטש און צו זײַנע ווערטער האָבן זיך צוגעהערט טויזנטער, איז ער אפילע אַ האָר ניט געוואָרן אַנדערש. גײַוועע איז אים פרעמד געווען, ער איז געווען דער זעלבער אויפמערקזאַמער, פאָלגעוודיקער זון, זיך צוגעהערט צו די אייצעס פון די עלטערן און געטאָן, וואָס זיי האָבן געבעטן. צו דער מאַמען, צו אַנע טימאָפייעוונאַ, איז ער געווען באַזונדערס מילד. מיט איין וואָרט, די צוגע־בונדקײַט צו די עלטערן איז געווען פראָסט פאַנטאַסטיש. זיך זען מיט זיי, שמועסן מיט זיי איז געווען זײַן בויטווענדיקײַט. ער איז אָפט געפאָרן קיין גזשאַטסק, און אויב נאָר ס'איז געווען מעגלעך, האָט ער דאָרטן פאַרבראַכט צוויי־דרײַ טעג, זיך געזען מיט אַלע קרוויוים און שכיינים, ניט אויסן געווען קיין רײַך־געגרייטע טישן. מע האָט געשמועסט שטיל און פרײַנטלעך, און יורע האָט דערציילט בעניטעסדיק און געמיטלעך וועגן קאָסמאָס, וועגן זײַנע כאַווירים, האָט אויסגעהערט, וואָס מע האָט אים דערציילט.

די קרוויוים און שכיינים האָבן אים אַלעמאָל גערופן לויטן נאָמען, און ער איז געווען אין גרויס פאַרלעגנהײַט בייס מע האָט זיך באַצויגן צו אים ניט פּאָשעט, ס'איז אים געווען דערווידער בייס מע פלעגט אים לויבן. פאַרשטייט זיך, האָט ער ליב געהאַט זײַן שוועסטער זאָיע, די ברידער וואַלענטין און באָריס, אָפט מיט זיי זיך באַגעגנט און געשמועסט ביז האַל־בער נאַכט.

יורעס קינדהײַט איז געווען אַ ביטערע, אַ צעטראָטענע מיט די שטיוול פון די היטלע־ראָווצעס. יורע, זײַן שוועסטער און די ברידער האָבן שוין דאַן פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַן אומגליק עס האָט געטראָפן דעם פאָלק. אין שטוב איז געווען אַן אַ שיר אַרבעט, די מאַמע האָט געדײַגעט וועגן די קינדער, אַ גרעסערן בײַשפּיל פון האָרעוואַניע, ריינהאַרציקײַט און גוטסקײַט איז שווער געווען צו געפינען. די מאַמע האָט, ניט ווויסנדיק וועגן קיין שום באַ־רימטע פּעדאַגאָגן, געוויזן דעם בעסטן פּעדאַגאָגישן בײַשפּיל: טו, ווי איך. אַן אומבאַגרענעצטע ליבע צו האָרעוואַניע איז געווען איינע פון אירע דערציִונגס־מיטלען. די שווערע דאָליע פון אַ רוסישער פרוי, שטוב־אַרבעט, קינדער, געזעלשאַפטלעכע דײַגעס און פרי ווערן אַן אַל־מאָנע — אָט אַזאַ גורל האָט געהאַט אַנע טימאָפייעוונאַ גאַגאַרינאַ.

אַלעמאָל האָט דער גורל איר געגעבן אַן אַנדער קלאַפּ, און צאָרעס זײַנען געווען איבער־געגנוג. זי געדענקט זיך פון דער פריִער קינדהײַט אין פּעטראָגראַד, די מישפּאָכע איז געווען אַ גרויסע — פערצן ברידער און שוועסטער. אומופהערלעכע אָרעמקײַט, אומבאַראַכמאָנעסדיקע פאַרלוסטן: ס'איז געשטאָרבן די ייִנגערע שוועסטער, געשטאָרבן טאַטע־מאַמע, אַנע איז גע־בליבן אַ קײַלעכדיקע יעסוימע. אויף אירע קינדערשע פּלייצעס האָט זיך געלייגט דער שווע־רער יאָך פון דײַגעס וועגן די לעבעדיקע. זי נייט, וואַשט, ראַמט גאַסן, האָדעוועט פרעמדע קינדער, בא אַזאַ ניאַנקע, ווי אַנע, איז אָבער קיין פרעמדע קינדער ניט געווען שײַעך, זי האָט זיי ליב מיטן גאַנצן האַרצן, ווי אייגענע. די קינדער זײַנען געוואַקסן, זי האָט זיי ניט געוואָלט איבערלאָזן, זיי האָבן געפילט איר באַציִונג און האָבן זי אויך ליב געהאַט.

די ליבע צו טאַטע־מאַמע איז בײַ די גאַגאַרינס געווען גרויס און געטרײַ, די קינדער זײַנען געווען פֿול מיט ווויל־דערהויבענער פֿליכט צו די עלטערן. יורע האָט ליב געהאַט זיי שיקן מאַטאַנעס, ניט סטאַם מאַטאַנעס, נאָר טאַקע דאָס, אין וואָס זיי האָבן זיך גענייטיקט. אויב ער האָט ניט געקאָנט פֿאָרן צו זיי, האָט ער געשריבן היימלעכע ווײַזלדיקע בריוו מיט גוטע אייצעס און ווינטשעוואַניעס. בײַס יורע פֿלעגט זיך באַגעגענען מיט זײַנע פּלעמעניצעס און פּלעמעניקעס, האָט ער געזונגען און געטאַנצט, ווי ער וואָלט קאָמפּענסירן דאָס, וואָס עס האָט אים אויסגעפֿעלט אין זײַן אייגענער קינדהייט.

— ווי פֿריִער, באַקום איך אַ סאַך בריוו. פֿרײַנטלעכע בריוו, דורכגעזאַפּטע מיט דײַגעס וועגן די גאַגאַרינס. עס שרײַבן אַרבעטער, קאָלווירטניקעס, שרײַבער, זשורנאַליסטן, קאָמ־פּאָזיטאָרן, קינסטלער, שילער — אַלע ווילן זיך באַגעגענען מיט מיר און הערן, וואָס איך וועל דערציילן וועגן יורען.

פֿאַר דער צײַט, וואָס אין שטערן־שטעטל אַרבעט די קאָסמאָנאַווטן־פּאָטשט, זײַנען אָנ־געקומען העכער 80 טויזנט בריוו. פֿון זיי — דרײַצן טויזנט דרײַ הונדערט זעקס און אַכציק יורען, באַזונדערס אַ סאַך בריוו זײַנען געקומען פֿון פּיאָנערן. קינדער זײַנען גאָר אַ באַזונ־דער פֿאָלק, זיי פֿילן פֿאַלשקייט, נעמען גיך אויף גוטס און שלעכטס.

שווער, זייער שווער איז געווען פֿאַר יורען די צײַט, ווען עס האָט זיך געלייזט די פֿראַגע, צי וועט מען ניט פֿאַרבאָטן אים פֿליִען. צי דאַרף ער אין אַלגעמיין פֿליִען? — האָבן אייניקע געפֿרעגט. ס׳זײַנען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געזאָגט, אַז מע דאַרף פֿאַרויס־זען, אים אָפּהיטן און ניט לאָזן. מע דאַרף אָבער קענען יורען, אים איבערצײַגן אין עפּעס אַזוינס, אין וואָס ער איז געווען איבערצײַגט, איז געווען אַן אומזיסטע טירחה. ער האָט שטענדיק דערפֿירט ביזן סאָף זײַן פֿאַרטראַכט. זיך אָפּהיטן, זיך שאַנעווען — האָט פֿאַר אים געהייסן ניט לעבן. זײַן „הימל־קראַנקייט" איז געווען אומהיילבאַר.

— באַרויִק זיך, — האָב איך געפּרוווט אים טרייסטן.

— ווי קאָן איך אָנפֿירן און גרייטן אַנדערע צו פֿליִען, אויב איך גופֿא פֿלי ניט? — האָט ער אַ באַליידיקטער מיר געזאָגט.

און יורע האָט אָנגעהויבן פֿליִען. אין מאַרט 1968 האָב איך, איבער מײַן קראַנקייט, זיך געלייגט אין שפּיטאָל. איך בין אַוועק פֿון שטוב אין אַ גוטער שטימונג. פֿאַרשטענדלעך, אַז קיין פֿרוי וועט ניט אַוועק מיט אַ גרינג האַרץ, איבערלאָזן די קינדער און די באַלעבאַטיש־קייט — אַ מאַמען וועט קיינער ניט פֿאַרבײַטן. יורע איז דעמלט געווען באַגײַסטערט מיט זײַן אַרבעט. מיט גרויס פֿאַרגעניגן האָט ער גערעדט וועגן פֿליִען אין קאָסמאָס און האָט זיך צו דעם זייער פֿלײַסיק געגרייט. קיין אויסערלעכע סיבעס פֿאַר אומרו איז ניט געווען, אַלץ האָט זיך צונויפֿגעפּאַסט ווי עס האָט זיך געוואָלט.

יורע פֿלעגט אָפֿט קומען צו מיר, פֿלעגט זיך אַרײַנרײַסן אין פֿאַלאַטע, אַ צעשטורעמטער, אַרײַנטראָגנדיק מיט זיך רייכעס פֿון פֿרילינג און פֿון שניי. ער פֿלעגט ברענגען מאַטאַנעס, איז געווען צאַרט, די אַרבעט האָט ניט אויסגעשעפּט זײַנע געפֿילן, ניט טעמפּער געמאַכט זײַן אַנציקונג פֿונעם לעבן. זײַן אַ פֿרוי פֿון אַן אַלוועלטלעך באַוווּסטן מענטשן איז שווער. די אַלגעמיינע אויפֿמערקזאַמקייט נעמט אים אין אַ געוויסן זין אַוועק פֿון דער מישפּאָכע, פֿון דעם ווײַב און אַפֿילע פֿון דער אַרבעט. ווען יורע איז געוואָרן באַוווּסט און פּאָפּולער, האָט ער זיך פֿאַרלאָרן. צו רום איז שווער זיך צוגעוווינען און זיך צוגרייטן. ס׳פֿלעגט זיך מיר אַמאָל אויסווײַזן, אַז ער איז געוואָרן קנאַפּער אויפֿמערקזאַם און מילד צו מיר, איך האָב אים וועגן דערויף געזאָגט. ער איז ניט אַרויס פֿון די קיילים, ווי דאָס וואָלט געווען מעגלעך, ער איז אומעטיק געוואָרן, פֿאַרלאָרן און שולדיק מיך אָנגעקוקט.

— אַנטשולדיק מיר, וואַליע, — האָט ער נאָך אַ קורצער פּאַוזע מיר געזאָגט, — איך בין בעעמעס שולדיק קעגן דיר.

אַ פֿרויען־האַרץ גייט גיך אָפּ. בײַס ער האָט געזאָגט, אַז ער איז שולדיק קעגן מיר, איז מיר גרינגער געוואָרן אויפֿן האַרצן, ווײַל כאָטש מיר זײַנען שוין געווען גאַנץ דערוואַקסענע מענטשן, זײַנען מיר גלײַכצײַטיק נאָך געווען יונג.

דעם 9־טן מאַרט איז יורעס געבורטסטאָג.

מיר האָט זיך זייער געוואָלט זײַן אינדערהיים, אָנבאַקן געבעקס, רופֿן געסט, דער טאָג זאָל זיך אים פֿאַרגעדענקען, און אויב ניט דאָס, איז כאָטש פֿאַרברענגען מיט אים אײנעם. דאָס איז געווען אונדזער ביידנס פֿאַרלאַנג. יורעס געבורטסטאָג איז דאָך אין מאַרט, אין פֿרילינג, ווען דער מענטש טראַכט און האָפֿט, וואַרט אויף עפּעס בעסערס. אין פֿרילינג ווערט דעם מענטשן געמיטלעכער, ער זעט דאָך, ווי די נאַטור באַנײַט זיך.

די אומשטענדן זײַנען אָבער געווען שטאַרקער פון אונדז. אונדזערע פּלענער זײַנען ניט צו שטאַנד געקומען אין אָט דעם יאָר. ווער האָט געקאָנט וויסן, אַז דאָס איז יורעס לעצטער געבורטסטאָג, אַז מער וועלן מיר זיך ניט באַגעגענען דעם 9־טן מאַרט. פון דער קאָמאַנדירונג האָט זיך יורע אומגעקערט דעם 10־טן מאַרט און האָט מיר גלײַך אָנגעקלונגען אין שפּיטאָל. ער האָט געוואָלט וויסן, וואָס איך מאַך, און איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס פֿאַר א שטימונג בא אים איז. ער האָט גלײַך געוואָלט קומען צו מיר און דעם גאַנצן אָוונט זײַן מיט מיר, נאָר איך בין ניט מאַסקים געווען מיט דעם. אָף אים האָבן געוואַרט אונדזערע מיידעלעך, זיי האָבן געבענקט און געוואָלט וואָס גיכער זען דעם טאַטן. צוליב די קינדער האָב איך זיך אָפּגעזאָגט פון דער פרייד זיך צו זען מיט אים, ווײַל זיי דאַרפן אים ניט ווייניקער, איידער איך. ער האָט פאַרגעלייענט פאַר זיי, דערציילט פאַרשיידענע געשיכטעס, וועלכע ער האָט געקענט אָן א שיר און וועלכע ער האָט מיט ווונדערלעכער פאַנטאַזיע געקאָנט דערציילן. איך בין ניט געשלאָפן א גאַנצע נאַכט. אינדערפרי האָב איך זיך געפילט ערגער. דאָס האָט שווער געמאַכט מײַן געמיט. דעם מאַן האָב איך באַגעגנט ניט אין קיין פרײלעכער שטימונג. די דאָקטוירים האָבן באַמערקט, אַז מיר איז ערגער, אַז איך האָב ניט קיין אַפּעטיט. אָבער פאַרלויפיק האָבן זיי קיין שום מיטלען ניט אָנגענומען. איך בין אַליין א מעדיקער און איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס עס הייסט אויפמערקזאַמקייט פונעם פּערסאָנאַל. מיך האָט געערגערט, וואָס די דאָקטוירים זײַנען ניט אַזוי אויפמערקזאַם, ווי מיר האָט זיך געוואָלט. נאָך מער, זייער באַציִונג צו מיר איז געווען ניט קיין צײַטווײַליקע. מע האָט מיר ניט געגעבן קיין רעפּועס, ניט אַרויסגערופן אָף פראָצעדורן, מע האָט מיך פּראָסט פאַרגעסן און איבערגעלאָזט אין איינזאַמקײַט מיט מײַנע געדאַנקען און איבערלעבונגען.

יורע איז געקומען פריִער, איידער איך האָב אָף אים געוואַרט. אָף מײַנע פראַגן האָט ער געענטפערט: „דערנאָך", און ער האָט מיר אַרײַנגעשושקעט אין אויער: „לאָמיר דאָ ניט ווערן". איך האָב אים געוואָלט פאַרוואַרפן פאַר זײַן אומגעלומפּערטן „לאָמיר דאָ ניט ווערן", נאָר דער טאָג איז געווען אַזא זוניקער, א פרײלעכער, א פריילינגדיקער, אַז אײַנזיצן אָט אָ־דאָ אין שפּיטאָל איז געווען אומעגלעך. יורע האָט מיך אָנגעשטעקט מיט זײַן פאַרלאַנג צו מאַכן פלייטע פונעם שפּיטאָל. איך האָב גוט געוווּסט, אַז דאָס איז שטרענג פאַרבאָטן, נאָר ניט מאַסקים זײַן מיט יורען איז געווען איבער מײַנע קויכעס.

מיר זײַנען געהיים אַרויס פונעם שפּיטאָל, אַרויסגעפאָרן מיט שמאָלע געסלעך אָף די ברייטע מאָסקווער גאַסן און האָבן אָנגעהויבן שפּאַצירן איבער דער הויפּטשטאָט. כאָטש ער האָט געדאַרפט אַכטונג געבן אָפן רודער פון דער מאַשין, האָט ער מיר קורץ דערציילט וועגן אַלץ, וואָס ס'האָט מיך אינטערעסירט.

— די מיידלעך וואַרטן, בענקען, — האָט יורע דערציילט, אויפמערקזאַם קוקנדיק אָפן וועג.

דאָס האָט מיך, נאַטירלעך, אינטערעסירט. איך האָב שוין געהאַט אַגמעסנעפעש, געמיינט, אַז די קינדער זײַנען הונגעריק, ניט אַרומגעזען און אַז מײַן שוועסטער, וואָס דאַרף אָף זיי אַכטונג געבן, האָט קיין קויעך ניט צו טאָן, וואָס מע דאַרף.

אין עטלעכע טעג אַרום, בייס איך בין געקומען אַהיים, האָב איך געזען, אַז עס איז אַן אַבסאָליוטע אָרדענונג, די קינדער האָבן געזאָגט, אַז אַזוי געשמאַק האָט נאָך פאַר זיי קיינער ניט געקאָכט, ווײַל אָף זיי האָבן דאָך אַכטונג געגעבן קימאַט אַלע אײַנוווינער פונעם שטערנשטעטל. אַלע האָבן זיי געבאַלעוועט, מע האָט געבראַכט קיבעד, געשענקט מאַטאָנעס. דערווײַל אָבער, אין אויטאָמאָביל, האָט יורע קירצער געמאַכט דעם שמועס וועגן די קינדער, זיך אָפּגעשטעלט און מיט א שמייכל באַגריסט א באַקאַנטן מיליציאָנער.

איך האָב אָבער אַלץ געוואָלט וויסן וועגן די טעכטערלעך, און איך האָב יורען פאָרגעוואָרפן, אַז ער וויל מיר ניט זאָגן דעם עמעס וועגן זיי. יורע האָט פאַרוווּנדערט מיך אָנגעקוקט און אויסגערופן:

— יאָ, כ'האָב פאַרגעסן דיר צו זאָגן. שאַריק האָט א ביס געטאָן לענקען. דער וועטערינאַר מיינט, אַז שאַריק איז א מעשוגענער. גאַלקע האָט, פאָרנדיק פון א בערגל, אויסגעלונקען א פוס...

מער האָב איך גאָרנישט ניט געפרעגט. מײַנע קינדער זײַנען דאָך זײַנע קינדער, און זייער געזונט־צושטאַנד באַאומרויִקט אים ניט ווייניקער פון מיר. מײַנע פראַגעס האָבן ווי צוגענומען בא אים דאָס רעכט פון א טאַטן. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז איך בין ניט גערעכט און געבעטן בא אים אַנטשולדיקונג.

מײַן אַנטשולדיקונג האָט ער דורכגעלאָזט פאַרבײַ די אויערן. ער האָט געוווּסט, אַז איך באַאומרויִק זיך זייער און פאַרשטאַנען, אַז מײַן אומרו וועגן די קינדער קאָן זײַן איבערגעטריבן.

— אײַנגיכן וועל איך אָנהייבן זעלבשטענדיק פליִען, — האָט ער שטאָלץ געמאָלדן. דאָס איז געווען זײַן טרוים. איך בין געווען נאָענט צום מאָקער פון זײַן ארבעט און האָב גוט געוווּסט, אז דאָס איז דער זין פון זײַן לעבן. ווי זײַן פרוי, בין איך גרייט געווען צו אכטן זײַן ארבעט. איך האָב דאָך געוווּסט, וואָס פאר א זין דאָס האָט פאר אים. אַלעמאָל, ווען מע האָט באהאנדלט זײַן ארבעט, ווען מע האָט גערעדט וועגן זײַן פליִען אָדער וועגן די כאוועריִמס פליִען, בין איך געווען זייער אופמערקזאם, אַלימפיש רויִק. קעדיי ניט אָפּווענדן יורעס אופמערקזאמקייט פונעם רודער, האָב איך געקוקט פאָרויס אפן וועג. דער מאָסקווער אספאלט איז שוין געווען טרוקן פון דער פרילינג־זון. ס׳זײַנען ארומגעגאנגען א סאך מענטשן, די שאָפערס זײַנען געפאָרן זייער האסטיק, האָבן סיגנאַליזירט, ס׳האָט זיך געשאפן א קלאַנג־קאַקאָפאָניע.

אין צענטער, אפן רעוואָליוציע־פּלאַץ, האָט יורע אָפּגעשטעלט די מאשין. אָן א וואָרט צו זאָגן האָט ער געקויפט א גאנצן קאָרב בלומען, זיי אוועקגעלייגט אף מײַנע קני. א צופרידענער מיטן אײַנדרוק, וואָס דאָס האָט אף מיר געמאכט, האָט ער האסטיק געפירט די מאשין צום בולווארן־רינג.

יורע האָט ליב געהאט מאָסקווע, האָט גוט געקענט אירע געמיטלעכע געסעלעך, וועלכע זײַנען אים געווען טײַער. דער בולווארן־רינג איז, אפּאָנעם, געווען איינס פון זײַנע באַליבטע ערטער. דערנאָך האָט ער די מאשין געפירט זייער פאמעלעך. „ווי נאָר דו וועסט זיך פאַריכטן, אין אפרעל, — האָט יורע צו מיר געזאָגט, — וועלן מיר פליִען קיין אמעריקע״.

דאָס איז געווען ניט קיין איבעראשנדיקע נײַס, וואָרעם יורע איז אָפט געפלויגן אין אויסלענדישע קאָמאנדירונגען. נאָך זײַן צוריקקומען האָט ער מיר אַלעמאָל גענוי דערציילט וועגן דעם, וואָס עס איז געווען אין אויסלאנד. אין די פאריִיניקע שטאטן איז ער שוין געווען, האָב איך פארשטאנען, אז די רײַזע וועט זײַן א שווערע.

— דו גרייטסט זיך שוין?

— געוויס ניט, — האָט געענטפערט יורע. — נאָר אײַנגיכן וועל איך אָנהייבן. געדענקסט אין ענגלאנד?

איך האָב געדענקט, ווי יורע איז געווען אומרויִק, בייס ער האָט זיך געגרייט צו פאָרן קיין ענגלאנד, ווי ער האָט זיך געגרייט און דערלערנט דאָס לאנד, אנאַליזירט אומדערוואַרטע געשעענישן, וועלכע האָבן שוין פאסירט מיט אים אין אנדערע לענדער.

קיין ענגלאנד האָבן אים אײַנגעלאדן דער אויספיר־קאָמיטעט פונעם פראָפאריין פון די שטאָלגיסער, און יורע איז מיט דער דאָזיקער אײַנלאדונג געווען זייער שטאָלץ, ער איז דאָך אַליין געווען א שטאָלגיסער.

די ענגלישע פרעסע האָט ניט געקארגט ארומצורײדן די באגעגעניש מיטן ערשטן קאָסמאָנאווט פון דער פּלאנעטע. מע האָט זי באשריבן זייער פראָטימדיק, און עס האָט ניט קיין זין דאָס אַלץ איבערצוכאַזערן.

איצט איז פאָרגעשטאנען א באגעגעניש אין אמעריקע.

אונדזער צענטער פאר צוגרייטן קאָסמאָנאווטן, — האָט יורע געזאָגט, — וועט ווערן א צווישנפעלקערלעכער פאקט. מיר וועלן גרייטן פליִער פון אינטערנאציאָנאַלע קאָסמאָנאווטן. ווי גיך גייט די צײַט! אומבאמערקט זײַנען אונטערגעוואקסן אונדזערע טעכטער, די דײַגעס וועגן זיי זײַנען געוואָרן אנדערע. און די קאָסמישע אויספאָרשונגען זײַנען אויך געגאנגען פלאנמעסיק. נאָך גאָר ניט לאנג צוריק האָט מען באטראכט ווי א גראנדיִעזן זיג אײַנאָרטיקע, דערנאָך גרופן־פלויגן, און איצט זײַנען שוין אפן טאָג־אָרדענונג צווישנפעלקערלעכע פלויגן. פארשטייט זיך, וועט דאָס זײַן ניט אזוי גיך, אָבער איך שטערן־שטעטל איז דאָ אַן אנדער צײַטרעכענונג, וועלכע לויפט ווײַט פאָרויס.

— דו וועסט דאָרטן ארויסטרעטן מיט א רעדע?

— וואַרשײַנלעך, — האָט פאָשעט געזאָגט יורע. — מע וועט דאָך ריידן וועגן דער פאָזיציע פון פסטר. אָבער וועגן דעם — שפעטער, איצט לאָמיר עסן מיטיק.

— דו ביסט הונגעריק?

— אויב די מאמע איז אין שפיטאָל, ווער זשע וועט אָנהאָדעווען?

מיטיק האָבן מיר געגעסן אין א קליין רעסטאָראנדל, יורע האָט געשטעלט א סאך צובײַסעכצן, אָבער ער האָט מער דערציילט וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אינדערהיים:

— אונדזערע טעכטערלעך בענקען, זיי דארפן איצט באזונדערס די מאמע. מיט מיר וועלן זיי אײַנגיכן אופהערן צו זײַן אָפּנהארציק...

יורע האָט דערציילט, וויִאזוי די קינדער עסן, מיט וואָס זיי זײַנען פארנומען, ווען שפאצירן זיי, האָט מיר איבערגעגעבן מאטאָנעס און צעטעלעך, וואָס זיי האָבן מיר געשיקט.

לענע האָט מיר געשריבן וועגן דער שול, וועגן דער קינסטלערישער זעלבסטעטיקייט, אין וועלכער זי באַטייליקט זיך. גאַליע האָט מיר צוגעשיקט אַ קאָלירטן האָז, וואָס זי האָט אָנגע־מאָלט אַף אַ זייטעלע פון אַ שול־העפט.

ס׳איז געווען אַ סאַך ניַיס. יורע האָט גערעדט וועגן זיַינע עלטערן, וועגן דעם שטערן־שטעטל, וועגן זייַן באַזוך פון ס. פּ. קאָראָליאָווס מישפּאָכע, וועגן זיַינע טרענירונגען. ער האָט גערעדט אַ סאַך און לאַנג, געוואָלט, וויַיזט אויס, איך זאָל ווינציקער טראַכטן וועגן מיַינע קרענק.

מיַין קראַנקהיַיט האָט מיך ווינציקלעך אינטערעסירט, נאָר די דאָקטוירים זיַינען געווען קאַטעגאָריש און איינשטימיק, געהייסן זיך היילן. יורע האָט אויך געהאַלטן, אַז וואָס די דאָקטוירים הייסן, דאַרף איך טאָן. איך דאַרף אַ לענגערע צייַט זייַן אין סטאַציאָנאַר, אונ־טער דער האַשגאָכע פון די דאָקטוירים, כ׳דאַרף זיַין אַף אַ שטרענגער דיִעטע און אַף אַ פעסטן רעזשים. אין שטוב שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען איז געווען שווערלעך.

איך האָב צוגעוואַרט און אים געפרעגט וועגן דער רעדע, וואָס ער האָט צוגעגרייט אַפן אָונט, וועלכער איז געווען געווידמעט א. מ. גאָרקיס הונדערטיאָריקן געבורטסטאָג.

— עפּעס־וואָס האָב איך אָנגעשריבן. ווילסט הערן?

איך בין מאַסקים געווען.

— דאָס איז ניט לאַנג, אַ צווי אַבזאַצן.

— מיר האָבן צייַט.

ס׳איז געווען אַ פערטל אַף פינף.

דער פרילינג־הימל, וואָס איז נאָרוואָס געווען באַלויכטן, איז אומדערוואַרט טונקל גע־וואָרן, ס׳איז געוואָרן אומעטיקלעך, יורע האָט מיך ניט געיַילט. איך האָב געקוקט אין פענצ־טער.

ער האָט אָנגעהויבן לייענען אינדערשטיל, קעדיי ניט צוציִען די אופמערקזאַמקייַט פון די באַזוכער.

— „טיַיערע כאַווירים! דערלויבט מיר אויסדריקן היַינט מיַין פריידיק־דאַנקבאַרן געפיל צום גרויסן גאָרקי. ער איז געווען וו. אי. לענינס פריַינט, ער איז געווען און בלייַבט ניט נאָר אַ געניאַלער רוסישער שרייַבער, וועמענס ביכער עס פאַרשאַפן אונדז אַ ריזיקע האַנאָע, ער איז אַ כאָכעם, אַ באַל־יויעץ און אַ פריַינט, אַ מענטש, וועלכער וועקט אין יעדערן פון אונדז די בעסטע געפילן און שטרעבונגען. ער באַגייַסטערט אונדז אַף גרויסע ניסיוינעס. זיַינע שאַפונגען האָט ליב געהאַט דער קאָנסטרוקטאָר פון סאָוועטיש־קאָסמישע שיפן. זיַינע ביכער האָט געשלונגען דער פליִער־קאָסמאָנאַווט קאָמאַראָוו. גאָרקי איז איינער פון מיַינע סאַמע באַליבטע שרייַבער״.

— נו, עס געפעלט דיר?

— און וואָס איז וויַיטער?

— ווערסט הערן?

— יאָ.

„דאָ, אַף דער ערד, און דאָרטן, אין קאָסמאָס, פילן מיר טאָמיד דעם זאָרגפאַדערנדיקן און מוטיקן בליק פונעם גרויסן גאָרקי. מיר הערן זיַין באַגייַסטערטן הימן „די אומזיניק־העלדישע״, דעם הימן, וואָס רימט דעם שטאָלצן שטורעמפויגל, וועלכער „לאַכט פון די וואָלקנס״. אין די נעשאָמעס פון מיַינע כאַווירים־קאָסמאָנאַווטן און אין יעדער סאָוועטישן מענטש, וועלכער שיקט אונדז אין קאָסמאָס, לעבט דער גייַסט פון גאָרקיס סאָקאָל, פון גאָר־קיס שטורעמפויגל, פון גאָרקין גופע. עס לעבט דער גייַסט פון „זיכערקייַט אין זיך״...

די רעדע איז מיר געפעלן געוואָרן, אָבער זאָגן וועגן דעם אומבאַשיידן האָט זיך ניט געוואָלט.

— אַ סאַך פּאַטעטיק. עפּשער אַ ביסעלע ווינציקער פּאַטאָס?

יורע האָט מיַין באַמערקונג אויסגעהערט ערנסט, זיך פאַרטיפט אין לייענען. צי האָב איך דאַן געקאָנט וויסן, אַז די רעדע וועט ער שוין ניט האַלטן און זיַין אייבציקער צוהערער וועט בלייַבן נאָר איך.

די רעדע איז געבליבן ניט אויספאַריכט, אַזאַ ליגט זי אין מעמאָריאַלן ארבעטס־קאַבי־נעט פונעם קאָסמאָנאַווטן־הויז.

אין פּאַלאַטע פון שפּיטאָל זיַינען מיר אריַינגעגאַנגען זייער שטיל, קעדיי מע זאָל אונדז ניט באַמערקן. אָבער אומדערוואַרט האָבן מיר דערזען דעם דעזשורנעם דאָקטער.

יורע האָט מיך פאַרענטפערט:

— אַנטשולדיקט, ביטע. כ'האָב געוואָלט וויַיזן וואַלענטינען די פריליִנגדיקע מאָסקווע.

— ביטע זייער, יורי אַלעקסייעוויטש. היַינט איז געווען אַ פּרעכטיקער טאָג. מיר האָבן פאַרויסגעזען און געעפנט די נעענטערע טיר.

הייסט עס, אַז די דאָקטוירים האָבן די זעלבע מיינונג מיט מיַין און דער שפּאַציר איז אַ טעראַפּעווטיש מיטל? מיר האָבן זיך צעשיידט ניט ווילנדיק, ניט באַוויזן זיך דורכצוריידן ווי געהעריק. מאָרגן וועט יורע ניט קאָנען קומען, מאָרגן איז אַ צוגרייטונג צום פלוג, וויַיל איבערמאָרגן וועט ער פליִען. ווי לעבט מען איבער אָט די טעג?

בייס יורע פליעגט זעלבשטענדיק פליִען, פלעג איך זיַין אומרויִק.

יורע האָט מיר אָנגעקלונגען און מיט פרייד דערציילט וויִאַזוי ער איז געפלויגן:

— אַ גרינגע קאָמפּליצירטקיַיט, נאָר אין אַלגעמיין נאָרמאַל. דאָס ווינטל באַ דער ערד — פופצן מעטער.

כ'האָב גוט פאַרשטאַנען זיַין צושטאַנד און ניט געפרעגט קיין סאַך. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער איבעררייַס אין זיַין פליִען האָט ניט געווירקט אָף זיַין אַרבעט. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז אין די שווערע אָנגעשטרענגטע טעג וועט ער זיַין מיט די קינדער. ער איז אָפּט אין ריַיזעס, און זיי זעען אים זעלטן, דערפאַר בענקען זיי נאָך אים.

יורע שוויַיגט אין טריַיבל. איך ווייס, אַז וואָס מער ער שוויַיגט, אַלץ שווערער איז אים אָנצונעמען אַ באַשלוס. איך בין זיכער, אַז ער וועט מאַסקים זיַין מיט מיר, נאָר דאָס דאַרף אַ ביסעלע געדויערן. מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז יעדער פריַיע מינוט וועט ער זיַין מיט די קינדער. ער וועט גיין מיט זיי אין קינאָ, אין וואַלד, וועט זיי פאָטאָגראַפירן. איך האָב געקענט יורען און בין געווען זיכער, אַז ווי איך בעט אים, אַזוי וועט ער טאָן. נייִן, איך בין ניט גערעכט, כ'האָב ניט געבעטן, אַז ער זאָל זיַין אויפמערקזאַם צו די טעכטערלעך, כ'האָב עס נאָר דערמאָנט, וויַיל יורעס גופע האָט זיי ליב געהאַט טיף און געטריַי. ער האָט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון אַ ליאַדע פרייד, קעדיי צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן די קינדער. מיר האָבן זיך געדאַרפט באַגעגענען דעם 17־טן מאַרט.

זיי זיַינען אַריַין אין מיַין פאַלאַטע ראַשיק, מיט פעקלעך און מיט בלומען, באַריידעוודיקע, מיך גענומען קושן און, איבערשלאָגנדיק איינע די אַנדערע, גענומען דערציילן אַלע ניַיס. אין אַ האַלבער שאָ אַרום האָבן זיי געוואָלט עסן.

כ'האָב אומרויִק אַ טראַכט געטאָן: „עפּשער האָט ער ניט גענומען פאַר זיי קיין עסנוואַרג”. כאָטש יורעס פּינקטלעכקיַיט איז געווען איבעראַשנדיק, נאָר גראָד היַינט, איבער אַ סאַך סיבעס, האָט ער עפּעס געקאָנט פאַרגעסן. און אויב דאָס וועט אַזוי זיַין, וועט יורע זיך גליַיך לאָזן זוכן עסנוואַרג. דאַן וועט אונדזער לאַנג־דערוואַרטע באַגעגעניש זיַין צעשטערט. איך האָב אַ קוק געטאָן אָף יורען, ער האָט געשמייכלט. אַ וווּנדערלעכער מענטש. די קינדער ווילן עסן, און ער איז לייַכטזיניק. און טאַקע, זיַין באַדיַיטנדיק שוויַיגן האָבן די קינדער אויסגעטיַיטשט ווי עפּעס אַ צוגרייטונג, און, ניט וואַרטנדיק לאַנג אָף דעם, וואָס איך וועל זאָגן, האָט ער איַיליק גענומען פאַנאַנדערפּענען דעם סאַקוואָיאַזש. ער האָט פון דאָרטן אַרויסגענומען פאַרוויקלט געבעקס, געבאַקענע עפּל, אַ ברוינלעך־געבראָטענע הון, זאַפט און אַפילע הייסע קרעפּלעך. אַלץ האָט גוט געשמעקט און איז געווען אַפּעטיטפול. יורע האָט עס פאַנאַנדערגעלייגט אָפן טיש און אָף די שטולן. די קינדער האָבן זיך ניט אַרופגעוואָרפן אָפן עסנוואַרג, זיי האָבן מיט איַינגעהאַלטענער גרייטקיַיט געקוקט אָף מיר. איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין, אין וואָס שטעקט דאָ דער סיורפּריז, כ'האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז יורע קאָן ניט אָן קונצן. אַלץ איז קלאָר געוואָרן, ווען זיי האָבן מיך מעכאַבעד געווען מיט געבעקס, וואָס זיי האָבן אַליין אויסגעבאַקן. איך האָב, פאַרשטייט זיך, געלויבט זייער קולינאַרע מיַיסטערשאַפט.

כאָטש די מיידלעך האָבן זיך געשפּילט, האָבן זיי זיך צוגעהערט צום טאַטנס ווערטער, זיי האָבן אַלעמאָל צוגעהערט זיך, וואָס ער רעדט. איצטער האָט ער גערעדט וועגן וויַיטע פלענער פון קאָסמאָס־אויספאָרשונגען, וועגן פלוגן צו אַנדערע פּלאַנעטעס פון דער זון־סיסטעם, וועגן שיקן מענטשן צום יופּיטער, וועגן אַזאַ מין פלוג, וואָס איז אויסגערעכנט אָף עטלעכע דורות, בייס מענטשן וועלן געבוירן ווערן אויסער דער ערד.

אַ דערשיטערנדיקע פּערספּעקטיוו!

אָבער דאָס איז ניט געווען קיין קאָסמישע לעקציע, כ'האָב געהאַט אַן איַינדרוק, אַז יורע גרייט מיך צו עפּעס צו. פאַרוואָס האָט ער גערעדט איצט, צוליב וואָס אַזאַ איַילעניש?

— קאָראָליאָוו האָט נאָך אין 1965 געשריבן וועגן דעם. — יורע האָט מיר דערקלערט דעם געדאַנק פון דעם אַרטיקל. איך האָב אָפּגעזוכט דאָס אַרטיקל אין „פּראַוודאַ”, וואָס איז

געווען אונטערגעשריבן „פּראָפֿעסאָר ק. סערגייעוו", קאָראָליאָוס פּסעוודאָנים. ער האָט גע־שריבן: „דער אומבאַגרענעצטער קאָסמאָס־אָקעאַן וועט אין די נאָענטסטע יאָרן ווערן איינער פֿון די גרעסטע געביטן, ווו די מענטשהייט וועט אָנווענדן די גײַסטיקע וויסנשאַפֿט־מיטלען. קעדיי די מענטשן אין קאָסמאָס זאָלן קאָנען אַרבעטן רויִק, אָן שום געפֿאַר און זאָל אַפֿילו קאָנען רוען דאָרטן". איך בין געווען זייער נײַגעריק צו הערן, וואָס יורע וועט ווײַטער זאָגן, נאָר ער האָט געשוויגן וועגן דעם, פֿאַרוואָס ער האָט געמאַכט אַזאַ אַרײַנפֿיר צו דער פּערספּעק־טיוו פֿון נײַע פֿליגן. איך האָב גוט געוווּסט, מיט וואָס פֿאַר אַן אומגעדולד יורע גרייט זיך צום צווייטן פֿליג אין קאָסמאָס. דאָס איז געווען זײַן אַרבעט. הייסט עס, אַז ס'איז מעגלעך, ער זאָל ווידעראַמאָל פֿליִען.

מיר האָבן זיך צעשיידט אינמיטן טאָג דעם 19־טן מאַרט און אָפּגערעדט באַגעגענען זיך דעם 21־טן מאַרט. אין יענעם טאָג איז ער געווען אויף אַן אופֿנאַם באַם גענעראַל־פּאָלקאָווניק א. נ. קאָמאַראָווסקי, ווו מע האָט אַרומגערעדט, וויאַזוי בעסער ווי־לײַנאַרדענען דאָס שטערן־שטעטל. דאָרטן איז געווען א פֿאַל, וועגן וועלכן כ'האָב זיך דערוווּסט א סך שפּעטער: דעם גענעראַלס סעקרעטאַר גאַלינע ניקאָלײַעווונא האָט דערלאַנגט גאַגאַרינען א פֿאָטאָגראַפֿיע און געבעטן:

— ביטע, שרײַבט אונטער. אינגיכן איז דער געבורטסטאָג בא מײַן טאָכטער נאַטאַשען, וועט עס זײַן בא איר די בעסטע מאַטאָנע.

יורע האָט זיך א ווײַלינקע פֿאַרטראַכט, דערנאָך אָנגעשריבן זײַנע גוטע ווינטשן נאַ־טאַשען.

— וואָס פֿאַר א דאַטע זאָל איך אָנשרײַבן? — האָט יורע געפֿרעגט.

א גליקלעכע פֿון דער אומדערוואַרטער מאַטאָנע פֿאַר דער טאָכטער, האָט גאַלינע ניקאָ־לײַעווונא געענטפֿערט:

— אַלציינס, וואָס פֿאַר א דאַטע איר ווילט.

— ווען איז איר געבורטסטאָג?

— דעם ערשטן אַפּרעל.

יורע האָט אונטערגעשטעלט אָט די דאַטע: 1968.4.1.

דאָן האָט קיינער ניט געקאָנט וויסן, אַז נאַטאַשע קאָמאַראָווא וועט האָבן אַן אוניקאַלן אויטאָגראַף פֿון דעם מענטשן, וואָס האָט שוין ניט געלעבט.

— איר האָט קינדער?

די פֿראַגע איז געווען אומדערוואַרט.

נאַטאַליע האָט פֿאַרשטאַנען וואַלענטינע איוואַנאָוונעס צושטאַנד. זי האָט אויך פֿאַרשטאַ־נען איר פֿראַגע.

— די קינדער וועלן אָפּ פֿון ווייטעק, בּרענגען טרייסט, זיי זײַנען אַן אומצערײַסבאַרער בונד מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט און א פֿעסטער גלויבן אין דער צוקונפֿט.

— איך האָב צוויי קינדער.

— דאָס איז גוט, איר זײַט נאָך אַזוי יונג.

— איר זײַט אויך יונג.

נאַטאַליע האָט געוואָלט פֿאַרשטיין, באַזיניקן, וואָס זי הערט, זיך קלאָר מאַכן, וואָס זי זעט און עס פֿאַרייניקן מיט דעם, וואָס זי האָט געליטן.

וואַלענטינע איוואַנאָוונא האָט זיך איבערגעכאַזערט.

פֿאַרוואָס האָט זי זיך איבערגעכאַזערט?

דערווײַל האָט נאַטאַליע ניט געקאָנט ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע, וואַלענטינע איוואַנאָוונא איז פֿרײַ צו דערציילן, וויאַזוי זי וויל.

עפּשער רעדט זי לויט אַן אויסגעאַרבעטער סכעמע? עפּשער זאָגט זי דאָס, וואָס זי האָט ניט געזאָגט אין פֿריִערדיקן אינטערוויו, עפּשער גייט זי בעקיצור אַוועק פֿון ריק־קאָסמישע איניאַנים?

עס קאָן זײַן...

עפּעס־וואָס האָט נאַטאַליע שוין געליטן.

וואַלענטינע איוואַנאָוונא האָט דערווײַל צוגעקוקט די פּאָדלאָגע, ווײַל אויף איר האָבן זיך געוואַלגערט א סך שטיקלעך קרישטאָל פֿון דער וואַזע, וואָס נאַטאַליע האָט צעבראָכן פֿריִער, בײַס זי האָט געהאָלפֿן וואַלענטינע איוואַנאָוונען צוקלײַבן די דירע. דאָס איז געווען זייער א שיינע וואַזע, א קונסט־ווערק, וואָס מע האָט געשענקט יורען אין טשעכאָסלאָוואַקיע. בײַס נאַטאַליע האָט געווישט די וואַזע, האָט זי זיך אַרויסגעגליטשט פֿון אירע הענט. זי וואָלט עס נאָך געקענט אונטערכאַפּן, נאָר עפּעס א מאָדנער צושטאַנד האָט געקאָוועט אירע גליי־

דער, און זי האָט אופמערקזאַם געקוקט, ווי די וואַזע פאַלט און ווערט צעשפּליטערט אף שטיקלעך.

— די וואַזע איז געווען געשענקט אף אן אָנדענק, — האָט וואַלענטינע איוואַנאָווּנאַ געזאָגט און צוגעגעבן: — אויב אײַער פאַרצייכענונג וועט זײַן פּובליקירט, איז דאָס אויך געווידמעט זײַן אָנדענק. מיט די קינדער איז אײַך שווער?

— שווער, נאָר אָן זיי איז ערגער.

בא וואַלענטינע איוואַנאָווּנען האָבן זיך אָנגעזאַמלט א סאַך פראַגן.

— ווי מיינט איר, ווידערשפּרוכן צווישן עלטערן און קינדער זײַנען אומבאַדינגט?

— אומפאַרמײַדלעך.

— אין אײַער מישפּאָכע זײַנען פאַראַן ווידערשפּרוכן?

— פאַראַן.

— וויאַזוי זשע ליזט איר זיי?

— אלעמאָל גייט מײַנס איבער, ווײַל איך גיי אף קאָמפּראָמיסן.

— איר מיינט, אז אזוי איז ריכטיק?

— כ'ווייס ניט, די צײַט וועט ווײַזן. דער זון איז נאָך ניט געבאָרן, דער טאַטע איז אפן דאַך. די קינדער ווילן באַגעגענען די צוקונפט פון דעם הויכן הויז, וואָס איז נאָך ניט אויסגעבויט.

— דאָס איז איינער פון די גרעסטע דיאַלעקטישע געזעצן.

— איר זײַט ניט מיד געוואָרן פון מיר?

— ניין, מיר איז אלץ טשיקאַווע.

— ס'איז דאָ דערבײַ א נוץ.

— לאָמיר פאַרזעצן.

— צײַט וועט אונדז קלעקן?

— מע דאַרף, ס'זאָל קלעקן.

מײַן געזונט-צושטאַנד האָט יורען זייער באַאומרויִקט, ער האָט די גאַנצע צײַט דערשלאָגן זיך א מער ראַציאָנעלע היילונג. די דאָקטוירים האָבן געייצעט, געהאָלפן, רעקאָמענדירט רע־פּועס. איך האָב אין די דאָזיקע איניאָנים מיט די דאָקטוירים זיך ניט באַטייליקט.

דעם 21-טן מאַרט האָט יורע געקראָגן בא די דאָקטוירים א דערלויבעניש, ער זאָל מיך אף א קורצער צײַט נעמען אהיים. ער איז געקומען אין שפּיטאָל מיט אונדזערע טעכטער. בא א צווײ שאָ זײַנען מיר ארומגעפאָרן איבער מאָסקווע. דערנאָך האָבן מיר פאַרקערעוועט צום שטערן-שטעטל. אין וועג האָט יורע פאַרגרעסערט די שנעלקײַט. ער האָט, אפּאָנעם, געוואָלט אָניאָגן די צײַט, וואָס ער האָט פאַרלאָרן בייס מיר זײַנען געפאָרן דורך מאָסקווע.

אף איינער פון די איבערקרייצנדיקע גאַסן איז יורע ארויסגעשפּרונגען אף דער רויטער שײַן, ס'האָט זיך געשאַפן קימאַט אן אוואַריע-צושטאַנד. ס'איז צוגעגאַנגען א מיליציאָנער מיט א פאַרוויינטיקט פּאָנעם, יורע האָט זיך אנטשולדיקט און דערלאַנגט דעם מיליציאָנער זײַנע רעכט.

דער מיליציאָנער האָט אופמערקזאַם דורכגעקוקט יורעס רעכט, מיט א שטרענגן פּאָנעם פון א באַאמטן ארײַנגעקוקט אין דער קאַבינע און האָט אָפּגעגעבן יורען די רעכט.

— ביטע, אנטשולדיקט מיר, איך פיר מײַן פרוי פון שפּיטאָל.

— גענוג, יורי אלעקסייעוויטש. — דעם מיליציאָנערס פּאָנעם איז געבליבן שטרענג, — איר פאָרט פרײַ, ווי אין קאָסמאָס. דאָס איז אונדזער פליכט אײַך אָפּצוהיטן, בא אונדז איז דאָך אויך א פאַראַנטוואָרטלעכע ארבעט...

אינדערהיים האָבן אף אונדז געוואַרט געסט, ווײַל יורע האָט פאַרוואַנדלט מײַן קומען אין א יאָמטעוו. מײַן שוועסטער האָט זיך געטומלט, ס'זײַנען געקומען די שכיינים. די געסט זײַנען מידע געזעסן אף די שטולן, אין קאָבינעט. אפן שרײַבטיש איז געלעגן יורעס ניט פאַרענדיקטע רעדע, וועלכע ער האָט געגרייט פאַר יונעסקאָ. אפן ערשטן זײַטל האָט ער געשריבן:

„אין דער נאַטור פונעם מענטשן איז צו דערלערנען אלדאָס נײַע, אומבאַוווּסטע. אן אומבאַגרענעצטער דאָרשט רופט ארויסצופאָרשן די ארומיקע וועלט. אין דעם שטעקט דער אומצערײַסבאַרער און אומופהערלעכער פּראָגרעס פון דער מענטשהײַט.

אין אלע עקן פון דער וועלט גייען עקספּעדיציעס, די וויסנשאַפטלעכער פאָרשן, געפינען און פאָרשן פונדאָסנײַ. זיי מאַכן קלאָר דאָס אומבאַוווּסטע פאַר דער מענטשהײַט. דער אומרויִקער שיוועט פון די פּיאָנערן-ערשטאַנטדעקער פאָרשט די יאַבאָשע, אקערט מיט שיפן

דעם אָקעאַן, לאָזט זיך אַראָפּ אַפן גרונט פון די יאַמען און פליט הינטער די וואָלקנדיקע ראַכוועסן".

די רעדע וועט שוין, צום גרויסן באַדויערן, יורע ניט באַוויַיזן צו האַלטן...

דערנאָך, אין אַ סאַך כאַדאָשים אַרום, האָבן בא מיר געבעטן דעם פאַרטראַג די אָנפירער פונעם צענטער פאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן. איך האָב אים אָפּגעגעבן, און ער ליגט אין מוזיי פונעם שטערן־שטעטל. נאָר אין יענעם טאָג, דעם 24־טן מאַרט, איז די רעדע נאָך ניט געווען קיין מוזיי־עקספּאָנאַט, זי איז געווען צוגעגרייט צו אַ היסטאָרישער געשעעניש אין דער וועלט־קאָסמאָנאַווטיק.

קיין שום בייזע פּאַרסיבעס, קיין שום אומגליקלעכע פאַלן זיַינען אין יענעם טאָג ניט פאָרגעקומען, אַלץ איז געווען געווינלעך, ראַשיק, היימלעך, אַזוי ווי יורע האָט עס אַלעמאָל געקאָנט מאַכן.

די געסט און די שכיינים האָבן מיך באַגריסט, געפיַיערט יורעס געבורטסטאָג, אויסגעטרונקען פאַר זיַין געזונט. יורע האָט זיך געפרייט מיט דער מאַטאָנע — כ'האָב אים געקויפט אַ ביקס. אָבער, ווי איז מיר, דאָס איז געווען אונדזער לעצטע באַגעגעניש. בייס איך דערמאָן איצט יענעם טאָג מיט אַלע פּראָטים, די שמועסן, דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז זייער אינטערעסאַנט און פילבאַדיַיטנדיק. יורע האָט מיר דאַן געשאָנקען אַ גוטן טאָג, געוויס האָט ער ניט געוווּסט, אַז דאָס איז די לעצטע מאַטאָנע, וואָס ער שענקט מיר...

דעם 28־טן מאַרט זיַינען צו מיר אין פּאַלאַטע אַריַינגעגאַנגען מענטשן, וועלכע כ'האָב גוט געקענט און געאַכט. שוויַיגנדיק זיַינען זיי געשטאַנען באַם אַריַינגאַנג, ניט געהאַט קיין קויעך און קיין מוט מיר אָנצוזאָגן די שרעקלעכע בסורע. איך בין דאָך אַ פליִערס וויַיב, און איך פאַרשטיי די אומשטענדן, וועלכע שטויסן צו אַן אומהערוואַרטן וויזיט די קאָמאַנדשאַפט און פריַינט אין דער מישפּאָכע פון זייער כאַווער. כ'האָב ניט באַוויזן זיי צו באַגריסן, כ'האָב אָנגעקוקט זייערע בלייכע, פאַרשטיינערטע פּענעמער, און די שרעקלעכע שטילקיַיט פון שפּיטאָל־פּאַלאַטע האָב איך איבערגעריסן:

— ס'האָט עפּעס געטראָפן מיט יורען?

דער הויכער, מאָגערער פליִער, וועלכן עס קען די גאַנצע וועלט, האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אין יענע סעקונדעס האָב איך נאָך גוט זיך באַהערשט, געהערט מיַין קאָל.

— דאָס קאָן ניט זיַין! — האָב איך קאַטעגאָריש געזאָגט. — איך גלייב ניט אין דעם, אַז יורע איז אומגעקומען. ווען איז דאָס געשען?

— נעכטן.

איך האָב פאַרמאַכט די אויגן, נאָר גלייַך ווידער זיי אויפגעעפנט, וואָרעם כ'האָב מוירע געהאַט צו פאַרלירן דאָס באַוווּסטזיַין. צווישן די באַזוכער האָב איך דערזען דעם דאָקטער, וואָס האָט מיך געהיילט.

— דערלויבט מיר זיך אויסשריַיבן.

דער דאָקטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז מאַסקים מיט מיר.

כ'האָב אָנגעקוקט די געקומענע, כ'האָב זיי געוואָלט זאָגן, אַז איך וויל די מינוט אַוועקגיין פון שפּיטאָל, און איך האָב דערזען טרערן. זיי האָבן שטיל געוויינט, די מיליטערישע מאַנצבלען. מיט אַלע קויכעס האָבן זיי געוואָלט זיך איַינהאַלטן, זיי זיַינען געשטאַנען, ווי פאַרשטיינערט, זיי האָבן זיך ווי געשעמט אָפּצווישן די טרערן. ס'אַ קלייניקיַיט, ברענגען אין פריַינטס מישפּאָכע אַזאַ פינצטערע בסורע!

כ'האָב געפּרוווט אויפשטיין און ניט געקענט. אָבער מע האָט דאָך גליַיך געדאַרפט עפּעס טאָן, ערגעץ פאָרן. יורע איז ניטאָ! ווי קאָן דאָס זיַין? ווי קאָן דאָס זיַין, אַז יורע איז מער ניטאָ? עפּשער איז דאָס אַ בייזער וויץ? אָבער ווער וועט עס וואַגן אַזוי זיך צו וויצלען?

אין מאַשין האָט מיר די שוועסטער געמאַכט אַן איַינשפּריצונג, געגעבן שמעקן נאַשאַטיר, איך בין צו־זיך געקומען אַ קאַוואַלקאַדע מאַשינעס האָט זיך געטראָגן צום שטערן־שטעטל.

אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום וועלן די קאָסמאָנאַווטן אויפשטעלן יעדער מינוט פון יורעס לעצטן טאָג. וועגן דעם וועלן מיר אָנשריַיבן אַנדריִאַן ניקאָליַיעוו, וויקטאָר מיטראָשענקאָוו און וולאַדימיר שאַטאַלאָוו.

איך וועל הערן, וואָס זיי וועלן מיר זאָגן און וועל פּרוּוון אויספורעמען מיַין אייגענע מאָדעל פון די לעצטע שאָען, וואָס מיַין מאַן האָט פאַרבראַכט צווישן די לעבעדיקע. וועגן דעם האָט מען שוין פיל געשריבן, און אַלץ איז באַוווּסט...

וואַלענטינע איוואַנאָוונאַ איז מיד געוואָרן.

ס'האָט זי פאַרמאַטערט ניט די באַגעגעניש, נאָר די דערמאָנונגען.

— יורע האָט ליב געהאַט דאָס שטערן־שטעטל, ער האָט געלאַכט, ווען מע האָט אים גערופן „דער מער פון שטערן־שטעטל". אַלץ, וואָס אים איז געווען טײַער, איז אויך טײַער מיר. קאָן איך דען אוועקפאַרן פונדאַנען, פון דער שטאָט, וואָס איז געוואָרן אַ טייל און אַ דענקמאָל פון יורען?

באַזונדערס היט איך אָפּ די פאָטאָגראַפיעס, אַף וועלכע יורע איז געכאַפּט אין אַן אומגעוויינלעכער פּאָזע צווישן נאָענטע פרײַנט. פאַראַן אַ פאָטאָגראַפיע — יורע אַף אַ זונטיק בייסן צוקלײַבן די טעריטאָריע פונעם שטערן־שטעטל. ער האָט גערופן אַלעמען אַף די זונטיקס און איז אַליין געגאַנגען. דאָס שטעטל דאַרף זײַן אין אָרדענונג און ריין. ער האָט געטרוימט וועגן דעם, אַז דאָס שטעטל, אַלע זײַנע טעריטאָריעס — דער באַזונדערער טייל, דער וואַלד און די אַזערע זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין איין קאָמפּלעקס. ער האָט געוואָלט, אַז די נאַטור גופא און אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אַף דער טעריטאָריע, זאָל אָפּשפּיגלען די טעטיקייט פון די אײַנוווינער פונעם שטעטל. ער האָט באַדויערט, וואָס אין „זוויאָזדנע" זײַנען ניטאָ קיין קונסט־ווערק, דענקמעלער. ער האָט ניט געקאָנט פאַרויסזען, אַז דער ערשטער דענקמאָל אין שטערן־שטעטל וועט געשטעלט ווערן אים — גאַגאַרינען.

...אַלע טאָג קוק איך אַף דער בראָנזענער סקולפּטור, קוק לאַנג, קאָן ניט אָפּרײַסן דעם בליק. גלײַכצײַטיק שוועבט אין מײַן זינען דורך דאָס לעבן. אָט שטייט ער צו מיר מיט דער פּלייצע, ווי ער וואָלט אויסבאַהאַלטן פון פרעמדע אויגן די בלומען, וואָס ער האָט מיר געבראַכט. ער האָט דאָס געטראָגן פאַר מיר מיט די קינדער, ווי ער פלעגט אַלעמאָל ברענגען אין שטוב היימלעכקייט, פרייד, זיכערקייט. ער פעלט אונדז זייער און זייער, נאָר דאָס לעבן איז אומבאַראַכמאָנעסדיק — ער וועט מער ניט אַרײַנגייען אין אונדזער דירע, וועט ניט לאַכן ברייט, קינדיש, וועט ניט אָנפילן די צימערן מיט הײַטערקייט, אָפּטימיזם, ווי דאָס האָט געקאָנט טאָן נאָר ער, ער איינער.

אַ שמייכלענדיקער, אַן אָפענער, ניט אונטערטעניק קיין שום ווינטן און שניי, שטייט יורע איצט אַ בראָנזענער אַפן הויפּט־פּלאַץ פונעם שטערן־שטעטל און באַטראַכט מיט אַ באַלעבאַטיש אויג אַלץ, וואָס ס'רינגלט אים אַרום. איך קוק אַף זײַן פּלייצע און איך וואַרט, ווען ווער ער שוין אַמאָל זיך אויסקערעווען צו מיר, אַ שמייכל טאָן וואַרעם, אופריכטיק און אָפּנהאַרציק.

נאַטאַליע האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט, די וואַרעמקייט איז געגאַנגען פון אַ האַנט און האָט ווי עלעקטרע־שטראָם דורכגענומען איר קערפּער. דאָס האָט געבריט, געשטערט, ווײַל עמעצער האָט אָנגערופן איר נאָמען.

ענדלעך האָט זי אופגעכאַפּט די שטים, דאָס איז געווען אַן אומבאַקאַנטע שטים, ניט ענלעך אַף דער באַלעבאָסטעס.

אַ פאַרוואונדערטע פון דער פאַרוואַנדלונג, האָט נאַטאַליע געעפנט די אויגן.

זי האָט דערזען דורך די קוים געעפנטע ווייעס אַ פרוי, וואָס האָט אוועקגעלייגט דאָס שטריקן און זיך צוגעבויגן צו איר.

ס'איז געשען אַ נעס!

אין אַ פינטל מיטן אויג האָט זיך נאַטאַליע אַריבערגעטראָגן פון גאַגאַרינס דירע אין וואַגאָן פון עלעקטרע־צוג מאָסקווע—מאַנינאַ.

די פרוי, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן איר, האָט געשעפּט נאַכעס.

נאַטאַליען האָט דאָס אויסגעזען אומנאַטירלעך, זי איז דאָך ניט די ווענערע פון מילאָס. אין איר איז ניטאָ גאָרנישט פון אַני שנײַדער, זי פאַרמאָגט ניט די קלאַסישע שיינקייט פון מאַרגאַריטע טערעכאָווא.

נאַטאַליע ווייסט, אַז זי האָט אַ גרויס מויל, אַ קורצע קירפּאַטע נאָז און אַף דער אייבערשטער ליפּ טונקעלע הערעלעך.

מאַנצבלען געדענקען גוט איר מויל, די גלײַכע צײַלן ציין, די פאַרפּירערישע און פילצחאָגנדיקע טונקעלע הערעלעך אַף דער אייבערשטער ליפּ.

— באַלד איז מאַנינאַ, — האָט העפלעך צו איר געזאָגט די פרוי, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן. — כ'האָב זייער מוירע געהאַט, איר זאָלט ניט פאַרבײַפאָרן.

— איך גיי אַרויס אַף דער פּלאַטפאָרמע ציאָלקאָווסקי, — האָט מיט אונטערשטרײַכנדיקער ווירדע באַמערקט נאַטאַליע.

— אײַער בוך איז אַראָפּגעפאַלן, — האָט די פרוי אויסגערופן. זי האָט מער זיך ניט צוגעריירט צו איר שטריקערײַ און באַשטראַלט מיט אירע גרויע מאַנדל־אויגן נאַטאַליען.

נאַטאַליע האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם בוך, וואָס זי האָט געלייענט און פאַרגעסן אַף די קני, זי האָט אַ שאַר געטאָן מיט די הענט, נאָר דאָס בוך איז אַף אירע קני ניט געווען. זי

האָט אָגעקוקט די פרוי, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן איר. יענע האָט פריַנטלעך, פרידלעך צו איר געשמייכלט.

גאָטעניו, וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט א טראַכט געטאָן נאַטאַליע, ווי באַפריַענדיק זיך פונעם קישעף, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

דאָס בוך, וואָס זי האָט געלייענט א גאַנצע נאַכט, איז פאַרשווּונדן. מיטן בוך אינײנעם איז פאַרשווּונדן דער רײַזע־אָנווײַזער, דער גרינטלעכער ווערטערבוך פון קאָסמישער טערמינאָלאָגיע.

— אַנטשולדיקט מיר, — זי האָט געוואָלט זיך אויסגלײַכן, צושפּאַרן זיך מיטן רוקן, וואָס האָט איר ווי געטאָן, צום ווענטל, נאָר בײס זי האָט זיך א ריר געטאָן, האָט זי דערפילט א שטאָך אין קרייץ.

— עפּעס טוט אײַך וויי? ווען מע פאָרט, דאַרף מען אָדער לייענען, אָדער דרעמלען, — האָט די שכיינע געייצעט.

— א גאַנצע נאַכט האָב איך געאַרבעט, כ'האָב געלייענט ביכער וועגן יורען... — נאָר זי איז שטיל געבליבן, האָט א הערשראָקענע א קוק געטאָן אויף דער שכיינע, א הוסט געטאָן און פאַרגעזעצט. — וועגן גאַגאַרינען האָט איינע א רעדאַקציע באַשטעלט בא מיר א פאַרצייכענונג, א גרויסע פאַרצייכענונג מיט פאַרזעצונגען פון נומער אין נומער, צו דרײַ הונדערט — דרײַ הונדערט צוואַנציק שורעס אין יעדער שטיקל.

די אַטקעגנדיקע פרוי האָט ווייך געשמייכלט מיט אירע ראָזע ליפּן, פאַרשטייענדיק נאַטאַליען.

— כ'האָב געלייענט, זיך געגרייט, אַזש דער קאָפּ טוט מיר וויי. כ'וואָלט געוואָלט זיך דורכשמועסן מיט וואַלענטינע איוואַנאָוונע גאַגאַרינא. נאָכן לייענען איז בא מיר אין קאָפּ א מישמאַש, נאָר וואַלענטינע איוואַנאָוונא וואָלט מיר געקאָנט אַרויסהעלפן.

— יורי אַלעקסייעוויטשן האָבן אַלע ליב געהאַט. ס'איז וויל, וואָס איר וועט שרײַבן וועגן אים. אַזאַ אינטערעסאַנטער מענטש, וועגן אים איז דאָ וואָס צו שרײַבן.

— א דאַנק, ס'קומען אָן א סאַך בריוו, באַזונדערס פון דער יוגנט. אַלע ווילן וויסן וועגן אים. איך פאָר טאַקע אין שטערן־שטעטל צו וואַלענטינע איוואַנאָוונען.

— אין שטערן־שטעטל? — די פרוי, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן נאַטאַליען, האָט אַנטוישט זי אָנגעקוקט מיט קײַלעכדיקע אויגן, — איר האָט זיך צונויפגערעדט מיט איר?

— ניין.

— זי לעבט דאָך שוין ניט אין שטערן־שטעטל.

א געפלעפטע פון דער ניַיס, האָט זיך נאַטאַליע אופגעהויבן פון דער באַנק. דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין פאַמעלעך. ס'האָבן געקלונגען די בופערס, שטילער האָבן געקלאַפּט די רעדער, ס'האָט געקראַפּעט איבער די שויבן א וואַרעמער רעגן. א מיד קאָל האָט געמאָלדן דורך דער ראַדיאָ: „פּלאַטפאָרמע ציאָלקאָווסקאַיא״. שאַרנדיק איבער דער פּאָדלאָגע פונעם טאַמבור, האָבן זיך געעפנט די אַרײַנגאַנג־טירן.

ייִדיש — שירע גאָרשמאַן

ליטעראַרישע געדענקדאַטעס

נויעך פּרילוצקי

(1941 — 1882)

מוישע טײַטש

(1935 — 1882)

מוישע בערעגאָווסקי

(1961 — 1892)

נויעך פּרילוצקי

דִיאַלעקטאָלאָגישער פענאָמען

I

די קעגנער פון יִדיש האָבן זייער ליב אונדז צו שטעכן די אויגן מיט דעם טויהו־וואָ־וויהו, וואָס הערשט אין דער דאָזיקער שפּראַך בנוגע צום מין פון די הויפּט־ווערטער.

אין איין אָרט זאָגט מען: „דאָס היטל“, אין אַן אַנדערן — „די היטל“, אין אַ דריטן — „דער היטל“.

עס קומען זיך צונויף עטלעכע מענטשן, וואָס שטאַמען פון פאַרשיידענע געגנטן, — הערט איר: דער קאָפּ און די קאָפּ; דער לעבער און די לעבער; דאָס פּאַפּיר, דער פּאַפּיר און די פּאַפּיר; די נעסט און דער נעסט, און אַזוי ווײַטער, און אַזוי ווײַטער, און אַזוי ווײַטער.

און דער דאָזיקער „כאַאָס“ איז, לויט דער מיינונג פון דער זשאַרגאָן־פּרעסע, איינער פון די גרעסטע באַווײַזן, אַז איוורע־טײַטש איז גאָר קיין לאָשן ניט, נאָר עפּעס אַ מין קאַלי־קעוואַטע פאַרזעניש.

אַזעלכע קריטיקער קענען זיך געוויס ניט באַרימען מיט זייערע קענטענישן אויפן געביט פון פילאָלאָגישער וויסנשאַפט.

וואָרום ווער עס האָט נאָר די מינדסטע ידיעה אין דער שפּראַך־וויסנשאַפט, דער ווייסט, אַז ס'איז ניטאָ קיין שפּראַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל ניט לײַדן פון אַזאַ מישמאַש אין קרײַז פון געשלעכט פאַר די הויפּט־ווערטער!



איטלעכער לאָשן האָט זיך זײַנע דִיאַ־לעקטן[1], — און יעדער דִיאַלעקט — זײַנע קאָפּ־

[1] די דײַטשישע, לעמאָשל, צעפּאַלט זיך אין אַן אומענדלעכער, קען מען זאָגן, צאָל פון מונדאַרטן און אונטערמונדאַרטן.

ריזן בענעגייע צום מין פון פארשידענע הויפט־ווערטער.

אין דער ליטעראַרישער שפּראַך איז, אָבער, איבעראַל גוויוער לעסאַף אין דיאַלעקט, און זייַנע טאַקאַנעס ווערן אנערקענט אַלס געזעץ פאַר דער גאַנצער אומע.

דאָס זעלביקע — מיט דער יידישער שפּראַך.

איטלעכע יידישע מונדארט און אונטערמונדאַרט קען זיך באַהאַנדלען יעדעס הויפט־וואָרט, ווי זי וויל, צורעכענענדיק עס — איינע צו דעם געשלעכט, און די אַנדערע — צום צווייטן, — אָבער אין לאַבאָראַטאָריום פון דער ליטעראַרישער יידישער שפּראַך וועט סאַפּקאַל־סאַף אויסגעשמידט ווערן איין פעסטע סיסטעם, וואָס וועט זייַן א כויוו פאַר אַלע, וואָס גע־ברויכן דעם דאָזיקן לאָשן באַוווסטזיניק.

זאָל אין ווילנע — „קאַפּ" זייַן לאָשן נע־קייווע, און אין בערדיטשעוו — לאָשן זאָכער, — אין דער קולטורעלער יידישער שפּראַך וועט „קאַפּ" זייַן פאַר אַלעמען — לאָשן זאָכער.

II

צו דערגייין, פאַרוואָס זאָגט מען אין קרע־מענעץ, וואָלינער גובערניע, — „דאָס היטל", און 40 ווערסט ווייַטער, אין דובנע, פון דער אייגענער גובערניע, „די היטל", איז ניט פון די גרינגע זאַכן, האָגאַם דאָס וועט, פאַרשטייט זיך, ניט אָפּהאַלטן די קומענדיקע יידישע פי־לאָלאָגן פון גרינטלעכע פאָרשונגען איבער דער פּראָבלעם.

אין דער צופעליקער נאָטיץ וועל איך מיר דערלויבן איבערצוגעבן איך קליינע באַאָבאַכ־טונג מייַנע מיקויעך דער אַנגעוויזענער פראַגע.

איך וויל אופמערקזאַם מאכן אף א מעריק־ווירדיקער דיאַלעקטאָלאָגישער דערשייַנונג, אין וועלכער עס שטעקט איינע פון די הויפט־סיבעס פון גוואַלדיקן אונטערשייד, וואָס עקזיסטירט צווישן פּויליש, גאַליציש, וואָלינער און דאָ־רעם־רוסלענדישן יידיש, פון איין זייַט, און דעם ליטווישן — פון דער צווייטער, אין איניַען פון געשלעכט פון די הויפט־ווערטער.

קיינער האָט זיך ביז איצט נאָך ניט אומגע־קוקט אף דעם אויסעראָרדנטלעך־אינטערעסאַנטן פענאָמען, — דעהייַנו, אז דאָס ליטווישע יידיש ווייסט נאָר פון צוויי געשלעכ־טער: לאָשן זאָכער און לאָשן נע־קייווע; דאָס דריטע, דאָס אויגערופענע (neutrum) זאַכלעכע געשלעכט פעלט לעגאַמרע אין דיאַלעקט, מיט וועלכן אונד־זערע ליטווישע ברידער רעדן.

אין בעסאַראַביע, פּאָדאָליע, וואָלין, פּוילן, גאַליציע האָט איר: דער, די, דאָס, — דער טיש, די מויד דאָס קינד.

אין ליטע געפינט איר בלויז: דער און די, — דער צונג, די הארץ.

די אַלע הויפט־ווערטער, וועלכע באַלאַנגען אין בעסאַראַבער, פּאָדאָליער, וואָלינער, פּוי־לישן און גאַליצישן יידיש צום דריטן גע־שלעכט, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן אַרטיקל „דאָס", — זייַנען אין ליטווישן יידיש אָדער לאָשן־זאָכער, אָדער לאָשן־נעקייווע.

אַלזאָ: איבעראַל — „דאָס קינד", אין ליטע: „די קינד".

איבעראַל: „דאָס פּאַפּיר, דאָס הארץ, דאָס לעמפּל, דאָס טישל"; אין ליטע: „די פּאַפּיר, די הארץ, דער לעמפּל, דער טישל".

III

וויאַזוי זשע האָבן זיך אין ליטווישן דיאַלעקט אייַנגעטיילט צווישן לאָשן־זאָכער און לאָשן־נעקייווע די הויפט־ווערטער, וואָס גע־הערן אין די איבעריקע יידישע מונדאַרטן און אין ליטעראַרישן יידיש צום זאַכלעכן גע־שלעכט?

דאָס איז א טעמע פאַר א ברייטערער פי־לאָלאָגישער אַרבעט, וואָס פאָדערט טיפע פאָר־שונגען און א סאַך צייַט.

דאָ וועל איך אָנווייַזן בלויז צוויי קליינע קלאַלים, וועלכע מיר איז געלונגען אף דעם געביט צו אַנטדעקן.

אַלזאָ:

1) דער דעמינוטיוו (די פאַרצוויגענע פאָרם) פון הויפט־וואָרט באַלאַנגט אין אַלע אונדזערע דיאַלעקטן, אויסער אין ליטווישן, צום זאַכלעכן געשלעכט: — דאָס ביימעלע, דאָס וויגעלע, דאָס לעמפּל, דאָס מיידל.

אין דער ליטווישער מונדאַרט גע־הערט דער דעמינוטיוו טאָמיד צו דעם זעלביקן געשלעכט, ווי דאָס הויפט־וואָרט: — דער לעמפּל (דער לאָמפּ), די מיידל (די מויד), דער טישל (דער טיש), אאַזוו.

2) די אַלגעמיינע באַגריפן, וואָס ווערן אויסגעדריקט דורך העברעישע ווערטער מיט דער ענדונג „ות", — זייַנען אין אַלע יידי־שע מונדאַרטן — פון זאַכלעכן געשלעכט (דאָס כאַסידעס, דאָס נעוויִעס אדג.), און אין ליטווישן דיאַלעקט שטענדיק — לאָשן־נעקייווע (די כסידעס, די נעוויִעס, אוכע־דוימע). —

איבער פעלדער, איבער וועלדער



* * *

כ'קום צו אײַך פון ברייטע פעלדער
מיט די פרײַנטלעכסטע גערוסן:
די פארליבטע זון פון פרילינג
האָט געשיקט אײַך הייסע קושן.

און דער וואלד א סאָסנע־רייער,
און די לאָנקע פרישע בלומען,
און דער פרילינג האָט פארבעטן:
איר זאָלט קומען, איר זאָלט קומען.

* * *

טילי־טילי... פונקט ווי גלעקלעך,
ווי די זילבער־העלע גלעקלעך,
קלינגט אין פעלד פון פרי ביז נאכט:
עמעץ פרייט זיך, עמעץ לאכט...

טילי־טילי... פייגל פליִען,
און זיי ווינקען און זיי רופן:
העכער! העכער! טילילי...
שפרייט אויס פליגל, מענטש, און פלי!

* * *

ס'ליגט די ערד פון ווינטער־ווייען
א פארשטאַרטע נאָך, א טריבע, —
נאָר די זון מיט גינגאָלד־אויסיעס
שרײַבט שוין איר א בריוו פון ליבע.

זי צעוואַרפט אים ווו א בלעטל
אף דער טריקעניש און וואסער —
ווו דו קערסט זיך, הענגען שטראַלן,
דאָרט א העלער, דאָ א בלאסער.

כאַפן פייגל בלעטלעך, בלעטלעך,
און די אַלע אויסיעס־שטראַלן
איבער פעלדער, איבער וועלדער
זיי צעזינגען און צעשאַלן.

כאַפּט זיך אוף די ערד פון שלומער,
גיט די ברוסט אין איר א ציטער:
פול אנציקן ווארט זי היימלעך
אפן ערשטן מײַ־געוויטער.

* * *

שטייט דער וואלד, ווי אײַנגעשלעפערט
און ער רירט ניט מיט קיין שפּיץ,
פון דער פרי ביז שפּעט אינאָוונט
בלאנקט די זון — א בעקן היץ.

שפּרינגען פישלעך אפן וואסער
מיט די שופּן זילבער־בליץ:
אויך די פיש אין וואסער בעטן
אף א רעגן אין דער היץ.

* * *

און קאַלזמאַן עס איז א זומער פאַראַנען,
האָב איך באַך אַן אָרט אַף דער ליכטיקער וועלט,
און קאַלזמאַן עס זייַנען די פעלדער באַגראַזיקט,
האָב איך א געצעלט.

און ווו וועל איך טאָגן? אַף בארג, צי אין טאָל.
און ווו וועל איך נאַכטן? בא וועמען אַמאָל.
ווער וועט מיך פאַרוויגן? דער וואַרעמער ווינט.
און אופוועקן וועט מיך א פויגל אַצינד.

און וואָס וועל איך עסן? מיט בינען צוגלייַך,
און שטילן מייַן דורשט וועט א כוואַליע פון טייַך.

* * *

איז פאַראַנען ענדע זומער
אַזא סימענדיקער טאָג,
ווען דער זומער שטייט באַם שיידוועג
מיט א וואַגשאָל אין דער האַנט.

און די שאָלן אויסגעגלייַכטע
אַף דעם מיטלפונקט פון רו:
ווי פאַרטיפט אין טיפן טרויער,
האָט זיך אָפגעשטעלט די צייַט.

און אַזוי א טאָג געדויערט,
און אַמאָל געדויערט טעג —

א פאַרומערטער, פאַרבענקטער,
אַפן וועג דער זומער שטייט.

נאָר גאָר פלוצלינג — און די וואַגשאָל
גיט א ציטער, גיט א פאַל, —
כאַפּט זיך אוף דער מידער זומער.
לאָזט זיך באַלד אין ווייַטן וועגן.

גיט באַנאַכט א צי א ווינט־קעלט,
אינדערפרי א רעגן גיסט:
ערגעץ האָט דער מידער זומער
שוין באַגריסט דעם הארבסט פאַרפרי.

* * *

שטיל אין פעלד, עס שלאָפט דאָס ווינטל...
נאָר דער פראָסט אין העלן גלאַנץ,
מיט די שטילע שנייערס טעכטער
פירט א קאַראַהאָד, א טאַנץ.

און די שנייען שעמערירן,
ווי קאַלירטע צויבער־ליכט,
און זיי קויקלען זיך און שפּריצן
העלע פאַרבן אין געזיכט.

ס׳גייט די זון איר וועג אין מייַרעוו,
און אין מיזרעך אַפן שניי
שווימען נאָך איר גאַנצע פאַסן,
פונקט ווי טייַכלעך, ראָז און בלוי.

ווייַטער, שפּעטער, ראָזער, בלויער,
ביז די זון איר אויג פאַרמאַכט —
אין א טונקל־בלויען שליטן
פאָרט אַרויס פון וואַלד די נאַכט.

א קאַפּיטאַל ווערק „וועגן ייִדישן מוזיקאַלן פֿאָלקלאָר“

דער פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר“ גרייט צום דרוק איינס פֿון די נאָך ניט פֿאַרעפֿנטלעכטע ווערק פֿונעם גרויסן ייִדישן סאָוועטישן מוזיק־קענער מוישע בערעגאָווסקי. אַהין גייען אַרײַן פֿאָלגנדע אַרבעטן: „די ייִדישע אינסטרומענטאַלע פֿאָלקס־מוזיק“, „ניגונים אָן ווערטער“ און די מוזיקאַל־טעאַטראַלע פֿאָלקס־פֿאַרשטעלונגען—די אַזוי־גערופֿענע פּורימשפּילן. אינסטרומענטאַלע מוסטערן פֿון ייִדישער מוזיקאַלער פֿאָלקס־קונסט דערשײַנען בײַ אונדז אין לאַנד ניט צום ערשטן מאָל. אומגעפֿער 80 אַזעלכע מוסטערן גייען אַרײַן אין בערעגאָווסקיס זאַמלונגען פֿון די יאָרן 1938 און 1962[1], וועלכע זײַנען שוין הײַנט אַ ביבליאָגראַפֿישע זעלטנהײַט. אָבער אַ ספּעציעלע אויסגאַבע וועגן ייִדישער אינסטרומענטאַלער פֿאָלקס־מוזיק, וואָס וועגן דעם רײדן מיר איצט, ווערט אַרויסגעגעבן דאָס ערשטע מאָל בײַ אונדז אין לאַנד. די ברייטקײַט, מיט וועלכער דאָס ווערק כאַפּט אַרום דעם מוזיקאַלן מאַטעריאַל, האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט אין דער וועלט.

דער מאַנוסקריפּט, וועלכן מיר באַהאַנדלען דאָ, איז פֿאַרענדיקט געוואָרן אין 1938[2]. פֿאַר די העכער 40 יאָר זײַנען, נאַטירלעך, צוגעקומען נײַע מאַטעריאַלן, אויך פֿאָרשונגען אויף דער דאָזיקער טעמע (אין אויסלאַנד). איניקע האַנאָכעס פֿון די דאָזיקע ווערק קאָנען באַשטרײַט ווערן (פֿאַרעלטערט, ניט פֿרײַ פֿון אומפּינקטלעכקײַטן, צײַטנווײַז זײַנען געבראַכט ניט ריכטיקע דאַטעס, ניט שטענדיק זײַנען פּינקטלעך די פֿאָרמולירונגען פֿונעם אַרײַנפֿיר צום מאַנוסקריפּט); פֿון דער צווייטער זײַט, דער פּראָגרעס פֿון דער מוזיק בײַ אונדז אין לאַנד פֿאַר די לעצטע 40 יאָר רופֿן אַרויס די נייטיקײַט צו רעדאַגירן דעם מאַנוסקריפּט און צוגעבן צו אים אַ נײַעם אַרײַנפֿיר־אַרטיקל.

אײדער מיר טרעטן צו צום אַנאַליז פֿון בערעגאָווסקיס ווערק, וועלן מיר זיך דערלויבן צו

[1] מ. בערעגאָווסקי, אי. פֿעפֿער. ייִדישע פֿאָלקסלידער, קיִעוו 1938; מ. בערעגאָווסקי. ייִדישע פֿאָלקסלידער. מ. 1962 אונטער דער אַלגעמיינער רעדאַקציע פֿון ס. וו. אַקסיוק.

[2] די יאָרן 1930—1960, וועלכע שטייען אין סאָף פֿונעם אַרײַנפֿיר, קאָנען פֿאַרפֿירן אין אַ טעות. אין 1960 איז דער מאַנוסקריפּט בלויז דורכגעקוקט געוואָרן מיצד דעם אויטאָר, וועלכער האָט אים געגרייט ערשט צום אַרויסלאָז. צום מאַנוסקריפּט איז געגעבן געוואָרן אַ פּאָסנאָטע (אויף דער ז. 9) וווּ עס איז אָנגעוויזן די צאָל פֿאַרנאָטירונגען פֿון דער קלעזמער־מוזיק אויפֿן סאָף 1948.

זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם אויטאָרס פֿאָלקלאָריסטישער טעטיקײַט. מיר וועלן ברענגען צוליב דעם ווייניק באַוווּסטע קוועלן, ווי, למשל, זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע, ווי אויך אָפּרופֿן אויף זײַנע ווערק מיצד איינעם פֿון די גרעסטע סאָוועטישע פֿאָלקלאָריסטן — ק. וו. קוויטקאָ און פֿונעם קאָמפּאָזיטאָר מ. פֿ. גנעסין.

מ. בערעגאָווסקי איז געווען אַ פֿאָלקלאָריסט פֿון ברייטן מאַסשטאַב. ער האָט אָנטייל גענומען אין פֿילצאָליקע פֿאָלקלאָריסטישע עקספּעדיציעס, פֿאַרשריבן טויזנטער מוסטערן פֿון דער מוזיקאַלער שאַפֿונג פֿון די פֿעלקער און עטנישע גרופּעס פֿון פֿסס"ר, געפֿירט אַ ריזיקע אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט אין דער סיסטעם פֿון דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון דער אוקראַיִנישער ססר און אַ לערן־מעטאָדישע אַרבעט אין דער קיִעווער קאָנסערוואַטאָריע, אַרויסגעגעבן העכער 40 וויסנשאַפֿטלעכע ווערק. אָט אַזוי זעען אויס די גרונט־אײַנגרעדיִענטן פֿון דער טעטיקײַט פֿון אָט דעם אומדערמידלעכן פֿאָלקלאָריסט־ענטוזיאַסט.

„צוטרעטנדיק צו דער אַרבעט אינעם אינסטיטוט פֿון דער ייִדישער קולטור[1], — שרײַבט אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע מ. בערעגאָווסקי, —

[1] עס ווערט געמיינט דאָס יאָר 1929.

האָב איך דאָרט ניט געפֿונען קײנע מאַטעריאַלן וועגן דעם ייִדישן מוזיקאַלן פֿאָלקלאָר. צום יאָר 1941 האָט די פֿאָנאָטעק (...) פֿאַרמאָגט מער פֿון 1200 פֿאָנאָוואַליקעס — אַרום 3000 פֿאַרנאָטירונגען. פֿון זײ האָב איך מער פֿון 600 פּערזענלעך פֿאָנאָגראַפֿירט אין מײַנע פֿילצאָליקע עקספּעדיציעס (איבער אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד, איבער די מײַרעוור־געגנטן). כּוץ דעם, האָב איך צונויפֿגעזאַמלט ביז 4000 פֿאַרנאָטירונגען לויטן קלאַנג, האָבנדיק געגומען דעם מאַטעריאַל בײַ די אויספֿילער. פֿון זײ האָב איך פּערזענלעך פֿאַרשריבן מער פֿון 1000 נומערן פֿאָלקסלידער און אינסטרומענטאַלע ווערק.

אין 1936 (...) האָב איך דורכגעמאַכט אַן עקספּעדיציע אויף צו זאַמלען אוקראַיִנישן מוזיקאַלן פֿאָלקלאָר. איך האָב פֿאַרשריבן און דעשיפֿרירט מער פֿון 250 לידער (...). אין דער קאָנסערוואַטאָריע[1] בין איך צוגעטראָטן צום צוגרייטן אַ קלאַנג־כרעסטאָמאַציע וועגן דעם מוזיקאַלן פֿאָלקלאָר פֿון די פֿעלקער פֿון דער אוקראַיִנישער רעפּובליק (...). צום אָנהייב פֿון דער מילכאָמע האָב איך באַוויזן צוצוגרייטן אַ רײ אָפּטײלן וועגן דעם אוקראַיִנישן פֿאָלקלאָר (...), מוסטערן פֿון מוזיקאַלן פֿאָלקלאָר פֿון די מאַריופּאָלער גריכן, בולגאַרן, טשעכן, ציגײַנער און אַנד. (...); אין די יאָרן 1941—1942, ווען די וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון דער אוקראַיִנישער ססר האָט זיך געפֿונען אין אופֿאַ, האָב איך געאַרבעט איבערן באַשקירישן מוזיקאַלן פֿאָלקלאָר. איך האָב פֿאַרשריבן בײַ 100 באַשקירישע פֿאָלקסלידער און מוזיקאַלע ווערק, אָנגעשריבן אַ פֿאַרצײכענונג וועגן דער געשיכטע פֿונעם מוזיקאַלן לעבן פֿון דער שטאָט אופֿאַ. אין 1942—1943 האָב איך פֿאַרשריבן 50 אוקראַיִנישע פֿאָלקסלידער, אָנגעשריבן אַ ווערק וועגן דעם רעפּערטואַר פֿון די פֿאָלקסלידער פֿון די אוקראַיִנער פֿון באַשקיריע".

דער כאַראַקטער־שטריך פֿון בערעגאָווסקיס מעטאָד איז די ענגע פֿאַרבינדונג צווישן דער וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישער אַרבעט און דער זאַמל־אַרבעט. מ. בערעגאָווסקי איז ניט געווען קײן קאַבינעט־געלערנטער. אַפֿילו דאָס שטעלן אַזעלכע, ווי עס וואָלט זיך געדוכט, אַבסטראַקט־טעאָרעטישע פּראָבלעמען, ווי די טאָנאַליטעט, דאָס געבוי פֿון אַ מוזיקאַל ווערק און ענלעכע, פֿאַרבינדט ער מיט פּערזענלעכע באָאָבאַכטונגען אין פֿעלד. ווײַטער ווערן געבראַכט וואָרט אין וואָרט אָפּרופֿן וועגן מ. בערעגאָווסקיס ווערק מיצד דעם פֿאַרדינסטפֿולן קונסטטוער, פּראָפֿעסאָר מ. גנעסין און פּראָפֿעסאָר ק. וו. קוויטקאָ.

---

[1] אין די יאָרן 1937—1941 האָט מ. בערעגאָווסקי גלײַכצײַטיק מיט דער אַרבעט אין דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿאַרוואַלטעט מיטן קאַבינעט פֿון מוזיקאַלער עטנאָגראַפֿיע און קלאַנגענשריפֿט בײַ דער קיִעווער קאָנסערוואַטאָריע (וועלכע איז באַלױנט מיטן לענין־אָרדען) און געלייענט אויפֿן היסטאָריש־טעאָרעטישן פֿאַקולטעט וועגן מוזיקאַלן פֿאָלקלאָר.

אָפּרוף פֿון מ. פֿ. גנעסין

איך בין גוט באַקאַנט מיטן גרעסטן טײל פֿון מ. יאַ. בערעגאָווסקיס ווערק וועגן דעם ייִדישן מוזיקאַלן פֿאָלקלאָר — אײנע פֿון זײ האָב איך דורכגעלייענט און שטודירט לויט געדרוקטע מאַטעריאַלן, די אַנדערע דורכגעקוקט אין מאַנוסקריפּט, מיט וועלכן דער אויטאָר האָט מיך סיסטעמאַטיש באַקאַנט. עס איז קײן ספֿק ניט, אַז מ. יאַ. בערעגאָווסקיס ווערק געהערן צום בעסטן און ווערטפֿולסטן פֿון דעם, וואָס איז אָפּגעטאָן אין דער ייִדישער פֿאָלקלאָריסטיק. בערעגאָווסקיס גרונט־ווערק זײַנען די פֿיר[1] בענדער, געווידמעט דעם ייִדישן מוזיקאַלן פֿאָלקלאָר. דאָס איז אַ גאַנצע ענציקלאָפּעדיע פֿון דער ייִדישער ליד. זײער ווערטפֿולע אַנטדעקונגען אין דער ייִדישער מוזיקאַל־אינסטרומענטאַלער שאַפֿונג, געוויסנהאַפֿטיקײַט אינעם פֿאַרנאָטירן, ראַציאָנעלקײַט, קולטור און וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרזיכטיקײַט אינעם אָפּקלײַב, אינעם סיסטעמאַטיזירן און באַלײַכטן דעם מאַטעריאַל, — אַזאַ איז די קוואַליטעט פֿון דעם דאָזיקן ווערק. דער פֿערטער באַנד, געווידמעט די טעאַטראַלע פֿאָלקסווערק, עפֿנט אַ נײַע, פֿײַנע זײַט אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסשאַפֿונג. דער דאָזיקער געביט איז קימאַט אינגאַנצן ניט געווען באַוווּסט דער וויסנשאַפֿט. אַלץ, וואָס איז אָנגעזאַמלט און אויסגעפֿאָרשט געוואָרן אין אָט דעם פֿראַט ביז בערעגאָווסקין, האָט זײער אַ קנאַפּע וווּרט. די צײַט, וואָס מ. יאַ. בערעגאָווסקי האָט זיך געפֿונען אויף אוקראַיִנע, האָט אים געהאָלפֿן צו אַנטדעקן גאַנצע אוצרעס ווערטפֿולע מאַטעריאַלן פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסשאַפֿונג, אינטערעסאַנט און שעפֿעריש פֿאַרײניקט מיט דער אוקראַיִנישער שאַפֿונג... ניט קײן קלענערע ווערט האָבן אויך בערעגאָווסקיס פּאָפּולערע זאַמלונגען. דער גוטער אָפּקלײַב פֿון די מאַטעריאַלן, די געלונגענע סיסטעמאַטיזירונג העלפֿן צו באַנוצן זיך מיט זײ סײַ אינעם פּראַקטישן מוזיקאַליש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, סײַ אין דער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט. מיר פּערזענלעך האָבן זײ געבראַכט גרויס נוצן, ווען איך האָב געשריבן די גרויסע פֿאַרצײכענונג וועגן דער געשיכטע פֿון ייִדישע זינגלידער אויף דער טעריטאָריע פֿון ססר. זײער ווערטפֿול און אינהאַלטסרײַך זײַנען בערעגאָווסקיס אַרטיקלען וועגן דער טעאָריע און געשיכטע פֿון ייִדישע פֿאָלקס־ניגונים און זײער אויספֿילונג. די ערנסטקײַט, דער אינטערעס און די אומדערמידלעכקײַט פֿון מ. יאַ. בערעגאָווסקיס טעטיקײַט פֿאַרדינען אַ הויכע אָפּשאַצונג.

פּראָפֿעסאָר פֿון לענינגראַדער קאָנסערוואַטאָריע
מיכ. גנעסין.
יאָשקאַר־אָלאַ, מאַריִער אַסר, 24 סענטיאַבער 1942.

---

[1] סאַכאַקל זײַנען געווען פֿינף בענדער. מ. גנעסין האָט דורכגעלאָזט די זאַמלונג פֿון יאָר 1938, וועלכע גײט אַרײַן אין דער פֿינפֿבענדיקער אויסגאַבע אַלס צווייטער באַנד. דער ערשטער באַנד פֿון דער פֿינפֿבענדיקער אויסגאַבע איז דערשינען אין 1934 (זע דעם אָפּרוף פֿון ק. קוויטקאָ).

אָפּרוף פון ק. וו. קוויטקאַ

מ. יאַ. בערעגאָווסקיס אַרבעט אין געביט פון מוזיקאַלן פאָלקלאָר איז מיר נאָענט און אומיטלבאַר באַקאַנט אין די יאָרן 1928—1933, ווען איך בין געווען אָנפירער פונעם קאַבינעט פאַר מוזיקאַלער עטנאָגראַפיע באַ דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון אוססר. מ. בערעגאָווסקי האָט אין דעם דאָזיקן פּע־ריאָד באַקומען אין דעם אָנגערופענעם קאַבינעט באַ־קאַנטשאַפט מיט די מעטאָדישע געוווינהײטן, וועלכע אַנטשפּרעכן דעם ניוואָ, וואָס איז דערגרייכט גע־וואָרן אין דער טעטיקײט פונעם קאַבינעט. לויטן אױפטראַג פונעם קאַבינעט האָט ער דורכגעפירט א וויכטיקע אַרבעט — פאַרשריבן אַרום 100 קאַראַימי־שע לידער. דערנאָך, ווען ער איז געוואָרן פאַר־וואַלטער פון אַזאַ מין קאַבינעט אינעם אינסטיטוט פון יידישער קולטור, האָט ער אונטערגעהאַלטן א קאָנטאַקט מיטן קאַבינעט פון מוזיקאַלער עטנאָגראַ־פיע אין מעטאָדאָלאָגישע פראַגן. באַם באַזוכן דעם קאַבינעט, מיט וועלכן עס האָט פאַרוואַלטעט מ. יאַ. בערעגאָווסקי, האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז ער האָט געשענקט פיל ענערגיע, קעדיי צו קאָנצענט־רירן דאָרט די מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן זיך געפו־נען אין אַנדערע שטעט, אויך קעדיי זאַמלען נײַע מאַטעריאַלן. די זאַמלונג יידישע לידער, וועלכע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1934 און וואָס פאַרשריבן זיי האָט פּערזענלעך מ. יאַ. בערעגאָווסקי, איז איינס פון די גרעסטע און בעסטע ווערק וועגן מוזיקאַלן פאָלקלאָר אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אין די לעצטע יאָרן פלעגט מ. יאַ. בערעגאָווסקי, בעשאַס זײַנע רײַזעס קיין מאָסקווע, באַזוכן דעם פאָלקלאָר־קאַבינעט פון דער מאָסקווער מעלוכע־קאָנסערוואַטאָריע, ווו איך בין דער וויסנשאַפטלעכער אָנפירער, און ער האָט געפירט מיט מיר לאַנגע שמועסן. אָפּן סמאַך פון אָט די שמועסן האָב איך די מעגלעכקײַט צו באַהויפּטן, אַז דער וווקס פון מ. יאַ. בערעגאָווסקי אַלס פאָר־שער גייט ווײַטער, זײַנע אינטערעסן און קענטעניש שטײַגן אַריבער די גרענעצן פונעם יידישן פאָלק־לאָר. זיי פירן אים דערצו, אַז ער שטעלט וויכטיקע פּראָבלעמען פון דער מוזיק־געשיכטע. מ. יאַ. בע־רעגאָווסקי איז איינער פון די אָנגעזעענסטע פאָר־שטייער פון דער מוזיקאַלער פאָלקלאָריסטיק אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איינער פון דער קליינער צאָל ספּעציאַליסטן, וועלכע פאַרייניקן אין זיך די גרויסע פּראַקטישע דערפאַרונג אינעם פאָנאָגראַפירן און נאָ־טירן די פאָלקס־מעלאָדיעס מיטן קענען די ספּעצי־עלע ליטעראַטור ניט בלויז אין רוסיש און אוקראַי־ניש, נאָר אויך אין דײַטש.

פּראָפעסאָר פון דער מאָסקווער מעלוכע־קאָנ־
סערוואַטאָריע אף טשײַקאָווסקיס נאָמען
ק. קוויטקאַ.
16 סענטיאבער 1942

די פּובליקאַציע פונעם פאַרלאַג „סאָוועט־סקי קאָמפּאָזיטאָר", וועגן וועלכער מיר ריידן דאָ, איז דער ערשטער פּרווו צו שאַפן א פאַר־רייניקטע אַנטאָלאָגיע און אין א געוויסער מאָס אַן אויספאָרשונג פון די מוסטערן פון יידישער אינסטרומענטאַלער („קלעזמערישער") מוזיק פון אוקראַינע. מ. בערעגאָווסקיס ווערק אַנט־האַלטן 258 מוסטערן, אָפּגעקליבענע פון 700 ווערק פון קלעזמערישן כאַסענע־רעפּערטואַר פון אוקראַינע, וועלכע זײַנען פאַרפיקסירט גע־וואָרן צום יאָר 1938. דער נאָטן־מאַטעריאַל איז געגעבן אין צוויי אָפּטיילן. דער ערשטער אָפּ־טייל שליסט אײַן מוזיקאַלע ווערק, וועלכע זײַ־נען אויסגעפּילט געוואָרן אף כאַסענעס באַם באַגעגענען און באַגלייטן די געסט, באַם דורכ־פירן דעם ריטואַל פון גיין צו דער כופּע און בייס דער סודע באַם כאַסענע־טיש. אינעם צווייטן אָפּטייל זײַנען אַרײַן טענץ: א פריילעכס, א שער און אַנד. פאַרן אָנהייב פון דעם נאָטן־מאַטעריאַל גייט א ליטעראַרישער טייל: אַן אַרײַנפיר פון אַכט קאַפּיטלען, אין וועלכע ס'ווערט געגעבן א כאַראַקטעריסטיק פון די קלעזמער פון XIX יה., פון דער קלעזמער־מוזיק און פון די אינטערפּרעטאַציעס. די באַ־שרײַבונג איז באַזאָרגט מיט רײַכע איליוסטראַ־ציעס. צום סאָף גייען יעדיעס וועגן די אויס־פירער, א דעשיפרירונג פון פאָנאָגראַמעס אאַוו.

די מוסטערן פון דער יידישער אינסטרומענ־טאַלער פאָלקס־מוזיק, וועלכע בערעגאָווסקי ברענגט, האָבן זייער א גרויסע קינסטלערישע ווערט. זיי זײַנען אויך שטאַרק אינטערעסאַנט פאַר דער וויסנשאַפט. לאָמיר הערן, וואָס בע־רעגאָווסקי אַליין זאָגט וועגן דעם: „צווישן די הונדערטער ווערק, וועלכע די קלעזמער האָבן געשאַפן, זײַנען פאַראַן א היפּש ביסל פּערל — עמעסע קונסטווערק, א רעזולטאַט פון דער שאַפונג פון הויך באַגאַבטע קינסטלער. די בע־סטע פון די דאָזיקע ווערק (...) וועלן געפינען זייער אָרט אינעם וועלט־אוצער — אַלס שענ־סטע דענקמעלער פון זייער צײַט...".

אין א צווייט אָרט שרײַבט בערעגאָווסקי: „דער פאָלקלאָריסט — דער מוזיק־קענער און דער היסטאָריקער פון דער מוזיק וועלן אין דער קלעזמער־מוזיק און אינעם קלעזמערישן קינסטלערישן שטייגער געפינען א סאַך אינטע־רעסאַנטס. די קלעזמער־מוזיק איז אויך א ווערטפולער קוואַל פאַרן קאָמפּאָזיטאָר, וואָס וויל דערלערנען די אינסטרומענטאַלע פאָלקס־קונסט און שעפּן פון איר אויצרעס פאַר זײַן שאַפונג".

און טאַקע אינדערעמעסן: באַקאַנט מען זיך מיט בערעגאָווסקיס מאַטעריאַלן, ווערט מען אומ־גערן איבעראַשט פון דער קאָלאָסאַלער, מעג מען זאָגן, פאַרענדיקטער מײַסטערשאַפט פון די נאָמענלאָזע שעפּער פון אָט די „דאָברי דיען" און „דאָבראַ נאָטש", פון די „פריילעכסן", „סקאָטשנאַ", „שערן" און „דאָינעס".

פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלע מאַטעריאַלן קאָנען האָבן איינע און די זעלבע ווערט. עס זײַנען פאַראַן רײַכע מוסטערן און מיטלמעסי־קע, נאָר אויך די לעצטע זײַנען וויכטיק פאַר דער געשיכטע, פאַר דער וויסנשאַפט. דער אַל־געמיינער ניוואָ פון די מאַטעריאַלן איז א הוי־כער. זיי זײַנען ווערט די אויפמערקזאַמקײַט פונעם איידלסטן מוזיקאַנט און, געוויס, פונעם פאָרשער־פאָלקלאָריסט. אַלס אַן אָביעקט פון

פאָרשונג גיבן זיי א מעגלעכקייט צו דערלערנען א גאנצע ריי פּראָבלעמען: די פארבינדונג פון דער כסידישער מיט דער אלגעמיינער (ניט רעליגיעזער) פאָלקסליד, מיטן סינאגאָגע־רעטשיטאטיוו; די פּראָבלעם פון איינפלוס (דעריקער פון מאָלדאווישן און אוקראיִנישן); די פּראָבלעם פון נאציאָנאלן אייגנארט פון דער קלעזמערישער שאפונג.

ריידנדיק וועגן די מאָלדאווישע איינפלוסן, זיינען מיר אויסן קוידעמקאָל די פאסטעכער־לידער „דאָינע" און „טשאבאן". בערעגאָווסקי גיט זיך אָפּ א כעזשבן אין דער דאָזיקער פראגע, ער ווייזט אָן: „בא איר גאנצער נאציאָנאלער אייגנארט, איז דער פאָלקס־קונסט לאכלוטן פרעמד די נאציאָנאלע באגרענעצטקייט. דאָס פאָלק (...) נעמט אויף (...) מוזיקאלע ווערק אפילע אין די פאלן, ווען זיי פארמאָגן ניט קיין טיפּישע נאציאָנאלע שטריכן".

ווי עס איז שוין אָפּגעמערקט, ווערט אין דער זאמלונג געגעבן א טעאָרעטישער טייל. אגעוו, דער אויסדרוק „טעאָרעטישער" איז דאָ ניט גאָר פּינקטלעך, ווייל אלס טעאָרעטישן אין דירעקטן זין פון וואָרט קאָן מען באטראכטן דעריקער דאָס קאפּיטל 3 — „אינטאָנאציע" (דאָס דאָזיקע קאפּיטל איז, אגעוו, ניט גאָר פריי פון פעלערן). אלע איבעריקע קאפּיטלען דארף מען באטראכטן גיכער אלס היסטאָרישע: קאפּיטל 1 — אינסטרומענטאלע (קלעזמערישע) מוזיק — א באשטאנד טייל פון יִדישן פאָלקלאָר; קאפּיטל 2 — דער כאראקטער־שטריך פון דער קלעזמער־מוזיק (אין דעם דאָזיקן קאפּיטל איז פאראן, עמעס, א סאך אנאליטישעס און מע קאָן עס מיטן זעלבן רעכט פארעכענען סיי צו די היסטאָרישע, סיי צו די טעאָרעטישע קאפּיטלען); קאפּיטל 4 — טיפּישע שטריכן פון דער קלעזמערישער אינטערפּרעטאציע; קאפּיטל 5 — די קלעזמער אין XIX יה.; קאפּיטל 6 — וויִאזוי די קלעזמער האָבן זיך געלערנט שפּילן; קאפּיטל 7 — דער טיפּ פון א קלעזמער אין דעם לעצטן פערטל פון XIX יה.; קאפּיטל 8 — מוזיקאנטן־ליבהאָבער אינעם יִדישן לעבנסשטייגער.

אָנגעשריבן מיט דער האנט פון אן אויסערגעווייגלעך אינפאָרמירטן געלערנטן, א קענער פון דער יִדישער פאָלקס־מוזיק, שטעלן מיט זיך פאָר די איבערגערעכנטע קאפּיטלען א קאָלאָסאלן קולטור־היסטאָרישן אינטערעס. עס איז אהער צוגעגעבן אן אוניקאלער פאקטאָלאָגישער מאטעריאל, היסטאָרישע יעדיִעס, וועלכע זיינען געשעפּט פון ארכיוו־דאָקומענטן, אויך פון ליטעראַרישע דענקמעלער. ס'איז שווער צו זאָגן, וועלכעס קאפּיטל איז מער אינטערעסאנט. דאָך דארף מען באטאָנען, אז מיט עפּעס באזונדערס טיילט זיך אויס דאָס קאפּיטל 5 (וועגן די קלעזמער אין XIX יה.), וואָס איז מאמעש פארכאפּנדיק. דעם מאטעריאל בארייכערן אוניקאלע איליוסטראציעס. דער היסטאָרישער טייל (די איבערגערעכנטע אכט קאפּיטלען) זיינען אליין פאר זיך, אפילע אָן די נאָטן — א גרויסער ביישטייער אין דער מוזיקאלער עטנאָגראפיע פון די סאָוועטישע פעלקער.

דאָס ווערק איז ניט פריי פון כעסרוינעס.

באריִרנדיק די פראגע וועגן דעם, וויִאזוי די קאָמפּאָזיטאָרן האָבן אויסגענוצט די קלעזמער־מעלאָדיעס, דערמאָנט ניט דער אווטאָר סערגיי פּראָקאָפיעווס „אוווערטיור אָף יִדישע טעמעס". עס איז דאָך אָבער א פאקט, אז גראָד פּראָקאָפיעוו האָט, ווי קיינער ביז אים און קיינער נאָך אים, געקאָנט אופכאפּן דעם עצעם טאָך פונעם יִדישן קלעזמערישן אינסטרומענטאליזם און מיט דער קראפט פון זיין ריזיקן טאלאנט דערהויבן אים ביזן ניוואָ פון די העכסטע דערגרייכונגען פון דער מוזיקאלער וועלט־קונסט. עס איז ניט דערמאָנט אויך דער מאָסקווער יִדישער מעלוכע־טעאטער, ווו עס זיינען געגאנגען ספּעקטאקלען מיט דער קלעזמער־מוזיק, באזונדערס דער ספּעקטאקל „פריילעכס".

זייער ווייניק איז געזאָגט געוואָרן וועגן דעם גוירל פון די מוזיקאנטן — קינדער פון קלעזמער. די קינדער פון די קלעזמער זיינען געוואָרן פידלער מיט וועלט־נעמען, גרעסטע וויִרטואָזן. מישע עלמאנס טאטע איז געווען א פּאָשעטער מוזיקאנט, יאשע כייפעצעס טאטע, אן אווטאָדידאקט, האָט געשפּילט אין דער ווילנער קאפּעלע. פון דער קלעזמער־סוויווע האָבן געשטאמט אזעלכע פידלער, ווי יִיצכאָק שטערן, בראָניסלאוו הובערמאן, עפראיִם צימבאליסט, יויסעף סיגעטי, דער וויִאָלאָנטשעליסט עמאנויִל פּייערמאן, דער פּיִאניסט וולאדימיר האָראָוועץ, דער סאָוועטישער פידלער אי. סטאָליארסקי, וואָס בא אים האָבן זיך געלערנט די פידלקונסט א. מילשטיין, ד. אויסטראך, מ. פיכטענהאָלץ, ע. הילעלס (דער זון פון א קלעזמער). א זון פון א קלעזמער איז אויך געווען דער סאָוועטישער קאָמפּאָזיטאָר, פּראָפעסאָר א. קריין.

די אָנגעוויזענע כעסרוינעס, ווי אייניקע טעאָרעטישע פעלערן, אומפּינקטלעכקייטן, פארקלענערן אין קיין פאל ניט די קאָלאָסאלע וויסנשאפטלעכע און קינסטלערישע ווערט פונעם רעצענזירטן ווערק. דאָס דערשיינען פון מוישע בערעגאָווסקיס „יִדישע אינסטרומענטאלע (קלעזמערישע) פאָלקס־מוזיק" וועט בעפּירעש זיין א גרויסע געשעעניש, ניט בלויז אין דער יִדישער, נאָר אויך אין דער גאנצער סאָוועטישער מוזיקאלער קולטור.

פּראָפעסאָר מ. גאָלדין

געפֿונענע מאַנוסקריפּטן

מירע כענקין

אין פּעטליורעס קרוינשטאָט

ראָמאַן

1. הודאָווקע רודערט

די שיינע וואָלינער שטאָט מיט סעדער, סעדלעך, שורעסביימער בײַ די גאַסן איז ווינ־טער־צײַט איבערן קאָפּ מיט שניי פֿאַרשאָטן. דרעמלט זי שטיל אונטער דער זון און גלאַנצט מיט ווײַכקײַט.

אין אָט דעם ווינטער איז די שטילקײַט פּלוצעם אופֿגעריסן געוואָרן. אין אַ האַרבן דע־קאַבער־טאָג האָט איבערן גובערנאַטאָר־הויז פֿרײלעך אַ פֿלאַטער געטאָן די רויטע פֿאָן.

די אָרעמע פֿאַרשטאָט הודאָווקע, וואָס האָט אַלע יאָרן געשטומט, כאָטש אין האַרצן האָט געזאָטן, האָט ענדלעך באַקומען לאָשן.

ס'האָט מיט די הודאָווקער לײַט געקאָכט און געזשומעט באַם גובערנאַטאָר אין הויז, ווו ס'האָט זיך ווי אַ קריגס־לאַגער צעשפּרייט דער רעווקאָם, אינעם דוואָריאַנישן קלוב, וווהין ס'האָבן זיך מיטאַמאָל אַ לאָז געטאָן וועבער און פֿריקאַזטשיקעס, אײַזנבאַנער און נייטערנס, לערער און דינסטמיידלעך, אינעם דאָקטער שוואַרצס הויז, ווו מע האָט דעם ערשטן קינדער־היים געעפֿנט.

און טאַקע אין יענע טעג האָט מען, די גווירים אָף צעפּיקעניש, באַוויזן אַריבערציִען פֿונעם קעלער־שטאָק אָף אַרויף, צום אַדוואָקאַט בריסקער אין הויז, עוויוינים פֿון הודאָווקע.

נאָר געדויערט האָט דאָס אַלץ ניט לאַנג, ניט מער ווי אַ וואָכן דרײַ: נאָך אײנמיטן ווינ־טער האָט געגומען געוועלטיקן פּעטליורע, די שטאָט איז מיט אַטאַמאַנעס און סאָטניקעס, יעסאַולן און כאָרונזשיס פֿאַרפֿלייצט געוואָרן, די הודאָווקער אָף הודאָווקע צוריק פֿאַרטריבן. און דער אײדעלער בריסקער האָט מיט גאָר ניט קיין אײדעלן האַלדז־און־נאַקן די עוויוינים פֿון זײַן הויז פֿאַרטריבן, וועמען אין גאַס, וועמען — גלײַך אין טפּיסע אַרײַן.

פּעטליורע האָט געמאָלדן: דאָ וועט זײַן די קרוינשטאָט.

און די שטאָט איז פּעטליורעס קרוינשטאָט געוואָרן. טאָג און נאַכט וואַכט זי און פֿיבערט מיט לעצטע קויכעס פֿון פּעטליורעס שטאַב, וואָס האָט זיך דאָ פֿאַרפֿעסטיקט נאָך דעם, ווי ער איז פֿון קיִעוו אַנטלאָפֿן.

יעדעס שטיקל גאַס איז אַזוי מאָדנע ראַשיק און אויסגעפּוצט — עס זעט אויס, ווי אַ פּראָווינציִעלע אָפּערע־בינע הינטער די קוליסן פֿאַר אַ פֿאָרשטעלונג: הײַדאַמאַקעס מיט רויטע טשיפּיקעס און לאַקירטע גלאַנצנדיקע שטיוול, פֿרויען מיט לאַקירטע, גלאַנצנדיקע אויגן, אין שורשענדיקע קליידער און מיט אַ גרילצנדיקן געלעכטער; ספּעקוליאַנטן — דרײַ קעפּ מיט פֿליִענדיקע גופֿים, וואָס טראָגן זיך הין און הער, שושקען זיך איינער מיטן אַנדערן. און דאָס אַלץ שטופּט זיך, פּלאָנטערט זיך אָף דעם איין־און־איינציקן ברייטן אַספֿאַלטירטן טראָטואַר פֿון דער הויפּט־גאַס.

דער ראָמאַן „אין פּעטליורעס קרוינ־שטאָט“ איז געפונען געוואָרן אין פּערזענלעכן אַרכיוו פון דער סאָוועטישער ייִדישער דיכטערין מירע כּענקין (1898—1960). ביז איצט איז מירע כּענקין באַוווּסט ווי דער אויטאָר פון אַ ריי פּאָעטישע זאַמלונגען. זי איז געווען איינע פון די אַמערסטן אינטערעסאַנטע סאָוועטישע ייִדישע דיכטערנס אין די צוואַנציקער — דרײַסיקער יאָרן. ווײַזט אויס, אַז אין מעשך פון אַ לענגערער צײַט האָט זי געזאַמלט מאַטעריאַלן וועגן דעם קאַמף קעגן דער פּעטליוריש־ווײַס־גוואַרדייִשער קאָנטרעוואָלוציע, און די רעאַליזאַציע פון אָט די שפּעדישע זוכונגען האָט זיך געניייטיקט אינעם פּראָזע־זשאַנער. אַזוי־אַרום, באַקומט איצט דער לייענער אַ ראָמאַן פון דער לירישער דיכטערין.

דאָ מעסט מען די צײַט נאָר מיט שאָען. וואָס וועט זײַן מאָרגן — ווייסט קיינער ניט. פריִער האָט מען געמיינט, אַז דער סאָד פון מאָרגן איז באַהאַלטן אינעם בײַינקן, לאַנגן און שמאָלן אווטאָמאָביל, אין וועלכן סע יאָגט איבער דער שטאָט דער בלייכפּנעמדיקער פּרע־מיער ווינישענקאָ, וואָס איז אַזוי בייגעודיק אין זײַנע טנועס, וואַטראַניש־ברייט אין זײַנע צוואָגן און לופטיק־גרינג אין די געדאַנקען. איצט זעט מען שוין דעם אווטאָמאָביל ניט. ער איז ערגעץ אָפּ טאָמיד פאַרשווּנדן.

מע ווייסט שוין אָף זיכער, אַז דער סאָד איז אויך ניט באַהאַלטן אָט אין יענער פּאַר־מאַכטער, שוואַרצער קאַרעטע, מיט גראָבן בעמער־גלאָז אין די פענצטערלעך, וואָס פאָרט דורך איבער דער שטאָט אַ פּאָר מאָל אין טאָג. די קאַרעטע געהערט דעם אַטאַמאַן פּעטליורע. מע זאָגט אָבער, אַז אין שטאָט איז פאַרבליבן נאָר זײַן קאַרעטע, ער אַליין האָט זיך שוין אָפּ־געטראָגן.

דער זעלבער פּלאַנטער — אויך אין קאַפע־רעסטאָראַן באַ דעם איין־און־איינציקן אין שטאָט האָטעל „יעוראָפּאַ“. דער קליינער רעסטאָראַן איז אויפגעלאָפן, געשוואָלן געוואָרן. ער באַמיט זיך מיט אַלע קויכעס און קאָן פאָרט ניט אַרײַנעמען אַזויפיל מײַלער, געשרייען, באַגאַגע־נישן, סאַכרים.

אַפּסנײַ צוגעדונגענע צענדליקער באַדינערס און באַדינערנס פּאַלן פון די פיס, די גאַנצע קאַפע איז שוין ביז גאָר געדיכט מיט טישלעך אָנגעשטעלט, און אַלץ רעדט, לאַכט און עסט. ייִנגלעך, צײַטונגס־פאַרקויפער שרײַען אויס די לעצטע נײַס. קויפט יעדערער אַ צײַטונג און לייגט זי אַוועק ניט פאַנאַנדערגעוויקלטערהייט לעבן דער גלאָז קאַווע. צײַטונגען לייענט מען שוין ניט, סע ווייסן שוין אַלע פאָרויס, אַז מע ווייסט גאָרנישט.

דאָ אין קאַפע זעען די פּעטליורישע הײַדאַמאַקעס אויס גאָר סימבעדיק. זיי זיצן מיט „די מוידן“ באַ טישלעך, אַנטקעגן שפּיגלען, וואַרפן בליקן. פון צײַט צו צײַט שלעפּן זיך דורך איבערן זאַל דרײַ־פיר שיכורים. ערגעץ דאָ זײַנען פאַראַן זײַטיקע צימערלעך, ווו עס איז גאָר פרייִלעך. נאָר אַז די געשעפטן הייסן, רײַסט מען איבער דאָס פרייִלעכע פאַרברענ־גען אין די זײַטיקע צימערלעך, מע פאַרנעמט אַ טיש אין גרויסן ראַשיקן זאַל און מע נעמט זיך, ווי דאָס טוען אַלע אין קאַפע, צום הייסן, ברענענדיקן האַנדל — מע קויפט און מע פאַר־קויפט.

אויבנאָן באַ אַ טיש זיצט דער נאָטאַריוס קאַטשענאָווסקי מיט זײַן טרײַען קליִענט — דעם גוטבאַזיצער פּאָרוטשקאָ. זיי האַלטן זיך באַזײַט, פונקט ווי דער האַנדל וואָלט זיי ניט אָנגעגאַנגען. אָבער די קאַפע־באַזוכער ווייסן: ס׳איז ניט מער ווי אַן אָנשטעל. מאָרגן־איבער־מאָרגן וועט דער נאָטאַריוס ווידער זיצן אָף זײַן געהויבענעם אָרט, ער וועט ווידער שטילער־הייט, מער אָפּן ווונק, ריידן צו דעם געהויבענעם קליִענט זײַנעם. און וועגן וואָס עס גייט

בא זיי א רייד — וויסן אויך אַלע. דער גוטבאַזיצער פּאַרוטשקאַ האָט זיך לעצטנס דערפֿילט ניט היימלעך אין זײַן גוט, ווו ער האָט פֿאַרבראַכט זײַן גאַנץ לעבן. עפּעס, פֿילט ער, קאַכט און זידט אַרום זײַן שײַנער, ליכטיקער געבײַדע, וואָס שטייט איינע אַליין צווישן אָרעמע, פֿאַרפֿינצטערטע דערפֿלעך. פּאַרוטשקאַ האָט אויף דער עלטער פּלוצעם זיך דערפֿילט עלנט. ס׳האָט אים אַ ציִ געטאָן אין שטאָט אַרײַן, און דעם גוט זײַנעם וויל ער פֿאַרקויפֿן. צוליב דעם טאַקע גייט ער אַלע טאָג אין קאַפֿע. ער קומט אַהער מיט אַ באַגלויבטן מענטשן — מיט דעם נאָטאַריוס קאַטשעטנאָווסקי, און יענער פֿאַרזיכערט אים, אַז כאָטש די צײַט איז אַ ביטערע, מיט גיטער וויל קיינער ניט האָבן צו טאָן, נאָר אַ האָפֿענונג איז דאָך פֿאַראַן, אַ קוינע אויף פּאַרוטשקאַס מאַיאָנטעק וועט זיך זיכער געפֿינען, און געפֿינען קאָן מען אים נאָר דאָ, אין קאַפֿע, ווו עס הערן זיך די טומלדיקע געשרייען: „איך קויף!“, „איך פֿאַרקויף!..“. דער אַלטער פּאַרוטשקאַ שאָקלט צו מיטן קאָפּ, ער פֿאַרשטייט, געוויס פֿאַרשטייט ער, אַז קיין אַנדער ברירה איז ניטאָ, ווי צו זיצן טאָג נאָך טאָג בײַ דעם טישל...

דער אוילעם, וואָס זיצט אין קאַפֿע, וואַרפֿט ווען־ניט־ווען אַ נײַגעריקן בליק צו פּאַרוטשקאַס טישל. עס גייט פֿון טיש צו טיש אַ גערייד:

— אַראָפּ פֿון פּאַנעם, אונדזער פּאַרוטשקאַ.

— נאָך אַ מין אַראָפּ. האַלב מענטש געוואָרן.

— וואָס איז דער כידעש? אַז דער מענטש האָט שוין געהאַלטן אַזוי הויך.

— עס האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז זײַן טאָכטער האָט כאַסענע מיט אַ גראַף.

— נו, אוודאי, זײַן אײַדעם האָט געזאָלט זײַן אַ יעווראָ סיִאַטעלסטוואָ...

— שטילער, ער קאָן נאָך דערהערן...

נאָר פּאַרוטשקאַ הערט ניט. אין קאַפֿע איז אַזוי טומלדיק, די קוילעס טראָגן זיך פֿון אַלע פֿיר זײַטן, די טישלעך רוקן זיך אָן איינס אָפּן אַנדערן. מענטשן זיצן ניט אײַן אויף זייערע ערטער, עס הייבט זיי, עס טראָגט זיי, גייען זיי פֿון טישל צו טישל מיט פֿאַרהאָוועטע פּנעמער, מיט פֿיבערדיקע אייוורים, און די אויגן גלאַנצן, די אויגן קוקן אַרויס אויף גרויסע, גאָר גרויסע געשעפֿטן. עמעס, מיט פּעטליורען האַלט עס ניט גוט, אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט מיסכער? פֿאַרן מיסכער איז עס עפּשער נאָך גלײַכער. דאָלאַרן גייען, ניין, ניט זיי גייען, זיי פֿליִען. און ווער עס גלייבט ניט, זאָל אַ קוק טאָן אויף יענעם טישל אין סאַמע מיטן פֿונעם טומלדיקן זאַל. דאָס טישל איז באַלאַגערט מיט מענטשן, נאָר עס זעט זיך פּאַרט, ווי עס שטייט דאָרטן אַ היציק־צעפּלאַמטער ייִד מיט אַ לײַטישער באָרד, די באָרד זײַנע איז צעפּלאָטערט פֿון גרויס האַנאָע, וואָס ער האָט, האַלטנדיק אין דער האַנט אַ היפּשן פּאַק דאָלאַרן.

— איך קויף! — שרײַט אַלע ווײַלע אויס דער ייִד. — איך קויף!..

און אַרום איר, דער באָרד, אַ גאַנץ קופּקעלע יונגעלײַט אָן בערד. די באָרד קויפֿט. די יונגעלײַטלעך פֿאַרקויפֿן. מע ציילט נײַע בלוי־קאָלירענע פּאַפּירלעך. מע גיט איבער פֿון האַנט צו האַנט גאָלד. מע באַהאַלט עס קימאַט ניט. און פֿאַר וועמען טאַקע באַהאַלטן זיך? צוליב וואָס?

אינעם גרויסן זײַטיקן צימער פֿון קאַפֿע געפֿינט זיך דער רעסטאָראַן גופֿע. דאָרטן הערט זיך שטענדיק עפּעס אַ רײַסנדיקע מוזיק, אַ מאַזורקע און באַלד נאָך איר אַ האָפּאַק. און ווידער — עפּעס אַ ווייגענדיקער וואַלס.

אומעטום הײַדאַמאַקעס, פּרויען, ראַש. און נאָר בײַ דער זײַט, בײַ אַ גרויסן טיש, אַ פּאָר צענדליק מענטשן אין ציווילע קליידער — רעשט פֿון פּעטליורעס רעגירונג. דאָ איז אַ ביסל שטילער, נאָר אויך געגנוג שיקער.

פֿון צײַט צו צײַט באַווײַזט זיך בײַם טיש אַ העל־בלויער זשופּאַן, אָדער עס שלײַכט דורך עמעצער מיט אַ פּאַרטפּעל אונטער דער האַנט — זאָל זיך דוכטן, אַז עפּעס ווייסט מען דאָ, עפּעס באַטראַכט מען, מע שפּילט זיך אין רעגירונג.

אַהער, אין דעם געהיימען ווינקל פֿונעם רעסטאָראַן, וואַרפֿט מען די גאַנצע צײַט בליקן פֿונעם טומלדיקן קאַפֿע.

מע ווײַזט אָן אויף איינעם גאָר אַ שטילן ווינקל בײַם לאַנגן טיש. דאָס ווינקל איז מיט דרײַ ייִדישע פּנעמער פֿאַרנומען. דאָס זײַנען די „ייִדישע מיניסטאָרן“, אַרײַנגערוקט די פּנעמער אין טעלער, כמורען זיי זיך פֿאַרגליווערט, זיצן און שווײַגן. ניט זיי ווענדן זיך צו קיינעם, ניט קיינער צו זיי. ווער האָט נאָך זיי געשיקט?

דער ייִד מיט דער לײַטישער באָרד האָט שוין באַהאַלטן דעם פּאַק דאָלאַרן. דער האַנדל איז פֿאַרענדיקט. איצט מעג מען שוין אַ שמועס טאָן וועגן אַנדערע זאַכן. ער טײַטלט מיטן פֿינגער אין ווינקל, ווו עס זיצט דער ייִדישער מיניסטער:

— קיין סאַקאָנע ניט! מיר האָבן דאָך עפּעס פּאַרט אַן אייגענעם גליד בא זיי — אַ ייִדישן מיניסטער!

דער צווייטער, אַ ביסל ייִנגער, איז, ווײַזט אויס, מער באַהאַוונט אין די לעצטע ידיעות און דערווידערט:

— אַ סוואָרע אָבער, אַז ער מאַכט הײַנט די פּלייטע, דער מיניסטער אונדזערער. ער ציט זיך הײַנט־מאָרגן אָפּ...

דער ייִד מיט דער לײַטישער באָרד גיט זיך אַזוי לײַכט ניט אונטער:

— האָט קיין דײַגע ניט, אַזאַ שטעלע פּוסטעוועט ניט לאַנג!.. ער פּאָרט טאַקע אַוועק אין הייליקן לאַנד, צו דער מוטער ראַכלס קיווער פּאָרט ער. אָבער אָט יענער, מיט דעם שוואַרצינקן בערדל, בלײַבט אויף זײַן אָרט. אָט זעט איר דאָך, זיי שושקען זיך, ער נעמט איבער די געשעפטן...

דער ייִנגערער שאָקלט פאַרזאָרגט מיטן קאָפּ.

— וועלכע געשעפטן? די פּאַגראָמען?!..

צום רעדל דערנעענטערט זיך אַ קלײנער, זשוואַווער פּאַרשוין מיט בלישטשענדיקע אייגעלעך, ער שטופּט זיך אין סאַמע מיטן פון די ריידנדיקע.

— הערט נאָר אויס מיך! אַ קאַשע איז דאָ פאַרקאָכט אויף אַ ברודיקן וואַסער, אַז זי האָט בא מיר שוין קיין שום טאַם ניט. אָט הערט נאָר אויס!.. מײַן שוועסטערס עלטער זונדל איז דאָך אַליין פון די בונדיסטן, ווייס איך דאָס אַקוראַט! פון סאַמע אָנהייב זײַנען יענע, די בונדיסטן, קוצעניו־מוצעניו געווען מיט פּעטליורען, געזעסן אויבנאָן אין דער ראַדע. דערנאָך איז דער שידעך געוואָרן אויס... האָבן זיך גענומען שאַדכענען די פּועלי־ציוניקעס. איצט אָבער, אַז דער מיניסטער, ווי רופט מען אים דאָרט, מענדל ראַוויניצקי, מאַכט, בעמעכילע, די פּלייטע — איז פאַ טאַקאָמו סלוטשאַיו האָט מען ווידער גענומען זוכן אַ נײַעם מיניסטער, געזוכט מאַמעש מיט ליכט. ביטאַ קיין באַלאָנים. קוים מיט צאָרעס אויסגעזוכט, באַרעכקע קוויטנין.

— סאָרע־גוטעס זונדל?

— אָט דעם גרויסן פּיקייעך?

— נו, יאָ. ייִסראָעל גלאַנץ האָט עס נאַראַיעט — ס'זאָל אים גרינגער זײַן מאַכן זײַנע מאַכינאַציעס מיט די פּאַדריאַדן. איצט איז קלאָר?

די ייִדן שאָקלען פאַרדראָסיק מיט די קעפּ.

די „ייִדישע מיניסטאָרן" דערפילן, ווײַזט אויס, אַז מע רעדט וועגן זיי. זיי הייבן אויף די אויגן, פּרוּוון אַ זוך טאָן אַ מער באַקוועמע פּאָזע און בלײַבן ווידער זיצן אין זייער גליוועריש.

דעם מיטן פון די דרײַ פאַרנעמט מענדל ראַוויניצקי, דער געוועזענער מיניסטער. ער איז ניט הויך, געפּאַקט. דער בלויער עלעגאַנטער אָנצוג פּרעסט אים אַ ביסל צונויף, און יעדע עטלעכע מינוט טוט ער זיך אַ צי, אַ גלײַך אויס און אַ פיר מיט דער האַנט, ווי דאָס קורצע פּידזשאַקעלע וואָלט אים געקוועטשט אין די אָרעמס.

ער הייבט אויף זײַנע שמאָלע, באַרויגעז־פאַרדײַגעטע אויגן, און, ניט האָבנדיק אויף וואָס צו פאַרהאַלטן זיי, לאָזט ער זיי גלײַך צום טעלער אַראָפּ — ער נעמט אָפּגיך און מיט גרויס קענטעניש איינס נאָך איינס קנעטן ברויט־קײַקעלעך.

זײַן פּאָנעם איז זויערלעך־אומצופרידן, ווי עמעצער וואָלט אים מיט גוואַלד און קעגן זײַן ווילן אין עפּעס אַ זײַטיקן און ווילדפרעמדן איניען פאַרשלעפּט.

יאַקאָוו באַרקאַן, זײַן טרײַסטער פרײַנט און סעקרעטאַר, איז הויך, לעפּיש־ברייט און צעשוווּמען, ווי טייג. מיט זײַנע וואַסעריק־בלויע, טאָמיד רויִקע אויגן פּינטלט ער פאַרווונדערט אין אַלע זײַטן, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין איין פרעגן בא זיך אַליין צי בא עמעצן: מיט וואָס זשע קאָן זיך דאָס ענדיקן?..

זײַן גאַנצע גוורע און פאַרשטאַנד ליגן אים, ווײַזט אויס, אין דער באָרד באַהאַלטן. כאַפּט ער זיך טאַקע יעדע רעגע אָן אין איר. זײַן שאַטענענע באָרד איז פײַן צעקעמט, באַשאָרן און ליגט אַזוי ראַכוועסדיק אויף זײַן ברוסט, ווי אַ נײַע, נאָך ניט געניצטע, הילצערנע לאָפּעטע.

לינקס פון ראַוויניצקין — דער נײַער, ערשט באַשטימטער מיניסטער, באַרעך קוויטני. ער זיצט שטאַלטנע, ווי סע פּאַסט פאַר אַ מיניסטער, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, און באַטראַכט מיט זײַן שוואַרץ, קונציק־געשאָרן בערדל און בוימלדיק־פײַכטע אויגן דעם אַרום.

כאָטש דעם בערדל פאַרמאָגט ער אַן אויסגעצייכנטן קאָליר פונעם פּאָנעם און געכאָוועטע, שוואַרצע וואַנצעלעך. און כאָטש אַרום איז ניט גאָר פריילעך, איז ער, ווי טאָמיד, האָפערדיק־גרינג און געזונט, און אַלץ איז ליב, און אַלץ איז ווויל. און טאַקע, פאַרוואָס ניט?

— אַז ראַווניצקי האָט פאַרשפּילט, הייסט עס דען, אַז ער, קוויטני, דאַרף זיך אָפּזאָגן פון זײַן היסטאָרישן גוירל?.. הייסט עס דען, אַז די פאָלקס־פּאַרטיי קאָן זיך אָפּזאָגן פון דער מעגלעכקײַט אַרויסטרעטן אויף דער אַרענע? ניין... דאָס וואָלט געהייסן גרײַזן קעגן דער געשיכטע...

2. דאָס מיידל אין שפּיגל

עס דערהערט זיך אַ נאָענטער שאָס און באַלד נאָכדעם עפּעס אַ טומל, דערשראָקענע קוילעס אַרום דער אַרײַנגאַנג־טיר.

אויף אַ רעגע, בלויז אויף אַ רעגע, טוט זיך דער ראַש ווי אַ ריס איבער, די טיר טוט מיט גוואַלד זיך אַן עפן — און מיטאַמאָל און עפּעס אויף אַן אומנאַטירלעכן אויפן קײַקלען זיך אַרײַן אין קאַפע עטלעכע מענטשן.

צוויי פון זיי שטופן זיך מיט די פּלייצעס אין קאַפע אַרײַן, האַלטן עפּעס אין די אָרעמס, באַמיִען זיך עס אויפהייבן, און זײַענדיק, ווײַזט אויס, ניט אימשטאַנד, לאָזן עס ווידער צום דיל אַראָפּ. איצט זעען שוין אַלע: אין קאַפע האָט מען אַרײַנגעטראָגן אַ טויט מיידל.

מע באַמיט זיך טראָגן איר קערפּער גלײַך, נאָר עס גיט זיך ניט אײַן. די פיס באַקומען זיך פאַרט העכער פונעם קאָפּ, און די קליינע שיכלעך מיט די געטאָקטע אָפּצאַסן זעען אויס מעשונע־מאָדנע.

די דרויסנדיקע טיר טוט נאָכאַמאָל דריבנע אַ קלונג. עס לויפט אַרײַן אַ פּאַרסאָפּעטצעכראַסטעטער ייִד. אין זײַנע פאַרויס־אויסגעצויגענע הענט האַלט ער אַ שוואַרץ פּרויִש פּאָרטפּעלעכל.

ער מאַכט עטלעכע אײַליקע טריט, קעדיי אָניאָגן די ייִדן מיטן טויטן קערפּער, האַלט אינדערלויפטן דאָס פּאָרטפּעלעכל און ווייסט ניט ווו אים אַהינצוטאָן. ער פאַלט אָבער באַלד אויף אַ געדאַנק — לייגט עס אַוועק אויף איר קערפּער, צו די פיס.

דער אוילעם אין קאַפע טוט זיך אַ וויג, אַפּריִער פאָרויס, נאָכדעם אויף צוריק און בלײַבט אויפן אָרט בײַ די טישלעך. אַ מורמל טראָגט זיך דורך איבער די טישן:

— אַ הײַדאַמאַק האָט זי דערשאָסן!

— פאַרוואָס?

— גלאַט אַזוי!

מע לייגט זי אַוועק אויפן דיוואַנטשיק אַנטקעגן דעם גרויסן פּירקאַנטיקן שפּיגל, אַ געדרעמלטן מיט רויטן פּליוש. דער שפּיגל פאַרנעמט קימאַט אַ האַלבע וואַנט, און איר גאַנצער מיידלשער קערפּער מיטן גלאַטן, פאַרקעמטן קאָפּ, מיטן גלײַכן ראַנד, זעט זיך אַזוי בוילעט אָן אין דער ראַם פונעם שפּיגל: דאָס פּאָנעם רויִק, נאָר די ווײַסקײַט, ווי אויף אַ מאַרמאָרסקולפּטור, און גרויזאַם־שטרענג הויכט זיך אין שפּיגל איר מיידלש־שלאַנקער קערפּער, געדרעמלט מיט רויטן פּליוש.

פונעם צווייטן צימער באַווײַזט זיך אַ שיקערע פּאָר. דאָס שפּאַנט אַטאַמאַן קוואַלדאַ מיט זײַן געהילף. ער שנײַדט דורך די קאַפע, הייבט אויף די פאַרלאָפּענע אויגן און שטויסט זיך אָן גלײַך אויפן מעס אין שפּיגל.

ער טרייסלט אויף צופרידן מיט די אַקסלען, טוט אַ פיר מיט די שיקערע הענט גלײַך אין שפּיגל אַרײַן און בלײַבט שטיין:

— סאַראַ ווײַלינקע!

זײַן געהילף, וואָס איז אויך שיקער, נאָר ניט אויף אַזאַ הויכן גראַד, טוט אים אַ צי פאַר די פּאָלדן פונעם זשופּאַן אויף צוריק.

— אַ שאָד נאָר, וואָס ניט קיין לעבעדיקע!

דער אַטאַמאַן קוואַלדאַ, וועלכער באַגרײַפט ערשט איצט, אַז ער איז „אַ ביסעלע שיקער", ווערט גוואַלדיק צערייצט און אויפגערעגט, וואָס מע האָט אים אָפּגענאַרט.

— Убрать!..

זײַן רויט שיקער פּאָנעם ווערט נאָך רויטער, ווי מיט בלוט אָנגעגאָסן. ער טוט אַ שמיץ מיט זײַן רימענער נאַהײַקע איבערן דיקן שפּיגל־גלאָז.

דאָס גלאָז גיט זיך ניט אונטער: דאָס מיידל, וואָס האָט אים אַזוי מיִעס אָפּגענאַרט, הויכט זיך נאָך אַלץ אינעם שפּיגל.

ער טוט א דריי די נאהײַקע אין די הענט, טוט א בראַך מיט רעציכע אפּצווייען איר דין געטאַקט הענטל (די שטעקלעך טוען אזש א פּײַף אינדערלופטן), און מיטן גאַנצן קויעד, וואָס ער פאַרמאָגט, טוט ער א קלאַפּ מיטן פויסט אין שפּיגל. מיט א דינעם קלונג און בראַז־געריי (א סימען — פון א טײַערן גלאָז) צעפאַלט זיך דער שפּיגל. א מיטלסטע גרויסע שטיק פאַלט אראָפּ מיט איר איבערגעקערטער שווארצער זייט גלײַך אפן טויטן מיידל און לייגט זיך אוועק אפן קערפער, ווי א שווארצער, הארטער צודעק.

אטאמאַן קוואלדא האָט פאַרבלוטיקט די האַנט, און מע פירט אים אוועק.

די ווילדע קוילעס און נאָכדעם דער קלונג פונעם צעבראָכענעם שפּיגל האָבן דערגרייכט ביזן זײַטיקן צימער — ביזן רעסטאָראַן גופא, און די „ידישע מיניסטאָרן", וואָס האָבן פאַרנומען דעם ווינקל פון דעם גרויסן רעגירונגס־טיש, האָבן זיך געטומען שטיל ארויסדרוקן פונעם צימער.

געשפּאַנט האָבן זיי דערבײַ מיט ניט־זיכערע, דריבנע טריט, געהאַלטן זיך נאָענט איינער לעם אנדערן, אין איין שורע: אפריער מענדל ראַווניצקי, דער געוועזענער מיניסטער, נאָך אים זײַן טרײַער פרײַנט און סעקרעטאַר יאַקאָוו באַרקאַן, און דער לעצטער אין דעם קייטעלע, דער נײַער, ערשט באַשטימטער מיניסטער באַרעך קוויטני.

אין קאַפע־צימע גייען די מיניסטאָרן ארײַן גראָד אין דעם מאָמענט, ווען ארום דעם טויטן מיידל פאַראַנדירט א הײַדאַמאַק מיט צוויי סאַניטאַרן.

דאָס שווארצע פאַרטפעלעכל וואַלגערט זיך אפן דיל. דער הײַדאַמאַק טוט עס כײַיש א כאַפּ, צעעפנט עס מיט זײַנע גראָבע, רויטע פינגער, ער נישטערט, קריכט פון איין אָפּטיילונג אין א צווייטער, שלעפּט ארויס פון דער זײַטיקער פאַרטפעל־קעשענקע א פּאַפּיר צונויפגעלייגט אינפירן, עקבערט אים מיט שטעכיקע בליקן.

א פּאָר קאַפע־באַזוכער גאַנווענען זיך אונטער, פּרוּוון כאַטש פון הינטער דעם הײַדאַמאַקס פּלייצע ארײַנקוקן אין פּאַפּיר — דערגיקן, ווער דאָס מיידל איז. דער הײַדאַמאַק איז פאַרקאָכט, אים דוכט זיך, ער האָט געפּאַקט א העכט. א טויטן, אָבער פּאַרט א העכט. און זײַנע קעציש־באַוואַנצטע ליפּן נעמען ארויסשעפּטשען א זילב נאָך א זילב: נאָמען און פאַמיליע — מאַריאַ בעלצאָווא. עלטער — פיר און צוואַנציק יאָר. גלויבן — פּראַוואָסלאַוונע...

דער הײַדאַמאַק איז אין קאַס — א רעכטגלויביקע!.. מיסטאָמע אַן איבערגעטאָנענע — מיר וויסן די קונצן!..

און ער האַקט ארײַן דאָס פאַרטפעלעכל אין דער טיפער זשופּאַן־קעשענע.

צווישן די קופּקעס גייט אוועק א געמורמל.

— הייסט עס, דאָס איז גאָר א קריסטן!

— הייסט עס, א געשיקטע. פון דאָרטן. פון די „גרויסע".

יעדער גיט עס א שושקע אפן אויער דעם צווייטן, דעם שאָכן, און טראָגט זיך אָפּ אין א ווײַטן ווינקל.

די מיניסטאָרן זײַנען געבליבן שטיין בא דער טיר, ווי באַליידיקטע, שטילע נאָכקוקער. זייער נײַגער איז אויסגעלאָשן. זיי האָבן זיך אָפּ גאָרנישט ניט געוווּנדערט, פון גאָרנישט ניט געווען איבעראַשט.

דער הײַדאַמאַק מיט די סאַניטאַרן האָבן אַן איבעריקע צערעמאָניעס, ווי עפּעס א מאַסע, א קער געטאָן דאָס מיידל גלײַך פונעם דיוואַנטשיק אפן טראַגבעטל און זײַנען ארויס פון קאַפע.

פון גאַס האָט זיך ווידער דערטראָגן א ראַש.

צוויי יונגעלײַטלעך האָבן זיך געריסן אין זאַל ארײַן. איינער — מיט א פּליושענעם קאַפּעליוש אין האַנט און מיט ברילן אף דער נאָז — האָט זיך אלץ געסטאַרעט געלאָסן ארויסצורידן זײַן נאָך פון פריער צוגעגרייטע וועגדונג.

דער הײַדאַמאַק, וואָס האָט אָפּגעהיט דעם ארײַנגאַנג פונעם גרויסן זאַל, האָט אָבער קימאַט ניט געהערט, וואָס יענער טײַנעט, און געהאַלטן אין איין איבערשלאָגן:

— באַפוילן — ניט לאָזן! באַפוילן — קיינעם ניט לאָזן...

דער יונגער מענטש מיטן קאַפּעליוש אין האַנט און מיט די ברילן אף דער נאָז האָט צום דריטן מאָל געלאָסן, ווי אף דער טריבונע פון א הויכער פאַרזאַמלונג, אײַנגעטײַנעט:

— א דעפּוטאַט פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג בין איך. און איך פאַרלאַנג זען דעם ידישן מיניסטער!

דער הײַדאַמאַק האָט ניט געהערט, וואָס יענער טײַנעט, נאָר אין דער זעלבער רעגע, ווען דער דעפּוטאַט פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט זיך אזוי פּײַן, געלאָסן געדרייט ארום דעם הײַדאַמאַק, האָט דער צווייטער יונגערמאַן דערזען די מיניסטאָרן.

מיט זײַן אײן־און־אײנציק אויג (דאָס צווייטע האָט מען אים נאָך אין פֿינפֿטן יאָר ארויסגעשמיסן בײַס „זעלבסטשוץ“) האָט ער באַלד דערקענט דעם מיניסטער מענדל ראוניצקי. ער האָט דאָך אים אַמאָל אזוי נאָענט געזען אַף אַ קאָנפֿערענץ פֿון די פּויאַלעציִעניקעס.

מענדל ראוניצקי האָט אין פֿאַרגליווערטער כמורעניש געשפּאַנט צום ארויסגאַנג פֿון קאַפֿע. אין פֿלינקער קער — און דער יונגערמאַן מיטן בלינדן אויג איז שוין געווען לעבן אים. ער האָט האַסטיק און שטײַף אָנגעכאַפּט ראוניצקין באַם אַרבל און אזוי, ניט אָפּלאָזנדיק דעם אַרבל, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ מוירע האָבן, אַז אָט־אָט רײַסט זיך יענער, מיטן אַרבל אינאיינעם, ארויס, ראַפּטום און מיטאַמאָל אויסגעשאָסן:

— ראַטעוועט! דרײַ טעג, אַז מע וואַרט אַף אַ שכיטע. אָט־אָט הייבט זיך עס אָן!

דער יונגער מענטש מיטן קאַפּעליוש אין האַנט און מיט די ברילן אַף דער נאָז איז אויך צוגעגאַנגען. ער האָט דערפֿילט, אַז מע מוז אויסגלײַכן זײַן כאַווערס ריד, מאַכן זיי אַ ביסל סאָלידער, — און ווידער און נאָכאַמאָל איידל און קײַלעכדיק, ווי ער וואָלט זיך געקליבן ארויסטרעטן אין דער גריבדונגס־פֿאַרזאַמלונג, געמאָלדן:

— באַפּולמעכטיקטע זײַנען מיר פֿונעם שטעטל כמעלניק, געשיקט האָט אונדז די קעהילע.

די כמעלניקער האָבן פֿון ביידע זײַטן געהאַלטן ראוניצקין פֿאַר די אַרבל, מיט האָפֿענונג און דערוואַרטונג אַרײַנגעקוקט אים אין פּאָנעם. דער געוועזענער מיניסטער האָט אומגעדולדיק אַ הייב געטאָן אַפּריִער איין אַקסל, דערנאָך אַ צווייטן, נאָר די יונגעלײַט האָבן זיך געהאַלטן פֿעסט...

מענדל ראוניצקי האָט אַראָפּגענייגט דעם קאָפּ און שוין אינגאַנצן ווי אַ פֿאַרורטיילטער און ניט מיט זײַן שטים ארויסגעברומט:

— ניט איך!

די כמעלניקער זײַנען געבליבן דערשטוינט:

— וואָס הייסט? איר זײַט דאָך אונדזער איין־און־אײנציקע האָפֿענונג!

דער סעקרעטאַר און טרײַער פֿרײַנט פֿונעם געוועזענעם מיניסטער יאַקאָוו באַרקאַן, וואָס איז ביז אַהער געשטאַנען אַ ביסל אין אַ זײַט, האָט זיך מיט זײַן העלפֿאַנטיש־צעשוואָמענער פֿיגור דערנעענטערט האַרט צו דער כמעלניקער דעלעגאַציע. ער האָט אַראָפּגענומען צוערשט די האַנט פֿון איין יונגנמאַן, דערנאָך די האַנט פֿונעם צווייטן און ווי דערקלערנדיק די כמעלניקער, וועלכע האָבן שוין גאָרנישט ניט פֿאַרשטאַנען, אַ טײַט געטאָן מיטן ווײַזפֿינגער ראוניצקין גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן:

— ניט ער!

און וועלנדיק שוין טאָמיד באַשיצן זײַן כאַווער און פֿרײַנט פֿון די אַלע נימעסע געשפּעטן מיט פּאָגראָמען, וואָס האָבן שוין צו אים קיין שײַכעס ניט, האָט ער באַרויגעז אַ טײַט געטאָן אין דער זשילעטקע (אַ שוואַרצע מיט געלע קוויטעלעך) פֿונעם נײַעם ערשט־באַשטימטן מיניסטער.

— ער!

באַרעך קוויטני האָט אין דער רעגע דערפֿילט די וויכטיקײַט פֿון זײַן עקזיסטענץ אַף דער וועלט און ווי אַ רופֿאַר אָפּגעהילכט:

— איך!

דער געוועזענער מיניסטער ראוניצקי האָט האַסטיק, ווי אײַלנדיק אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך אַ שווערן און נימעסן יאָך, ארויסגערעדט:

— צו מיר האָט עס מער קיין שײַכעס ניט! איך נעם מער קיין אָנטייל ניט אין דער פּאַנטאָמימע!

נאָר קוויטני האָט זאָרגלאָז ארויסגעקוקט מיט זײַנע אויגן, ווי רויִקע קאַליוזשקעלעך אין אַ שטילן וועטער. זײַן האַרץ איז געווען איבערגעפֿולט מיט פֿרייד פֿון זײַן נײַעם מיניסטערישן פּאָסט, פֿון זײַן נייער לאַגע. ס'איז דאָרט פּאָשעט קיין אָרט ניט געווען פֿאַר אַנדערע געפֿילן.

3. בײַ די טישן

שפּעט אין אָוונט, ווען דער האַנדל־טאָג איז לאַנג שוין פֿאַרענדיקט, באַווײַזן זיך אין קאַפֿע די עמעסע באַזוכער, די, וואָס פֿאַרברענגען דאָ שוין ניט איין יאָר. דערזען אָט די געסט, גייט צו זיי ארויס אַנטקעגן דער באַלעבאָס פֿונעם האָטעל „יעוראָפּא“ — אַ ציכטיקער, שיין־געקליידטער, אַריסטאָקראַטישער זאָקן מיט אַ ניט אַריסטאָקראַטישן פֿאַמיליע־נאָמען:

צירולניק. עס פאַרשטייט זיך, אַז קיין שרעער איז ער ניט און איז עס אויך ניט געווען. ס'איז אַזוי זיך, אַ פאַרדריסלעכע קליינינקייט. טאָן די געסט אים צוליב, זיי רופן אים ניט באַם נאָמען, נאָר סטאַם — „מאַסיע". און אויך ער ענטפערט אָפּ מיט דעם זעלבן „מאַסיע". און אַזוי זיצט ער אָט בא דעם, אָט בא יענעם טישל, ביז עס באַווײַזן זיך ניט קיין נײַע געסט.

און די געסט — זיי האַלטן אין איין קומען און קומען. אָט איז שוין געקומען דער דאָק־טער שוואַרץ, די „קאָפּ פון שטאָט", ווי עס האָט אים אַ נאָמען געגעבן דער שווער זײַנער, דער בייזער אָפּלאַכער — יִסראָעל גלאַנץ. און אָט איז שוין יִסראָעל גלאַנץ אַליין אויך גע־קומען. ער קומט ניט איינער אַליין. אים, דעם באַלעבאָס פון דער איינציקער פאַבריק, וואָס די שטאָט פאַרמאָגט, באַגלייט געוויינלעך דער געוועזענער פאָטאָגראַף בירמאַן. פון יענע צײַטן, ווען בירמאַן איז געווען אַ פאָטאָגראַף, איז אים פאַרבליבן נאָר איינס: דער נאָמען „ראַ־פאַעל", וואָס איז געווען אָנגעצייכנט אויף שילד פון זײַן פאָטאָגראַפיע. איצט איז בירמאַן פאַרטאָן אין אַנדערע, גרעסערע געשעפטן. ער קריגט פאַר יִסראָעל גלאַנצן פאַדריאַדן אין דער פעטליוריִשער אַרמיי. אָף דעם גייען בא זיי אַוועק די גאַנצע טעג. און ערשט אונטער־צײַט, ווען זיי פאַרטיקן זיך אָפּ מיט די פאַדריאַדן, קומען זיי ביידע אַהער אין קאַפע.

— אָט אַהער, אָט אַהער, — לויפט זיי אַנטקעגן דער באַלעבאָס פונעם קאַפע, — אײַער אָרט, מאַסיע גלאַנץ, האַלט איך שטענדיק פרײַ. ס'איז נאָר פאַר אײַך, מאַסיע גלאַנץ, נאָר פאַר אײַך...

און נאָך איין מענטש לאָזט זיך גיין יִסראָעל גלאַנצן אַנטקעגן — דאָקטאָר שוואַרץ, גלאַנצעס איידעם.

— אָ, דער קאָפּ פון שטאָט איז שוין דאָ! — טוט אַ זאָג מיט אַ שמייכל יִסראָעל גלאַנץ. דאָקטאָר שוואַרץ שמייכלט אויך. עס טוט אים האַנאָע, וואָס ער האָט אַזאַ קלוגן שווער, און ווײַל מע רעכנט זיך אין מישפּאָכע, זעצט מען זיך בא איין טיש.

— און שווישאַנעלע איז ניטאָ? — טוט אַ פרעג יִסראָעל גלאַנץ, באַזעצנדיק זיך אָף זײַן שטענדיקן אָרט.

— ניטאָ, — ענטפערט דאָקטאָר שוואַרץ.

צירולניק, דער באַלעבאָס פונעם קאַפע, רוקט דערווײַל פאַנאַנדער די שטולן, ער וואַרפט אַ בליק אָף די אָפיציאַנטן, וועלכע שטייען אַרום בופעט, קלײַבט אויס אַ מער געניטן, וואָס זאָל קענען ווי געהעריק באַדינען יִסראָעל גלאַנצן, דעם „פער" פון שטאָט. נאָר ווי צירול־ניק איז ניט באַשעפטיקט, הערט ער דאָך זייער גוט, וואָס מע רעדט באַם טיש, און האַלט פאַר נייטיק אַרײַנשטעלן אינעם פרעמדן שמועס אויך זײַנס אַ וואָרט:

— אַ שאָד, אַ שאָד, מאַסיע גלאַנץ, וואָס אײַער טאָכטער קומט ניט אַהער. דאָ איז גראָדע פאַראַן הײַנט איר באַליבטע שאָקאָלאַדע. איך געדענק, ווי זי פלעג האַלטן פון מײַן שאָקאָלאַד...

יאָ, געווען אַמאָל אַזאַ צײַט, ווען יִסראָעל גלאַנצעס טאָכטער פלעגט דאָ זײַן אָן אָפּטער גאַסט. צירולניק האָט געוווּסט, ווי צו שעצן אַזאַ גאַסט, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז גלאַנצעס טאָכטער איז אַ שײַנדל פאַרן קאַפע „יעוראָפּאַ". אָבער וואָס קאָן מען מאַכן, אַז מיט אָט דער צעבאַלעוועטער טאָכטער איז אַזוי שווער אויסצוקומען. וויפל האָט ער, צירולניק, געמוזט אויסשטיין פאַראיאָרן, ווען גלאַנצעס טאָכטער האָט פּלוצעם אָנגעהויבן פאָדערן, עס זאָל פאַר־ביטן ווערן דער נאָמען פונעם קאַפע. ס'איז געווען באַלד נאָך דעם, ווי אין ענגלאַנד איז אַרויס די באַלפור־דעקלאַראַציע. יִסראָעל גלאַנצעס טאָכטער האָט דעמאָלט אָפּגעדונגען די גאַנ־צע קאַפע אָף גאַנצע דרײַ טעג. און אַלע דרײַ טעג איז זי געזעסן דאָ און האָט אופגענומען די געסט מיט אַזאַ פאַראַד, גלײַך ווי אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע וואָלט זײַן אַ פּונקט, אַז דאָס גאַנצע ערעץ־יִסראָעל נעמט איבער אין אירע הענט ניט עמעץ אַנדערש, נאָר זי, שווישאַנע גלאַנץ. און באַלד ווי די דרײַ טעג זײַנען אַריבער, האָט גלאַנצעס טאָכטער אָנגע־הויבן פאָדערן פון צירולניקן, ער זאָל בײַטן דעם נאָמען פון קאַפע.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ נאָמען „יעוראָפּאַ"? — האָט זי מיט גרויס צעערגערונג גע־רעדט. — ווער קוקט זיך איצט אום אָף אַזוינס, ווי יעוראָפּאַ? איר האָט ניט געלייענט שפּענג־לערן, ווייסט איר ניט: יעוראָפּאַ גייט אונטער. וואָס האָט זי איצט די וועלט, יעוראָפּאַ? אײַער קאַפע וועט האָבן אַן אַנדער נאָמען. קאַפע „ירושאַלאַיִם" וועט זי הייסן. און זאָל עס אײַך ניט באַנק טאָן, איר האָט געלייענט, וואָס מאַקס נאָרדוי זאָגט וועגן יעוראָפּאַ? ס'איז דאָ נאָר „וויראַזשדעניע", גאַלע „וויראַזשדעניע" איז דאָ...

זי איז געווען אַ שטאַרק באַלעזנע, און איבערשפּאַרן זי איז געווען שווער. און דערצו איז זי געווען שוואַך אין געזונט, און שפּאַרן זיך מיט איר האָט מען ניט געטאָרט. נאָך פון קינדוויַיז אָן איז בא איר געווען אַ קליין הויקערל אַרום דעם לינקן אַקסל, אַ פּיצעלע, גאָר

א פיצעלע הויקערל, נאָר וויפל ייִסראָעל גלאַנץ האָט זי ניט ארומגעפירט צו די אויסלענדישע פראָפעסאָרן, וויפל מע האָט זי ניט געהיילט — דאָס פיצעלע הויקערל האָט דאָך ארויסגעסטאַרטשעט פון אונטערן לינקן אקסל. צי ווייל דאָס הויקערל האָט איר פארשוועריקט דאָס ריידן, צי ווייל זי איז געווען אזוי פארקאָכט אין דער קאַפע „ירושאַלאַים" — גערעדט האָט זי מיט גרויס צעהיצטקייט, די נאָז-לעפלעך אירע האָבן געפלאַטערט...

צירולניק האָט געפרוווט מיט שטילע ווערטער איינרעדן זי. ער האָט אפילע געפרוווט דערמאָנען איר, אז ער קען זי נאָך פון איר קינדהייט, ווען אלע פלעגן זי רופן „שוישאַנעלע".

— שוישאַנעלע, — האָט צירולניק שטיל א זאָג געטאָן צו איר, — דו גיב נאָר א טראַכט: ס'איז דאָך א קאַפע. אהער קומען דען נאָר דיינע פריינט? סע קומען אהער פארשיידענע מענטשן.

פון אַט די צווי ווערטער „דיינע פריינט" איז ארויס א גרויסע קריג. גלאַנצס טאָכטער האָט עס פארשטאַנען ווי א באַליידיקונג. זי האָט אין דעם איינגעהערט אן אומקאָוועד פאר די פלאַמיקע ציִעניסטן, וואָס וועלן זיך אופזאמלען אין קאַפע „ירושאַלאַים".

— עס געפעלן אייך ניט מיינע פריינט? — האָט זי בייז א זאָג געטאָן. — נו, איז גוט, מאָסיע צירולניק, מער וועט איר דאָ נישט אָנקוקן ניט מיך, ניט מיינע פריינט.

און זי האָט אירס געפּויעלט. דער ערשטער האָט אופגעהערט אריינקומען אין קאַפע דער העברעישער דיכטער יאַראָוואַי, וואָס פלעגט אלעמאָל פארנעמען א טישל אין א גאָר ווייטן ווינקל. צירולניק האָט ניט ליב געהאַט קוקן אין יענעם ווינקל. אים איז עפּעס געווען דערווידער אין דעם דאָזיקן טרייען באזוכער פון קאַפע. א דינלייביקער, א דין-האַלדזיקער, מיט דינע ליפּן, ווי פארוויאַנעטע בלעטער, ווען זיי פארלירן שוין זייער קאָליר, מיט דינע ראָזעווע אויערן, וואָס לויכטן זיך דורך, האָט יאַראָוואַי געהאַט דעם אָנבליק פון א מענטש, וואָס האָט בלויז צופעליק זיך פארזאמט אף דער וועלט. נאָר ער האָט פארמאָגט א גרויסן קאָפּ בלאָנדע האָר, וואָס האָבן געצויגן צו זיך אלעמענס בליקן. און צירולניק האָט זיך געזאָגט:

— אין אזא געשעפט, ווי מיינס, דאַרף זיין אזא מענטש אויך...

ער האָט זיך געצווונגען זיין וואָס מער העפלעך צום דיכטער יאַראָוואַי, פלעג צוגיין צו זיין טישל, כאַפּן א וואָרט פון די רייד, וואָס ווערן דאָ גערעדט. געהערט אַט די רייד האָבן אויך די אָפּיציאַנטן, האָט זיך זיי פארגעדענקט איינס א וואָרט „רענעסאַנס", און זיי האָבן אזוי טאַקע גענומען רופן דעם דיכטער יאַראָוואַי. עס פלעגט זיך טרעפן, אַן אָפּיציאַנט קומט אריין אין קיך אריין און רופט אויס אף א קאָל:

— דער רענעסאַנס האָט געהייסן זיך דערלאַנגען א טעלער בוליאָן...

— דער רענעסאַנס בעט, מע זאָל אים דערלאַנגען א ביפשטעקס...

צירולניק פלעג ווערן אין כּעס, אז ער פלעגט עס דערהערן. בא אים אין קאַפע האָט ער אזוינס דערלויבן ניט געקאָנט. און נאָך מער צוגעלאָזן איז ער געוואָרן צו דעם דיכטער יאַראָוואַי נאָך דעם, ווי יענער איז געקומען פון זיין רייזע קיין ערעץ-ייִסראָעל. אין קאַפע זיינען דעמאָלט צוגעקומען גאָר נייע באזוכער. פון די ארומיקע קליינע שטעטלעך פלעגן זיך צונויפפאָרן אַלטע מוידן, זיך באַזעצן בא די טישלעך און, ניט שעמענדיק זיך פאר קיינעם, גלאָצן אָפן דיכטער יאַראָוואַי, וואָס זיצט בא זיין טישל. ווער האָט עס דעמאָלט געקאָנט זיך ריכטן, אז ניט יאַראָוואַי, ניט ייִסראָעל גלאַנצס טאָכטער, ניט די מוידן, וואָס קומען פון די ארומיקע שטעטלעך, וועלן מער זיך נישט באַווייזן בא צירולניקן אין קאַפע?

עס טרעפט אַמאָל, אז צירולניקן טוט עס אפילע א ביסעלע באַנק, נאָר איבערטראַכטן וועגן דעם האָט ער קיין צייט ניט. דאָס געשעפט זיינס גייט גוט, עס גייט נאָך בעסער, ווי פריִער, אין קאַפע האָבן זיך באַוויזן גאָר נייע באזוכער.

צווישן די טישלעך דעפילירט דורך א שיינע פאָר: דער אָפּגעבליאַקעוועט-בלאָנדער, באַרימטער אדוואָקאַט פון שטאָט ארנאָלד מאַטוויִעוויטש בריסקער מיט זיין גראַציעזער, אויסטערליש-הויכער טאָכטער ראַשעל. פאָרויס — דער אדוואָקאַט, זיין רעכטע האַנט אויסגעשטרעקט, ער צעשטופּט א ביסל דעם עולם, וואָס נישטערט צווישן די טישלעך — ער גיט א מעגלעכקייט פריי דורכשפּאַנען זיין טאָכטער.

ראַשעל, מיט א פארהויבענעם קאָפּ אונטער דער שוואַרצער סאַמעטענער הוט מיט ברייטע ראַנדן, טרעט אוף מיט אירע פארשפּיצט-שאַרפע באַוועגונגען, ווי די עמעסע קיניגין פון דער ראַשיק-אופגעלאָפּענער קאַפע, זי זשמורעט אירע קוילנדלעך-אויגן, וואָרפט מיט זיי אין אלע זייטן, א ביסל מיט נייגער, א ביסל מיט ביטל, און אפילע ייִסראָעל גלאַנץ, וואָס

האַלט זײַנע שמייכלען אַף אַ שטרענגן דיסקאַנט, נעמט נאָך פונדערווײַטן צושאָקלען איר מיטן קאָפּ.

בריסקער מיט זײַן טאָכטער ראַשעל פאַרנעמען אַ טישל בישכיינעס מיט גלאַנצן, אַזוי אַז גלאַנץ האָט די פולע מעגלעכקײַט, אויסקערעווענדיק אַ ביסל דעם קאָפּ אַף רעכטס, אונטערהאַלטן דעם שמועס מיט ראַשעל.

גלאַנץ — בעטעווע ניט קיין באַריידעוודיקער — מײַדט ניט אויס די געזעלשאַפט פון אָט דער יונגער פרוי, וועלכע האָט, פונקט ווי ער, אַזאַ גוסט צו דעם לעבן אין אויסלאַנד, ווו זי שטודירט שוין וויפל יאָר. גלאַנץ האַלט פון ראַשעלן. בריסקער פּילט עס.

— עך... אומזיסט געראָפן מײַן ראַשעלעטשקען קומען אהיים אַף קאַניקולן, זי וואָלט געקאָנט פאַרברענגען דעם זומער אין באָדען־באָדען אָדער ערגעץ אַנדערש, ביז דאָס אַלץ וואָלט זיך אײַנגעטרייסלט...

ראַשעל טוט זיך ווי אַ וואָרף מיט איר שפּיציק־שאַרפער באַוועגונג:

— פּאַפּאַ, ס'איז דאָך אַזוי אינטערעסאַנט!..

דער אוילעם לאָזט ניט אַרויס פון אויג די בעקאַוועדיקע באַזוכער פון קאַפע, די בריסקערס, דעם טאַטן מיט דער טאָכטער. ס'פּעלט אָבער די קרוין פון דער מישפּאָכע, בעדי לעווינסקי, דער אַלטער בונדאָוועץ מיט דער זײַדענער באָרד.

ראַפאַעל, וועלכער מוז אומעטום און אַלעמאָל אַלץ וויסן, איז דאָ. ער פאַרנייגט זיך פאַר ראַשעלן:

— זײַט געגריסט, מאַדאַם!.. ניט קעדײַ געווען קומען צוליב אַזוינס פון אויסלאַנד!.. און ווו איז אײַער מאַן, דער הער לעווינסקי? אַלץ אַף זיצונגען?

ראַשעל רוקט זיך צו נעענטער צום פּאַפּאַ:

— ער וועט באַלד זײַן דאָ. ער דאַרף קומען אהער נאָך אונדז... נאָך מיר און נאָך דעם פּאַפּאַ.

ראַשעל פּאַסט אַ ביסל ניט זיצן אָט דאָ, אין אַנוועזנהײַט פון אַזויפיל מענטשן, מיט ראַפאַעלן. ער, ראַפאַעל, האָט אָבער געטראָפן אין פּינטל, ווי ער וואָלט געליינט אירע געדאַנקען. ראַשעל איז צעערגערט: ווו איז בעדי? ווען ניט זײַנע נאַרישע גיינישן, וואָלט איר איצט געווען אַזוי אינטערעסאַנט!.. דער ראש פון קאַפע רעגט זי אַ ביסל אוף, קרעפּטיקט זי, קימאַט ווי אין יענע פריילעכע טעג אין דער ווילער זשענעווע. אָבער ווו איז בעדי?

און ווי אַן ענטפער אַף אירע מאַכשאָוועס, באַווײַזט זיך איר אויסדערווײלטער, בעדי לעווינסקי, דער אַלטער בונדאָוועץ מיט דער יונגער זײַדענער באָרד.

נאָך פונדערווײַטן טוט ער גרינג אַ מאַך מיט דער האַנט אין דער ריכטונג, ווו עס זיצט ראַשעל. ער סטאַרעט זיך האַלטן פרײַ, געמיטלעך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מענטשן, וואָס איז אויסגעפּאָרן וועלטן. ער לאָזט זיך פּאַרויס, נאָר גראַדע אין דער רעגע ווערט ער אָפּגעשטויסן אַף צוריק. אַ שיקערער הײַדאַמאַק נעמט זיך ראַנגלען מיטן שווייצאַר, וואָס פאַרשטעלט אים דעם וועג.

בעדי לעווינסקי איז מעטושטעש. די זײַדענע ברעמען זײַנע כמורען זיך אָן. די בוימלדיק־טרויעריקע אויגן פאַרציט אַ כמאַרע. ער לײַדט שטאַרק. ער האָט אַגמעסנעפּעש.

— ס'וועט אַמאָל נעמען אַ סאָף צו אָט דעם כאַאָס? — שוין דעם וויפלטן מאָל פאַר הײַנטיקן אינהערפּרי לויפט דורך באַ אים אָט דער געדאַנק.

אַ שלאָבעריקער, דערנענטערט ער זיך צו ראַשעלס טישל, טוט אַ קוש איר האַנט, וואָס יענע האָט לויט איר געוווינהײַט געשפּרייט אים אַנטקעגן, און פאַרנעמט דעם שטול, וואָס ראַפאַעל האָט אים אָפּגעטראָטן.

ראַשעל האָט פּײַנט אָט דעם זויערלעכן אויסדרוק אַף בעדיס פּאָנעם. ראַפאַעל באַמערקט עס. ער מוז פאַרגלעטן, זאָגן עפּעס ליבס אָט דער פּראַכטפולער דאַמע.

— מאַדאַם! אײַער הער האָט אַ געטלעך פּאָנעם!.. אַן אויסגעגאָסענער כריסטאָס!..

ראַשעל ווערט צוגעלאָזטער. זי לייגט אוועק איר האַנט מיטן שוואַרצן אַגאַט אַף בעדיס אַקסל.

— ניקי! בעדי איז צו אומרויִק! כריסטאָס — דאָס איז רו!

בעדי דערפילט: ראַשעלס צאַרטע, שמאָלע האַנט מיטן אַגאַט ליגט אַף זײַן אַקסל, גיסט אים אָן מיט שטאָלץ, קרוינט אים אַף וויכטיקע, גרויסע מײַסים. נאָר וועגן דעם וויסט נאָר ער אַליין. איר ענטפערט ער אָפּ פון דער גרינג:

— טײַערע! מע קאָן דען זײַן רויִק אין אַזאַ אומרויִקער צײַט!

ראַשעל זעצט פאַר איר וואָרט־געפּעכט ניט אַזוי פאַר אים, דעם מאַן בעדי לעווינסקי,

ווי פאַר גלאַנצן, פאַר ראַפאַעלן, פאַר דער גאַנצער קאַפּע, וואָס קוקט אַף איר מיט צענדלי־קער אויגן.

— און מײַן דעוויז איז: רו, רו אומעטום און אַלעמאָל! — טוט זי א וואָרף מיט אַן אויסגעשוליטער, נערוועז־שפּיציקער באַוועגונג איר קעפּל אַף אַרוף.

אַרנאָלד מאַטוויייעוויטש גיסט זיך אָן מיט פּאַטערישן שטאָלץ:

— בראַוואָ! בראַוואָ, ראַשעלעטשקאַ!

גלאַנץ ווערט אויך אופגעוועקט פון זײַן דרעמל. שווער אַטעמענדיק און פּאַמעלעך, מיט אַ גליווער־שמייכל אַף די ליפּן, קערט ער זיך אויס צו ראַשעלן:

— !Да! Да רו פאַרלירן — הייסט אַלץ פאַרלירן!

באַם טישל ווערט לעבעדיק. נאָר בעדי לעווינסקי, דער אויסגעגאָסענער כריסטאָס, זיצט אַנגעכמורעט שווײַגנדיק. ער האָט אַגמעסנעפעש. נו, וואָס, אַשטייגער, האָט ער צו טאָן מיט אָט די אַלע לײַט, ער, דער סאָציאַל־דעמאָקראַט? צוליב וואָס איז ער אַהער געקומען? סײַדן צוליב ראַשעלן?! אָבער זי איז דאָך נאָך אַ קינד...אַ קאַפּריז קינד...

פונעם שכײניש צימער דערטראָגט זיך אַ ראַש. בעדי לעווינסקי שפּיצט אָן די אויערן. וואָס קומט דאָרט פאָר? פּעטליורע איז אַפּגעפּאָרן. אָבער די רעגירונג בלײַבט אַ רעגירונג. און דאָרט, באַם רעגירונגס־טיש, ווערן הײַנט אַנגענומען וויכטיקע באַשלוסן. „בונד" טאָר ניט שטיין בא דער זײַט.

ערשט נעכטן, ווען דאָס שטילשווײַגן פונעם בונדישן צענטראַל־קאָמיטעט האָט שוין גענומען ערגערן, איז פּלוצעם אַנגעקומען אַ ידיע: בונד גייט ביזן סאָף מיט פּעטליורעס רעגירונג — דאָס איז דאָס איינציקע מיטל ראַטעווען די נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע.

בעדי לעווינסקי פאַרטראַכט זיך. מיט גאָר ניט זעענדיקע אויגן קוקט ער ערגעץ אין דער ווײַט, פאַרביי דער קאַפּע. אָך, ווען מע וואָלט פאַרויס געקאָנט זען, וווהין דאָס אַלץ וועט זיך אַ קער טאָן? אַ ניט ווילנדיקער זיפץ רײַסט זיך אַרויס פון זײַן ברוסט.

ראַשעל טוט בייז אַ ווונק צו אים מיט אירע קווילנדלעך־אויגן. דאָס מאָל איז זי שוין בעעמעס בייז. זי קאָן ניט לײַדן אָט די זיפצן.

און ווי אַפּצולאַכעס דערזעט ראַשעל: איינער אַ ייִד, אָט יענער מיט די פאַרטרויערטע אויגן, דער, וואָס דאָקוטשעט שטענדיק איר בעדין, שטייט בא דער אַרײַנגאַנג־טיר פון קאַפּע, ער מאַכט עפּעס מיט דער האַנט צו בעדין, רופט אים. זי איז בייז.

בעדי לעווינסקי ווייסט: אין דער מינוט, ווען ראַשעל איז אַזוי קאַפּריז און צעערגערט, דאַרף ער דאָ מיכלען דעם בונדאָוועץ ניט האָבן. עס קאָן נאָך דערגיין צו אַמפּערנישן. פלינק הייבט ער זיך אוף און לאָזט זיך גיין אַנטקעגן מיכלען.

— ראַשעל, טײַערע, כ'מוז זאָגן אַ פּאָר ווערטער אָט דעם מענטשן!.. נאָר אַ פּאָר ווער־טער...

— ווערטער... ווערטער... — בייזערט זיך ראַשעל. — וויפל איז דער שיר צו זאָגן ווערטער?

ראַשעל קאָן מער ניט פאַרלײַדן קיין ווערטער. דאָרט, אין זשענעווע, פאַר זייער אוועק־פאָרן אַהער, אַהיים, האָט זי פון אים גענוג ווערטער אַנגעהערט זיך. רעוואָליוציע — רופט! רעוואָליוציע — דאָס איז פרייד! רעוואָליוציע — דאָס איז עקסטאַז! ווי שטילע גלעקלעך אַף דער זומערדיקער לאָנקע, האָבן אָט די ווערטער אײַנגעוויגט איר האַרץ.

און דעמלט, ווען זיי האָבן זיך שוין, אַלס באַשערטע פּאָר, געלאָזט אַהיים, קיין רוסלאַנד, האָט זי, ראַשעל, טאַקע געמיינט, די רעוואָליוציע רופט, פאָדערט, ער בעדי לעווינסקי, איר אויסדערוויילטער, וועט פאַרנעמען דאָס גרעהעריקע אָרט, דאָס אָרט פון אַ לידער. נאָר בעדי לעווינסקי שפּאַנט צו מיכלען. וויך, קימאַט קיינעם ניט אָנרירנדיק, לאַווירט ער צווישן די טישלעך. מיכל קוקט אַף אים ווי איך אַן אויל־עם־האַטויע. די נעפּלדיקע וויכטיקײַט, דער ראַש פון קאַפּע, די מוזיק, וואָס הערט ניט אוף צו שפּילן, פאַרטויבן, פריטשמעליען אים. ער פאַרשטעקט אַף אַ רעגע די אויערן. נאָר, ווי אין באָד, רײַסט זיך דער ראַש אָפּ און טוט זיך באַלד ווידער אַ פּליעסק אין די אויערן אַרײַן.

— אַז מע זאָל אָן אָבשטשעסטווענעם מענטשן דאַרפן זוכן אין אַזאַ גענעם!..

מיכל שטעלט אוף דעם קאָלנער פון זײַן אויסגעריבענעם פּאַלטישיקל, וויקלט זיך אײַן טיפער אין די פּאָלעס, ווי ער וואָלט זיך וועלן אויסבאַהאַלטן פון אָט די אַלע שלעק.

— איך דאַרף אײַך עפּעס זאָגן! — שטרעקט ער אויס זײַן קאָפּ פאָרויס.

— זאָגט!

— אָט אין אָט דעם הו־האַ? אָט אין אָט דעם גענעם? קומט אַרויס אַף אַ ווײַלע...

נאָר בעדי לעווינסקי אײַלט. ער ווייסט, ער דאַרף באַלד אומקערן זיך צוריק, צו ראַשעלן.

— אוועק פונדאנעץ קאָן איך ניט. פאַראַן סיבעס, וואָס האַלטן מיך דאָ, אין קאָפּ... איר האָט עפּעס נײַעס?

מיכל, דער שטילער, נאָכגיביקער מיכל, פאַרלירט דעם געדולד.

— נײַעס?! און מיט דעם אַלטן וואָפּראָס זײַט איר שוין פאַרטיק? איך גיי ערשט פון פאַבריק... דאָרט גייט אַלץ דאָ האַרי נאַגאַם!.. מע האָט צעוואָרפן בלעטלעך באַנאַכט. אַ סאַך... אָט ווי אַ האָגל האָבן זיי באַשאָטן די סטאַנאָקעס.

— מיר ווייסן אָט די שפּיצלעך... דאָס זײַנען באָלשעוויסטישע שטיק.

— נאָר איר ווייסט עס? אַלע ווייסן שוין איצט באַרעכהאַשעם. די באָלשעוויקעס גרייטן אָן אופשטאַנד. און מיר, ווו זײַנען מיר?! ווו איז אונדזער וואָרט? ווו איז דער קאָמיטעט?

— „בונד" מישט זיך ניט אין אַזוינע זאַכן. „בונד" גייט זיך מיט זײַן וועג.

דער שמועס האַקט זיך אָפּ. אַרנאָלד מאַטוויִיעוויטש בריסקער, וואָס גיט פונדערווײַטן אַכטונג אַף זייער שמועס, הייבט זיך אויף פון זײַן אָרט, לױפט צו צו בעדי, שטעלט זיך אַנט־קעגן אים, מיט דער פּלייצע צו מיכלען, קלוימערשט ניט באַמערקנדיק יענעם.

— ראַשעלעטשקע רופט דיך! — נעמט אים אָן אַרנאָלד מאַטוויִיעוויטש פאַרן אַקסל. — ראַשעלעטשקע רופט דיך! — כאַזערט ער נאָכאַמאָל איבער, אַפּרײַסנדיק בעדי לעווינסקען פון מיכלען.

ער כאַפּט אונטער בעדי לעווינסקין אונטערן אָרעם, טוט אַ טײַט מיטן פינגער אין דער ריכטונג, ווו ס'שטייט מיכל, און זאָגט אַרויס, ווי צו קיינעם ניט:

— איר, יונגערמאַן, וואָלט געמעגט ווייסן: אַף אַלץ איז דאָ אַ צײַט. מענטשן פאַרווײַלן זיך. ערגאָ — לאָזט זיי צורו.

בעדי לעווינסקי מיט זײַן שווער אַרנאָלד מאַטוויִיעוויטש בריסקער דעפּילירן דורך צוריק פאַרבײַ די טישלעך.

בעדי לעווינסקי איז צעטראָגן. די פאַרב שטעלט זיך אים אין פּאָנעם. אַזוי באַגייט מען זיך מיט אַ מענטשן? ער האָט אַגמעסנעפּעש, שטאַרקן אַגמעסנעפּעש...

4. פּעדעם

אַז קוואַלדע האָט זיך אויסגעניכטערט און דערהערט וועגן דער געשיכטע מיט דעם מיידל, וואָס מע האָט דערשאָסן, האָט ער געגעבן אַ פאַראָרדענונג דערגייק, וועער איז זי, אָט דאָס מיידל. דערווײַל זאָל מען זי אוועקלייגן אין אַ מאָרג. און שוין גאָר שפּעט אין דער נאַכט זײַנען צוויי הײַדאַמאַקעס, מיט מאַשעס טויטן קערפּער אַפן וואָגן, אַרײַנגעפאָרן אין הויף פונעם שפּיטאָל. די הײַדאַמאַקעס זײַנען געווען שיקער און בייז, ניט געוואָלט לײַדן, וואָס מע צווינגט זיי אַרומשלעפּן זיך מיט אָט דעם טויטן מיידל... אָט ווען מע וואָלט געקאָנט אָפּפאַר־טיקן זיך — איינס און צוויי — אַ שלײַדער טאָן זי אין ראָוו אַרײַן...

דער שפּיטאָל איז געשלאָפן. ס'איז געווען פינצטער. נאָר ווו־ניט־ווו האָבן אָפּגעגלאַנצט די רעשעטלעך פונעם ווײַסן שניי און צעריסן די כאָשכעס... די הײַדאַמאַקעס האָבן זיך אַ שטופּ געטאָן אין איין אַרײַנגאַנג, אין אַ צווייטן — פאַרמאַכט. ס'האָט זיי דורכגענומען די פאַרטאָגיקע קילקײַט, און זיי האָבן גענומען טראַסקען אין אַלע טירן און אַרײַנגאַנגען. דער שפּיטאָל־הויף איז געגאַנגען כאַדאָראָם.

— נעמט אײַך אײַער פייגער!.. נעמט אײַך אײַער פייגער!.. — האָט געליאַרעמט איינער.

— שטילער, שטילער!.. — האָט אים דער צווייטער געצוימט. — דו פּילסט דאָך אויס אַ באַפעל...

אין אַ ווײַטן ווינקל האָט זיך באַוויזן שײַן. און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אָפּן גאַנעק אַרויס דער אופזעער פונעם שפּיטאָל. דער אַלטער איז שוין געוווינט צו אַזוינס. שוין די ווייפּלטע וואָך אַזוי: ניט קיין נאַכט, ניט קיין טאָג — מע פאָרט, מע קלאַפּט, מע ליאַרעמט.

דער אַלטער ווייסט — פאַראַן נאָר איין מיטל פּאָטער ווערן פון זיי: נעמען אויך שרײַען, וועלן זיי, קאָן זײַן, אָפּטשעפּען זיך, לאָזן צורו.

— אוועלכער שווערץ־יאָר האָט אײַך, טײַוולאָנים, געבראַכט אַהער? וואָס דאַרפט איר דאָ? ס'איז דאָך אַ שפּיטאָל, ניט קיין צווינטער!.. פאַרנעמט זיך פונדאַנען...

די שטרענגקײַט פונעם אַלטן האָט זיי אַ ביסל אויסגעניכטערט.

— נו, נו, ריר זיך דאָרט, אַלטער!.. און טו וואָס מע באַדאַרף!.. קוואַלדאַ אַליין האָט אונדז געשיקט.. באַהאַלט אויס אָט די מויד... זי איז שוין פאַרטיק... נאָר.. ס'פּירט זיך אַ „דאָזנאַניע"... דאַרף מען זי היטן...

דער אופּזעער האָט גענומען אין די הענט אַ לאַמטערן און איז צוגעגאַנגען צום פורל. פון אונטער דער ראָגאָזשע האָבן אַרויסגעקוקט אַף אים צוויי געטאַקטע אַפּצאַסלעך.

די היידאַמאַקעס זיינען געקומען צו־זיך און גענומען קאָמאַנדעווען:

— מיר ווייסן, וואָס מיר טוען... אַ שטיבל פאַר טויטע איז דאָ פאַראַן, ווי רופט זיך עס באַ אייך... אַ מאָרג... איז לייג זי דאָרט אוועק... נאָר פאַרשליס... אַף אַ שלאָס... און דעם שליסל גיב אונדז... זאָלסט מער קיינעם ניט לייגן אַהין... דאָס איז פאַר איר... ביז דער דאָזנאַניע... אַזוי האָט אָנגעזאָגט דער אַטאַמאַן אַליין.

דער אַלטער איז אַוועק נאָך די שליסל פונעם מאָרג. עפּעס אַן אומקלאָרער געדאַנק איז דורכגעשווומען באַ אים אין קאָפּ. און אַז ער איז ווידער אַרויס אַפן גאַנעק און אַ בליק געטאָן אַפן וואָגן, פונוואַנען ס'האָבן אַזוי אויסטערליש־טרויעריק אַרויסגעקוקט די אַפּצאַסלעך, האָט ער שוין געוווּסט אַף זיכער: דאָס איז זי, מאַשע בעלצאָווא.

באַ דער זייט, אין גאָר אַ וויינטן ווינקל פונעם הויף, האָט זיך געפונען דער מאָרג. דער אַלטער האָט זיך געלאָזט אַהין, אַ היידאַמאַק האָט גענומען דאָס פערד אונטער דער צוים און נאָכגעפירט נאָכן אַלטן.

דער אַלטער האָט אופגעשלאָסן די טיר און ברייט זי צעעפנט. די היידאַמאַקעס האָבן געשלעפּט דעם טויטן קערפּער, אַוועקגעשליידערט אים אַפן טיש, וואָס איז געשטאַנען אין־מיטן מאָרג.

דער אופזעער האָט אַ בליק געטאָן אַפן מיידל, און ס'האַרץ האָט אים פאַרקלעמט:

— אַזאַ יונגס!..

ער האָט געאיילט וואָס גיכער פּאַטער ווערן פון די היידאַמאַקעס, באַפרייען דעם קערפּער פון די מערדערישע הענט, לייכט אונטערגעשטופּט די היידאַמאַקעס צו דער טיר און אַרויס נאָך זיי. באַלעבאַטיש פאַרלייגט די טיר מיט אַ פּרענטע און אופגעהאַנגען דעם שווערן שלאָס. דעם שליסל באַרויגעזידיק איבערגעגעבן דעם היידאַמאַק.

די היידאַמאַקעס האָבן זיך אַרופגעכאַפּט אַפן וואָגן, ווו עס איז אָקאָרשט געלעגן דאָס מיידל, און מיט פריילעכן קוראַזש פאַרשוווּנדן אין טויער.

דער אַלטער האָט אָפּגעעטעמט פריי:

— אַרויסגעריסן פון די מערדערישע הענט!..

אַף מאָרגן איז דער אַלטער פּעסקאָ, ווי שטענדיק, געווען באַ דער אַרבעט: די קאַסטע־ליאַנשע האָט געפּאַדערט וועש, די קיך — פּראָדוקטן, די אַפּטייק — מעדיקאַמענטן. און ס'איז ניט געווען, און ניט געווען, און ניט געווען... ס'איז געווען קאַלט — און מע האָט געדאַרפט זיך דערשלאָגן, די אופּראַווע זאָל עקסטראַ אויסשרייבן אַ ביסל האָלץ, ס'איז געווען הויל און הונגעריק — און מע האָט געדאַרפט פּויעלן, דער פעלדליורישער אינטענדאַנט זאָל אַרויסגעבן אַ ביסל שפּייז און כאָטש באַ אַ צענדליק קאָלדרעס (דער שפּיטאָל האָט באַדינט אויך היי־דאַמאַקעס).

און האָבנדיק דאָס אַלץ אין זינען, האָט דער אַלטער פּעסקאָ ניט אופגעהערט טראַכטן זיינס — וואָס וועט זיין מיטן טויטן מיידל? ער האָט גוט געדענקט, אַז באַ אים אין שטוב אין אַ זייטיקן שופלאַד ליגט אַ צווייטער שליסל פונעם זעלבן שלאָס, מיט וועלכן ס'איז פאַר־שפּאַרט דער מאָרג. מע דאַרף גיין נעמען יענעם שליסל, מע דאַרף ווידער אַ קוק טאָן: איז דאָס זי, טאַקע זי? דער טאָג איז שוין פאַרביי. די קראַנקע — ווער סע דרעמלט, ווער סע ליגט אַפן בעט און הערט זיך איין אין דער שטילקייט. דער שפּיטאָל מיט אַלע זיינע ווייטעקן ווערט ווי איינגעשטילט.

דער אַלטער פּעסקאָ לאָזט זיך צום מאָרג. ער עפנט אוף דעם שלאָס, קעדיי, קלוימערשט, אַריינשטעלן אַהין אַ פּאָר טראָגבעטלעך, און שטיל, ווי צו אַ ציטעריקער זאַך, דערנעענטערט ער זיך צו מאַשען.

איר קערפּער ליגט אויסגעקרימט־צעכראַסטעט, ווי נאָך אַ שלאַכט...

מיט זיינע אַלטע, דינע פינגער מאַכט ער איר צו די אויגן, באַפרייט שטיל איר רעכטע האַנט, וואָס האָט זיך אונטערגעבויגן, בייס די היידאַמאַקעס האָבן איר קערפּער אַ שליידער געטאָן אַפן טיש, גלייכט איר אויס דעם קאָפּ, וואָס איז עטוואָס פאַרוואָרפן אַף צוריק... אַ לעבעדיקע צניעסדיקייט קוקט אַרויס פון איר רונדן, מיידלשן געזיכט. אַפילע דער קאָליר פונעם פּאָנעם האָט זיך נאָך קימאַט ניט געביטן.

— מאַשע, — שעפּטשעט דער אַלטער, — וואָס האָט מיט דיר געטראָפן, מאַשע?..

פעסקאַ געדענקט זייער גוט יענעם טאָג, ווען מאשע בעלצאָווא האָט זיך צום ערשטן מאָל באוויזן אין שטאָט. זי איז געקומען גלײַך צו אים אין שפּיטאָל, ווו ס'איז געווען די באָלשעוויסטישע יאַווקע, און ער האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקן, ווען ער האָט זי דאָ דערזען. אים האָט זיך געדוכט: „ליסע נאַרא" האָט געוואָרפן אַן אויג אַפן שפּיטאָל. אָבער שפּעטער — זיך צוגעוווינט צו זען ארום זיך מאשען, געזען זי קימאַט יעדן טאָג. און אָט האָט מען זיך ווידער באַגעגנט!

עס דוכט זיך דעם אַלטן: ניט אַ פרעמד מיידל, מאשע בעלצאָווא, ליגט דאָ פאַר אים, נאָר זײַן בלוטיק־אייגענע, אומגעקומענע טאָכטער.

— מאשע... טעכטערל מײַנס...

שטיל פאַרנייגט זיך דער אַלטער פעסקאַ פאַרן מיידלשן קערפּער און לייגט צו זײַנע ליפּן צו איר יונגן, קאַלטן שטערן. אַ רעגע שטייט ער אַזוי אין ווייטעק און אין גליוער:

— טאָכטער מײַנע!.. טאָכטער מײַנע!..

פאַראַן דאָ אין שפּיטאָל נאָך אַ מענטש, וואָס ווייסט אַלץ: דער אײַזנבאַנער יעגאָר דיאַטלאָוו. שוין אַ וואָכן צווײ, אַז דער אַלטער פעסקאַ באַהאַלט אים אויס דאָ, אין שפּיטאָל.

יעגאָר דיאַטלאָוו איז ניט קיין שטענדיקער אײַנוווינער פון שטאָט. נאָך קיין יאָר ניט אַוועק, ווי ער איז געקומען אַהער און געשטעלט זיך אַרבעטן אין דעפּאָ. צוגעגאַנגען איז עס אַזוי: ניט באוויזן האָט נאָך זײַן אַקסל אויסרוען פון דער ביקס, וואָס ער האָט אַף זיך געטראָגן אין מעשעך פון דער גאַנצער מילכאָמע, ניט באוויזן האָט ער אָנקומען קיין מאָסקווע, אומקוקן זיך, ווי מאָסקווע האָט באַפוילן: ווידער נעמען די ביקס אין די הענט.

נאָר דאָס מאָל האָבן זיך די הענט אַליין צו דער ביקס געצויגן. טויזנטער שלאַכטלײַט האָבן זיך ווידער אַ צי געטאָן צום געווער.

און אַז די רויטגוואַרדייער האָבן, ווי שאָטנס, געשלײַכט צו מיאַסניצקע, צו דער צענטראַלער טעלעפאָן־סטאַנציע, איז יעגאָר דיאַטלאָוו געווען דאָרט.

ער איז עס געווען דער, וואָס האָט אַראָפּגענומען פון דער וואַך אַ באוואָפנטן יונקער און, אַן איבערגעטאָנענער אין יענעמס יונקערישע קליידער, דער ערשטער אין דער טעלעפאָן־סטאַנציע אַרײַנגעריסן זיך.

און נאָכדעם, כאָדאָשימלאַנג, האָט ער, יעגאָר, שוין אַליין ניט געוווּסט — וועלכער וועמען סע האַלט: די אַרבעט — אים, יעגאָרן, אָדער, פאַרקערט, יעגאָר — די אַרבעט, ווײַל ניט אָפּצוטיילן איז געווען איינס פונעם צווייטן.

אין קאָך פון די טעג, נאָך לאַנגע וואָגלענישן, האָט עס יעגאָרן פאַרוואָרפן אַף אוקראַיִנע. איצט איז ער געקומען אַהער, אין דער פּעטליורישער קרוינשטאָט, און גענומען טאָן די אַרבעט, צוליב וועלכער מע האָט אים געשיקט.

געאַרבעט בײַז, מיט רוכעס, ווי אַ טײַוול.

טאָג און נאַכט, נאַכט און טאָג. און אַלץ, אַלץ גייט אים אַראָפּ גלאַט, אַלץ געלינגט, ווי אַלע מאַלאָכים וואָלטן אים פון בײַז אויסגעהיט.

אומעטום אַף דער ליניע, אַרוף, וויניצאַ—פּראָסקוראָוו, און אַראָפּ, וויניצאַ — קאַזאַטין, זײַנען דאָ בײַ אים אייגענע מענטשן. זיכערע, אַז ס'וועט שלאָגן די שאָ — וועט מען טאָן, וואָס מע דאַרף.

דעם לעצטן מאָל, ווען מע האָט צעוואָרפן בלעטלעך אין שטאָט, האָבן די פּעטליוראָוצעס גענומען טשאַטעווען נאָך דיאַטלאָוון, און ער איז שיר ניט אַרײַנגעפאַלן אין די הענט צום אַטאַמאַן קוואָלדאַ. ווען ניט די אײַזנבאַן־אַרבעטער, וואָס האָבן אַרויסגעפירט אים דורך דעם פּאַקהאַוז, וואָלט מען אים געוויס געפאַקט, טאַקע דאָ, אין דעפּאָ.

ער האָט דעמלט דאָ אַ פּאָר שאָ איבערגעוואַרט בײַ אַן אַרבעטער פון דעפּאָ, און שפּעט באַנאַכט האָט דער אַלטער פעסקאַ צוגעשיקט נאָך אים די פלעקטיפוס־קאַרעטע, וואָס האָט אים בעשאָלעם געבראַכט אין איזאָליאַטאָר, ווו ער געפינט זיך אַדהײַנט.

יעגאָרן איז טכילעס אַ ביסל סומנע געווען אָפּליגן גאַנצענע טעג איינער אַליין אינעם פוסטן איזאָליאַטאָר. די פיס האָבן געגאַרט גייִן, די הענט — טאָן אַ מעלאָכע. מע האָט געדאַרפט אָנווענדן אַ שיר קויעך אַף אויסלערנען די פיס ניט גיין, די הענט — ניט אַרבעטן, דאָס האַרץ — ניט נאָגן.

— אַזוי דאַרף זײַן... ס'וועט געשען נאָר דאָס, וואָס דאַרף געשען... איבערטראַכטן איז ביטאָ וועגן וואָס...

אַזאַ איז זי, יעגאָרס שטענדיקע טעווע: קענען האַלטן זיך אין די הענט...

און איך דער זיכערער האַנט פון דעם אַלטן פּעסקאָ פילט ער זיך אַפילע געמיטלעך. נאָר היַינט איז יעגאָר אומגעדולדיק.

— ווו איז דער אַלטער? שויך קימאַט אַ מעסלעס, אַז מע זעט אים ניט... צי באַטיַיט עס ניט עפּעס שלעכטס?

און אַז ער דערפילט טריט, באַקאַנטע, געמאָסטענע טריט פונעם אַלטן פּעסקאָ, שפּרינגט ער שיר ניט אויף:

— פאַרגעסן וועגן מיר, פּאַפּאַשע, איאָ?

פּעסקאָ געפּעלט די ווענדונג. דאָס זעט מען אין דעם שטיקעלע שמייכעלע, וואָס באַהאַלט זיך אויס בא דעם אַלטן אין די ציכטיקע וואָנצעס.

דער אַלטער איז אָבער ניט געוווינט לאַנג קוויקן זיך מיט עפּעס:

— נו, לאָמיר, זונעלע, צוטרעטן צום טאָך... ניט קיין גוטע יעדיִע: מאַשע איז דאָ, אָבער אַ טויטע... די היַידאַמאַקעס האָבן זי אַליין געבראַכט אַהער...

דער אַלטער דערציילט וועגן דער וויסטער נאַכט.

יעגאָר האָט זיך אָנגעכמורעט.

— כמורע זיך ניט... — ווענדט זיך צו אים דער אַלטער. — דו זאָג בעסער, זונעלע, וואָס טוט מען איצט מיט איר? שוואַרציאָרעניקעס ווילן דאָך נאָך קומען מיט זייער „דאָזנאַניע"... יעגאָר פאַרדעקט דאָס פּאָנעם מיט דער דלאָניע — אַזוי זעט ער שאַרפער. ער הייבט אויף דעם קאָפּ, פאַרבינדט די בענדלעך פונעם שפּיטאָל־העמד.

— די „דאָזנאַניע" טויג פאַר אונדז ניט... מיר דאַרפן עס ניט... מאַשעס טויט דאַרף אַ דונער טאָן... אַ קלאַפּ טאָן איבער הערצער... אַ הייב טאָן... ברענגען אונטער אונדזער פאָן די, מיט וועמען זי האָט אָט ערשט מיט דריַי טעג צוריק גערעדט, געאָטעמט... אַ לעבעדיקע, אַן אייגענע.

דער אַלטער דרינגט זיך דורך מיט עפּעס אַ פיַיערלעכקיַיט. ער האַלט אָבער פאַר זיַין כויוו וואָרענען:

— אָבער ווי טוט מען עס, זונעלע?.. אין שטאָט טוט זיך כווישעך!.. נאָך דעם ווי דו ביסט אַנטלאָפן... פון אונטער די הענט ניט געסטיַיעט... איז די שטאָט פאַרפּלייצט מיט שפּיקעס...

יעגאָר פאַרדעקט נאָכאַמאָל דאָס פּאָנעם מיט דער דלאָניע, וואַרפט איבער זיַינע געדאַנקען אַהער, אַהין... און די לאַגע ווערט פאַר אים קלאָר:

— באַערדיקן מאַשען אַפן רוסישן בעסוילעם וועלן מיר ניט קאָנען. מיר האָבן דאָרט קיינעם ניט. באַערדיקן מוז מען זי אַפן ייִדישן בעסוילעם. מיר האָבן דאָרט אַן אייגענעם מענטשן, דעם יונג — כאָנקע. אַ טיַיערער באָכער. דורך אים, פּאַפּאַשאַ, דאַרף מען עס אַלץ באַוואָרענען. און דורך די וועבערנס... דעריקער געבן צו וויסן די וועבערנס...

כאָנקע, אַ פריילעך־פּולבלוטיקער יונג, האָט ביז דער מילכאָמע געשעמט פאַר אַ גאָל־דענעם אַרבעטער.

— אַז די מעלאָכע זינגט אין זיַינע הענט! — פלעגט זיך באַרימען זיַין טאַטע, דער אַלטער קוואָרעסמאַן.

— צי אַ שניַידער, צי אַ מעלער, צי קאַדאָכעס אַפן טעלער... — האָט זיך כאָנקע אַליין געוווערטלט.

און צו זיַינע צוויי צענדליק יאָר האָט ער שוין באַוויזן אָפּאַרבעטן אַ פּאָר יאָר אַף דער קרופּאָדיאָרקע, פונקט אַזויפיל אין דער ביר־ברויעריַי, דערנאָך אַ יאָר אַף דער וועבער־פאַבריק, בא ייִסראָעל גלאַנצן. און ווער ווייסט, ווי הויך דער יונג וואָלט זיך אַרופגעאַרבעט. נאָר זינט כאָנקע איז פון דער מילכאָמע געקומען, איז ער ווי פאַרביטן געוואָרן.

— האָדיע!.. געַנוג פונמיַינעטוועגן!.. קיין שום אַרבעט... אַ באַהעלפער בא מיַין טאַטן דעם קוואָרעסמאַן. און פאַרטיק...

גערעדט האָט מען אין שטאָט, אַז דער יונג האָט זיך אָוועקגעלאָזט אַף גאָר אַ געפער־לעכן וועג. איינייִנעם מיט אַנטאָנקע גראַטשן שפּאַנט מען איבער די דערפער, מע שמועסט דאָרט מיט פּויערים, געוועזענע זעלנער, ווער ווייסט וועגן וואָס... אָבער ווי נאָר ער קערט זיך אום פון די דערפער, איז ער ווידער דער זעלבער כאָנקע, ווי געווען. ווידער האַלט ער זיך אַרום זיַין טאַטן, דעם קוואָרעסמאַן, ווידער טרעט ער ניט אָפּ פונעם בעסוילעם. אַהער, אַפן בעסוילעם, איז עס געקומען דער אַלטער פעלדשער פּעסקאָ. דאָ האָט ער זיך באַגעגנט מיט כאָנקען, און נאָכדעם איז שוין אַלץ צוגעגאַנגען גאָר פּראָסט.

איינייִנעם מיט נאָך אַ מעס, אַ וויַיבל, וואָס איז געשטאָרבן אין דעם זעלבן טאָג, האָט מען מאַשען אין אַ קאַרעטע פונעם שפּיטאָל אָפּגעפירט אַהין, אַפן בעסוילעם. קעדיי ס'זאָל אויסזען וויניקער פאַרדעכטיק, געטאָן עס אינמיטן העלן טאָג.

נאָך א שאָ פאר דעם ווי די קארעטע פונעם שפיטאָל איז אריַין אין די בעסוילעם־טויערן, איז דער אלטער פעסקאָ שוין געווען דאָ. ביינעש דער קוואָרעסמאַן האָט שוין באַוויזן אויסגראָבן בא דער זיַיט פונעם וועג, קימאַט באַם פעלד, א גרוב פאר מאשען.

דריַי נאקעטע בערעזקעלעך האָבן עס ווי פארצוימט. און אין דער זעלבער רעגע, ווי דער בעסוילעם־יונג כאַנקע און דער אלטער פעסקאָ האָבן אָף די הענט צוגעטראָגן דעם אָרן צו דער פריש־אויסגעגראָבענער גרוב, האָבן זיך פון די שכיינישע קוואָרים ווי אָפגעטיילט עטלעכע וועבערנס, זיי האָבן שטיל איבערגענומען אָף זיך דעם אָרן און געטראָגן אים ביז דער סאמע גרוב.

אַן אלטע וועבערן מיט א ביינערדיק־געטאָקט פּאָנעם און מיט טרערן אין די אויגן האָט א שאָט געטאָן דעם ערשטן הויפן רויערד... פעסקאָ—דעם צווייטן... די ערד האָט דריבנע א קלאַפּ געטאָן איבערן אָרן...

צוויי ארבעטערנס זיַינען זיך פארגאנגען אין א יאָמערדיקן כליפּען. און כאַנקע מיט זיַין טאטן, דעם אלטן ביינעש, מיט לאָפּעטעס אין די הענט, האָבן איַיליק גענומען פארשיטן די גרוב.

ס'זיַינען נישט געווען ניט קיין קרענץ, ניט קיין רעדעס. נאָר א סימען—א שווערן שטיין האָט דער אלטער פעסקאָ איבערגעלאָזט אָפן פריש אָנגעשאָטענעם בערגל.

5. אף דער בלינדער גאס

פון זינט מאשע בעלצאָווא איז געפאלן אין גאס א דערשאָסענע אף טויט, זיַינען בא דעם אלטן פעסקאָ צוגעקומען פיל ניַיע זאָרגן און ניַיע גענג. פריִער פלעגט ער קיין סאך איבער דער שטאָט ניט אומגיין. ער פלעגט געוויינלעך אָפּדעזשורען אינעם שפיטאָל זיַינע שאָען—אמאָל באַטאָגיקע, אמאָל באנאכטיקע—און ווי נאָר זיַין ציַיט האָט זיך פארענדיקט, פלעגט ער אויסטאָן פון זיך דעם וויַיסן כאלאט און גיין צו זיך אהיים—אין קליינעם שטיבל, וואָס שטייט אין א ווינקל פונעם גרויסן שפיטאָל־הויף. איצט איז זיַין פיר געוואָרן אנדערש. נאָכן אָפּדעזשורען א טאָג אָדער א נאכט טוט ער אלץ נאָך ניט אויס פון זיך דעם וויַיסן כאלאט, ער שטאָפּט אָן די כאלאט־קעשענעס מיט אלערליי מיקסטורן און זאלבן, ווארפט ארוף אף די אקסלען דאָס אָפּגעבליאַקעוועטע, גרין־געוואָרענע פעלצל, וואָס ער האָט נאָך העט־אמאָל געבראכט פון דער מילכאָמע אין מאנדזשוריע, און לאָזט זיך גיין איבער דער שטאָט. אלע קענען אים און אלע פארשטייען—דאָס גייט ער באזוכן די קראנקע, וואָס ליגן אין די שטאָט־היַיזער. אין שפיטאָל איז לעצטנס געוואָרן שטארק ענג, קיין אָרט פאר די קראנקע קלעקט ניט, קומט צו זיי דער אלטער פעסקאָ אהיים, ווו זיי זאָלן ניט ליגן—אף די הויפּט־גאסן פון שטאָט, אָדער אף דער הודאָווקע, אָדער גאָר אף דער „בלינדער גאס״. אָפטער פון אלץ זעט מען אים טאָקע, ווי ער קריכט אום איבער די קרומע, געבויגענע שטיבלעך פון דער „בלינדער גאס״.

די גאס הייבט זיך אָן קימאַט נאָך אין סאמע מיטן שטאָט. באלד נאָך די פּריצישע היַיזער נעמט זיך ציִען דער הויכער גרינער פּארקן, וואָס ענדיקט זיך מיט שווערע געקאָוועטע טויערן. דער פּארקן זוימט ארום א צווישטאָקיק הויז מיט א סאך קליינע פענצטערלעך.

די געביַידע מיט אירע קליינע פענצטערלעך און שטעכיקן דראָט איבערן פּארקן איז שטארק ענלעך צו א טפיסע. נאָר קיין טפיסע איז עס ניט. דאָס איז די פאבריק, וואָס געהער דעם שטאָטישן גוויר, יִיסראָעל גלאנץ.

אָנגעהויבן האָט זיך עס פון א קאַטאָוועסל. איינעם מיט איידעלער שניט־סכוירע פאר זיַין איידעלער שניט־קראָם האָט יִיסראָעל גלאנץ געבראכט פון מאָסקווע א וועב־מאשין און גענומען אויסארבעטן פּאַשעטע ביַיוולנע קאָפּטיכלעך. אין א פּאָר יאָר ארום איז אין דער גאנצער געגנט ניט געווען קיין איין פרוי, וואָס זאָל ניט באגליקט ווערן מיט גלאנצס א געקעסטלטן קאָפּטיכל.

די שטיבלעך פון דער „בלינדער גאס״ זיַינען נאָך מער געבויגן געוואָרן. דאָ, אין די שטיבלעך, האָט מען פון קאדמוינים געארבעט אף היליצערנע סטאנאָקעס, האָט עס די וועבער באלד א זעץ געטאָן—אָן ברויט געלאָזט, גלאנצן אָבער—א הייב געטאָן, געמאכט פאר א גוויר.

איצט איז די פאבריק שוין געוואָרן בעעמעס א פאבריק, געארבעט האָבן דאָרט בא א פינף הונדערט מאַן, און מע האָט זיך גוט געוואָרגן מיט דאכקעס און נויט.

נויט און דאַכקעס האָבן געוואָרגן, אָבער ניט דערוואָרגן. און אַף צעפּיקעניש די רײַכע, וועלכע האָבן, ווי געוויינלעך, אינמיטן שטאָט געהויזט, האָט די „בלינדע גאַס“, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט ווײַבער און וועבערנס, נאָך געגנוג בראַווע מוידן און יונגען אַרויס־געגעבן. קרעפּטיקע, געזונטע, פרישע.

אַזעלכע צוויי מוידן, צוויי טעכטער — כיענע און ליובע — זײַנען געוואַקסן בא כײַע־ביילע דער בעקערן. דאָ, אַף דער „בלינדער גאַס“, זײַנען זיי געבוירן געוואָרן, דאָ אויסגע־וואַקסן, דאָ האָבן זיך זייערע נעשאָמעס געוואָרצלט, ניט אָפּצורײַסן פון דער ערד.

געוווינט האָט כײַע־ביילע אין אַ מאָדנער געבײַדע: אַמאָל־אַמאָל איז דאָ אַ צווייגאָרנדיק שטיבל געווען. דער ערשטער גאָרן איז אָבער שוין לאַנג אין דער ערד אײַנגעזונקען, דאָס צווייטע גאָרנדל אויך צעפאָרן, אויסגעקרימט זיך, און די גאַנצע דירע האָט מיט זיך פאַר־געשטעלט אַ מין בוידעם, וווהין ס׳האָבן געפירט צעבראָכענע, געדרייטע און איבערגעדריי־טע טרעפּ. ס׳איז גאָר ניט פאַרשטענדלעך געווען, ווי קלעטערן זיי גאָר אַרוף אין זייער אויַ־בערשטיבל, ווי האָבן זיי גאָר ניט מוירע דאָס לעבן אײַנשטעלן, אַז אָט־אָט צעפאַלט זיך דאָס אַלץ מיטן בוידעם אינאיינעם.

נאָר כיענען און ליובען איז דאָס ווייניק אָנגעגאַנגען. זיי האָבן זיך געפילט אַקוראַט, ווי זייער אייגענע גוורע וואָלט דאָס איבערשטיבל אונטערגעהאַלטן.

און אַליין כײַע־ביילע, וועלכע האָט זיך גוט אָנגעפּינצטערט, ביז זי האָט די טעכטער צום לעבן אַרויסגעשלעפּט, האָט זיך איצט אַף דער עלטער פון זיי מיט פרייליכקײַט אָנגע־נומען.

— די מאַלפּעס מײַנע קלעטערן שוין... — טוט זי אַ זאָג, דערזעענדיק פון פענצטער, ווי די מוידן שלעפּן אַ זאַק מעל פון דער מאַמעס וועגן.

כײַע־ביילע לויפט אַרויס אירע טעכטער אַנטקעגן, אינאיינעם מיט זיי שלעפּט זי דעם זאַק מעל, און די שטוב ווערט פול מיט פריילעכן ראַש און געטומל. נאָר אַ צײַט שויך, ווי בא כײַע־ביילען אין שטוב איז איימעדיק־שטיל געוואָרן. עס טרעפט זיך, איינע פון די טעכטער כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ הויך וואָרט אָדער גאָר מיט אַ לידל, טוט די צווייטע טאָכטער באַלד אַף איר אַ קאָסע מיט די אויגן:

— שאַ, דו...

און זי ווינקט אַפן קלײנעם צימערל, ווו עס ליגט צו בעט דער פאָטער זייערער. דער פערטער כוידעש שויך, ווי ער ליגט אַ געליימטער. געלעגן פריער אין שפּיטאָל, מ׳האָט גע־מיינט, דאַרט וועט ער זיך שטעלן אַף די פיס, נאָר אַז מ׳האָט דערזען, די געליימטקײַט פאַרבלײַבט, האָט מען אים געבראַכט אַהיים. אָט דאָ ליגט ער, אין דעם בוידעם־שטיבל, ווו כײַע־ביילע האַלט דעם גאַנצן טאָג אין איין קנעטן און באַקן. און אַהער קומט עס איצט אָפּטלעך דער אַלטער פּעסקאָ מיט די מיקסטורן און זאַלבן, וואָס שטעקן אין אַלע קעשענעס פונעם ווײַסן כאַלאַט.

ס׳איז שוין געווען ניט ווײַט צו האַלב טאָג. כײַע־ביילע האָט אַרײַנגעזעצט אין אויוון דאָס ברויט און איז אַוועק אין מאַרק אַרײַן. דאָס ברויט האָט שוין צײַט געהאַט זיך אויס־באַקן, און פון אויוון האָט געזעצט אַ געשמאַקער, וואַרעם־אָטעמדיקער רייעך. ער האָט זיך אויסגעמישט מיט אַן אַנדערן, אַ שטיקנדיקן שטוב־רייעך — מיט מעל־שטויב.

כאָטש ס׳איז שוין געווען אַרום האַלב טאָג, האָט כיענע נאָך ניט פאַרזוכט פון קיין שלאָף. אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט אַף דער פאַבריק, און אַלץ נאָך קיין כיישעק ניט געהאַט זיך צולייגן אַף אַ רעגע. די לעצטע צײַט טרעפט זיך עס מיט איר גאַנץ אָפט. פון זינט מאַשע בעלצאַווא איז אומגעקומען, האָט זיך אָנגעהויבן טרעפן אַזוינס. דער קאָפּ איז שטענ־דיק פול מיט אַזויפיל איבערטראַכטענישן, אַזויפיל איבערקלערענישן. אָט איז הײַנט אויך דאָס זעלבע. כיענע קערט די שטוב, זי טוט אַזאַ געוויינלעכע אַרבעט, און זי איז, דאַכט זיך, אַליין אין שטוב, נאָר עפּעס קומט אויס, ווי זי וואָלט זײַן דאָ אין שטוב ניט אַליין. נו, יאָ, אָט דאָ, בא דעם זעלבן טיש, איז דאָך ניט לאַנג צוריק געזעסן מאַשע בעלצאַווא, עפּעס האָט זי גע־זאָגט אַזוינס, עפּעס האָט זי אָנגעזאָגט. נו, איז דאַרף מען דאָך אַלץ פאַרגעדענקען, און מע דאַרף פאָלגן, מע דאַרף טאָן, וואָס מאַשע האָט אָנגעזאָגט...

די שטוב איז שויך געווען אויסגעקערט. דער מעל־שטויב האָט זיך אָבער אײַנגעגעסן אין אַלע ווינקעלעך, אין אַלע שפּעלטעלעך פון די ווענט, פון די פענצטער, פון דער פּאָד־לאָגע. אַן אַנדערש מאָל וואָלט עס כיענע אפילע ניט באַמערקט. הײַנט האָט עס איר עפּעס גאָר באַזונדערס דערלאַנגט. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז אין דעם איז זי אויך שולדיק. זי האָט געגנוג שטאַרקע הענט, זי האָט געקאָנט מאַכן אַזוי, אַז דער מעל־שטויב זאָל ניט אַזוי

שווער לייגן זיך אפן הארצן. ווער ווייסט, עפשער וואָלט דעמלט דער טאַטע געקאָנט קומען צו־זיך, שטעלן זיך אף די פיס. האָט זי אָבער באַצײַטנס וועגן דעם ניט א טראַכט געטאָן. אז קיין זאַך טוט זי ניט באַצײַטנס.

זי האָט מיט א ווילדן קויעך גענומען אָפּווישן דעם מעל־שטויב פון די ווענט, פון די פענצטער. זי האָט שוין אפילע געפויעלט בא זיך, אז אָט באַלד נעמט זי זיך וואַשן די פּאָד־לאָגע. אין דער רגע איז אַרײַנגעקומען דער אַלטער פּעסקאָ.

דאָס פּעלצל זײַנס איז געווען צעכראַסטעט, עס האָט זיך אַרויסגעזען דער ווײַסער כאַלאַט, די קעשענעס, וואָס זײַנען אָנגעשטאָפּט מיט מיקסטורן און זאַלבן.

— דער טאַטע שלאָפט? — האָט ער א פרעג געטאָן, טײַטנדיק אפן צווייטן צימערל. — זאָל ער שלאָפן.

— וואָס רעדט איר? — האָט כיענע זיך פאַרוווּנדערט. — ער וועט דערהערן, אז איר זײַט דאָ, וועט ער דען שלאָפן? אָט באַלד זאָג איך אים.

— ניין, זאָל ער שלאָפן, — האָט פּעסקאָ זי פאַרהאַלטן. — און דו ביסט דאָ איינע אַליין?

— איינע אַליין, — האָט כיענע געענטפערט.

— נו, איז זאָל ער זיך שלאָפן, זאָל ער שלאָפן.

כיענע האָט פאַרשטאַנען, אז געקומען איז ער ניט צו איר פאָטער, נאָר צו איר. פונ־דעסטוועגן האָט ער אַרויסגעלייגט אפן טיש א פּאָר פּושקעלעך מיט זאַלב, א פלעשעלע מיט א מיקסטור, ער האָט צעוויקלט א היפּשע שטיק מאַרליע, אוועקגעלייגט א פּאַק וואַטע.

— זאָל עס ליגן, — האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין כיענען, — מיר דאַכט, עמעצער איז מיר נאָכגעגאַנגען. און דיר גייט מען ניט נאָך? האָסט ניט באַמערקט, זאָגסטו? איז נאָך בעסער. וועט דיר גרינגער זײַן אַרויסצופאָרן.

— אַרויסצופאָרן? — האָט איבערגעפרעגט כיענע.

— אָט דאָס, וואָס דו הערסט: אַרויספאָרן. מע דאַרף, זאָלסט אַרויספאָרן. ניט אף לאַנג, און ניט ווײַט אויך, ביז דער סטאַנציע קאַזאַטין דאַרפסטו נאָר צופאָרן. נאָכדעם וועסטו א ביסל גיין צופוס...

וואָס ווײַטער ער האָט גערעדט, אַלץ מער האָט ער געצווימט זײַן שטים. כיענע האָט אײַנ־געהערט ניט אַלע זײַנע ווערטער, אָבער אויך דאָס, וואָס זי האָט געהערט, איז איר געווען שווער צו פאַרשטיין. ווי האָט זי געקענט אײַנגיין דערויף? לאָזן זיך פאָרן ערגעץ, פאַרלאָזן די וועבער־פאַבריק, פאַרגעסן אַלץ, וואָס מאַשע בעלצאָווא האָט איר אָנגעזאָגט דאָ צו טאָן. ניין, דערויף קאָן זי ניט אײַנגיין, דאָס טאָר זי ניט טאָן.

— דו דאַרפסט עס טאָן, — האָט שטיל געמאָנט פון איר פּעסקאָ.

— אָבער מאַשע בעלצאָווא האָט אָנגעזאָגט... — האָט געפּרוּווט עפּעס זאָגן כיענע.

פּעסקאָ האָט ניט געוואָלט אויסהערן ביזן סאָף:

— וועסט קומען אַהין, וועסטו זאָגן: מאַשע איז אומגעקומען, מיר דאַרפן א מענטשן, וואָס זאָל פאַרבײַטן מאַשען. צי עפּשער קאָנסטו זי פאַרבײַטן? זאָג, דו קאָנסט?

— איך פאָר... — האָט גאָר שטיל א זאָג געטאָן כיענע.

איצט איז שוין געבליבן צו ריידן נאָר וועגן איינס: ווען און וויאַזוי זאָל כיענע זיך אַרויסגאַנווענען פון שטאָט, ווו קוואַלדעס הײַדאַמאַקעס היטן אָפּ יעדן וועג צום פראָנט.

— פאָרן וועסטו אַליין, נאָר אַרויסבאַגלייטן וועט דיך אונדזערער א מענטש — כאַנקע, — האָט פאָרגעלייגט פּעסקאָ.

— און אַליין וועל איך פאַרפאַלן ווערן? — האָט, ווי אַלעמאָל, מיט א צולאַכעכל א זאָג געטאָן כיענע.

פּעסקאָ האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר אין דער מינוט האָט אין שטוב זיך באַוויזן נאָך איינער א מענטש. זײַן אַרײַנקום איז געווען אזוי אומגעריכט, אז ביידע — אי פּעסקאָ, אי כיענע — האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו אים.

— פּעטראָ!

— וואָס טוסטו דאָ?

פּעטראָ ראַבטשיק איז נאָך געווען זייער יונג. ער איז דאָ געווען דער ייִנגסטער, נאָר דער נייטיקסטער — אָן אים זיך באַגיין איז ניט מעגלעך געווען. ער האָט געאַרבעט אפן טעלעגראַף, פלעג אָפּזיצן א גאַנצן טאָג באַם אַפּאַראַט „מאָרזע" און פלײַסיק אויסקלאַפּן אַלע דעפּעשעס פון פּעטליורעס רעגירונג. די פּעטליוראָווצעס האָבן אים געהאַלטן פאַר אן איי־גענעם, אויסגעפּוצט אים, ווי אן עכטן הײַדאַמאַק, אין א בלויען זשופּאַן, אים אָנגעטאָן אפן בלאָנדן קוטשעראָוון קאָפּ א הויך סמושקענע היטל — און אויסגעזען האָט ער טאַקע ווי זייער גלײַכנס. ערשט נאָכן גאַנצן טאָג אַרבעט, ווען אין דרויסן איז שוין געווען גאָר פינצטער,

פלעגט דער טעלעגראַפיסט, גייענדיק אַהיים, זיך אַרײַנכאַפּן צו דעם אַלטן פעלדשער אין סאַד אַרײַן, אָפּזיצן דאָרט מיטן פעלדשער ניט מער ווי עטלעכע מינוט, נאָר דאָס איז אויך געווען גענוג, אַז די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע זאָל וויסן אַלץ, וואָס פּעטליורע האָט פאַר־טראַכט. טאָן דאָס פלעגט ראַבטשיק אַלעמאָל נאָר שפּעט אין אָוונט, אָבער איצט, אינמיטן העלן טאָג — ווי קומט ער אַהער? וואָס האָט ער צו טאָן אַף דער „בלינדער גאַס"? דער אַלטער פעלדשער האָט שוין שיר ניט אַרויסגעכאַפּט זיך מיט עטלעכע בייזע, גאָר בייזע ווערטער. נאָר פּלוצעם האָט ער דערזען, ווי דער טעלעגראַפיסט שטרעקט אויס צו אים אַ האַנט, וואָס איז איבערגעבונדן מיט אַ האַנטעך. אַפן האַנטעך האָבן זיך געזען עטלעכע בלוט־פלעקן.

— איך זוך דיך, — האָט געזאָגט ראַבטשיק, — אַ האַלבע שטאָט אויסגעלאָפן, זוכנדיק דיך. נאַ, נעם, מאַך מיר צורעכט די האַנט... אָבער גיכער. מע וואַרט אַף מיר. באַם אַפּאַראַט איז קיינער ניטאָ.

פּעטקאָ האָט אַראָפּגענומען פון ראַבטשיקס האַנט דעם פאַרבלוטיקטן האַנטעך, דערזען די וווּנד אַף דער דלאָניע פון דער רעכטער האַנט און גענומען זיך פּאָרען אַרום איר. געטאָן האָט ער עס שווײַגנדיק, בלויז פון צײַט צו צײַט זיך נאָכגעפרעגט:

— מיט אַ מעסער פאַרשניטן?

— אַ גרויסער מעסער?

— און עפּשער אַ דאָלעטע גאָר?

פּעטראָ האָט אַף אַלץ געענטפערט מיט איין שאָקל פונעם קאָפּ, וואָס האָט געזאָלט הייסן: יאָ, יאָ. נאָר דער פעלדשער איז געווען צופיל געניט, ער זאָל גלייבן. האָט ער פּלוצעם אַ פרעג געטאָן:

— דײַן אייגענע אַרבעט? אַליין אַרײַנגעשטאָכן אין זיך?..

דאָ האָט שוין ראַבטשיק אויפגעהערט צו שאָקלען מיטן קאָפּ. ער האָט געבעטן אַ טרונק וואַסער, אויסגעטרונקען און אויסגעזאָגט אַלץ, ווי דאָס האָט פּאַסירט. און פּאַסירט האָט אַזוינס: אַף דער טעלעגראַף־לענטע האָבן זיך באַוויזן ווייכטיקע ידיעות, ביז גאָר ווייכטיקע ידיעות, זיי זײַנען געגאַנגען פון אַדעס, ווו די פאַרשטייער פון פּעטליורעס רעגירונג פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער אַנטאַנטע. פון דער טעלעגראַף־לענטע האָט ראַבטשיק פאַרשטאַ־נען, אַז די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך אַ קערעווע געטאָן גאָר אין אַנדער זײַט. פּעטליורע בעט, אַז די פראַנצויזן זאָלן אים קומען צוהילף. אָט באַלד שוין זאָלן זיי שיקן אַהער זייערן אַ פּאָלק. און די פראַנצויזן גייען אײַן דערויף. זיי זאָגן צו שיקן אַ באַטאַליאָן זואַוון. אָט אַזוי שטייט טאַקע אַף דער טעלעגראַף־לענטע: זואַוון. וואָס אַזוינס דאָס וואָרט באַטײַט, האָט ראַב־טשיק ניט געוווּסט, נאָר איינס האָט ער פאַרשטאַנען: וועגן די זואַוון דאַרף מען טייקעף געבן צו וויסן אין שפּיטאָל דעם פעלדשער פּעטקאָ. אָבער ווי קומט מען צו אים, צום פעלדשער? איז אים אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק: ער מוז מאַכן אַזוי, אַז מע זאָל זען בלוט אַף זײַן האַנט. מיט בלוט אַף דער האַנט וועט מען אים אָפּלאָזן, מיט בלוט וועט ער טרעפן דעם אַלטן פּעטקאָ אומעטום, ווו דער פעלדשער זאָל ניט זײַן. און אָט האָט ער אים טאַקע געטראָפן...

די גאַנצע צײַט, וואָס ראַבטשיק האָט דערציילט, האָט פּעטקאָ געטאָן זײַן אַרבעט: ער האָט אַרומגעוואַשן די וווּנד, געוואַשן אי די דלאָניע, אי יעדן פינגער באַזונדער, באַשמירט מיט אַ זאַלב, פאַרבונדן מיט מאַרליע. פון דער זײַט האָט מען געקענט מיינען, אַז ער הערט אַפילע ניט, וואָס דער טעלעגראַפיסט דערציילט. און אויך צום סאָף, אַז די וווּנד איז שוין געווען פאַרבונדן, האָט פּעטקאָ זיך ניט געווענדט צו ראַבטשיקן, ער האָט פּלוצעם זיך אַ קער געטאָן צו כיענען:

— האָסט געהערט? — האָט ער אַ פרעג געטאָן. — וועסט קאָנען איבערגעבן דאָרטן? פאַרגעדענק: זואַוון שיקט מען אַהער. אַזוי זאָלסטו דאָרט איבערגעבן: די פראַנצויזן ווילן ראַטעווען פּעטליורען. די פראַנצויזן שיקן אַהער זואַוון... וועסט ניט פאַרגעסן?

— ווי קאָן מען עס פאַרגעסן? — האָט אַ פאַרוווּנדערטע געפרעגט כיענע.

— איך וויס, איך וויס: דו וועסט ניט פאַרגעסן. נו, גרייט זשע זיך אין וועג אַרײַן. און דו, פּעטראָ, האָסט דאָ ניט וואָס צו טאָן. דו זאָגסט דאָך, אַז באַם אַפּאַראַט איז קיינער ניטאָ. מאַרש צוריק צום אַפּאַראַט!! און קומען צו מיר אין סעדל פאַרשפּאַרסטו איצט. קאָנסט קומען גלײַך אין שפּיטאָל. מיט אַ וווּנד קאָנסטו קומען גלײַך אין שפּיטאָל... מאַלאַדיעץ, פּעטראָ, גאָר אַ מאַלאַדיעץ ביסטו באַ מיר...

פּעטראָ ראבטשיק האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ, ער האָט, ווײַזט אויס, געוואָלט באדאנקען דעם אלטן פֿעלדשער פאר א גוט וואָרט, נאָר פּעסקאָ האָט זיך שוין אופגעהויבן פון אָרט און האָט אריבערגעטראָטן די שוועל פונעם צווייטן צימערל, ווו עס איז געלעגן א געליימטער כּיִענעס פאָטער.

6. דער מעמאָראנדום

דער פּלאַן איז געווען אזא: איניינעם מיט דער פּעטליורישער רעגירונג (פּעטליורע מיטן שטאב זײַנען נאָך פריִער אָפּגעפאָרן), וואָס רוקט זיך אין דער ריכטונג אף אָדעס, פּאָרט אָפּ אויך דער געוועזענער יִדישער מיניסטער ראוויניצקי. אין אָדעס טרעפט ער זיך מיט זײַן ווײַב, וואָס וואַרט שוין דאָרט אף אים, זיי זעצן זיך איבער אף א פראנצויזישער שיף, וואָס פירט זיי אָפּ גלײַך אין היילִיקן לאנד. ס'איז געווען א פעסטער און זיכערער פּלאַן, אף וועלכן ראוויניצקי האָט געהאט א סאך צו טראכטן און צו קלערן. נאָך אַלע איבערקלערענישן האָט ער באשלאָסן, אז נאָר אזוי דארף עס זײַן.

ביזן אוועקפאָרן איז געבליבן ניט מער ווי דרײַ טעג. ס'האָט קוים געקאָנט קלעקן צײַט אף צו פארפאקעווען די דרײַ גרויסע טשעמאָדאנעס, וועלכע ראוויניצקי האָט געהאט בעדייע נעמען מיט זיך. אהין האָבן געזאָלט ארײַן אַלע דעקלאראציעס, וואָס ער האָט פארפאסט אין דער צײַט, ווען ער איז געווען א מיניסטער פאר יִדישע איניאָנים, אַלע מעמאָראנדומס, וועלכע ער פלעגט פון צײַט צו צײַט דערלאנגען אין דער רעגירונג. ראוויניצקי האָט געפילט, אז דאָס איז ניט זײַן אייגנטום, ס'איז דאָס אייגנטום פון געשיכטע, — דארף עס געהיט און פארהיט ווערן. און דערמיט האָט ער געזאָלט זײַן באשעפטיקט אין די דרײַ טעג. נאָר באקומען האָט זיך גאָר אנדערש. ס'איז אים פּלוצעם אײַנגעפאלן א געדאנק, אז אוועקפאָרן אף אזא מין אויפן פאסט פאר אים ניט. באם פארלאָזן זײַן פאָסטן דארף ער שאפן נאָך איינעם, דעם לעצטן, אָבער דעם וויכטיקסטן דאָקומענט פאר דער געשיכטע: ער, דער יִדישער מיניסטער, מוז זאָגן זײַן וואָרט וועגן דער לאגע פון דער יִדישער באפעלקערונג אף אוקראַינע, ער מוז דערלאנגען א מעמאָראנדום, וואָס זאָל געלייענט ווערן פונעם הויפּט־אטאמאן, פון פּעטליורען אליין.

און אָט דערויף איז עס אוועק בא ראוויניצקין א גאנצע נאכט. ביזן סאמע פארטאָג האָט בא אים אין קאבינעט זיך געלויכטן די שײַן, ביז פארטאָג איז ער געזעסן און געשריבן. צום טאָג — אף א פאָר שאָ זיך צוגעלייגט, און גאנצפרי זיך אופגעכאפּט מיטן געדאנק, אז ער טאָר זיך ניט פארזאמען בא זיך אין שטוב, קיין רעגע ניט זאמען זיך.

ראוויניצקי האָט שטארק געײַלט זיך. ער האָט אפגיך פארבונדן דעם בלוי־קאָלירענעם האַלדזטוך, אף א רעגע צוגעלאָפן צום שפּיגל, א קוק געטאָן, צי דער האַלדזטוך האָט זיך אוועקגעלייגט אפן געהעריקן אָרט, ארופגעצויגן אף די אקסלען דעם פידזשאק, ווידער א קוק געטאָן אין שפּיגל, גענומען אין די הענט דעם סאמעטענעם הוט מיט די ברייטע ראנדן... אָנטועדיק זיך, האָט ער די גאנצע צײַט געטראכט וועגן דעם מעמאָראנדום, וואָס ער האָט די נאכט געשריבן.

— נישקאָשע, עס האָט זיך גאָר ניט שלעכט אויסגעלייגט אפן פּאפּיר. נאָר דער סאָף, אָט דאָרט, ווו עס גייט די רייד וועגן פּראקטישע מיטלען, איז נאָך א ביסעלע שטומפּיק. אזוי איז עס בא מיר אַלעמאָל: פּראקטיק איז מיר פרעמד. פּראקטיק איז ניט מײַן פאך. נאָר ס'מאכט ניט אויס. באלד באטראכטן מיר עס מיט יִסראָעל גלאנצן...

אָט דער געדאנק איז אים געקומען נאָך אינמיטן נאכט, בייס ער איז געזעסן און געשריבן זײַן מעמאָראנדום. נאָך דעמאָלט איז אים געקומען אפן זינען: דאָס, וואָס ער טוט, ווערט געטאָן צוליב דער שטאָט. דארף די שטאָט וויסן וועגן דעם. און ווער איז זי, די שטאָט? ער האָט איבערגעקליבן אין זיקאָרן די קליגסטע און לײַטישסטע און — באשלאָסן: קליגער פון גלאנצן איז שווער צו געפינען. יענער איז קלוג, ווי א שעד.

און אָט שפּאנט איצט ראוויניצקי צו יִסראָעל גלאנצן אין מאגאזין ארײַן.

דעם פײַנעם גרויסשטאָטישן פיר פון דער גרויסער שניט־קראָם האָט יִסראָעל גלאנץ געבראכט פון אויסלאנד, ווו ער האָט שוין דעם ווייפּלטן זומער פארבראכט אף די בעדער: דעם זאמד, וואָס האָט זיך בא אים גענומען אָפּזעצן אין לעבער, געדולדיק מיט די זויערוואסערן געשווענקט. ווער ווייסט — פונעם זאמד צי פון יאָרן — איז די לעצטע צײַט זײַן געלאסנקײַט געוואָרן נאָך געזעצטער, אין א מין גליווער פארגאנגען.

אַז ראַוונִיצקי איז אַרײַן אין מאַגאַזין, האָט ער געטראָפֿן גלאַנצן בײַ דער קאָנטאָרקע: ווי טאָמיד רויִק און שלעפֿעריק־גאַדלדיק, די דינע מײַסטעריש־געטאָקטע העלפֿאַנטבײן־לאָ־פּעטקעלע האָט ער מיט דער רעכטער האַנט קונציק פֿאַרוואָרפֿן אויפֿן לינקן אַקסל און ריטמיש געקראַצט די פּלײצע אַ ביסעלע נידעריקער פֿון דער לינקער לאָפּעטקע. אײנײנעם מיט אַנ־דערע סימאָנים פֿון זײַן אויפֿירן זיך האָט ער אויך אָט דעם געבראַכט פֿון אויסלאַנד.

הײַנט אָבער האָט גלאַנץ אויסגעזען שלעכט. אַ געלקײַט האָט זיך אים צעגאָסן אויפֿן פּאָ־נעם, די הויט אויפֿגעלאָפֿן, ווי אַ מין זויער טייג. מע האָט ערשט געקלונגען פֿון דער וועבער־פֿאַבריק: מ׳האָט אומעטום געפֿונען „בלעטלעך“. ווײַזט אויס, באַנאַכט צעוואָרפֿן, און מע קאָן בעשום־אופֿן ניט דערגײן, וועמעס אַרבעט עס איז, די אַרבעטער כמורען זיך און לאָזן זיך ניט רײדן. ניט אַנדערש, אַז דערין שטעקט אַ מאָסקווער האַנט. און דאָ האָט דער ניט־גוטער אָנגעטראָגן אָט דעם ייִדישן מיניסטער.

גלאַנץ האָט אויפֿגעהויבן זײַנע שלעפֿעריק־פֿאַרזשמורעטע אויגן, צונויפֿגעצויגן אין אַ שמייכל זײַנע דינע שלענגעלעך־ליפּן, פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ און באַטראַכט ראַוונִיצקין, ווי עפּעס אַ טשיקאַווע בריִע, אַ מין פּאָפּוגײַ מיט אויסטעריש־בונטע פֿעדערן. געוואַרט, וואָס וועט אָט דער פֿויגל אויסברומען.

פֿון גלאַנצס בליק איז ראַוונִיצקי אַ ביסל צעמישט געוואָרן, און קעדײ די צעמישטקײַט אויסבאַהאַלטן, גענומען אײַליק און וואַרגנדיק זיך מיט זײַנע אײגענע ווערטער רעדן.

— איר פֿאַרשטייט דאָך: צו גוטס וועלן די אונטערזוכונגען אין שטאָט ניט ברענגען... מע מוז עס אָפּשטעלן... כ׳האָב באַשלאָסן... אַלס געוועזענער ייִדישער מיניסטער... דערלאַנגען אַ מעמאָראַנדום!..

ראַוונִיצקי האָט אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש דעם פֿײַן איבערגעשריבענעם מעמאָראַנדום. גלאַנץ האָט נאָכאַמאָל פֿאַרוואָרפֿן זײַן העלפֿאַנטבײן־לאָפּעטקעלע אויפֿן לינקן אַקסל, אײדל און ריטמיש ווידער אַ קראַץ געטאָן דאָרט, פֿאַרזשמורעט, קימאַט פֿאַרמאַכט אײן אויג, דאָס צווייטע, אַבי יויִצע זײַן — צום פּאַפּיר געווענדט:

— אויף פּאַפּירן איז אַ מיוחס מײַן אַדוואָקאַט, אָט גלײַך שרײַב איך אים אָן אַ צעטעלע. ער וועט עס שוין אויסלייגן אויפֿן בעסטן אופֿן. איר קאָנט זיך אויף אים פֿאַרלאָזן... אַ קליִענט, וואָס איך שיק, וועט אַרנאָלד מאַטווייעוויטש באַפֿרידיקן אַמבעסטן!..

ראַוונִיצקי האָט זיך באַלײדיקט:

— ס׳איז דאָך אָבער ניט מײַן אײגענע זאַך! ס׳האַנדלט זיך דאָך וועגן גורל פֿונעם ייִדישן פֿאָלק!

די ליפּן אויף גלאַנצס פּאָנעם פֿאַרקנוילן זיך אין אַ מין שמייכל:

— טאַקע ווײַל ס׳איז ניט אײַער זאַך, נאָר אַ זאַך פֿון גאַנץ „יעווריייסקי נאַראָד“, שיק איך אײַך צום בעסטן אַדוואָקאַט, און אויף מײַן כעזשבן!..

ער איז שוין געווען באַרויִקט זיך:

— טאַקע דערפֿאַר שיק איך צו אַרנאָלד מאַטווייעוויטשן!..

די אײנמאָל פֿאַר אַלעמאָל פֿאַרגרונטעוועטע אָרדענונג באַם אַדוואָקאַט בריסקער אין שטוב האָט זיך אַפֿילו הײַנט געהאַלטן פֿעסט, אויף אַלע שרײַפֿעלעך. דאָס טיר־גלעקל האָט ווי אומיסטן ניט געלאָזט רוען, געבראַכט דעם רועד ווייסט וועמען, נאָר ניט די, אויף וועלכע אַרנאָלד מאַטווייעוויטש האָט געוואַרט. ער האָט נאָך אַלץ ניט געוווּסט אויף זיכער, צי וועט זיך הײַנט עפֿענען די סעסיע פֿונעם קרײַז־געריכט, ווו ער, אַרנאָלד מאַטווייעוויטש, האָט געזאָלט אַרויסטרעטן... אָדער... דער רועד ווייסט, ווי סע וועט זיך ווײַטער אַ קער טאָן... יעדנפֿאַלס — ער איז גרייט...

דאָס שטײַף אָנגעקראָכמאַלעט העמד, די מאַנזשעטן און דער הויכער קאָלנער האָבן ווי געטראָגן זײַן דינעם און טרוקענעם, קלײנעם גוף איבערן טונקל־מעבלירטן קאַבינעט, דער אַמאָל בלאָנד געוועזענער קאָפּ פֿעסט צוגעבערשטלט, די וואָנצעלעך קימאַט אײנגאַנצן אַראָפּ־גענומען, געלאָזט נאָר אַ שמאָל פּאַסיקל. די אויסגעוועפּטע בלויע אויגן האָבן פֿון מאָל צו מאָל באַרויִגע אַרויסגעקוקט פֿון אונטער די געלע ברעמען.

אַז ראַוונִיצקי איז אַרײַן, האָט בריסקער טכ׳ילעס אַפֿילו ניט געפֿונען פֿאַר בײטיק אויס־באַהאַלטן זײַן אומצופֿרידנקײַט:

— אָט דאָס פֿאַרשווינדל קאָן מיר פֿאַטערן דעם גאַנצן פֿרימאָרגן...

אָבער אַז ראַוונִיצקי האָט אים דערלאַנגט דעם פֿײַן־געראָמלטן קאָנווערט מיט גלאַנצס פֿירמע, איז בריסקערס צאָרן ווי צעפֿלאָסן געוואָרן, און ער האָט מיט אַ געניטן שמייכל,

אפגיך ארופגעצויגענעם אפן פרי̤עדיקן אויסדרוק פון פארדראָס, אָט ווי מע וואָלט ערשט באגעגנט זיך, אויסגערופן:

— א־א! ביטע!

בריסקער איז ניט געניגט געווען פירן פוסטע שמועסן, האָבן צו טאָן מיט מעמאָראנדומס אפילו וועגן „יעווריייסקי נאראָד“.

— Дело есть дело! עס דארף האָבן א פּאָנעם! איין רעגעלע...

ער האָט גענומען דאָס טעלעפאָן־טרײַבל און אָנגעקלונגען גלאנצן. יענער האָט אים, ווײַזט אויס, ארײַנגערוימט עפּעס זיכערס. און בריסקער האָט זיך שוין גאָר ליבלעך געווענדט צו ראווניצקין:

— נו, מיר הייבן אָן! איז, ביטע, באווײַזט, וואָס האָט איר דאָרט?

ראווניצקי האָט פאנאנדערגעגלעט די ווייך־שורשענדיקע בויגנס אטלאס־פּאפּיר און אוועקגעלייגט עס אנטקעגן ארנאָלד מאטווייעוויטשן. יענער איז עס דורכגעלאָפן מיט די אויגן.

— יי̤דן... איבערגעגעבנסטע פרײַנט פון אוקראַי̤נע... מיר האָפן... איר וועט ניט דערלאָזן... המ!.. פאר דעם באָסלעווער ראָשיעשיווע טויג עס!..

ראווניצקי האָט אראָפּגעשלונגען די באליידיקונג.

— אדעראבע! לאָמיר עס צונויפשטעלן אינצווייען. איר — דער אווטאָריטעטער אדוואָקאט, און איך — דער געוועזענער יי̤דישער מי̤ניסטער!

דער נאָמען „מי̤ניסטער“ האָט א קאָראָבע געטאָן ארנאָלד מאטווייעוויטשן.

— В чем дело?

— דער שטאָט דראָעט אן אונטערזוכונג. מע זוכט קלוימערשט געווער. אָבער מיר ווייסן דאָך, וואָס הינטער דעם שטעקט... געלט וויל מען!.. פּראָסט און פּאָשעט. Ergo — רעדן דארף מען וועגן דעם. דעמלט איז דאָ אן איני̤ען...

ראווניצקי האָט מיט אן אָפן מויל געהערט בריסקערס רייד און פון גרויס אָנשטרענגונג גענומען פאנאנדערגלעטן דעם פרישן קנייטש אפן שטערן. ארנאָלד מאטווייעוויטש האָט זיך דערפילט מײַסע מעלוכע־מענטש:

— דאָס האָבן מיר פונקט נומער איינס. צווייטנס, — ער האָט א טײַט געטאָן אין ראווני̤צקיס אטלאס־פּאפּיר, — אָט ווענדט איר זיך דאָ צום הויפּט־אטאמאן. איר ווייסט דאָך אָבער זייער ווויל, אז דער הויפּט־אטאמאן וועט אײַך ניט אופנעמען, פונקט אזוי ווי ער האָט אײַך ביז אהער ניט אופגענומען. Ergo — דארפן מיר געפינען אן אנדער וועג. אָט, אשטייגער, ווען מיר ווענדן זיך מיט דעם מי̤ניסטער צו דעם מעמאָראנדום פאר אינערלעכע איניאָנים, צום אדוואָקאט כווילעוויצקי — דאָס איז רעאַל. דאָ קאָן איך באהילפיק זײַן, ס'איז מײַנער א קאָלעגע... און מיט די געדאנקען זײַנע בין איך אויך באקאנט. ריכטיקע, גאנץ ריכטיקע געדאנקען...

ראווניצקי האָט אופגעשטראַלט. דער פּלאַן — ווענדן זיך צו כווילעוויצקין איז אים שטארק געפעלן. מיט כווילעוויצקין האָט ער זיך געקענט נאָך פון יענער צײַט, ווען פּעטליורעס רעגירונג איז אײַנגעשטאנען אין קי̤עוו.

— איר האָט געפונען דעם בעסטן, דעם ריכטיקסטן וועג, — האָט ראווניצקי מיט היספּײַלעס זיך אָנגעכאַפּט אין בריסקערס פּלאַן.

בריסקער איז געווען געשעפטלעך און שטרענג.

— אָן קאָמפּלימענטן, — האָט ער א זאָג געטאָן, ווידער אראָפּוואַרפנדיק דעם שמייכל פון פּאָנעם, — אײַער מעמאָראנדום טויג ניט. איבערמאָרגן, האָב איך געהערט, וועט זײַן פּורים. דעמלט וועט אָט די מעגילע אײַערע טויגן. הײַנט טויג זי ניט. אָט הערט, וואָס עס איז נייטיק הײַנט...

אין אָט דער רעגע האָט זיך פון הינטער דעם שווערן פּאָרהאנג דערטראָגן עפּעס אן אמפּערניש. בריסקער האָט געעפנט די טיר. אין קאבינעט זײַנען ארײַנגעפלויגן צווי מיידלעך, אָנגעטאָן אין גימנאזיע־קליידער, זיי זײַנען געווען שטארק צעפּלאמט פון דער קריג מיט בריסקערס קעכן, וואָס האָט ניט געוואָלט זיי ארײַנלאָזן. פון גרויס אופגעבראכטקײַט האָבן זיי גערעדט ביידע אינאיינעם, און וואָס זיי ווילן, איז געווען שווער צו פארשטיין. ערשט אז ראווניצקי האָט זיך ארײַנגעמישט, איז געוואָרן קלאָר. דאָס זײַנען צווי פּלעמעניצעס: נאָרא און לאָרא. שוין היפּשע עטלעכע שאָ, ווי זיי יאָגן אום איבער דער שטאָט און זוכן אים, דעם פּעטער זייערן. זיי זוכן אים, ווײַל עס איז אף זײַן נאָמען אָנגעקומען א דעפּעש. פון אָדעס איז זי, די דעפּעש. פון ראווניצקיס ווײַב, וואָס זיצט אין אָדעס און וואַרט אף אים. און פּאָדערן פּאָדערט די דעפּעש, אז ראווניצקי זאָל אוועקוואַרפן אלץ און טייקעף קומען קיין אָדעס, ווו עס גרייט זיך שוין צום אָפּפאָר די שיף.

בריסקער האָט זיך פלינק אַ קער געטאָן אַף זײַנע הויכע, קימאַט פרויִישע אַפּצאַסן. און שטעלנדיק זיך פּאָנעם-צו-פּאָנעם אנטקעגן ראַוניצקין, בארויִגעז אַ זאָג געטאָן:

— איר האָט זייער ווילע פלעמעניצעס, הער ראַוניצקי. נאָר פארברענגען מיט זיי קאָנען מיר איצט ניט. Дело есть дело.

ראַוניצקי האָט ארויסבאגלייט די פלעמעניצעס אין קאָרידאָר, עפּעס גערעדט מיט זיי דאָרטן. אָנגעזאָגט, וואָס צו ענטפערן אַף דער דעפּעש. אַז ער איז ארײַנגעקומען צוריק אין קאַבינעט, איז בא בריסקערן שוין געווען פארטיק דער טעקסט פונעם מעמאָראַנדום.

— ביטע, — האָט בריסקער געזאָגט, — אָט האָט איר עס. און מיט דעם מעגט איר גייִן צו וועמען איר ווילט. איר גייט אַף אַן אײַזערנער בריק.

7. האָטעל „יעוראָפּא“

די גרויסע באַטאַגיקע זון האָט געלויכטן אינעם ברייטן קאָרידאָר פונעם איין-און-אײַנציקן אין שטאָט האָטעל „יעוראָפּא“. די גאַנצע רעגירונג פעטליורעס האָט דאָ פרײַער גע-הויזט. איצט איז די רעגירונג אנטלאָפן. פארבליבן איז נאָר דער מיניסטער פאַר אינערלעכע איניאַנים, קווילעצוויצקי.

געדוכט האָט זיך, אַז ס'איז נאַכט. די ווײַסע פלאַכן פון די הויכע און שווערע טירן פון ביידע זײַטן קאָרידאָר זײַנען געשלאָסן. קופּקעסווײַז דרייען זיך ארום איבער דער גאַנצער לענג עפּעס מענטשן, און שטיל, ווי מוירע האָבנדיק עמעצן אופוועקן, שעפּטשען זיי זיך. דאָס זײַנען סאָכרים, וועלכע האָבן באקומען פּאָדריאַדן פאַר פעטליורעס ארמיי. פון צײַט צו צײַט טיילט זיך עמעצער פון זיי אָפּ, לאָזט זיך גייִן אַף די שפּיץ פינגער צו קווילעצוויצקיס טיר, ציט אויס, ווי אַ זשיראַף, דעם האַלדז און הערט זיך אײַן, וואָס טוט זיך דאָרטן, הינ-טער דער טיר. ער קנייטשט פארדרײַגעט דעם שטערן, טוט אַ מאַך אנטוישט מיט דער האַנט און קערט זיך אום צוריק אַף זײַן אָרט:

— מע שלאָפט נאָך!

— אָנגעהוליעט זיך, נעבעך!

איינער פון די סאָכרים, וואָס איז גראָדע אין דער רעגע געשטאַנען געבויגן לעם דער טיר, באַמיט זיך כאָטש עפּעס דערזען דורך דער שלאָס-שפּאַרונע, שפּרינגט אײַליק אָפּ: דערהערט טריט.

אַלעמענס בליקן ווענדן זיך אַהין.

די ברייטע טיר טוט זיך גנייוויש אַן עפן און לאָזט ארויס אַ שרײַענדיק-פאַרפּוצטע פרוי. אַ קורץ קראָטענע רעקעלע מויז-קאָליר, אַפן קאָפּ אַ קליין, קימאַט ווי אַ שפּילעכל, היטעלע סאַנזשאַן-קאָליר, בא דער זײַט פון דעם היטעלע, אָנשטאָט אַ בלום — אַ פייגעלע, אַ גאַנץ פייגעלע, מיט אַ שנאָבעלע, מיט פליגעלעך. אַפן האַלדז אַ באָאַ בא דער פרוי — אַ פּאַס אַ שוואַרצער, אַ פּאַס אַ זילבערנער, ווי אַ שלאַנג, און פון דעם אַלעמען בלישטשען ארויס אַ פּאָר שוואַרצע, לאַקירטע אייגעלעך און אַ דינע, רויטע ווונד — געפארבטע ליפּן. דער אוי-לעם, וואָס האָט זיך לאַנג שוין גענודיעט פון דער וואַרטעניש אין קאָרידאָר, האָט אַף אַ רעגע ווי אופגעוואַכט פון זײַן גליווער.

— די נעקייוועלע מיינט, ווײַזט אויס, אַז ס'איז נאַכט!

די פרוי שווײַגט אָפּ. באַם ארויסגאַנג צעבוזקעט זי זיך שיר ניט מיט אַ מענטשן, וואָס קומט ארײַן אין קאָרידאָר. דאָס איז ראַוניצקי. ער באַטראַכט זי — אַ ביסל מיט נײַגער, אַ ביסל מיט ביטל — און לאָזט זיך מיט זיכערע טריט צו קווילעצוויצקיס נומער. בא דער טיר פארלירט ער אָבער זײַן זיכערקייט, לייגט צו אַן אויער — שטיל. ער קלאַפּט אָן — שטיל. קיינער ענטפערט ניט. ער טרעט אָפּ פון דער טיר, לאָזט זיך אָבער באַלד צוריק, לייגט ווידער צו דעם אויער, טוט אַ נעם אָן דאָס מעשענע הענטל פון דער טיר — פארשפּאַרט.

ראַוניצקי דערפילט — ס'פּאַסט ניט... ער טאָר ניט אויסמישן זיך מיט אָט דעם סאָכרישן אוילעם. בעסער קומען אַהער ווידער אין אַ מינוט צוואַנציק ארום...

אומגייענדיק איבער דער גאַס ארום דעם האָטעל „יעוראָפּא“, האָט ראַוניצקי ניט אופּ-געהערט צו טראַכטן וועגן דעם שמועס, וואָס ער דאַרף באַלד האָבן. ס'איז ניט קיין קליינ-קײַט. אָט דער שמועס דאַרף ראַטעווען מענטשלעכע לעבנס. עס דאַרף געראַטעוועט ווערן אַ

פאָלק. דאַרף מען זיך דערקלײַבן ביזן סאַמע גרונט פון דעם שמועס. מע דאַרף באַטראַכטן די זאַך טעאָרעטיש...

ווי אַלעמאָל, ווען ער פלעגט אָנהייבן באַטראַכטן א זאַך טעאָרעטיש, האָט ער אויך איצט ניט געקאָנט אײַנהאַלטן זיך און גענומען ריידן צו זיך אַליין.

— יאָ, איז וואָס אַזוינס קומט דאָ פאָר? אַלס ווער גיי איך פירן אָט דעם וויכטיקן שמועס? נאָר אַלס איך, אַלס מענדל ראַוויניצקי? ניין. טעאָרעטיש גענומען בין איך ניט נאָר מענדל ראַוויניצקי. טעאָרעטיש גענומען איז ניט וויכטיק, וואָס פעטליורע האָט שוין אונטערגעשריבן א באַפעל וועגן א נײַעם מיניסטער פאַר יידישע איניאָנים. דאָס קער איך ניט אָן מיט דעם גרונט פון דער זאַך. דער איקער איז: באַלד וועלן זיך באַגעגענען צוויי מענטשן, וועלכע טראָגן די אַכרײַעס פאַר זייערע פעלקער. באַלד וועלן מיר רעדן, ווי עס דאַרף רעדן א פאָלק מיט א פאָלק. פרעגט זיך: וואָס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז עס רעדט א פאָלק מיט א פאָלק? וואָס דאַרף באַלד געזאָגט ווערן, וואָס?..

די פראַגע איז געווען א האַרבע, און מע האָט געדאַרפט טייקעף ענטפערן אויף איר. און ער איז, דאַכט זיך, שוין געווען פאַרטיק, אָט דער ענטפער. אָט־אָט טאַפּט מען אים אָן. און פלוצעם האָט אַלץ גענומען צעפלאָסן ווערן. דער געדאַנק האָט זיך אָפּגעווענדט אין א זײַט, פאַר די אויגן האָט זיך אויסגעמאָלט נאָר אַן אַנדער צײַט, יענע טעג, ווען ס'איז אויסגעקומען צום ערשטן מאָל זיך באַגעגענען מיט כווילעוויצקין.

...שוין דרײַ טעג ווי די שטאָט קיִעוו איז באַלאַגערט. ס'גרײַפן אָן די רויטע. עס בוכען האַרמאַטן ערגעץ אַרום וואָקזאַל. עס בוכען האַרמאַטן ערגעץ אויף פאָדאָל. אינמיטן דער פאַרשאָטנט־שטילער פאַנקאָווער גאַס, וואָס לויפט אַראָפּ פון א הויכן באַרג, שטייט א גרויסער מויער. ס'איז גרושעווסקיס מויער. נאָר אין אָט די אומרויִקע טעג, ווען עס גייט א שלאַכט און די באָלשעוויקעס רײַסן זיך אין שטאָט אַרײַן, האַלט גרושעווסקי, אַז ס'איז גלײַכער זײַן וואָס ווײַטער פון זײַן אייגענעם מויער. און אַלע פאָלגן אים, דעם אַלטן, אויסגעפּרוּווטן פאָרזיצער פון דער צענטראַלער ראַדע. אַלע מיניסטאָרן פון פעטליורעס רעגירונג גאַנווענען זיך אײַנציקווײַז אַרײַן אין אַן אונטערשטן שטאָק פון א צווייטן מויער, וואָס שטייט באַם סאַמע אָנהייב פון פאַנקאָווער גאַס. הייסן הייסט עס, אַז דאָ וווינט דער באַרימטער כירורג, דער פּראָפעסאָר דיטעריכס. נאָר דיטעריכס איז לאַנג שוין אַנטלאָפן פון קיִעוו, ערגעץ וואָגלט ער איבער די אויסלענדישע קאַנטן. די שיינע, געראַמע דירע זײַנע שטייט ליידיק, און אָט אַהער האָט זיך עס צונויפגעקליבן די גאַנצע פעטליורישע רעגירונג.

ס'איז אָוונט־צײַט, נאָר קיין שײַן צינדט מען ניט אָן. מע זיצט אין דעם ראַכוועסדיקן שיינעם צימער, וווּ עס פלעגן וואַרטן פּראָפעסאָר דיטעריכס פּאַציִענטן. האָט אָבער אַהער, אין דעם צימער, אָנגעהויבן צו אָפּט דערלאַנגען דאָס בוכען פון א האַרמאַט. יעדעס מאָל, ווען ס'פלעגט זיך דערהערטן א שאָס, פלעגט אין די פענצטער א וואָרף טאָן זיך דער אָפּשײַן פון דעם האַרמאַטן־פײַער. דאָס האָט שטאַרק געערגערט גרושעווסקין, ניט געלאָזט אים האַלטן זײַן רעדע, וואָס ער האָט פאַרגרייט פאַר דער רעגירונג. מיט זײַן ציטערדיקער האַנט האָט ער אַלע ווײַלע פאַרוואָרפן די גראָוע באָרד זײַנע אָט אויף איין זײַט, אָט אויף דע צווייטער. די מיניסטאָרן האָבן עס באַמערקט. מע האָט צוליב געטאָן דעם אַלטן — מע איז איבערגעגאַנגען אין א זײַטיקן צימער, ווו עס פלעגן זיך אופהאַלטן פּראָפעסאָר דיטעריכס קינדער. די צוויי קינדערישע בעטלעך זײַנען געווען ציכטיק־ריין פאַרבעט, און לעם איינער פון זיי, האַלטנדיק זיך פאַר די פאָרענטשעס פון א בעטל, איז געשטאַנען גרושעווסקי. ער האָט גערעדט לאַנג, זייער לאַנג, און ווײַל דער צימער איז געווען קליין, האָבן די מיניסטאָרן געמוזט אים אויסהערן שטייענדיק.

— קומט, — האָט כווילעוויצקי שטיל א רוים געטאָן אויפן אויער זײַן קאָלעגע, דעם יידישן מיניסטער ראַוויניצקי, — קומט, איך האָב דאָרט עפּעס־וואָס צו פאַרבײַסן...

אָט אַזוי איז פאָרגעקומען די ערשטע באַקאַנטשאַפט זייערע. ביידע האָבן זיך באַזעצט אין יענעם צימער, ווו דיטעריכס פלעגט אופנעמען זײַנע פּאַציִענטן, ביידע האָבן זיי דאָ עפּעס איבערגעביסן און מיט איין אויער געהערט, ווי עס טראָגט זיך פונעם ווײַטן קינדער־צימער גרושעווסקיס עלטערלעך־קוויטשיקע שטים.

— אויף אונדז קוקט די געשיכטע, — האָט צום וויפלטן מאָל איבערגעכאַזערט גרושעווסקי, — אונדז איז באַשערט צו באַפרײַען די וועלט פון באָלשעוויזם. פאַרגעסט ניט. אויף אונדז קוקט די געשיכטע...

כווילעוויצקי, וואָס האָט געהאַלטן אינמיטן פאַרבײַסן, האָט מיט א פול מויל א זאָג געטאָן:

— עסט, עסט, שרעקט זיך ניט פאַר דער געשיכטע. עסט...

(פאָרזעצונג קומט)

זיכרוינעס

כאַים טאַמאַרקין

דורך יאָרן און געשעענישן

איך האָב שוין געהאַט אָפּגעלעבט מער פון צוויי יאָר אין קיִעוו. די מילכאָמע גייט. די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע ווערט אָנגעשטרענגטער פון טאָג צו טאָג. פון די קורצע ידיִעס אין די צײַטונגען דערגייט צו אונדז, אַז אין פּעטראָגראַד קומען פאָר אויף די פאַבריקן און זאַוואָדן שטרײַקן, דעמאָנסטראַציעס קעגן דער צאַרישער רעגירונג, קעגן דער מילכאָמע. לאַנגע רייען נאָך ברויט. אָפענע אַרויסטרעטונגען פון דער באַפעלקערונג, צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי.

אין איינעם אַ פרימאָרגן דערטראָגט זיך צו מיר פון דער גאַס אַ טומל. איך לויף אַרויס אין דרויסן. יִינגלעך, צײַטונגס־פאַרקויפער שרײַען אויס: „אַן אופשטאַנד, אַ רעוואָליוציִע אין פּעטראָגראַד!“ מע כאַפּט די צײַטונגען. אויף דער ערשטער זײַט: „דער צאַר ניקאָלײַ האָט זיך אָפּגעזאָגט פונעם טראָן“. די גאַס איז פאַרפלייצט מיט מענטשן. מע גייט אויף קרעשטשאַטיק, צו דער שטאָט־דומע. פונעם באַלקאָן טרעטן אַרויס רעדנער אין נאָמען פון זייערע פּאַרטייען. אָט רעדט שוין אַ גענעראַל, דאָס איז דער קאָמאַנדיר פון קיִעווער מיליטערישן קרײַז. מענטשן קומען צו אַלץ מער, עס ווערט ענג אַרום דער דומע, מע הערט אויסרופן: „באַפרײַען די פּאָליטישע אַרעסטירטע!“ גיך שטעלט מען זיך אויס אין אַ קאָלאָנע און מע לאָזט זיך גיין צו דער לוקיאַנאָווער טורמע. איך גיי אויך מיט. פונפאָרנט — אַ רויטע פאָן; מע זינגט רעוואָליוציִאָנערע לידער. דער וועג איז ווײַט, נאָר מע גייט פריילעך, מונטער, ניט פילנדיק דעם מעהאַלעך. בײַ דער טורמע האָבן מיר געטראָפן קרויווים און כאַווירים פון די באַפרײַטע. אַ טייל פון זיי גייט שוין מיט אונדז, ווען

מיר קערן זיך אויף צוריק, צום צענטער. מיר זעען — גאָר אַן אַנדער קיִעוו איז איצט געוואָרן. די שטאָט, וואָס געדענקט נאָך גוט דעם בייליס־פּראָצעס, דעם אַטענטאַט פון באָגראָוון אויף סטאָליפּינען, די פּאָגראָם־שרעק, וועלכע איז קעסיידער געהאַנגען איבער דער יִדישער באַפעלקערונג, איז ווי אָפּסנײַ געבוירן געוואָרן. אויס טכום, אויס פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, אויס רעכטלאָזיקײַט. דער אַמאָליקער קיִעוו איז שוין ניטאָ. אויפן האַרצן איז געווען לײַכט און זאָרגלאָז. מע האָט ניט געפילט די פּאָליטישע סטירעס, וואָס וועלן זיך שפּעטער פאַנאַנדערוויקלען, און די דראַמאַטישע קאָנפליקטן, וואָס די שטאָט וועט נאָך איבערלעבן. דאָס וועט זײַן שפּעטער. ווער האָט געטראַכט דערפון? מיט יעדן טאָג האָט איצט אָנגעהויבן זיך אויספאָרמירן דאָס נײַע געזעלשאַפטלעכע לעבן.

די יִדישע באַפעלקערונג אין קיִעוו איז געווען גאָר אַן אָנזיכטיקע. דאָ האָבן געלעבט אָנגעזעענע יִדישע שרײַבער, קינסטלער. ס'זײַנען געווען באַדײַטנדיקע יִדישע קולטור־קוויכעס, מער ווי אין אַנדערע שטעט אין אוקראַיִנע.

אין די מילכאָמע־יאָרן איז דאָס יִדישע געדרוקטע וואָרט געווען פאַרבאָטן, דאָס קולטורעל־געזעלשאַפטלעכע לעבן דערשטיקט. די סאַמע פאַרשפּרייטסטע פּראָגרעסיווע צײַטונג „קיִעווסקאַיאַ מיסל“ האָט אין דעמלטיקן שוואַרצמײַיקן קיִעוו פאַרלײַכטערט די אַטמאָספער און אַ ביסל באַרויִקט דעם געמיט.

מיט גרויס אינטערעס פלעג איך לייענען די אַרטיקלען, פעליעטאָנען פון די מיטאַרבעטער פון דער צײַטונג: ווסעוואָלאָד טשאַגאָוועץ,

דאָויד זאסלאווסקי, דאָויד וואָלקנשטיין (ד. וואָלקאָוו), מ. ליראָוו (מ. ליטוואקאָוו).

אין אפרעל 1915 איז אָנגעקומען פון ווארשע די טרויעריקע ידיעה, אז י.־ל. פערעץ איז געשטאָרבן. „קיִעווסקאיא מיסל“ האָט פארעפנטלעכט א גרויס ארטיקל פון מ. ליראָוו וועגן פערעצן.

אין יענע טעג האָט מיר מײַנער א כאווער געזאָגט, אז אין דער דעמיִעווקער ייִדישער שול וועט פאָרקומען אַן אָנדענק־אָוונט נאָך פערעצן. דער אָוונט איז אַן אומלעגאלער, אָן א דערלויבעניש פון דער פאָליציי. מיר האָבן געקראָגן א פאראָל, געגאנגען דורך א וועלדל. אינדערפינצטער האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אף פאטרולן, געזאָגט דעם פאראָל און זיך דערקליבן צו דער שול. דאָס איז געווען א נידעריקע שטוב אין סאמע וואלד, אינעווייניק איז שוין געווען פול. דער הענגענדיקער לאָמפ האָט טונקל באלויכטן דעם זאל.

אין דער טיף פון דער טונקלקײַט איז געשטאנען א טיש, ארום אים זײַנען געזעסן עטלעכע מענטשן, וועלכע מע האָט שוואך געזען, נאָר געהערט. א וואָרט וועגן י.־ל. פערעצן באקומט מיכל לעוויטאן. זײַן שטיל טרויעריק קאָל האָט זיך געשפרייט איבערן זאל. ער דערציילט, ווער איז פערעץ געווען פאר דער ייִדישער ליטעראטור, וואָס פאר א פערזענלעכקײַט מיר האָבן פארלוירן.

איך האָב זיך דערמאָנט, אז ערשט ניט לאנג, מיט א קנאפ יאָר צוריק, האָב איך פערעצן פיל מאָל געהערט אין ווארשעווער „הזמיר“. עס קלינגט נאָך אין מיר זײַן קאָל, זײַן פלאמיק־טעמפעראמענטפול וואָרט. כ'זע פאר זיך זײַן לייבן־קאָפ, די גלאנציק גרויסע אויגן, וועלכע האָבן אלץ געזען, אלעמען צוגעצויגן און באצויבערט. ליב און טײַער איז ער יעדערן געוואָרן, ווער עס האָט אים נאָר דערזען, געהערט צום ערשטן מאָל.

„פערעץ איז אוועק פון אונדז, — זאָגט מיכל לעוויטאן, — נאָר זײַן גײַסט איז מיט אונדז, זײַן קלאסישע ירושע בלײַבט אף דוירעס אין דער ייִדישער ליטעראטור“.

די שילער האָבן געלייענט פערעצעס לידער, באוויזן אייניקע סצענעס פון זײַנע דראמאטישע ווערק.

דאָס איז געווען דער ערשטער ייִדישער אָוונט, אף וועלכן איך בין בײַגעווען אין קיִעוו.

א פרײדיקע דערשײַנונג זײַנען געווען די קאָנצערטן אינעם זאל פון „קופעטשעסקאָיע סאָבראניע“ פון דער באוווסטער אָפערע־ארטיסטן פון קיִעווער אָפערע־טעאטער מאָנסקא. איר פראָגראם איז מערסטנס באשטאנען פון פאָלקס־לידער, און ס'איז געווען מאמעש צו באווונדערן, מיט וויפל כיין און פארשטאנד האָט די רוסישע זינגערין זיי געזונגען. די צוהערער האָבן זי באגײַסטערט אופגענומען.

אין יענעם זומער האָבן אין קיִעוו געשפילט ייִדיש טעאטער די טרופעס פון ספיוואקאָווסקי און זשיטאָמירסקי. געגאנגען זײַנען די אָפערעטעס „די קישעפמאכערן“, „באר קאָכבא“, „שולאמיס“ און אויך גאָרדינס פיעסן. גערעדט האָט מען אף א געבראָכענעם ייִדישלעכן רוסיש, און די לידלעך, קופלעטן — אף ייִדיש־דײַטש. און דאָך האָט מען די ספעקטאקלען גוט באזוכט. דעם פאָליצמייסטער אָבער איז ניט געפעלן געוואָרן, וואָס ייִדן קלײַבן זיך צונויף אזוי אָפט, און די גאסטראָלן האָבן מיטאמאָל זיך איבערגעריסן.

ווינטער 1916 איז אינעם זאל פון „קופעטשעסקאָיע סאָבראניע“ פאָרגעקומען אַן אָוונט פון ש. אנ־סקי אף רוסיש. ער האָט דערציילט וועגן זײַנע פאָלקלאָר־עקספעדיציעס, געלייענט פאָלקס־לידער, די לעגענדע וועגן „דיבוק“. דער גאנצער זאל האָט פארגאפט געהערט ש. אנ־סקיס לעקציע. עס האָט פארכאפט ניט בלויז דער אינטערעסאנטער פאָלקלאָר־אויצער, וואָס ער האָט צונויפגעזאמלט, נאָר אויך די פאָשעטקײַט פון זײַן איבערדערציילן. אלץ צוזאמען האָט הארמאָניש זיך צונויפגעגאָסן מיט אנ־סקיס באצויבערנדיקער פערזענלעכקײַט.

אף דעם אָוונט זײַנען געווען די קיִעווער ייִדישע אינטעליגענץ, א סאך סטודענטן, קורסיסטקעס, פאָרגעשריטענע ארבעטער. דאָ האָב איך געזען צום ערשטן מאָל די ייִדישע שרײַבער. ווען די לעקציע האָט זיך געענדיקט, האָבן אנ־סקין ארומגערינגלט דער ניסטער, שימען דאָבין, יעכעזקל דאָברושין, דאָויד בערגעלסאָן, מוישע ליטוואקאָוו און אנדערע. מע איז אזוי, ריידנדיק, פאמעלעך ארויסגעגאנגען פונעם זאל. איך בין געגאנגען בא דער זײַט, געקוקט אף אנ־סקין. ער האָט זיך מיר פארגעדענקט מיט זײַן ניט הויכער פיגור, גראָוולעך בערדל, גוטמוטיקן שמייכל, ענלעך אף יאנקעוו דינעזאָנען. אלע ארום האָבן גערעדט ייִדיש.

דאָס איז געווען דער איינציקער ליכטיקער, יאָמטעוודיקער אָוונט אין ווינטער פונעם מילכאָמעדיקן 1916 יאָר.

אין יענער צײַט האָב איך געארבעט אף דער יוועליר־ און זייגער־פאבריק פון דער פירמע מארשאק. געוווינט האָב איך מיט מײַנעם א כאווער פון דער פאבריק אף דעם זעלבן קרעשטשאטיק אָן פראוואָזשיטעלסטוואָ. דער צימער איז געווען א גרויסער, און אָפט פלעגן צו אונדז ארײַנקומען אייניקע כאווירים פון דער פאבריק, באקאנטע סטודענטן, קורסיסטקעס, וועלכע האָבן געהאָלפן איינער דעם אנדערן אין זעלבסטבילדונג. אזוי איז אופגעקומען דער געדאנק צו שאפן א קרײַזל פון פאָ־

ליט-עקאָנאָמיע. איינער א כּאָוועד האָט רעקאָמענדירט אַלס אָנפירער זײַן ברודער, א סטודענט פון לעצטן קורס. איין מאָל אין וואָך האָבן מיר געמוזט זיך צונויפקלײַבן; פריער א מענטשן צען, שפּעטער מער. נאָך דער לעקציע פלעג איך פאַרלייענען פאַר אַלעמען שאָלעם־אַליכעמס א דערציילונג, א מאָנאָלאָג. ניט אַלע האָבן פאַרשטאַנען אַף אַזויפיל יידיש, מע זאָל לאַכן פּונקט בײַ קאָמישע סיטואַציעס, נאָר גלאַט פון א וואָרט, א פראַזע. מע האָט זיך אַזוי צוגעוווינט צו די פאַרלעזונגען, אַז שאָלעם־אַליכעם איז געוואָרן אַן אומבאַדינגטער קאָמפּאָנענט פון דער לערן-פּראָגראַם.

דעם 16 מײַ 1916 איז אָנגעקומען פון ניו־יאָרק די ידיעה, אַז שאָלעם־אַליכעם איז געשטאָרבן. גרויס איז געווען דער טרויער. אומעטום האָט מען גערעדט דערפון. אין „קיִעווסקאיא מיסל" האָט מ. ליראָוו אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן דעם גרויסן יידישן שרײַבער.

די כאַווײרים פון אונדזער קרײַזל האָבן מיך געבעטן, איך זאָל זיך צונויפרעדן מיט די יידישע שרײַבער, עמעצער זאָל לייענען פאַר אונדז א לעקציע וועגן שאָלעם־אַליכעמען. מיר האָט זיך גלײַך ניט פאַרגעשטעלט די שוועריקײַט פון אַזא מיסיע.

כ'האָב זיך געלאָזט אין „געיעג" נאָך א יידישן שרײַבער. צום אַלעם ערשטן בין איך אַוועק צו נאַכמען מײַזילן, נאָר זײַן ברודער יעכיעל האָט מיר געזאָגט, אַז נאַכמען איז ניטאָ אין קיִעוו, און מיר געגעבן דאָוויד בערגעלסאָנס אַדרעס. אָנגעקלונגען צו בערגעלסאָנען האָב איך ניט דרייסט. ווען ער האָט מיך אַרײַנגעלאָזט, האָט מיר ווי פאַרכאַפּט דער אָטעם, כ'האָב ניט געקאָנט אויסריידן אַפילע דעם גוט העלף. בערגעלסאָן האָט מיך באַגעגנט ליבלעך, אַרײַנגעפירט אין צווייטן צימער. אָפּגעזאָגט אַפּגיך צוליב וואָס איך בין געקומען, האָב איך דערזען, אַז אומעטום זײַנען אָנגעוואָרפן זאַכן, קליידער. זאָגט מיר בערגעלסאָן:

— איר זעט, איך קלײַב זיך אין וועג אַרײַן.

זײַן ברודער, וועלכער איז אויך געווען דאָ, האָט צוגעגעבן:

— דאָוויד פאָרט כּאַסענע האָבן, מיר פאָרן אַף שוועס אַהיים.

איך האָב זיך געזעגנט, געוווּנטשן א מאַזלטאָוו, און בערגעלסאָן האָט מיך גוטמוטיק אַרויסגעלאָזט.

צו ליטוואַקאָוון בין איך שוין געגאַנגען אין א געהויבענער שטימונג: א קלייניקײַט, צום ערשטן מאָל גערעדט מיט בערגעלסאָנען, וועלכער איז שוין צו יענער צײַט געווען א גאַנץ באַוווּסטער שרײַבער.

איך קלינג דרייסט אָן צו ליטוואַקאָוון. מע לאָזט מיך אַרײַן צו אים אין קאַבינעט. ער גיט מיר די האַנט, שווײַגט, וואַרט, וואָס וועל איך זאָגן און באַקוקט מיך פון קאָפּ ביז די פיס. איך פאַרליר מײַן דרייסטקײַט, נאָר איך נעם זיך אָן מיט מוט און זאָג אים צוליב וואָס איך בין געקומען. אויסגעהערט שטייענדיק, ענטפערט ער, אַז ער איז ניט געזונט, גייט ניט אײַנערגעץ. איך לאָז זיך צו דער טיר און גיי אַרויס, נאָר אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ, קוק איך זיך אום און זע, ווי ער שפּירט מיר נאָך אין שפּאַלט פון דער ניט פאַרמאַכטער טיר. מיר איז געוואָרן ניט אָנגענעם: וואָס זשע, ער איז מיך אין עפּעס כוישעד? איך באַשליס בײַ זיך, מער גיי איך ניט צו קיינעם. דער גאַנצער אופטו איז נאַיִוו, ניט באַטראַכט.

אין א נאָענטן פרײַען טאָג בין איך מיט מײַן כאַווער אַראָפּגעפאָרן קיק באַיִערקע. מיר זײַנען געגאַנגען איבערן וואַלד, געשמועסט. דאָ האָט אַמאָל געוווינט אַף דאַטשע שאָלעם־אַליכעם, דאָ אין „בויבעריק" איז אַרומגעפאָרן טעוויע דער מילכיקער, דערציילט שאָלעם־אַליכעמען זײַנע מײַסעס.

איך האָב געוווּסט, אַז דאָ, אין באַיִערקע, וווינט שימען דאָבין — עפּשער אַרײַנגיין צו אים? ער איז דאָך געווען זייער נאָענט מיט שאָלעם־אַליכעמען טאַקע דאָ, אין „בויבעריק".

אָפּגעזוכט זײַן דאַטשע, טרעף איך אים אַף דער וועראַנדע. דאָבין באַגעגנט אונדז ליבלעך. מיר דערציילן אים וועגן אונדזער קרײַזל און אַז מיר האָבן געוואָלט, עמעצער פון די יידישע שרײַבער זאָל קומען צו אונדז אַף א געשפּרעך וועגן שאָלעם־אַליכעמען. איך ווער דרייסטער און זאָג אים:

— ווער נאָך, אויב ניט איר אַליין, וואָלט געקאָנט דערציילן וועגן אונדזער גרויסן שרײַבער?

אָבער דאָבין, לאָזט זיך אויס, קאָן צו אונדז אויך ניט קומען. אים, זאָגט ער, איז זייער אָנגענעם צו הערן, אַז אין אַזא שווערער צײַט פאַרנעמט זיך א גרופּע אַרבעטער-יוגנט אין אַזא קרײַזל, אָבער ער איז פאַרוואָרפן מיט אַרבעט.

— זײַט פאַרזיכטיק, עס וועלן קומען בעסערע צײַטן, — זאָגט ער, — און וועגן שאָלעם־אַליכעמען וועט איר הערן אַף גרויסע פאָלקספאַרזאַמלונגען.

ער האָט מיט אונדז א ביסל שפּאַצירט אין וואַלד, געזאָגט, אַז געוויס גייען מיר איבער די סטעזשקעס, אַף וועלכע שאָלעם־אַליכעם האָט אין זײַן צײַט שפּאַצירט.

ענדלעך באַשליסט אונדזער לעקטאָר סמאָרטענקאָ (א ייד מיט אַן אוקראַיִנישן פאַמיליע־נאָמען), אַז ער קאָן, פּאַשעט ווי א לייענער, אונדז דערציילן וועגן שאָלעם־אַליכעמען. זײַן

לעקציע האָט זייער אויסגענומען. לאָזט זיך אויס, אז ער איז כאַיִם־נאַכמען ביאַליקס א שוואָגער, דער ייִנגסטער אײדעם פונעם וואָלד־סויכער אוּערבוך.

אין יענעם זומער האָב איך געמוזט פאַרלאָזן מיַין צימער אף קרעשטשאַטיק איבער די אָפּטע אָבלאַוועס אין צענטער פון דער שטאָט. איך האָב געקראָגן א צימערל בא א שניַידער אף קליין־זשיטאָמירער גאַס אפן ערשטן שטאָק. העכער מיט א שטאָק האָט זיך געפונען די ביבליִאָטעק פון דער כעוורע „מפיצי השכלה“. דאָ, אין גרויסן לייען־זאַל, שטייען שיך־געשניצטע שאַפעס מיט אַלטע ספאָרים, העברעיִשע ביכער, יודאיִק אין סאָלידע לעדערנע טאָוולען, אין אַלטע און ניַיע איַינבונדן. אף דער צווייטער זיַיט — שאַפעס מיט ייִדיש־רוסישער ליטעראַטור, ציַיטשריפטן: די דעמלטיקע פעטערבורגער זשורנאַלן „וואָסכאָד“, „ראַסוועט“, שאַפעס מיט ייִדישע ביכער. דאָ באַקאָן איך זיך צום ערשטן מאָל מיט דאָוויד איגנאַטאָווס שריפטן, מיט דער גאַנצער פּליִיאַדע אַמעריקאַנער יונגע דיכטער און פּראָזאיִקער — אָפּאַטאָשו, ראַבאָי, מוישע נאַדיר, ה. לייוויק, מאַני לייב, מוישע־לייב האַלפּערן, אײַזלאַנד און אַנד. יעדע פריַיע שאָ פאַרברענג איך אינעם לייענזאַל. באַם גרויסן טיש פלעגן זיצן נאָך א סאַך לייענער, אַרומגעלייגט מיט ביכער און זשורנאַלן, געבלעטערט, געלייענט און עפּעס פאַרשריבן. מיט דער ציַיט ווערט מען באַקאַנט מיט זיי בעסער, און כ׳בין זייער צופרידן, וואָס עס איז דאָ וועמען צו הערן און בא וועמען זיך אָפּלערנען.

דעם פאַרוואַלטער פון דער ביבליִאָטעק א. טשעטשיק קען איך נאָך ניט נאָענט, נאָר איך ווייס, אז דאָס איז זייער אַן ערודירטער און סימפּאַטישער מענטש. שפּעטער ווערן מיר גוטע פריַינט. ער פלעגט זיך אָפּט פאַרזיצן אין דער פאַרמאַכטער ביבליִאָטעק. איך פלעג אָנקלאַפּן, און ער האָט מיך דורך דער הינטערטיר אַריַינגעלאָזט, און פאַר מיר האָבן זיך צעעפנט זעלטענע ביכער־אוֹיצרעס. טשעטשיק אַנטדעקט פאַר מיר די סוידעס פון ביבליִאָטעקוועזן, לערנט מיך די סיסטעם פון קלאַסיפיקאַציע, וויִאַזוי צו באַאַרבעטן א בוך, צונויפשטעלן א קאַטאַלאָג. דאָס איז מיר שפּעטער טאַקע צוניצגעקומען.

אין האַרבסט 1916 איז דער צאַר ניקאָלײַ געקומען קיין קיִעוו. ער איז שוין דעמלט געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמיי, און פּאָרנדיק אין סטאַווקע, האָט ער געוואָלט באַגליקן זיַינע קיִעווער אונטערטאַנער מיט זיַין באַזוך. אין די ציַיטונגען האָט מען ניט געשריבן, אז דער צאַר וועט זיַין אין קיִעוו. אָבער דאָס איז געווען א סאָד פאַר גאַנץ בראָד.

מענגעס מענטשן האָבן זיך געלאָזט פון טשיקאַוועס וועגן צום פּלאַץ הינטער דער דומע. די פּאָליציי און זשאַנדאַרמען האָבן געטריבן דעם האַמויִן, צוגעשפּאַרט צו די אַרומיקע היַיזער. איך בין אויך געווען צווישן די ניַיגעריקע. און אָט באַוויַיזט זיך אפן ליידיקן פּלאַץ אַן אָפענער אויטאָמאָביל, ער פאָרט פּאַמעלעך. אינווייניק זיצט דער צאַר ניקאָלײַ מיטן יורעש אַלעקסיי. זיי קוקן אפן אוילעם, וואָס שוויַיגט. קיין היספּיַילעס זעט מען ניט, אַכוץ איינצלנע אויסגעשרייען „הורא“ און „באָזשע, צאַריאַ כראַני“, וואָס קלינגען אָפּ און ווערן אָפּגעהאַקט. דער אויטאָמאָביל פאָרט אַרויס אף יענער זיַיט דומע, דער אוילעם טוט זיך א רודער, מע ווייסט, אז אַרום און אַרום דרייען זיך, ווי שלאַנגען, שפּיקעס, און קוקן שאַרף נאָך יעדערן. איך פאַרקער פון דאָרטן באַציַיטנס אין א זיַיטיקער גאַס.

אין קיִעוו זיַינען אין יענע יאָרן געווען איניקע לעגאַלע פּראָפאַריינען, מיט וועלכע ס׳האָבן אָנגעפירט מענשעוויקעס, און אַפילע א מין אַרבעטער־קלוב אף קרעשטשאַטיק. די אָנפירער — לאָיאַל פאַרעקאָמענדירטע טוער, סאָלידע אַדוואָקאַטן, סאָציִאַליסטן. אויסער די ציִמערן, ווו מע האָט געשפּילט אין ביליאַרד, געמאַכט א פּרעפערענס, פלעגן דאָ אויך פאָרקומען לעקציעס אף ליטעראַרישע, וויסנשאַפטלעכע טעמעס. דער לעקטאָר פלעג זיך אָפּט אַראָפּגליטשן פון דער טעמע אף „לינקס“, גענומען רעדן וועגן דער מילכאָמע, וועגן די רעוואָליוציִאָנערע שטימונגען צווישן די אַרבעטער אין פּעטראָגראַד — וועגן אַזוינס, וואָס פון מויל האָט מען אָפן ניט אַרויסגעבראַכט און אין די ציַיטונגען ניט געלייענט.

מיַין לאַנדסמאַן, דער שניַידער יוסי גרינבערג, א מיטגליד פונעם קלוב, וועלכער האָט מיך אַהער אַריַינגעבראַכט, האָט מיר געזאָגט, אז צווישן די קלוימערשטע מענשעוויקעס זיַינען טעטיק פאַרשטעלטע באָלשעוויקעס און אז זיי וועלן דערפירן דערצו, אז דעם קלוב וועט מען פאַרמאַכן. און ס׳איז טאַקע געווען אַזוי, ווײַל אין סאָף פון דעם יאָר האָט מען דעם קלוב פאַרמאַכט, עמעצן פון די אַקטיוויסטן אַרעסטירט.

שוין קימאַט צוויי יאָר, אז איך האָב פאַרלאָזט וואַרשע און לעב אין קיִעוו. א סאַך ניַיע באַקאַנטע, כאַווײרים. אַן אַנדער סוויווע. דאָרט, אין וואַרשע, האָט מען אף שריט און טריט געהערט דעם וואַרשעווער ספּעציפישן ייִדישן לאָשן. אומעטום האָט מען גערעדט ייִדיש, געלייענט און געטראַכט אף ייִדיש. אין קיִעוו קומט אָבער אויס מער רײדן אף רוסיש, לייענען רוסישע ביכער און ציַיטונגען, מער פון ייִדישע. דאָך זיַינען דאָ געווען גאַסן, דער־

ווײַטערטע פון צענטער, די גרויס־וואסילקאָווער, קלײן־וואסילקאָווער, מארינא־בלאַגאָוועשטשענסקאיא — געדיכט באַזעצט מיט ייִדן, און דאָ האָט מען געקאָנט הערן רעדן ייִדיש. אין אײניקע הײַזער זײַנען דאָ געווען באַלעבאָסטעס, וועלכע האָבן געגעבן היימישע מיטיקן — ניט אַזעלכע, ווי אין וואַרשעווער גרויסע ביליקע גאָרקיכן. די קיִעווער באַלעבאָסטעס האָבן פּאַר שטענדיקע באַזוכער געקאָכט געשמאַקע ייִדישע מײַכאָלים. אַהער פלעגט מען פאָרן אַפּילע פון ווײַטע גאַסן.

האָב איך אויך אָנגעהויבן אַרײַנקומען צו אײנער אַזאַ באַלעבאָסטע אויף הײמישע מיטיקן. באַלד פון די ערשטע טעג האָט זי מיך אוועקגעזעצט בײַ אַ טישל באַנאַנד מיט עפּעס אַ יונגנמאַן. מיר האָבן זיך צערעדט, גיך אײנער דעם אַנדערן פאַרשטאַנען, הײמיש געוואָרן. די באַלעבאָסטע, אַ מיטליאָריקע סימפּאַטישע פרוי, פלעגט צוטראָגן די מײַכאָלים און גוטמוטיק גערעדט צום יונגנמאַן:

— עס, עס, יודל. קוק בעסער אין טעלער, ביז ער וועט לײדיק ווערן. רעדן קאָן מען דערנאָך.

ער פלעגט ענטפערן מיט אַ שמייכל:

— האָב קײן דײַגע ניט, איך וועל גאָרניט איבערלאָזן.

וואָס נעענטער מיר זײַנען באַקאַנט געוואָרן, אַלץ אָפטער האָבן מיר גערעדט וועגן ביכער, ליטעראַטור. איך האָב שוין געוווּסט, אַז די באַלעבאָסטע איז זײַן שוועסטער, ער איז אַ ווײַבערשער שנײַדער, אַרבעט אין אַלשווייִנגס גרויסער קלײדער־פאַבריק. ער האָט שוין געוווּסט, אַז איך בין געווען אין וואַרשע, און געהאַלטן אין אײן אויספרעגן מיך וועגן שרײַבער און באַזונדערס וועגן פּערעצן. אַזוי פלעגן מיר אײנצוויִען אָפּזיצן בײַם טישל, ניט באַמערקנדיק, וואָס און וויפל מע האָט געגעסן...

איך בין געווען צופרידן פון אונדזער באַקאַנטשאַפט, פון די אינטערעסאַנטע געשפּרעכן. ס'איז פּאָשעט געווען אַ חידעש, ווי אָט דער שנײַדער איז באַהאַוונט אין ליטעראַטור, ווי טיף און אַלזײַטיק שאַצט ער אָפּ שרײַבער און ווערק. אָפט האָט ער דערצײלט עפּיזאָדן פון זײַן לעבן, און בײַס ער האָט כאַראַקטעריזירט מענטשן פון זײַן סוויווע, איז דאָס געווען מאַמעש ווי פון אַ ביכל אַרויסגעלײענט...

טרעפט אַזוינס: מיר האָבן זיך באַגעגנט אין קלוב אויף קרעשטשאַטיק אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט פון דעם רוסישן שרײַבער יעווגעני טשיריקאָוו. מיר שטײען און ריידן צווישן זיך, גײט צו מײַן בעןֿ־איר יוסי גרינבערג און זאָגט מיר:

— דו ביסט באַקאַנט מיטן כאַווער יאַפּע?

— מיט אָט דעם כאַווער זײַנען מיר שוין פונלאַנג באַקאַנט, אָבער אַז זײַן פאַמיליע־נאָמען איז יאַפּע, הער איך צום ערשטן מאָל.

אין דער „ייִדישער וועלט" האָב איך געלײענט אַ דערצײלונג פון יודל יאַפּע, אָבער מאַלע וויפל יאַפּעס זײַנען פאַראַן אויף דער וועלט...

— וואָס זשע, דו ווײסט ניט? — שלאָגט מיך איבער מײַן בעןֿ־איר מיט גאַדלעס, — דאָס איז דאָך דער זעלבער יודל יאַפּע, אַ שרײַבער פון אונדזער שנײַדערשער מישפּאָכע.

יודל יאַפּע שווײַגט, ווי פאַרשעמט. זאָג איך אים מיט געמאַכטער רוגזע:

— נו, אַז איך האָב זיך ניט אָנגעשטויסן, איז פאַרוואָס האָט איר זיך ניט מוידע געווען?

— אַ קלײניקײַט. איך טרעף זיך אַלע טאָג מיטן אַווטאָר פון דער באַרימטער דערצײלונג „דאָס אײדעמל" און שטויס זיך אַפּילע ניט אָן, אַז דאָס איז ער!

שפּעטער, אין די צוואַנציקער יאָרן, האָב איך זיך ווידעראַמאָל באַגעגנט מיט יודל יאַפּע אין מאָסקווע, און אין אָנהײב פון די דרײַסיקער יאָרן, ווען איך האָב געאַרבעט אין עם פאַרלאַג „עמעס", האָב איך קאָרעגירט זײַנע דערצײלונגען. „דאָס אײדעמל" האָט ער איבערגעאַרבעט, פאַרגרעסערט, און דאָס ווערק איז געוואָרן נאָך מער באַוווּסט שוין ווי אַ ראָמאַן.

אָן איניציאַטיוו־גרופּע פון מאַרשאַקס יוּווע ליר־פאַבריק און פון אַנדערע אונטערנעמונגען האָט אַ שטיק צײַט זיך באַמיט צו דערשלאָגן זיך אַ דערלויבעניש צו גרינדן אַ פּראָפאַרייִן. סאָפּקאָלסאָף האָט מען דערלויבט. אין אײנעם אַ זונטיק האָבן זיך צונויפגעקליבן פאָרשטײער פון אײניקע פאַבריקן אין אַ טײ־הויז אויף פּאָדאָל. געקומען זײַנען עטלעכע און דרײַסיק מענטשן. קײן זײַטיקע אַרײַנגײער האָבן ניט געדאַרפט זײַן — אַזוי האָט מען אָפּגערעדט מיטן באַלעבאָס פון דעם טײ־הויז. באַם דורכפירן די פאַרזאַמלונג האָט געדאַרפט זײַן אַ פאָרשטײער פון דער פּאָליציי. ביז ער וועט קומען, האָט אײנער אַ כאַווער פאַרפירט דערווײַל אַ שמועס וועגן איצטיקן פּאָליטישן מאָמענט אין לאַנד, וועגן דעם אופשטײַג פון רעוואָליוציאָנערע שטימונגען צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס און אין אַרמיי. דער רעדנער פירט אַזוי דעם שמועס, זיצנדיק מיט אַלעמען בײַ די טײ־טישן, אויף וועלכע עס זײַנען צעשטעלט טשײַניקעס מיט טײ. מע גיסט אָן און מע הערט אָנגעשטרענגט, און קעדיי דער פאָרשטײער פון דער פּאָליציי זאָל ניט קומען אומגעריכט, האָט מען צעשטעלט עטלעכע וועכטער ביז דער דרויסן־טיר. אָבער אָט באַווײַזט זיך אײנמיטן די רײד אײנער פון די וועכטער, און טוט אַ ווונק. עס גײט אַרײַן אַ

פריסטאַוו, ער זעצט זיך צו, און דער זעלבער כאַווער דערקלערט פּראָסט, זאַכלעך, צוליב וואָס מיר דאַרפן אַ פּראָפאַריין: אַף זיכערן די געמיינזאַמע אינטערעסן צווישן די אַרבעטער און באַלעבאַטים, שאַפן אַ קראַנקן־קאַסע און דגל.

מע האָט אויסגעוויילט אַ פאַרוואַלטונג, קאָמיסיעס, מיך האָט מען אויסגעוויילט אין דער רעווידיר־קאָמיסיע.

מ'איז נאָך אַ ביסל געזעסן, געטרונקען טיי אָהן, אַרויסגייענדיק, אָפּגערעדט, ווען און ווו זיך טרעפן. דאָ האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דער כאַווער, וואָס האָט געפירט די פאַרזאַמלונג, איז גאַר אין פאַרוואַלטונג ניט אַריין, ווער איז ער, האָט קיינער ניט געוווּסט.

אינגיכן, אין סאָף פון יאָר, האָבן מיר באַקומען מיטגליד־ביכלעך פון מעטאַליסטן־פּאַריין. מיט אָט דעם ערשטן ביכל האָט זיך אָנגעהויבן מײַן פּראָפאַריינישער סטאַזש פון 1917 יאָר.

אָט אַזעלכע עפּיזאָדן האָבן זיך פאַרגעדענקט פון די צוויי יאָר פאַר דער פעוורואַל־רעוואָלוציע.

דער ערשטער ייִדישער אָוונט אין קיִעוו איז פאָרגעקומען אין אַ כוידעש אַרום נאָך דער רעוואָלוציע. דער גרויסער זאַל פונעם פּעדאַגאָגישן מוזיי אַף וולאַדימיראָווער גאַס האָט ניט געקאָנט אַרײַננעמען די גרויסע צאָל מענטשן, וועלכע זײַנען געקומען. אַ פאָרטראָג האָט געהאַלטן יעכעזקל דאָברושין. דאָס ערשטע מאָל קומט מיר אויס אים צו הערן. געוווּ־ס איז ער נאָך ביז אָט דעם אָוונט פאַר אַזאַ גרויסן עולעם ניט אַרויסגעטראָטן.

דאָברושין האָט גערעדט וועגן דעם צושטאַנד פון דער ייִדישער קולטור ביז דער רעוואָלוציע, וועגן דער באַציִונג פון דער העברעיִש־רוסישער אינטעליגענץ צו אונדזער פאָלקס־שפּראַך, וועגן די פּערספּעקטיוון צו אַנטוויקלען די ייִדישע קולטור אין דער נאָענטסטער צײַט.

גערעדט האָט ער מיט עקספּרעסיע, מיט טעמפּעראַמענט, אין זײַן מאַניר, צו וועלכער מיר האָבן זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן גוט צוגעוווינט. מע האָט אים הייס אָפּלאָדירט, באַדאַנקט פאַר דעם ערשטן פרײַען ייִדישן וואָרט. אַ פרייִלעכע, יאָמטעוודיקע שטימונג האָט געהערשט אין זאַל.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָנצערט. צום ערשטן מאָל איז אַרויסגעטראָטן אַף ייִדיש דער פּאָפּולערער אַרטיסט פונעם מיניאַטיור־טעאַטער ברײַנין. ער האָט געזונגען וואַרשאַווער סקיס פאָלקס־לידער, צווישן זיי „די מעזינקע אויסגעגעבן". מיט דערפאָלג איז אַרויסגעטראָטן די אָפּערעטן־אַרטיסטקע ווערע זאַסלאַווסקע און אַנד.

אָט דער אָוונט איז געווען דער אָנהייב פון ווײַטערדיקן אויפבלי פונעם ייִדישן קולטור־לעבן אין קיִעוו.

אינגיכן נאָך דעם האָב איך פאַרלאָזט קיִעוו און זיך אַראָפּגעכאַפּט צו זיך אַהיים, זיך זען מיט מײַנע אייגענע און אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין מײַן שטעטל.

אויך דאָ האָט זיך דער פרילינג פון דער רעוואָליוציע, וועלכע האָט זיך דערקלינגען אַהער פון פּעטראָגראַד דורך קיִעוו, אָנגעהויבן מיט דעמאָנסטראַציעס, מיטינגען, פאַרזאַמלונגען. דער זאַל פון דער פײַערלעשער־קאָמאַנדע איז טאָגטעגלעך געווען געפּאַקט. עס האָבן גערעדט: דער מיראָוואָי סודיאַ, דער קאַזיאָנער ראַבינער, לערער פון דער סעמינאַריע און גלאַט ווער ס'האָט געוואָלט עפּעס זאָגן. צווישן די רעדנער איז געווען דער באָלשעוויק מ. טאָקאַרסקי, וועלכער איז דאָ פאַרבליבן פון פריִער אין אונטערערד. מע האָט גערעדט אַף רוסיש, אוקראַיִניש, ייִדיש. די מערהײַט צושויער זײַנען געווען פרויען. זיי זײַנען געזעסן אין די פאָדערשטע רייען פרייִלעכע, גליקלעכע, ווי פון אַ קעלער אַרויס אַף דער ליכטיקער שײַן. ווידער איז געוואָרן אַקטיוו דער אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער פון „בונד" אין די יאָרן 1905—1906, דער דאַמסקע שנײַדער מוישע שאַמיס. דעמאָלט האָט ער געהייסן מוישע־לייב פייסיס, נאָר דערנאָך, ווען ער האָט אַף פאַרזאַמלונגען דעם קייסער ניקאָלײַ געמאַכט אויסצודרייען, געלייגט אים נײַן אייל אין ד'רערד אַרײַן, האָט מען אין שטעטל אים אַ נאָמען געגעבן „מוישע קייסער". אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ער האָט שוין געהאַט אַ ווײַב מיט קינדער, און אייגענע אַטעליע, האָט מען אים שוין גערופן פּאַשעט — מוישע שאַמיס. מע האָט מיר דערציילט, אַז אַף איינעם פון די ערשטע מיטינגען האָט ער זײַן רעדע אָנגעהויבן אַזוי: „כאַווירים! אַ נעס איז געשען, און די רעוואָליוציע האָבן מיר באַקומען". האָט מען אים געפרעגט: „וואָס זשע, אַ רעוואָליוציע טרעפט דען דורך אַ נעס?" — „כ'ווייס, — האָט ער געענטפערט, — איך האָב זיך גאָר ניט געריכט". ער פלעגט גיין אַף פאַרזאַמלונגען זאָגן אַמאָל עפּעס, געוואָרן אָפּסנײַ אַ בונדאָוועץ.

איינמאָל אַף אַ פאַרזאַמלונג האָט מען מיר אומגעריכט אויך געגעבן אַ וואָרט. איך בין אַרויס אַף דער בינע, אַ ווײַלע ווי דערשטוינט געוואָרן, נאָר דערנאָך, ווי מע שמייכלט צו מיר, געוואָרן דרייסטער. כ'האָב גערעדט וועגן דעם, אַז מע דאַרף זיך לערנען, לייענען ביכער, באַהערשן די קולטור און נאָך עפּעס. האָבן שוין די אָרטיקע טוער מיך דערנאָך געקרויינט פאַר אַ קולטור־טוער און טאַקע אַפן אָרט מיר פאָרגעלייגט צוגרייטן אַ מין קאָנצערט צום ערשטן

מײַ, וועלכן מע קלײַבט זיך צום ערשטן מאָל ברייט פײַערן.

צוזאמען מיטן מוזיקאנט מאסלאָווסקי, האָב איך צונויפגעשטעלט א כאָר, און מע האָט גענומען רעפעטירן פאָלקס־לידער. איך האָב צוגעגרייט „די אייצע" פון שאָלעם־אַלייכעמען.

דעם ערשטן מײַ איז פאָרגעקומען אן אַלגעמיינע דעמאָנסטראציע און א מיטינג אין וואלד, און אין אָוונט איז אינעם זאל פון דער פײַערלעשער־קאָמאנדע געגעבן געוואָרן דער קאָנצערט.

דער זאל האָט ארײַנגענומען בא פיר הונדערט מענטשן, נאָר ס'האָבן זיך דורכגעשטופּט פיל מער. א קלייניקײַט, דאָס ערשטע מאָל אין שטעטל א קאָנצערט, טעאטער! מיר איז אויך אויסגעקומען צום ערשטן מאָל ארופגיין אף א סצענע פארגרימירט. פריער פלעג איך פאָרלייענען שאָלעם־אַלייכעמען בלויז אין אן ענגן קרײַז. פארגרימירט האָט מיך הערשל דער פּאַריקמאכער — אויך דאָס ערשטע מאָל גרימירט א יידישן יונגנמאן. (ביז דעמלט פלעגט ער גרימירן די סעמינאריסטן אף אוקראַיִנישע ספּעקטאקלען). איך בין ארויס אף דער בינע. באם שרײַבטיש זיצט פארגרימירט פאר שאָלעם־אַלייכעמען אן אָנגעלייענטער באָכער איציק פּעסי־גיטלס. איך הייב אָן. די ווערטער קען איך קימאט אויסווייניק, נאָר אין בודקע זיצט אלס סופליאָר וואָלקע פּאָדאָלסקי. ער קען גוט איווריע, דארף מיר אונטערזאָגן, אויב איך וועל זיך ספּאָטיקען, פארגעסן ווערטער. דער אוילעם זיצט שטיל פארגאַפט, און איך דערצייל שאָלעם־אַלייכעמס מײַסע, וויאַזוי א יונגערמאן פרעגט אן אייצע, צי זאָל ער זיך געטן, צי ניין. מיטאמאָל ברעכט אויס אזא געלעכטער, אז מײַן פּארטניאָר „שאָלעם־אַלייכעם", האלט ניט אויס און צעלאכט זיך אויך געשמאק. מיר אָבער לאכט זיך ניט, זאָג איך ביז צו „שאָלעם־אַלייכעמען", שטיל אין פּאָנעם ארײַן, ער זאָל אופהערן לאכן, און דערווײַל פארליר איך, ווו איך האלט. איך וואַרט, דער סופליאָר זאָל מיר אונטערזאָגן, נאָר ער פארכלינעט זיך אויך פון געלעכטער אין זײַן בודקע און קאָן קיין וואָרט ניט ארויסזאָגן. ענדלעך ווערט א ביסל שטילער, און איך קאָן שוין ווײַטער „שפּילן". מײַן פּארטניאָר האָט געשטיקט אין זיך דעם געלעכטער, אזוי ביזן סאָף, און ווען ער דארף מיך נעמען פארן האלדז מיט די ווערטער: „געטן זאָלסטו זיך, מאמזער, געטן!", האָט ער טאקע אף אן עמעסן מיך שיר ניט דערוואָרגן. כ'האָב זיך קוים ארויסגעריסן, באדאנקט פאר דער „אייצע". דער פאָרהאנג פאלט, און דער זאל באגלייט אונדז סײַ מיט הילכיקן געלעכטער, סײַ מיט א פּאטשערײַ.

אזוי בין איך צום ערשטן מאָל געווען אף דער בינע אין דער ראָליע פון אן ארטיסט, און דער אוילעם האָט אויך צום ערשטן מאָל געזען א טעאטער־שפּיל.

אין א פּאָר וואָכן ארום קומט ווידער פּאָר אן אָוונט פון שאָלעם־אַלייכעמס מאָנאָלאָגן. איך בין נאָכאמאָל פארגרימירט. מיט א בײַטש און מיט מאלבושים האָט מיך באזאָרגט שמאריע דעם באלעגאָלעס מיידל. איך שפּיל דעם מאָנאָלאָג „קיין אײַנהאָרע ניט". דער געלעכטער אין זאל האָט ניט געלאָזט דעם באלעגאָלע ריידן. דער סופליאָר האָט עפּעס אונטערגעזאָגט און געלאכט, אָבער דעם מאָנאָלאָג האָב איך געקענט אף אויסווייניק און זיך באגאנגען אָנעם סופליאָר. אף מאָרגן האָט מיך אָפּגעשטעלט אפן גאס שמאריע דער באלעגאָלע מיט א ביי־זער טײַנע: „וואָס האָסטו עפּעס נעכטן געמאכט מיך פאר א לעמעשקע, אויסגעלאכט פאר אן אוילעם מענטשן: ווי איך זאָג, וואָס איך רעד, אפילע שנעקעס קרימען מיך נאָך, לאכן אין די אויגן!" זאָג איך אים, אז די מײַסע האָט אָנגעשריבן שוין פונלאנג שאָלעם־אַלייכעם וועגן גאָר אן אנדער באלעגאָלע און ניט אים געמיינט. ענטפערט ער: „פארעד מיר ניט די ציין", — טוט א שפּײַ און גייט אוועק אין גרימצאָרן, און איך טו א טראכט דערבײַ, אז ווען ער ווייסט, אז באוויזן האָב איך יענעם באלעגאָלע אין זײַנע, שמאריעס בגאָדים — מיט די שטיוול, מיטן היטל און מיט דער בײַטש אפילע, וואָס זײַן מיידל האָט מיר געבראכט, וואָלט זי שוין געכאפּט פון אים דעם עמעסן פּסאק.

ס'איז אריבער דאָס שפּילן טעאטער, כ'האָב נאָך באוויזן צונויפשטעלן א ליבהאָבער־קרײַז, גרייטן א ספּעקטאקל, האָט זיך שוין אָבער געגרייט גאָר אן אנדער ספּעקטאקל: אין פּעטראָגראד, אין קיִעוו האָבן די עסערן, מענשעוויקעס געפירט א העפטיקע קאָמפּאַניע פאר אָנהייבן אן אָנגריף אף די פראָנטן, זיך דערשלאָגן א זיג איבער די דײַטשן און „ראטעוועון" די רעוואָליוציע. אין שטעטל האָבן די זעלבע פּארטייען און אויך דער „בונד" זיך אָנגעשלאָסן אין אָט דער קאָמפּאניע.

א היפּשע צאָל יוגנט און אויך מענטשן פון די עלטערע יאָרן האָבן געדארפט גיין אין ארמיי. איך האָב געהאט ביז דעמלט אן „אָטסטראָטשקע", און איצט האָב איך זיך גענומען גרייטן גיין דינען דער רעוואָליוציע, ווי מע האָט הייס אגיטירט. מײַן מאמע האָט געווײנט, געקלאָגט: מיט צוויי יאָר צוריק איז אפן פראָנט אומגעקומען איר עלטסטער זון, און איצט דארף איך גיין.

איך בין אָנגעקומען אין א רעזערוו־פּאָלק אין זשיטאָמיר. עטלעכע וואָכן האָט מען גע־

לערנט, וויִאזוי זיך צו באגיין מיט דער ביקס, שטודירט מיט אונדז אנדערע מיליטערישע קענטענישן. און אין איינער א נאכט האָט מען דעם פּאָלק אַרײַנגעזעצט אין וואגאָנען און אוועקגעשיקט אפן פראָנט.

מיר זײַנען אָנגעקומען קיין גאליציע מיט צוויי טעג פריִער פאַר קערענסקיס בארימטן באפעל פון 17־יון: אָנהייבן דעם אָנגריף אף אלע פראָנטן. ארויס פון די וואגאָנען, האָבן מיר גענומען מארשירן דורך דערפער און שטעטלעך — מונקאטש, בוטשאטש, זלאָטשעוו. די יידישע הײַזער זײַנען אומעטום האלב כאָרעווע, צעראבירטע. איך גיי פון שטוב צו שטוב, כ׳זע צום ערשטן מאָל אָט די אומגליקלעכע גאליציִאנער יידן, העֶר אויס זייערע צאָרעס, דאָס באקלאָגן זיך אף דעם ביטערן גורל זייערן.

מיר זײַנען ארויס פונעם שטעטל, גייען פארבײַ א דאָרף, ווײַטער ציט זיך א ברייט פעלד. אינמיטן — א גרויסער מיליטערישער בעסוילעם מיט צעשטעלטע אין לאנגע רייען צלאָמים פון מילכאָמע־קאָרבאָנעס, איינצלנע און ברידער־קוואָרים. איך זוך, עפשער וועל איך דאָ געפינען דעם קייווער פון מײַן עלטסטן ברודער באָרעך, וועלכער איז אומגעקומען אין פעווראל 1915. איך גיי לאנג צווישן קוואָרים דורכן ברייטן בעסוילעם אפן פרעמדן גאליציִאנישן פעלד.

וואָס ווײַטער, איז אלץ נעענטער צום פראָנט. אונדזערע פאָדערשטע פּאָזיציעס געפינען זיך הינטער לוואָוו. מידע פונעם לאנגן מארש, זײַנען מיר אָנגעקומען צו גרייטע אָקאָפּעס. דאָ לייענט מען פארן „סטראָי״ קערענסקיס באפעל: מאָרגן, דעם 17 יון, הייבט זיך אָן דער אלגעמיינער אָנגריף. מיר מאָסטען זיך אײַן אין די אָקאָפּעס. דאָ קאָן מען זיצנדיק, האלב ליגנדיק עסן, וואָס די קיך ברענגט, און שלאָפן דערווײַל ווען און וויפל מע קאָן, בײַנאכט שטיי איך אין דאָזאָר. גיך גייט דורך די קורצע זומערדיקע נאכט, און אָט שײַנט שוין דער בלויער פרימאָרגן. איך קוק זיך אײַן אין דער ווײַטקײַט אריבער דעם קלויסטער־שפּיץ: עפּעס וויקלט זיך א גרינער רויך, און עס ווײַזט זיך מיר אויס, אז די דײַטשן האָבן געלאָזט גאז צו אונדזער פּאָזיציע. איך האָב שיר ניט אופגעהויבן אן אליאַרעם, נאָר מײַן ווזוואָדנע באווײַזט זיך לעבן מיר און לאכט זיך אויס פון מײַן שרעק.

די זון האָט נאָך ניט באוויזן זיך אפן האָריזאָנט, ווי די לופט ווערט צעטרייסלט פון א דונערדיקער ארטילעריע־שיסערײַ. כאָטש די שיסערײַ איז גאָרניט אזוי נאָענט, ווארפט אָן אף אלעמען פון אומגעריכטקײַט א מאָרעשכוירע. די געניטע סאָלדאטן בארויִקן: דאָס קלאפּן אונדזערע הארמאטן, עס גייט אָן ארטילערישע צוגרייטונג צום אלגעמיינעם אָנגריף. די מילכאָמע הייבט זיך אָן אפסנײַ.

לאנג האָט די קאנאָנאדע געדויערט. אָט איז געוואָרן שטילער. מיר ווארטן אָנגעשטרענגט. אונדזער טייל איז אין רעזערוו, און מיר דארפן יעדע מינוט זײַן גרייט גיין אין שלאכט. די שיסערײַ הערט זיך שוין פון גאָר ווײַט. אזוי איז אריבער דער טאָג. אינמיטן נאכט פירט מען אונדז ארויס לויטן סיגנאל „טרעוואָגא״ פון די אָקאָפּעס. מיר גייען דורך איין דאָרף, דורך א צווייטס — צום פראָנט. צו די פאָדערשטע פּאָזיציעס איז נאָך ווײַט, נאָר א שטארקע אינטענסיווע שיסערײַ הערט זיך, ווי פון דער נאָענט. מיר זײַנען ווידער אין די אָקאָפּעס, ווארטן. אין עטלעכע שאָ ארום — א באפעל: פארלאָזן די אָקאָפּעס, שנעל זיך סטראָיען. מיר האָבן געמיינט, אז מיר גייען שוין אין שלאכט, פאָרויס צו לוואָוו, האָט מען גאָר אונדז אײַליק פארקערעוועט אף צוריק. לאָזט זיך אויס, אז אונדזער אָנגריף דעם 17־טן יון האָבן די דײַטשן באגעגנט מיט א קאָנטעראטאקע, און אונדזערע טרעטן אָפּ.

דער פּאָלק אונדזערער האָט זיך צעצויגן איבערן פעלד, דער סטראָי האָט זיך צעשאָטן. דער פּאָלקאָווניק פאָרט אפן פערד, בייזערט זיך, באפעלט אויסגלײַכן, אונטערציִען די קאָלאָנע. מע הערט שלעכט די קאָמאנדע. די זון באקט אלץ שטארקער. מע גייט איבער א פעלד בא הויכע טוווע־זאנגען. מיר גייען, און די שיסערײַ הערט ניט אוף. רעכטס פון אונדז פליִען סנאריאדן צום וואלד. נאָך א האלבן טאָג זײַנען מיר אָנגעקומען אין א סאָסנע־וואלד. מע ווארפט זיך אפן גראָז, אויסגעמאטערטע פונעם לאנגן מארש אונטער דער סארפּענדיקער זון, עס ווילט זיך טרינקען. איך און נאָך צוויי סאָלדאטן גייען זוכן א קוואל. מיר גייען אין באזונדערע ריכטונגען. איך טרעף אָן אף א ריטשקעלע, טרינק זיך אָן און לאָז זיך גיין מיט א קעסעלע וואסער צוריק. מיטאמאָל — א לאנגער פײַף און א קנאל: ערגעץ נאָענט פאלט א סנאריאד, און באלד האָט זיך איין סאָסנע, א צווייטע א וואלגער געטאָן אין מײַן זײַט. א פארטויבטער בין איך א פאל געטאָן, און די סאָסנע־קרוין האָט מיך פארדעקט, פארפלאָנטערט אין די צווײַגן. איך ליג פריטשמעליעט, פארטויבט און ווייס ניט, צי לעב איך נאָך, צי בין איך שוין א טויטער... איבערן פּאָנעם, אפן האלדז איז עפּעס נאס. שטיל, אונטער מיר ציטערט די ערד, די ביימער טרייסלען זיך. איך פּרוּוו זיך ארויסרײַסן פונעם פּלאָנטער, ברעך די צווײַגן — און כ׳דערזע ניט ווײַט פון מיר די צוויי סאָלדאטן, וועלכע זײַנען מיט מיר געגאנגען נאָך וואסער. איך שרײַ, רוף זיי בא-

פרײַען מיך פון אונטער די צווײַגן. עפּעס ריידן
זיי צו מיר, נאָר איך הער ניט. זיי האָבן מיר
ארומגעווישט דאָס פארבלוטיקטע פּנים, פאר־
בונדן דעם קאָפּ, אָפּגעפירט אין ראַטע און פון
דאָרט אין אַקאַלאַטעק. דער דאָקטער רעדט צו
מיר, איך הער ניט. אפן קאָפּ — אָפּגעריסענע
הויט, א טיפער שניט. אין מאָרגן האָט מען
מיך מיט נאָך פארוואונדעטע אָפּגעשיקט קיין
פּראָסקוראָוו.

אריבער א וואָך, איך בין שוין אין א קיִע־
ווער שפּיטאָל. אָפּגעלעגן א פּאָר וואָכן. די
וואונד אפן קאָפּ האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאר־
היילן, נאָר דאָס געהער האָט זיך אינגאַנצן ניט
אופגעשטעלט. איך לייען צײַטונגען, קוק ארויס
דורך די גרויסע אָפענע פענצטער איבער דער
רוישיקער גאָס. ס׳איז שוין ניט יענער קיִעוו
פון די וואָכן נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע.
די צײַטונגען זײַנען פול מיט באַשרײַבונגען
פון די יול־געשעענישן אין פּעטראָגראַד.

אין קיִעוו באַלעבאַטעווען שוין פּעטליורע
און ווינישטשענקאָ (דער אוקראַיִנישער שרײַבער,
אוטאָר פון פּיקאַנטע ראָמאַנען אין אַרציבאַ־
שעווס שניט, איז גאָר געוואָרן א פּאָליטיקער?).
אָט זע איך, ווי מע פירט אונטער א קאָנוואָי א
גרויסע קאָלאָנע פון סאָלדאַטן מיט זייער קאָ־
מאַנדיר, דעם שטאַבס־קאַפּיטאַן דזשענאַטאַוו־
סקי אין דער שפּיץ. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט
אָנטיילצונעמען אינעם אָנגריף דעם 20־טן יוני.
עס גרייט זיך, ווי די צײַטונגען שרײַבן, א
גראַנדיִעזער פּראָצעס פאר ניט אויספילן קע־
רענסקיס באַפעל. איך ווייס, אז דזשענאַטאַוו־
סקי, א שלאַכט־אָפיצער, א אידייִשער באַלשע־
וויק, איז זייער פּאָפּולער און באַליבט בא דער
סאָלדאַטישער מאַסע. א גאַנצע דעמאָנסטראַ־
ציע, הונדערטער מענטשן גייען מיט זיי בא
דער זײַט, זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער,
דריקן אויס זייער סאָלידאַריטעט. לענגאויס די
טראָטואַרן באַגריסט מען זיי, מע וואַרפט בלו־
מען.

אין קיִעוו זײַנען פאַר אָט דעם זומער
שטאַרק אקטיוו געוואָרן דער „בונד“, „ס״ס־
פאַרייניקטע“, „פּועלי־ציון“ און אַנדערע פּאַר־
טייען. עס זײַנען ארויסגעגאַנגען טעגלעכע צײַ־
טונגען — „פאָלקסצײַטונג“, אָרגאַן פון „בונד“
(רעדאַקטאָר שאַכנע עפּשטיין) און „די נײַע
צײַט“ (רעדאַקטאָר מוישע קאַץ) — ניט קיין
אָפיציעלער אָרגאַן פון די „פאַרייניקטע“. אין
דער „נײַער צײַט“ האָבן זיך געדרוקט א סאַך
באַקאַנטע שרײַבער: ד. בערגעלסאָן, י. דאָברו־
שין, מ. ליטוואַקאָוו (ער איז שוין דעמאָלט גע־
וואָרן אויס ליראָוו), מ. שאַץ־אַניִן און אַנדערע
שרײַבער, פּאַרטיי־טוער.

איך האָב שוין אָנגעהויבן אָפּט ארויסגיין
אף דער גאָס מיט נאָך פארוואונדעטע, ביז די
שפּיטאָל־אַדמיניסטראַציע האָט זיך געכאַפּט, אז
מע טאָר ניט דערלאָזן, די פארוואונדעטע זאָלן
פרײַ ארומגיין, און ס׳איז אוועק א סעריע פון
מעדיצינישע קאָמיסיעס. מע האָט א סאַך בא־
פרײַט. מיך האָט מען אויך אויסגעשריבן, איך
זאָל זיך שוין אינדערהיים אויסהיילן.

איך בין אוועקגעפאָרן אַהיים.

דער שטורעם־גאַנג פון דער רעוואָלוציע
האָט מיט פּאַמעלעכע טריט אויך אַהער דער־
גרייכט. דער „בונד“ איז געשטאַנען אויבנאָן
אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פונעם שטעטל. מע
האָט אַהער צוגעשיקט א פירער מײַלעך קאַץ,
וועלכער איז געקומען פון פאַרשיקונג פון סי־
ביר, אליין א וואַרשעווער. קאַץ פלעגט ארויס־
טרעטן אף מיטינגען, פאַרזאַמלונגען מיט לאַנגע
רעדעס. דער אינהאַלט און זײַן פויליש־יִדישער
אויסשפּראַך איז ניט געווען פאַרשטענדלעך פאַר
די אַרבעטער־מיידלעך, ווי אויך פאַרן איבעריקן
עולם. נאָר מע האָט געהאַט אָפּשײַ: פון זײַן
מויל האָבן זיך געשאָטן אַזעלכע הויך־פּאָליטי־
שע אויסדרוקן, פּראַזן, ציטאַטן פון מאַרקסן און
פון די דעמאָלטיקע בונדישע פירער. קיינער פון
די אָרטיקע פּאַרטייען האָט ניט געהאַט אַזעלכע
רעדנער.

אין שטעטל האָט זיך געפירט א קאַמפּאַניע
צו די וואַלן אין דער קהילה. פאַרזאַמלונגען
זײַנען פאָרגעקומען אפילו אין די באָטעמעד־
ראָשים.

איך בין אָפּגעוועזן א קנאַפּן כוידעש אין
שטעטל און זיך אומגעקערט קיין קיִעוו. וועגן
אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען און וואָס איך
האָב זיך דאָרט אָנגעזען, האָב איך אָנגעשריבן
א מין קאָרעספּאָנדענץ און געבראַכט אין רע־
דאַקציע „פאָלקסצײַטונג“. איבערגעלייענט, וואָס
איך האָב אים דערלאַנגט, האָט דער מיטאַרבע־
טער מאַרשאַק א רוף געטאָן פון צווייטן צי־
מער: „אַשער, קום אַהער, זע, אָט דער כאַווער
האָט געבראַכט א קאָרעספּאָנדענץ פון דײַן
שטעטל“.

אַזוי האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען
אַשער שוואַרצמאַנען. ער האָט זיך ליבלעך מיט
מיר באַגריסט, אויסגעפרעגט, וואָס עס הערט
זיך אין קאָראָסטישעוו, און איך האָב דערציילט,
וואָס אים האָט אינטערעסירט.

(סאָף קומט)

דאַוויד בעלקין
קאַנדידאַט פֿון פֿילאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן

ייִדישע סוזשעטן אין דער „לערמאָנטאָוו־ענציקלאָפּעדיע”

אין 1981 האָט דער פֿאַרלאַג „סאָוועטסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיִאַ” אַרויסגעגעבן אַ „לערמאָנטאָוו־ענציקלאָפּעדיִע” אין איין באַנד מיט אַ טיראַזש פֿון 150 טויזנט עקזעמפּלאַרן פֿון אַ גרויסן פֿאָרמאַט. די דאָזיקע אויסגאַבע איז דערווײַל די ערשטע בײַ אונדז אין לאַנד „פּערסאָנעלע ענציקלאָפּעדיִע”. אין אויסלאַנד זײַנען אַזעלכע אויסגאַבעס ברייט פֿאַרשפּרייט: עס זײַנען פֿאַראַן ענציקלאָפּעדיִעס, געווידמעט דאַנטען, שעקספּירן, בעטהאָווענען, געטען, שילערן, ראָבערט בערנסן, דיקענסן און אַנד.

די אידיי וועגן אַרויסגעבן אַ „לערמאָנטאָוו־ענציקלאָפּעדיִע” איז אויפֿגעקומען אין 1958. דער איניציִאַטאָר איז געווען דער באַוווסטער פֿאָרשער פֿון לערמאָנטאָווס שאַפֿונג — ל. פּ. סעמיאָנאָוו. לײדער האָט ל. סעמיאָנאָוו ניט דערלעבט צו זען, ווי זײַן טרוים איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. בעראָש פֿון דער גרופּע ענטוזיִאַסטן האָט זיך געשטעלט דער פּראָפֿעסאָר וו. אַ. מאַנוילאָוו.

די ענציקלאָפּעדיִע האַלט 90 דרוק־בויגן, זי פֿאַרמאָגט מער פֿון 400 איליוסטראַציעס, אין גרעסטן טייל קאָלירטע. זי עפֿנט זיך מיט אַן אַרטיקל פֿון איראַקלי אַנדראָניקאָוו: „דאָס לערמאָנטאָוו־געשטאַלט”. דער לייענער דערזעט פֿאַר זיך אַ גרויסן דיכטער און דענקער, וועלכער איז מיט לײַב און לעבן איבערגעגעבן דער פּראָגרעסיווער קונסט. לערמאָנטאָוו האָט זיך פֿאַרברידערט מיטן זשורנאַל «Отечественные записки», ווו די טאָנגעבער זײַנען געווען די רעוואָלוציִאָנערע דעמאָקראַטן בעלינסקי און הערצען. די מאַטעריאַלן פֿון דער ענציקלאָפּעדיִע באַווײַזן איבערצײַגנדיק זײַן אײַנפֿלוס אויפֿן געדאַנקענגאַנג פֿון דער רוסישער געזעלשאַפֿט פֿון יענער צײַט. ווי קורץ עס זאָלן ניט געשריבן ווערן אייניקע מיטיילונגען, שאַפֿן זיי אַן עמעסדיק בילד פֿון דער קאָמפּליצירטער לאַגע, אין וועלכער עס איז אַרײַנגעפֿאַלן לערמאָנטאָוו, זײַענדיק אין ווידערשפּרוך צו זײַנע אָנשויונגען, אַן אָנטיילנעמער אין דער מילכאָמע פֿון דער רוסישער זעלבסטהערשונג אויף קאַווקאַז.

די מאַטעריאַלן פֿון דער ענציקלאָפּעדיִע זײַנען צעשטעלט שטרענג לויטן אַלעפֿבייס. מיר זעען דאָ לערמאָנטאָווס ביִאָגראַפֿיע, זײַנע פֿרײַנט און אומפֿרײַנט, זײַן שעפֿערישע סוויווע, זײַן פּאָעטיק און סטיל, זײַנע פֿאַרבינדונגען סײַ מיט דער רוסישער, סײַ מיט דער אויסלענדישער ליטעראַטור. עס ווערן געגעבן איבערזעצונגען פֿון לערמאָנטאָווס ווערק אויף די שפּראַכן פֿון די סאָוועטישע פֿעלקער. ס׳זײַנען דאָ צונויפֿגענומען און פֿאַרעפֿנטלעכט לערמאָנטאָווס פּיעסן. דער לייענער דערוויסט זיך וועגן דער מאַנוסקריפּטן־ירושע פֿונעם גרויסן פּאָעט, וועגן די אויסגאַבעס פֿון זײַנע ווערק, וועלכע זײַנען דערשינען בײַ אונדז אין לאַנד און אין אויסלאַנד, וועגן דער צענזור פֿון די מאַנוסקריפּטן. אין דער ענציקלאָפּעדיִע איז אויך פֿאַראַן די כראָנאָלאָגיע פֿון לערמאָנטאָווס לעבן און שאַפֿן, גלײַכצײַטיק — אַן איבערזיכט־אַרטיקל „לערמאָנטאָוו־קענטעניש”, ווו עס ווערט דערציילט די געשיכטע פֿונעם דערלערנען דאָס לעבן און דאָס שאַפֿן פֿונעם דיכטער, אָנגעהויבן פֿון בעלינסקיס אַרבעטן. עס זײַנען אויך באַ־

שרײַבן די לערמאָנטאָוו־ערטער הינטער פּענזע און מאָסקווע, אין פּעטערבורג און אויף קאַווקאַז, סײַ אין דער פאַרגאַנגענהײַט, סײַ הײַנט. געראָטן איז, לויט אונדזער מיינונג, איבערגעגעבן די ביבליאָגראַפיע פון די ווערק וועגן דעם דיכטער.

ניט אָפּשטעלנדיק זיך אויף אַלע אַרטיקלען (אין אַ קורצער אָפּשאַצונג־רעצענזיע איז דאָס אוממעגלעך), וועלכע טראָגן אַ גאַנץ אָריגינעלן כאַראַקטער און אַנטהאַלטן דרייסטע און אײַנפאַלערישע ליזונגען, וועלן מיר דאָ ריידן בלויז וועגן יענע, וועלכע האָבן אַ שײַכות צו די ייִדן. דאָס ערשטע צווישן זיי איז דאָס אַרטיקל פון דער מאָסקווער פאָרשערן אי. ב. ראָדניאַנסקאַיאַ — „ביבלישע מאָטיוון בײַ לערמאָנטאָוו".

מיר דערוויסן זיך, אַז לערמאָנטאָווס געדאַנקענגאַנג איז פון די קינדער־יאָרן אָן געווען ענג פאַרבונדן מיט די טראַדיציאָנעלע פאָרשטעלונגען, אויף וויפל ער האָט געלעבט בײַ דער באָבען אין שטוב, אין דאָרף טאַרכאַן, וווּ עס האָט געהערשט אַ רעליגיעזע אַטמאָספער. זײַנע יוגנט־לידער זײַנען געווען דורכגעזאַפּט מיט דער ביבלישער טעמאַטיק. גאָט איז פאַרן יונגן דיכטער, ווי עס ווערט געזאָגט אין כומעש בערײשיס, „דער שעפער פון דער וועלט" (זע, למשל, די ליד „דער בעסוילעם", 1880). אָפט שטויסן מיר זיך אָן אויף דער ווענדונג צו גאָט, ווי צו אַ „שותּף" פונעם דיכטערס פערזענלעכן גורל. אַלס בײַשפּיל ווערט אין דער „לערמאָנטאָוו־ענציקלאָפּעדיע" באַטראַכט די ליד „אַ טפילע" („באַשולדיק מיך ניט, דו אַלמעכטיקער"). די דאָזיקע ליד איז איינע פון די העכסטע שטאַפּלען פון לערמאָנטאָווס פּאָעטישער ליריק. זי הייבט זיך אָן ווי אַ טשוווע־ווענדונג צום אַלמעכטיקן, וואָס קאָן באַשולדיקן און באַשטראָפן פאַר אָפּגעבן זיך מיט עראָטישע לײַדנשאַפטן. אָבער די טפילע וועגן מחילע ווערט אַלץ מער פאַרהילכט דורך דער אינטאָנאַציע פון באַרעכטיקן די לײַדנשאַפטן און בלאָנדזשעניש.

צום ערשטן מאָל ווערט אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור־קענטעניש אַזוי גענוי און זאַכלעך באַטראַכט לערמאָנטאָווס באַציִונג סײַ צו דער ביבל, סײַ צו די פראַגן פון רעליגיע. אינעם טיפן און ערנסטן שמועס וועגן די ביבל־מאָטיוון איז באַוויזן זייער פאַרבינדונג מיט דעם דיכטערס פּראָטעסט קעגן דעם אָבערגלויבערישן פאָלגן דער „העכסטער קראַפט".

קורץ און שאַרף איז לערמאָנטאָווס קרעדאָ אויסגעדריקט אין זײַן יוגנט־דראַמע „שפּאַניער". „גלייב, אַז אין הימל איז פאַראַן אַ גאָט — און אויס! איך זעלבסט גלייב שוין מער ניט דערין!"

און בעעמעס: לערמאָנטאָוו האַלט אין איין צווייפלען אין די וועזנטלעכע פּרינציפּן פון דער ביבלישער עמונע: אין די נעוויִעס מיט זייערע צוגעזאָגטע גליקן, אין „גאָטס כעסעד", אין יענער־וועלט. נאָר ווי שטאַרק עס זאָל ניט זײַן די ווידערשפּעניקײַט פונעם יונגן לערמאָנטאָוו, וועלכער האַלט קעסיידער אין איין צווייפלען און לייקענען, איז די וועלט, וואָס רינגלט אים אַרום, און אירע ווערטן אין אַ גרויסער מאָס אָרגאַניזירט אַרום דער ביבלישער סימבאָליק.

אין דער ענציקלאָפּעדיע זײַנען אויף אַ נײַעם אויפן אויסגעפאָרשט די מאָמענטן, ווען דער רוסישער דיכטער באַקומט בײַראָנס אײַנפלוס (אינעם אַרטיקל פון נ. י. דיאַקאָנאָוו). עס איז באַוווּסט, אַז לערמאָנטאָווס אינטערעס צו דער ביבל האָט אים מיסקאַרעוו געווען מיט בײַראָנען. די גראַנדיעזע מיסטעריע פונעם כומעש בערײשיס, די מײַסעס וועגן די אָבֿות, מלאָכים און נעוויִים האָבן אַרויסגערופן בײַ לערמאָנטאָוון אַן אָפּקלאַנג, וואָס האָט אַ שײַכעס ניט אַזוי צו קולטור אָדער ליטעראַטור, וויפל צו פּערזענלעך־פּסיכאָלאָגישע געפילן. לערמאָנטאָוון האָט אינטערעסירט די טעמע וועגן דער ווּנדערלעכער איבערמענטשלעכער מעכטיקײַט, דעריבער ווערט בײַ אים דעם דיכטערס געשטאַלט קעגנגעשטעלט ניט אַזוי די באַגײַסטערטע געטלעכע רייד פונעם נאָווי, וויפל דעם עצם שעפער (אין דער ליד „דער דיכטער"). מוישע ראַבײנוס ווּנדערלעכער שטעקן, וואָס ווײַזט ניסים אויפן יאַם און צאַפּט וואַסער פון אַ פעלדז, ווערט בײַ אים געגליכן צו דער פּאָעטישער באַגײַסטערונג, וואָס איז אימשטאַנד צו איבערמאַכן אַפילע „אַ זאַך, פון וואָס עס קערט צום ברעכן".

דער דאָזיקער פאַרטיפטער אינטערעס צו דער וועלט פון די ביבל־העלדן האָט זיך געלאָזט פילן אין לערמאָנטאָווס איבערדיכטן בײַראָנס „ייִדישע מעלאָדיִע" (1836). דער רוסישער דיכטער האָט דעם טעקסט פון דער ליד דערנענטערט צו די דערציילונגען פון דער ביבל. בײַ בײַראָנען איז ניט דערמאָנט וועגן דעם קייסער־טיטל פונעם לירישן פּערסאָנאַזש. אין פּראָצעס פון דער איבערזעצונג האָט לערמאָנטאָוו זיך אָנגעשטויסן אויפן עפּיזאָד פונעם בוך „מלאָכים א", וווּ עס ווערט דערציילט וועגן דעם בייזן גײַסט, וואָס גאָט האָט אָנגעשיקט אויף שאָול־האַמעלעך פאַר זײַנע זינד און וועגן דעם יונגן דאָוויד, וואָס האָט מיט זײַן שפּיל אויף דער האַרפע פאַרטריבן פונעם קייסער די פינצטערע מעלאַנכאָליע.

מע דאַרף אויך דערמאָנען וועגן דעם, אַז לערמאָנטאָווס פּאָעטישער געדאַנקענגאַנג האָט פון די יונגע יאָרן אָן זיך אינטערעסירט מיט דער ביבל־טעמע וועגן דעם, ווי קורץ עס איז דעם מענטשנס לעבן, כאָטש אים שטייט פאָר צו באַגעגענען זיך מיט דער אייביקײַט (אין דער ליד „יוני 1831, 11־טער טאָג"), ווענדנדיק זיך פיל מאָל צו אָט דער טעמע, האָט דער דיכטער געזוכט איר ליזונג ניט אין דעם שיינעם לעבן פון די צאַדיקים (טהילים, קאַפּיטלען 102, 18), וועלכע היטן אָפּ גאָטס געבאָט, נאָר אין דער שעפערישער אומשטערבלעכקײַט. דאָס רעליגיעזע געפיל, מערקן אָפּ די פאָרשער, האָט אָפט געדינט אַלס מאָקער פאַר לערמאָנטאָווס

קינסטלער הערש אינגער (מאָסקווע)

איליוסטראַציעס צו די ווערק פון שאָלעם-אַלייכעם און י.-ל. פּערעץ

שאָלעם-אַלייכעם. „די פריילעכע קאָמפּאַניע"

י.־ל. פּערעץ. „א קאָס פון א ייִדענע״

י.־ל. פּערעץ. „א גילגול פון א ניגון״

שאָלעם־אלייכעם. „די פריילעכע קאָמפּאַניע״

שאָלעם־אלייכעם. „דער פארקישעפטער
שנײַדער״

שאָלעם-אַלייכעם. „זיסל באַנקראָט“

איבערלעבונגען, מאָראַלישע און פילאָסאָפישע ראַיוּנעס. דעם דיכטער האָט, אַשטייגער, צוגעצויגן די דערציילונג וועגן שאָול־האַמעלעכס זון, דעם יונגן קעמפער יאָנאַפאַן, וועלכער האָט אויווער געווען אַפּן קיניגס פאַרבאָט צוצורירן זיך צו שפּייַז איידער די שלאַכט וועט זיך ענדיקן, און ער איז פאַרמישפּט געוואָרן צום טויט. דער העלד פון לערמאָנטאָווס פּאָעמע „מצירי" איז אויך פאַרורטיילט געוואָרן צום טויט פאַר זייַן ניט איַינגעהאַלטענער ליבע צום לעבן און צו דער פרייַהייַט.

די מאַטעריאַלן פון דער „לערמאָנטאָוו־ענציקלאָפּעדיִע" באַווייַזן, אַז פּאַראַלעל מיט די רעליגיִעזע מאָטיוון זייַנען אין לערמאָנטאָווס שאַפונג ברייט פאַרטראָטן מאָטיוון פון קאַמף קעגן גאָט (אין רוסיש הייסט דאָס «Богоборчество»).

דער פאָרשער זאָגט, אַז „דער קאַמף צווישן דעם דיכטער און גאָט" האָט געקאָנט האָבן אַלס זייַן מאָקער דעם קאַמף צווישן גאָט און יאַנקעוו אָווינו (אין כומעש בערייִשיס, פּסוקים 30, 32, ווערט דערציילט: „איך האָב געזען גאָט פּאָנעם־על־פּאָנעם, און מייַן נעשאָמע איז געבליבן גאַנץ"). באַזונדערס קלאָר און אָפן איז באַוויזן דער שטרייַט צווישן דעם דיכטער און גאָט אין זייַן פריִער שאַפונג. דער בונטאַרישער, מאָנענטיקער געדאַנק פונעם דיכטער פאָדערט אַלץ מער, אַז גאָט זאָל אים ענטפערן, אָפּגעבן אַ דין־וועכעזשבן.

ביכלאַל איז פאַר לערמאָנטאָוון פרעמד דער געדאַנק, אַז גאָט איז אַ באַלכעסעד. די מאָטיוון פון קאַמף קעגן גאָט זייַנען ניט געווען קיין צופעליקע אין זייַן פּאָעזיִע. זיי האָבן דורכגעדרונגען זייַן גאַנצע שאַפונג.

די ייִדישע סוזשעטן אין דער „לערמאָנטאָווענציקלאָפּעדיִע" זייַנען געוועגדט ניט בלויז צו דער ווייַטער פאַרגאַנגענהייַט. אינעם באַנד זייַנען געבראַכט מאַטעריאַלן וועגן דעם פּילאַרטיקן אינטערעס פון די ייִדישע שריפטשטעלער צו דער שאַפונג פונעם גרויסן רוסישן דיכטער. היפש אָרט פאַרנעמט אין דער ענציקלאָפּעדיִע דער אָפּטייל „איבערזעצונגען און פאָרשונגען פון לערמאָנטאָווס שאַפונג אין די ליטעראַטורן פון די סאָוועטישע פעלקער". די רעדאַקטאָרן פונעם באַנד וואָרענען, אַז זייער אַרבעט פרעטענדירט ניט צו זייַן אויסשעפּנדיק פול. פונעם אָנגערופענעם אָפּטייל וועלן מיר דאָ אויסטיילן דאָס אַרטיקל פון נ. נ. מאָטאָווילאָוון, וווּ עס רעדט זיך וועגן די ייִדישע איבערזעצונגען פון לערמאָנטאָווס ווערק. „דער נאָמען לערמאָנטאָוו איז געווען פּאָפּולער צווישן די געבילדעטע ייִדישע לייענער פון דער צווייטער העלפט פון XIX יה.; זיי האָבן זיך באַקאָנט מיט זייַן שאַפונג אין אָריגינאַל נאָך איידער עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע ייִדישע איבערזעצונגען פון לערמאָנטאָווס ווערק. אומגעפער אין יאָר 1900 (פּינקטלעך איז דאָס יאָר ניט אָנגעוויזן) איז אין וואַרשע דערשינען אין ייִדיש די דערציילונג „דער פאַטאַליסט"; אין 1913 איז אינעם זאַמלבוך „אין פרייַע מינוטן" אָפּגעדרוקט געוואָרן די גרעסערע דערציילונג „טאַמאַן" און דאָס מייַסעלע „אַשיק־קעריב" (איבערזעצונג פון ז. רייזען), איינע פון די ערשטע לערמאָנטאָווּלידער, וועלכע זייַנען איבערגעזעצט אויף ייִדיש („פון געטען") געהערט אָשער שוואַרצמאַנען, דעם גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער ייִדישער פּאָעזיִע. אין די דרייַסיקער יאָרן זייַנען דערשינען באַזונדערע אויסגאַבעס פון לערמאָנטאָווס ווערק: די זאַמלונג „לידער" (קיִעוו, 1935), וווּהין עס זייַנען אַרייַן 8 לידער, די זאַמלונג „אויסגעווייַלטע ליריק און פּאָעמעס" (מינסק, 1935), וועלכע האָט איַינגעשלאָסן 29 לידער און די פּאָעמעס „די ליד וועגן דעם סויכער קאַלאַשניקאָוו", „דער פּאָליט" און „מצירי". די אַלע איבערזעצונגען האָט געמאַכט מוישע כאַשטשעוואַצקי. די פּאָעמע „מצירי" אין כאַשטשעוואַצקיס איבערזעצונג איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין קיִעוו אין 1939. עס איז ניט פעסטגעשטעלט, ווער איז דער איבערזעצער פונעם מייַסעלע „אַשיק־קעריב", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1939 אין קיִעוו. אין 1940 איז אין מינסק אַרויס לערמאָנטאָווס ראָמאַן „דער העלד פון אונדזער צייַט" אין י. סערעבריאַנים איבערזעצונג און די זאַמלונג „לידער", וווּהין עס גייען אַרייַן 16 לידער אין דער איבערזעצונג פון ע. פינינבערג, אין דער זאַמלונג „פּאָעמעס און לידער" (קיִעוו, 1940) זייַנען אַרייַן 63 לידער, די פּאָעמע „דער דעמאָן" און אַנדערע פּאָעמעס אין כאַשטשעוואַצקיס איבערזעצונג. לערמאָנטאָווס ווערק האָבן איבערגעזעצט אויך י. זעלדין, ע. קאַזאַקעוויטש, א. קושנירעוו, ש. ראָסין, י. סלאָנים, מ. פישמאַן און אַנד. די פולסטע זאַמלונג פון לערמאָנטאָווס ווערק אין ייִדיש איז דערשינען אין 1946 אין מאָסקווע („געווײַלטע ווערק"). די זאַמלונג שליסט איַין 77 לידער און פּאָעמעס, די דראַמע „שפּאַניער". אַ סאַך פון לערמאָנטאָווס לידער זייַנען איבערגעזעצט געוואָרן צו עטלעכע מאָל („דער טויט פונעם פּאָעט", „דער קינזשאַל", „דער גויסעדיקער גלאַדיִאַטאָר" אאַ.).

אין 1939 איז אין דער ייִדישער פּרעסע ברייט אָפּגעמערקט געוואָרן לערמאָנטאָווס 125־טער געבורטסטאָג. אין 1964, צום 150־טן געבורטסטאָג פונעם געניִאַלן רוסישן דיכטער, זייַנען אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אָפּגעדרוקט געוואָרן די איבערזעצונגען פון אַזעלכע לידער, ווי „פּאָטערלאַנד", „כ׳גיי אַרויס אַן איַינזאַמער צום וועג הייַנט", „צוויי ריזן", איבערזעצער — מוישע כאַשטשעוואַצקי; „אַ ייִדישע מעלאָדיִע", איבערזעצער — שמועל ראָסין. אין דעם זעלבן נומער פונעם זשורנאַל (מייַ, 1964) איז אָפּגעדרוקט מייַן אַרטיקל „לערמאָנטאָוו און זייַן דראַמע שפּאַניער".

זייער אינטערעסאַנט און אינהאַלטסרייַך איז דער אָפּטייל „איבערזעצונגען און פאָרשונגען פון לערמאָנטאָווס שאַפונג אין אויסלאַנד". האַגאַם די לייענער אין אַזיִע האָבן זיך באַקאַנט מיט זייַנע ווערק שפּעטער, איידער אין אייראָ־

פע, איז אָבער אַ פֿאַקט, אַז אַף איוורית, אַשטייגער, האָט מען די ווערק אָנגעהויבן איבערזעצן שוין אין די 80־ער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט. אין דער „לערמאָנטאָוו ענציקלאָפּעדיע" איז פֿאַרעפֿנטלעכט דאָס אינטערעסאַנטע אַרטיקל פֿונעם דאָצענט פֿון דעם לענינגראַדער אוניווערסיטעט גיטע גלוסקינאַ, ווו עס ווערט דערציילט די געשיכטע פֿון די איבערזעצונגען פֿון לערמאָנטאָווס ווערק אַף העברעיִש מיצאַד מ. מאַנע, ש. טשערניכאָווסקי און אַנד. דער לייענער דערוויסט זיך פֿונעם אַרטיקל וועגן דעם איינפֿלוס פֿון דער פּאָעמע „מצירי" אַף כ.־נ. ביאַליקס פּאָעמע „מיטגייער" (1895). זייער פֿיל רעדט דער פֿאַקט, וואָס די איבערזעצונגען פֿון לערמאָנטאָווס ווערק אַף איוורית האָבן זיך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד, דערנאָך האָט מען אים איבערגעזעצט אויך אין פּוילן, ליטע, דײַטשלאַנד, ענגלענד, אין פּאַלעסטינע.

אין גלוסקינעס אַרטיקל איז געבראַכט די כראָנאָלאָגיע פֿון די איבערזעצונגען פֿון מ. לערמאָנטאָווס ווערק אַף איוורית קימאַט פֿאַר אַ גאַנצן יאָרהונדערט, אָנגעהויבן פֿון די ערשטע איבערזעצונגען (1881) ביזן 1972, ווען באַריס גאַפּאַנאָוו (דאַווו) האָט אַרויסגעגעבן אין טעל־אוויוו דעם ראָמאַן „דער העלד פֿון אונדזער צײַט". אין דער ענציקלאָפּעדיע רעדט זיך וועגן דעם אַרטיקל פֿון ס. ליכאָווער „לערמאָנטאָוו אין איוורית", וואָס איז געווען געדרוקט אין אַ ייִסראָעל־אויסגאַבע אין די טעג, ווען ס'איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער 150־טער געבורטס־טאָג פֿונעם גרויסן דיכטער.

אין דער ענציקלאָפּעדיע איז אָפּגעדרוקט לערמאָנטאָווס אַ קורצע נאָטיץ וועגן איינעם וואַריאַנט אין די מאַנוסקריפּטן פֿון דער פּאָעמע „דער דעמאָן", ווו די האַנדלונג האָט געדאַרפֿט פֿאַרקומען באַם אָוועקפֿירן אין געפֿאַנגענשאַפֿט די ייִדן אין באַוול. דער וואַריאַנט איז ניט דערשינען. די ענציקלאָפּעדיע דערציילט וועגן דעם קאָמפּאָזיטאָר דמיטרי טאָלסטאָי, וועלכער האָט אָנגעשריבן דעם וואָקאַלן ציקל „דאָס לעבן פֿונעם דיכטער", וווּהין עס גייט אַרײַן אויך די מוזיק צו דער „ייִדישער מעלאָדיע" („פֿינצטער איז מיר אַפֿן הארצן"). אינעם אַפּטייל „דענקמעלער" טיילט מיט די ענציקלאָפּעדיע, אַז אין 1892 איז אין דער שטאָט פּענזע, לויט דער איניציאַטיוו פֿון דער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ, די פֿאַרערער פֿון לערמאָנטאָווס פּאָעזיע, געשטעלט געוואָרן דעם דיכטער אַ דענקמאָל, וועמענס אַוטאָר עס איז דער באַוווסטער סקולפּטאָר איליאַ יאַקאָוולעוויטש גינצבורג.

אין דער ענציקלאָפּעדיע געפֿינען מיר ניט בלויז דאָס, וואָס מיר ווייסן אַף זיכער וועגן לערמאָנטאָוון, נאָר אויך דאָס, וועגן וואָס עס ווילט זיך שטרײַטן.

ס'איז אַ ספֿק, לעמאַשל, צי דעם לייענער וועט באַפֿרידיקן דאָס אַרטיקל פֿון מ. וואָלאַדימירסקאַיאַ וועגן לערמאָנטאָווס ערשט דראַמאַטיש ווערק — דער טראַגעדיע „שפּאַניער" (1830). מיט איניקע געדאַנקען פֿון אָט דעם אַרטיקל איז שווער מאַסקים צו זײַן, אַף וויפֿל דער אַוטאָר שטעלט אויף און באַוואָרנט איבער (אָן אַ גרונט דערצו) די טראַקטירונג, וואָס איז געווען אָנגענומען ביז דער רעוואָלוציע: אַז לערמאָנטאָווס „שפּאַניער" שטעלט מיט זיך, קלוימערשט, פֿאַר „אַ בונטע מאַזאַיִק פֿון מײַרעוו־אייראָפּעיִשע מוסטערן"; אַז באַם שאַפֿן די געשטאַלטן פֿון מוישע און נאָעמי האָט דער יונגער אַוטאָר זיך אָריענטירט אַף די געשטאַלטן פֿון ייִצחאָק און ריווקע אינעם ראָמאַן פֿון וואַלטער סקאָט „איוואַנגאָ"; אַז ער האָט אין אַ „געוויסער מאָס" איבערגעבאַוואָרנט די באַציִונגען צווישן כראַמאָוויקאָוון, נאַטאַנען און ראַכיל פֿון לעסינגס דראַמע „נאַטאַן דער כאַכעם".

מע דאַרף באַדויערן, וואָס מ. וואָלאַדימירסקאַיאַ האָט ניט אַרויסגעזאָגט איר מיינונג וועגן דער אַרבעט פֿונעם באַדײַטנדיקן סאָוועטישן לערמאָנטאָוו־פֿאָרשער לעאָניד גראָסמאַן מיקויעך דער טראַגעדיע „שפּאַניער" און דעם „וועליזשער פּראָצעס" (געדרוקט אין 1941 אין „ליטעראַטורנאַיאַ נאַסלעדסטוואָ", ב. 43 — 44, ז. 715 — 724). ל. גראָסמאַן האָט איבערצײַגנדיק באַוויזן, אַז די דראַמע פֿונעם 16־יאָריקן דיכטער, געשריבן אין פּערזן, איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיט דער רוסלענדישער ווירקלעכקײַט פֿון יענער צײַט. זי איז אַ לעבעדיקער אָפּקלאַנג אַף די רעכילעס קעגן די ייִדן פֿונעם שטעטל וועליזש, וויטעבסקער גובערניע.

באַטראַכטנדיק ווײַטער די מאַטעריאַלן פֿון דער „לערמאָנטאָוו־ענציקלאָפּעדיע", ווו עס רעדט זיך וועגן דער דראַמע „שפּאַניער", וועלן מיר נאָך אָנווײַזן אַפֿן אַרטיקל פֿון י. לעוואָקאַוויטש „דער טעאַטער און לערמאָנטאָוו". אינעם אַרטיקל ווערט, אַגעוו, געזאָגט: „אין אַפּרעל 1941 האָט אַף דער סצענע פֿונעם ייִדישן מעלוכע־טעאַטער אין מאָסקווע געשטעלט די דראַמע „שפּאַניער" ש. מיכאָעלס. האַלטנדיק די טעמע פֿונעם טראַגישן צוזאַמענשטויס פֿון די העלדן מיט דער שפּאַנישער אינקוויזיציע פֿאַר אַקטועל אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, האָט מיכאָעלס אַסאָציִאַטיוו פֿאַרבונדן די געשטאַלטן פֿון סאַריני און זײַנע אָנהענגער מיטן פֿאַשיזם". אינעם אַרטיקל זײַנען אָנגעוויזן די נעמען פֿונעם רעזשיסער אי. מ. קראַל און פֿונעם קינסטלער ר. פֿאַלק. עס זײַנען אויך איבערגערעכנט די רעצענזיעס אַפֿן ספּעקטאַקל, וועלכע זײַנען געווען געדרוקט אין די מאָסקווער צײַטונגען.

עס ווילט זיך אויסדריקן די האָפֿענונג, אַז ניט ווײַט איז די צײַט, ווען עס וועלן דערשײַנען ענציקלאָפּעדיעס, געווידמעט אויך אַנדערע גרויסע שרײַבער, וואָס זייער גורל איז ענג פֿאַרבונדן מיטן גורל פֿון רוסלאַנד.

אין אָנדענק פונעם ייִדישן שטעטל

אלעקסאנדער ליזען איז פארהעלטנסמעסיק שפּעט געקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די דאָזיקע פארשפּעטיקונג קען מען, מיסטאמע, דערקלערן מיט א ריי סוביעקטיווע און אָביעקטיווע סיבעס. אָבער ס׳איז בעליסאָפעק, אז אדאנק דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" האָט זיך זײַן אײגנארטיקער טאלאנט אנטפלעקט אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. ביז דעם האָט ער געשריבן אַף אוקראַיִניש. ווי איך ווייס, איז די טעמאטיק פון זײַנע פריִערדיקע ווערק אויך געווען פארבונדן מיט שילדערן דאָס ייִדישע לעבן, באזונדערס בוילעט האָט ער באַוויזן די דוירעסדיקע פרײַנטשאפט פון די אוקראַיִנישע און ייִדישע האָרעפּאשניקעס. אָבער די שפּראך, אַף וועלכער ס׳איז געשאפן דאָס אָדער יענץ ווערק, איז דאָך ניט גלײַכגילטיק צום אינהאלט, זי איז ניט קײן פאָרמעל מיטל, נאָר דער באָדן פאר דער ליטעראַטור, די קינסטלערישע שאפונג איז אומדענקבאר אָן דער נאציִאָנאלער שפּראך. דאָס אָנהייבן שרײַבן אַף ייִדיש האָט געמוזט ברענגען צו וויכטיקע ענדערונגען אין ליזענס גאנצער שאפונג. אײנס נאָכן אנדערן, שוין אין מעשעך מער ווי צען יאָר, דרוקן זיך רעגולער אין אונדזער זשורנאל זײַנע ווערק: ראָמאנען, דערציילונגען, פארצייכענונגען, עסייען. און אָט איז ארויס זײַנס א בוך[1].

פאַרן בוך האָט דער מעכאבער אָפּגעקליבן צוויי ראָמאנען און צוויי גרעסערע דערציילונגען, וועלכע זײַנען אינערלעך פארבונדן צווישן זיך סײַ לויטן אינהאלט, סײַ לויט דער פאָרם. דאָס זײַנען ווערק, וועלכע דערציילן וועגן דעם גוירל פונעם אוקראַיִנישן ייִדישן שטעטל. אָנגעשריבן זײַנען זיי זייער לײַדנשאפטלעך, מערסטנס אין דער פאָרם פון זיכרוינעס, פון דער ערשטער פערזאָן. מיר הערן אין זיי בעפּיירעש דעם מעכאבערס קאָל. אזא נוסעך גיט זיי צו א טיף לירישע, עמאָציִאָנעלע באפארבונג.

אלעקסאנדער ליזען האָט ליב אָנהייבן א ווערק מיט א מין פילאָסאָפישן פּראָלאָג, דורך וועלכן ער פירט ארײַן דעם לייענער אין זײַנע געדאנקען. באשײַמפּערלעך זעען מיר אזא ארײַנפיר אין דער דערציילונג „נויקע, מײַן דרייסטער, מײַן אָרעמער ברודער". אויסערלעך איז עס א ווערק וועגן דעם טראגישן גוירל פון א מענטשן, וואָס לעבט מיט די פריידן און ליידן פון זײַן צײַט, אָבער דערבײַ דארף אונטערגעשטראָכן ווערן, אז פון אָנהייב אָן, פון די ערשטע פראזעס הערט זיך א טאָן א פילאָסאָפישער, א סוביעקטיוו־לירישער. „א מישמאש, יאָרן, מענטשן, געדאנקען, געשעענישן. יאָרן. צוויי לעבנס. און צווישן זיי — פּופּציק אויסגעמאטערטע יאָר. מענטשן. דעריקער מענטשן. יאָרן זײַנען קאלט. זיי שווימען אָן אופהער, גלײַכגילטיקע שאָטנס פון אייביקײַט. ווי כמארעס אפן הימל... מענטשן — ניין. מענטשן זײַנען ווארעם. זיי זײַנען צאפּלדיק ווארעם, די סאמע קלענסטע — אויך. וואָס זאָל איך טאָן, אז איך האָב א הארץ. און איך האָב א מויעך. און זיי לעבן דאָרט די קליינע מענטשעלעך... זײַט מויכל, געוועזענע לעבעדיקע, ניטאָ. קיינער פון זיי ניטאָ מער, זיי זײַנען פארבליבן נאָר אין מײַן הארץ, ווארעמע, צאפּלדיקע, זיי שרײַען פון אומבאוווסטע טיפענישן. מיט וואָס קען איך זיי העלפן? עפּשער א מאצייווע אוועקשטעלן?.. א קליינינקע מאצייווע פאר קלייניניקע מענטשעלעך פון א קליינינק שטעטעלע? ס׳האָט זיך פלוצעם אָפּגעריסן דער פאָדעם. פארפאלן. ניטאָ. גאָרנישט ניטאָ. די מאצייווע האָט א געשטאלט פון א גרויסןביין. א לעכערלעך געשטאלט און א שרעקלעכס... ייִזקאָר אדוינויִ!". דאָס איז טאקע דער לייטמאָטיוו פונעם גאנצן בוך, וועלכער איז פאָרמולירט אינעם עפּיגראַף צום ראָמאן „נאָכעמקע עסרעג" — „מײַן מוטער און מײַן קאָפּין — אָנשטאָט א מאצייווע".

קאָפּין — איז דאָס שטעטל, ווו עס קומען פאָר די געשעענישן. עס מעג הייסן אנדערש, לאָמיר זאָגן אלאָטשעוו אָדער ראדיטש, ווי אינעם ראָמאן, מיט וועלכן עס עפנט זיך דער בוך, אָדער עס מעג אפילע ניט אָנגערופן ווערן, ווי אין די אנדערע דערציילונגען, אָבער ס׳איז א ייִדיש שטעטל פון מײַרעוו־אוקראַיִנע, וואָס האָט אמאָל געלעבט מיט א רײַך, פילפארביק לעבן און דערנאָך אינגאנצן רויִנירט געוואָרן, טאקע גאָרנישט איז ניט פארבליבן און קיינער ניט. „ניטאָ, ניט זיי, ניט זייערע שאָטנס, די טאנצנדיקע שאָטנס אַף דער וואנט. אפילע אין כּיראָסימע זײַנען שאָטנס געבליבן, שאָטנס — סילועטן, מענטשלעכע געשטאלטן. געקומען א כײַע, א בלוטדאָרשטיקע כײַע און אײַנגעשלונגען מײַן שטעטעלע. אײַנגעשלונגען מיט די מענטשן, מיט זייערע שאָטנס צוזאמען. און ס׳איז גאָרניט פארבליבן, אלץ איז פארשוווּנדן, אַף אייביק פארשוווּנדן. איר פארשטייט, וואָס דאָס הייסט? אַף אייביק..."

---

[1] אלעקסאנדער ליזען. נאָכעמקע עסרעג. ראָמאנען, דערציילונגען. מאָסקווע, פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל", 1981.

אלעקסאנדער ליזען וויל מיט פארשיידענע קינ־
סטלערישע מיטלען פארשטעלן די גרויסע טראַ־
געדיע, וואָס האָט געטראָפן דאָס ייִדישע שטעטל,
דאָס ייִדישע פֿאָלק. ניט צופעליק איז דאָס ערשטע
ווערק אינעם בוך — דער ראָמאַן „גרינע מאַציייוועס,
וואָס שווײַגט אירז?", וועלכער איז באַצייכנט אלס א
ראָמאַן־באַלאַדע, און די דאָזיקע זשאַנער־באַצייכע־
נונג אַנטשפּרעכט דעם מעכאַבערס פּאַרטראַכט. ס'איז
א ראָמאַן וועגן די גרויזאַמע גזייִרעס אַף די ייִדן
מיצאַד די דײַטשישע פאַשיסטן און גלײַכצײַטיק א
ראָמאַן וועגן דער פּרײַנטשאַפט פון מענטשן, וועגן
א גרויסער ראָמאַנטישער ליבע. קימאַט דאָס גאַנצע
ווערק איז א מאַנאָלאָג פון פּיאָדער פּיאָדאָראָוויטש
זינטשענקאָ, וועלכער איז אין 1939, דעמלט א יונגער
לייטענאַנט, אַרײַן צוזאַמען מיט זײַן רויטאַרמייִשער
טייל אין א שטעטל פון מײַרעוו־אוקראַינע, באַגעגנט
א ייִדיש מיידל — עמע סאַפּיר — און פאַרליבט זיך
אין איר. אין צוויי יאָר אַרום האָט זיך אָנגעהויבן
דער אָנפאַל פון די דײַטשיש־פאַשיסטישע כאַיאַלעס.
די רויטע אַרמיי האָט געמוזט אָפּטרעטן... אין דעם
דאָזיקן שטעטל איז זינטשענקאָ געקומען צוריק
גלײַך נאָך דער באַפרײַונג, אָבער קיינעם פון סאַפּירס
גרויסער מישפּאָכע האָט ער ניט געפונען. די גאַנצע
ייִדישע באַפעלקערונג פונעם שטעטל איז געווען
פאַרניכטעט. ניט געקוקט דערויף, האָט זינטשענקאָ
ניט אויפגעהערט צו זוכן די שפּורן פון זײַן פרוי, פון
זײַן קינד, וואָס האָט געדאַרפט געבוירן ווערן. און
אָט, אין צוואַנציק יאָר אַרום איז ער נאָכאַמאָל גע־
קומען צו פאָרן אין שטעטל און אַפן אָרט, ווו ס'איז
געשטאַנען סאַפּירס הויז, האָבן זיך צעוואַקסן פאַר־
פלאַנצטע ביימער — גרינע מאַציייוועס דעם אַמאָליקן
לעבן.

זינטשענקאָס מאָנאָלאָג רופט זיך איבער אין גאַנג
פונעם סוזשעט מיט זיכרוינעס פון די מענטשן, מיט
וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט, מיט אַנדערע סטרוק־
טור־קאָמפּאָנענטן — בריוו, וואָס עמע האָט געשריבן
און ניט אָפּגעשיקט (ווהין האָט זי געקאָנט זיי
שיקן?), אויסצוגן פון איר פלעמעניקס טאָגבוך און
אַנד. מע קאָן ניט זאָגן, אַז די פאַרבינדונג פון די
פאַרשיידענע קאָמפּאָנענטן אינעם ראָמאַן איז אינ־
גאַנצן א נאַטירלעכע, צומאָל זעען אויס באַזונדערע
עלעמענטן קינסטלעך, ווי קינסטלעך עס קומען אַרויס
אויך אייניקע עפּיזאָדן אין דער האַנדלונג (עמעס,
ס'איז א ווערק א ראָמאַנטיש, אין וועלכן עס קען
אַרײַנגיין עפּעס אויסערגעוויינלעכס, און דעריבער
פאָדערן אומעטום א לאָגישע ראַציאָנעלע באַגרינ־
דונג איז, עפּשער, איבעריק).

אַזוי צי אַזוי, נאָר דאָס בילד פונעם ביזמילכאָ־
מעדיקן שטעטלשן לעבן איז אָנגעמאָלט בוילעט, באַ־
זונדערס קריצט זיך אײַן אין זיקאָרן די מישפּאָכע
סאַפּיר, בעראָש מיט דעם אַלטן שמיד מייער, א
גאַנצער שייוועט: דרײַ טעכטער, צוויי זין, זיבן איי־
ניקלעך. אַלע לעבן זיי אייניינעם, אין א גרויסער
שטוב, אַלע געפינען זיך אונטער דעם זיידנס ברייט־
פאַרשפּרייטע פליגל. יעדערער פון זיי האָט, פאַר־
שטייט זיך, זײַן כאַראַקטער, זײַנע אינטערעסן, און
כאָטש ניט איין מאָל ווערן אינעם ראָמאַן דערמאָנט
די אָוועס, איז עס א מישפּאָכע א פּולקום הײַנטצײַ־
טיקע.

די דאָזיקע שטוב איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א
פעסטונג, וועלכע האָט מעסירעסנעפעשדיק זיך פאַר־
טיידיקט פון די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן און פון די
היגע פּאָליצײַער. די שלאַכט באַקומט א סימבאָלישן
זין. זיי, די סאַפּירס, אין טאָך א הײַפעלע מענטשן,
יונג און אַלט, מאַנצבלען און פרויען, האָבן באַוויזן
אויסערגעוויינלעכן מוט, פאַרטיידיקנדיק זייער לעבן
און זייער היים־אָרט, קעגנשטעלנדיק זיך די באַ־
וואָפנטע טאַליאָנים און אין דער שלאַכט זײַנען זיי
אַלע געפאַלן. מיט א ניט פאַרבאָרגענעם וויטעק
שרײַבט דער מעכאַבער: „און אַף דער גאָרער וועלט,
אַף דער גרויסער שיינער וועלט, איז קיין איין לע־
בעדיקער סאַפּיר מער ניט געבליבן. אַלע זײַנען גע־
לעגן טויט, געלעגן טויט בא זיך אין שטוב, אין א
שטוב, ווו טאָג און נאַכט האָט געברויזט אַמאָל א
לעבן. אַצינד איז דאָ געוועזן טויט־שטיל. ווי אַף א
בעסוילעם. געוועזן אַמאָל א שטוב, ווי א שטוב. דער־
נאָך געוואָרן א פעסטונג, און איצט — א בעסוילעם".
די דאָזיקע פּאַטעטישע ווערטער קאָנען זיך נישט ניט
אָפּרופן אין דער נעשאָמע פון יעדן לייענער. אָבער
דער אווטאָר באַנוגנט זיך ניט מיט דעם, ווײַטער
ווענדעט ער זיך אומיטלבאַר צו זײַן לייענער: „שאַ,
שטיל. וויינט ניט. יאָמערט ניט, וועקט ניט קיין טוי־
טע, ס'איז אומזיסט..." יאָ, גרויס זײַנען די פאַר־
לוסטן, אומגעהויער גרויס איז די טראַגיק, אָבער
סאָפּקאָלסאָף האָבן די פאַשיסטישע ראָצכים געכאַפּט
די מאַפּאָלע, אַלעמען אויסראָטן האָט זיך זיי ניט
אײַנגעגעבן, אַזוינס איז קיינמאָל אין דער געשיכטע
ניט געווען, אַזוינס האָט זיך אויך איצט ניט גע־
קענט טרעפן. אָט זוכט נאָך זינטשענקאָ זײַן קינד,
וואָס מוז דאָך ציִען ווײַטער דעם פאָדעם פונעם
לעבן.

„גרינע מאַציייוועס" איז בעעמעס א באַלאַדע־ראָ־
מאַן, א ראָמאַן וועגן אומקום און ווידערשטאַנד, וועגן
טויט און לעבן, ס'איז די אוווערטיורע פונעם גאַנצן
בוך און איינצײַטיק א סאַכאַקל, ווײַל אין די איבע־
ריקע ווערק ווענדעט אַלעקסאַנדער ליזען אונדזער
אויפמערקזאַמקײַט צום שטעטלשן לעבן מיט צוואַנציק
יאָר צוריק, צו די יאָרן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָ־
ליוציע, צו די צײַטן פונעם בירגערקריג.

ס'דאַכט זיך, אַז די טעמע פונעם בירגערקריג איז
שוין אויסגעשעפּט אין דער ייִדישער ליטעראַטור.
מיט דער דאָזיקער טעמע זײַנען דאָך אַרויסגעטראָטן
די אָנהייבער, די שפּעטער באַרימטע געוואָרענע דיכטער
און פּראָזאַיִקער. ס'זײַנען געשאַפן געוואָרן אַזעלכע
ווערק, ווי ד. בערגעלסאָנס „שטורעם־טעג" און „מי־
דאַס־האַדין", גאָדינערס „דער מענטש מיט דער
ביקס", אי. קיפּניסעס „כאַדאָשים און טעג" און א
סאַך אַנדערע. אַלעקסאַנדער ליזען זעצט ניט נאָר
פאָר די טראַדיציע, ער געפינט זײַן אייגענעם צו־
גאַנג צו דער טעמע, א צוגאַנג א טיף לירישן, אינ־
טימען. די לירישע מאָטיוון פון דער אין טאָך קינ־
דערשער ליבע („פון יענעם ברעג, פון קאַיאָריקן"),
אָדער פונעם קאָוועד און אָפּשײַ צום עלטערן ברוי־
דער („נויקע, מײַן דריישטער, מײַן אָרעמער ברוי־
דער") פלעכטן זיך איבער מיט גרויסע סאָציאַלע מאָ־
טיוון פונעם פאַרביטערטן קלאַסן־קאַמף, פון די פּאָ־
גראָמען און אַנדערע גזייִרעס. דאָס אַלץ ווערט געזען
מיט די אויגן פון א באַרמיצווע־באָכער, וואָס איז

געבליבן א יאָסעם, ער האָט א צאַרטע נעשאָמע, א שאַרפן בליק און אן אופמערקזאַמען אויער, מיט וועלכן ער הערט זיך צו צו דעם, וואָס עס רעדן און טוען די דערוואַקסענע. אַזוי, אין א נאַזור־אָפּענעם נוסעך, שטעלט דער מעכאַבער וויכטיקע פילאָסאָפישע פּראָבלעמען וועגן דער רעוואָליוציע און הומאַניזם.

דאָס בעסטע ווערק אינעם רעצענזירטן בוך איז „נאָכעמקע עסרעג". עס הייבט זיך אָן ווי א דעטעקטיווע געשיכטע: „ווען נאָכעמקע עסרעג האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם פּאָלקאָווניק פּלאַוויצקיס אולטימאַטום, אַז קאָפּין דאַרף אין מעשעך פון פיר און צוואַנציק שאָ אַרויסגעבן דעם שולדיקן, וואָס האָט געטייט דעם פּוילישן סאָלדאַט, און אויב ניט, וועט דאָס שטעטל אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד, איז ער, נאָכעמקע, ניט דערשיטערט געוואָרן. מיסטאַמע דערפאַר, וואָס ער האָט זיך פּאָשעט ניט געקענט פאָרשטעלן, וואָס דאָס באַטײַט. אָט אַזוי נעמט מען און מע ווישט אָפּ פון דער ערד א גאַנץ שטעטל מיט א גרויסן מאַרק, מיט א שול, מיט א קלויסטער און א קאָסטיאָל, מיט דרײַ בעסוילעמס, א ייִדישן, א קאַטוילישן און א פּראַוואָסלאַוונעם, מיט שטיבער און הויפן און מיט פיר טויזנט אײַנוווינער?

ווען מע האָט אָבער צעשטעלט באַ אַלע וועגן, וואָס האָבן געפירט פון קאָפּין, האַרמאַטן און קוילנוואַרפערס, האָט זיך נאָכעם פאַרטראַכט. און אויב טאַקע יאָ? וואָס זשע וועט פאַרבלײַבן פונעם שטעטל? א ביסל אַש? און מער גאָרניט? ניין, ס'איז אוממעגלעך! עפּעס אַן אָנדענק מוז דאָך בלײַבן, א זייכער לעדוירעס".

ניין, דעמלט איז דאָס שטעטל ניט פאַרניכטעט געוואָרן, דער אָנהייב פונעם ראָמאַן איז א רעמעז אָף דער צוקונפט, ס'איז א בריק, וואָס ווערט אַריבערגעוואָרפן פונעם אָוואַר צום הײַנט, און אַלעקסאַנדער ליזען וויקלט פאַנאַנדער א בילד פון דעם שטעטלשן לעבן אין אָנפאַנג פון די צוואַנציקער יאָרן. טראַגישע צײַטן „צײַטן פון צאָרעס" מע קען זיי, די נעכטיקע מענאַכעם־מענדלס, „די קליינשטעטלדיקע יאָלדן", ווי מע רופט זיי אָן, באַשלודיקן אין דעם, וואָס זיי זײַנען גרייט זיך אוועקלאָזן ערגעץ־ווו, אין א אורוגווײַ, לעמאָשל, אַבי בלײַבן לעבן...

ביכלאַל, איז דער ראָמאַן פול מיט ניסיוינעס. ניט אַלע זײַנען זיי, מיין איך, קינסטלעריש באַרעכטיקט און באַגרינדעט, לאָמיר זאָגן די ניסיוינעס פון נאָכעמקעס פאָטער, וואָס איז אוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, געקומען צוריק, באַהאַלט זיך און פירט א רעוואָליוציאָנערע אַרבעט. ס'איז א געהיימניספול געשטאַלט, ווי אויך נאָכעמקעס מוטער, וועלכע איז אומגעקומען אינאיינעם מיטן באַרימטן „טיטאַניק". אין א ראָמאַנטיש ווערק איז זייער וויכטיק אויסצוהאַלטן די מאָס. א ביסל איבערגעזאַלצן, און ס'ווערט פאַרלוירן דער צוטרוי. אָט ווערט באַשריבן א כאַסענע, אָף וועלכער ס'האָט זיך באַוויזן די אַלטע באָבע: „זי איז געווען מעסוקן אַלט, מעסוקן שוואַך, מיט א רוקן, וואָס איז געווען אײַנגעבויגן קימאַט אונטער א גראָד ווינקל"... אַזאַ פּאָרטרעט איז א קאָלאָריטער, אָבער ווײַטער גייט אַזאַ פאַרגלײַך: „אַזוי (אײַנגעבויגן — ז. ל.), אַז ווען זי לאָזט אַראָפּ אירע לאַנגע הענט, ווײַזט זיך אויס, אַז זי איז אַלט א מיליאַרד יאָרן און אַז זי איז געבוירן געוואָרן נאָך אין דער צײַט, ווען דער מענטש האָט ווי א קינד געמאַכט די ערשטע פּרוּוון שטעלן זיך אָף די פיס". אַזוי טראַכט א זעכצניאָריק באָכערל...

א. ליזענס סטיל איז אָפטמאָל א פּאַטעטישער, וועגן דעם ריידן שוין די בעמען פון זײַנע ווערק: „גרינע מאַציייווס, וואָס שווײַגט איר?", „פון יענעם ברעג, פון קאַיאָריקן", „נויקע, מײַן דרייסטער, מײַן אָרעמער ברודער". ליזען, ווי כ'האָב שוין געזאָגט, האָט ליב דערציילן פון דער ערשטער פּערזאָן, ער פירט אויך דאָ די סיפּער־האַמײַסע אין נאָמען פון א יונג באָכערל און גאַנץ אָפט באַנוצט ער פאַרגלײַכן, גענומענע פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע קוועלן, אויב פונעם טאַנאַך איז נאָך דערלאָזבאַר (וואָסער ייִנגעלע איז ניט געגאַנגען אין כיידער?), אָבער ווען דאָס דאָזיקע ייִנגל פאַרגלײַכט דאָס אָדער יענץ געשטאַלט מיט מיטאָלאָגישע פיגורן, רופט עס אַרויס א סאָפעק. פיאָדער זינטשענקאָ, דער יונגער אוקראַיִנער, ענטפערט אָף דער ביטע פון זײַן געליבטער, ער זאָל דערציילן וועגן זײַן מישפּאָכע, אינעם נוסעך פון שיר־האַשירים: „און מיר ווײַזט זיך אויס, אַז איך קען דיך שוין פון לאַנג... טויזנטער יאָרן. דו האָסט דעמלט באַאַרבעט דײַן ווײַנגאָרטן, און איך פלעג דיך וועקן אַלע אינדערפרי. שטיי אויף, געליבטע מײַנע, הערלעכע מײַנע, קום אַרויס, ס'דערנעענטערט זיך די שאָ, די קווייטן צעעפענען זיך, די ווײַנטרויבן הויכן אויס זייער ווױלגערוך, די צײַט פון געזאַנג איז געקומען, פון די בערג לאָזט זיך הערן דאָס וואָרקען פון די טײַבעלעך, דו געדענקסט?".

אין „נאָכעמקע עסרעג" איז א קאַפּיטל אָנגערופן „די אַקיידע", ס'איז גאַנץ פּאַסיק און צום אָרט. נאָכעמקע האָט אַליין זיך אַרויסגערופן זײַן א קאָרבן צוליב דעם שטעטל. אַזאַ זעלבסטאָפּפערונג, אַזאַ מעסירעס־נעפעשדיקײַט איז אין זײַן יונגן כאַראַקטער, אָבער פאַרוואָס דאַרף ער זיך פאַרופן אָף אַוראָם אָווינו, מיט וועלכן ס'האָט זיך געטראָפן אַן ענלעכער פאַל? די ליטעראַרישע רעמיניסצענציעס און אַסאָציאַציעס פאַרשוועכן אָפטמאָל דעם נוסעך פונעם ראָמאַן.

די דאָזיקע און אייניקע אַנדערע פאַרלוסטן, וואָס מע קאָן באַמערקן אינעם בוך, שאַפן ניט אָפּ די גרויסע מײַלעס זײַנע, דער שרײַבער אידענטיפיצירט זיך מיטן העלד, גיסט זיך מיט אים צונויף און דאָס שאַפט א באַזונדערס היימישע אינטימע אַטמאָספער. אין אַזאַ סטיל איז אויסגעהאַלטן דאָס וואָרט פון זײַן העלד: „איז הערט מיך אויס, טײַערע, — איך דאַרף ניט, אַז איר זאָלט מיר גלייבן. איך דאַרף, אַז אונדזערע קינדער און קינדסקינדער, פופציק קומענדיקע דוירעס, זאָלן מיר גלייבן דעמלט, אין א סאַך יאָרן אַרום, וועט עס ווערן א שיינע מײַסע, א לעגענדע, פון וועלכער מע וועט שעפּן נאַכעס און אַפילע געוואַגטקײַט אויך".

א. ליזענס ווערק, וועלכע זײַנען אײַנגעשלאָסן אינעם בוך, טראָגן מיט זיך עפּעס לעגענדאַרישס, וואָס איז געשאַפן אָפן באָדן פון רעאַלע, אַלעמען באַוווּסטע געשעענישן.

זאַלמען ליבינזאָן

די ערד פון ראָמאַנטיק

שוין דאָס צווייטע מאָל לאָזט אַרויס דער כאַבאַראָווסקער ביכער־פאַרלאַג דעם אַלמאַנאַך „אַף די ברעגן פון בירא און בידזשאַן".

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די דאָזיקע ניט געוויינלעכע אויסגאַבע? אָט זײַנען די קעפּלעך פון די אָפּטיילונגען אינעם בוך: „די ערד, ווו איך בין געבוירן", „די גרענעצן פונעם היימלאַנד", „דער צויבער פאַר די אויגן", „קונסט און קולטור", עפּיזאָדן פונעם אַמאָל", „דער קוואַל". דעם בוך שליסט אַ פּאָטאָ־העפט. דער הײַנטיקער טאָג פון דער געגנט — אַזוי קאָן מען באַשטימען דעם אינהאַלט פון די מאַטעריאַלן. דאָס לעבן פון אונדזערע מיטצײַטלער, זייער רומפולע מי, די סאָציאַלע, קולטורעלע און פּראָדוציר־דערגרייכונגען — דאָס אַלץ איז געשילדערט אינעם אַלמאַנאַך.

שוין צוואַנציק יאָר, ווי איך בין אָן אָפּטער גאַסט אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן, אין די יִשובֿים און שטעט פון דער יִדישער אַוטאָנאָמער געגנט. איך האָב ליב געקראָגן דעם דאָזיקן קאַנט, דאָרט זײַנען בײַ מיר פאַראַן אַ סאַך פרײַנט און באַקאַנטע. און דאָך איז יעדע באַגעגעניש מיט ביראָבידזשאַן פאַר מיר אַ ריירנדיקע און פילצוזאָגנדיקע. ווען דער צוג רײַסט זיך אַרויס פונעם לאַבירינט פון די כאַבאַראָווסקער קוואַרטאַלן און הייבט אָן קלאַפּן, יאָגנדיק איבערן בריק דורכן אַמור, אַזוי באַלד הייבט זיך אָן אַף זײַן לינקן ברעג די ביראָבידזשאַנער ערד. אין מעשך פון די דרײַ שאָ אין וועג קוק איך אין פענצטער, דורך וועלכן ס'בליצן דורך די נעמען פון באַקאַנטע סטאַנציעס. דאָס גרויסע פלאַכלאַנד, אַ באַוואַקסנס מיט אַ צאַרטן, ווייכן „אייראָפּעיִשן" וואַלד, וועלכער ציט זיך ביז די שיפּועים פון די כינגאַנער בערג, איז וווּנדערבאַר שיין.

ניין, די דאָזיקע ערד האָט נישט געקענט ניט געפעלן דער עקספּעדיציע, וואָס האָט אין ווײַטן 1927 יאָר אויסגעפאָרשט זי מיטן ציל צו אויסבילדן אַן אַוטאָנאָמע יִדישע טעריטאָריע. דער פּראָפעסאָר ב. ל. ברוק און זײַנע קאָלעגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַף דער ערד, וואָס האָט זיך צעשפּרייט אין באַסיין פון די טײַכן בירע און בידזשאַן. דעמלט איז דאָס געווען אַ רײַכער, נאָר אַ פּוסטער, אָן מענטשן קאַנט. דעם 28־טן מאַרט 1928 יאָר, האָט דער פּרעזידיום פונעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון רספסר, לויט דער באַקאַשע פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אײַנאָרדענען אַף ערד האָרעפּאַשנע יִדן (געזערד), אָנגענומען אַ באַשלוס, לויט וועלכן דער אויסגעקליבענער ראַיאָן ווערט איבערגעגעבן צוליב דורכויסיקער באַזעצונג. און אין צוויי כאַדאָשים אַרום איז אַף דער קליינינקער סטאַנציע טיכאָנקאַיאַ אָנגעקומען דער ערשטער עשעלאָן. טיכאָנקאַ־יאָן איז באַשערט געוואָרן אויסצווואַקסן אין אַ געגנט־לעכן צענטער — איצטער די קימאַט הונדערטטויזנט־קעפּיקע שטאָט ביראָבידזשאַן. אין מײַ 1934 איז אַף דער מאַפּע פון אונדזער לאַנד פאַרצייכנט געוואָרן די יִדישע אַוטאָנאָמע געגנט.

אַ וואָסערע איז זי, די געגנט?

דער ערשטער סטרוקטור פונעם געגנטלעכן קאָמיטעט פון דער קפּסס ל. ב. שאַפּיראָ גיט אין זײַן אַרטיקל „די איבערגעשטאַלטיקטע ערד", וואָס עפנט דעם בוך, אַ ברייט בילד פון די דערגרייכונגען אַף דער ביראָבידזשאַנער ערד. אָט זײַנען אייניקע פאַקטן, אין דער געגנט פונקציאָנירן, גרויסע זאַוואָדן, וואָס לאָזן אַרויס לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָמבײַנען, קראַפט־טראַנספאָרמאַטאָרס, שוכוואַרג, טריקאָטאַזש, צעמענט, צין. די געגנט פאַרמאָגט אַ פאַרזיי־שטעטעך פון 160 טויזנט העקטאַר — נאָענט צו פערציק סאָווירטן און קאָלווירטן. אַף איר טעריטאָריע געפינט זיך דער אַלפאַרבאַנדישער הייל־קוראָרט „קולדור". אין אירע ביבליאָטעקן זײַנען פאַראַן מער ווי צוויי מיליאָן ביכער, ס'אַרבעטן אין דער יִדישער אַוטאָנאָמער געגנט העכער 120 קלובֿ־אַנשטאַלטן, אַ פילהאַרמאָניע, דער יִדישער מוזיקאַלער קאַמער־טעאַטער.

ל. ב. שאַפּיראָ שילדערט גענוי און איבערצײַגעוודיק די ווײַטערדיקע פּערספּעקטיוון פון דער יִדישער אַוטאָנאָמער געגנט. די ציפערן און פאַקטן, וועלכע ער ברענגט, באַווײַזן דעם היפשן וווּקס אינעם נײַעם פינפיאָר.

וואָסערע מענטשן וווינען דאָ?

די פאַרצייכענונגען, וועלכע זײַנען געדרוקט אין אַלמאַנאַך, באַקענען די לייענער מיט מענטשן פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס. אייניקע האָבן אָפּגעלעבט אַ לאַנג לעבן דאָ, אַנדערע הייבן ערשט אָן. אין וואַלדהיים, לעמאָשל, וווינט אַ גרויסע יִדישע פאַמיליע — די קאָפּילאָווס. זייער שטוב איז אַף דער צענטראַלער גאַס, ניט ווײַט פון דער פאַרוואַלטונג פונעם קאָלווירט. די וועטעראַנען פון וואַלדהיים איליא און בעלאַ קאָפּילאָוו האָבן דערצויגן נײַן קינדער. די קינדער זײַנען שוין לאַנג אויסגעוואַקסן און קימאַט אַלע מײַען זיך אינעם אייגענעם קאָלווירט. אין פאַרצניאַריקן עלטער איז ראַיע קאָפּילאָווע געוואָרן אַן אַנטיילנעמערן פון דער אַלפאַרבאַנדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג — אַזוי האָט די וואַלדהיימער מיטלשול אָפּגעמערקט איר אַרבעט אין דער שילערישער פּראָדוציר־בריגאַדע. איר ברודער יאשע איז אַ מעכאַניזאַטאָר אין קאָלווירט — אַ קאַוואַליער פונעם אָרדען פון אַרבעטס־רום, אַ דעלעגאַט פון דעם XVIII צוזאַמענפאָר פון קאָמיוג, אַ דעפּוטאַט פונעם אויבער־סאָוועט פון דער רוסלענדישער סאָוועטישער פעדעראַטיווער רעפּובליק.

אַף דער ביראָבידזשאַנער זאָקן־טריקאָטאַזש־פאַבריק אינעם נײַ־צעך אַרבעט יעלענע קאַלמאַנאָווונע אַרנאַפּאָלינע. אַ באַרימטע מײַסטערן. זי האָט אויסגעפּילט אין פאַבריקן פינפיאָר צען יאָר־פאַרגעבונגען. אַף דער פאַבריק האָט זי דערצויגן זעכציק יונגע

ארבעטערנס. איר ארבעטס־טעטיקײַט איז אָפּגעמערקט מיט מעלוכע־באַלוינונגען.

דער שרײַבער ראָמאַן שויכעט וווינט שוין לאַנג אין ביראָבידזשאַן, ווייסט גוט די לאַנדווירטשאַפט. ער איז אַן אָפטער גאַסט אין די דערפער. אין אַלמאַנאַך איז פאַרעפנטלעכט זײַן פאַרצייכענונג וועגן דעם באַרימטן פאַפשויע־ציכטלער ליובין פון דעזשנעווער קאָלווירט. ליובין איז ניט בלויז א מײַסטער פון הויכע גערעטענישן, נאָר א מענטש מיט אַן אַקטיוויער לעבנס־פּאָזיציע.

ביראָבידזשאַן גרויסט זיך מיטן זאַוואָד „דאַלסעלמאַש", וווּ מע פּראָדוצירט קאָמבײַנען אַף רעדער, אָנגעטאָנענע אין ברייטע קייטן, די קאָמבײַנען זײַנען באַוווּסט אויסער די גרענעצן פון אונדזער לאַנד. דאָרט האָבן זיך אויסגעבילדעט ניט ווייניק ארבעטער־דינאַסטיעס — מוזיטשענקאָ, שליופּמאַן, גאָלינסקי, לינשטיין, רוטמאַן, קרוטשינעצקי...

מיט דער מישפּאָכע קרוטשינעצקי באַקענט די לייענער דער זשורנאַליסט לעוו זוועניגאָראָדסקי. דער אָנהייבער פון דער דינאַסטיע איז געווען דער שמיד שמועל, וועלכער איז געקומען קיין ביראָבידזשאַן פון קריוואָיראָג נאָך אין די פאַרמילכאָמעיאָרן. איצט ארבעטן אַפן זאַוואָד זײַנע דרײַ זין — ראָמאַן, גריגאָרי, וואַלערי. ראָמאַן איז געוואָרן דער שעף פון איינעם פון די צעכן אַפן „דאַלעסלמאַש", זײַנע צוויי ברידער זײַנען סטאַנאָטשניקעס.

דער לייענער וועט אינעם בוך זיך באַקאַנען מיט דער קאָלווירטניצע פייגע פיימאַן, א קאַוואַליער פונעם לענין־אָרדען און פון דעם אָרדען „ערן־צייכן". די געשיכטע, ווי‌אַזוי איר מישפּאָכע האָט זיך פאַרבונדן מיט דער ביראָבידזשאַנער ערד, איז א באַלעברעוודיקע. פייגעס פאָטער, לייב רעזניק, האָט אויסגעכאָוועט א וווּנדערלעכן פּרוכט־סאָד, פאַרלייגט די ערשטע אָרגאַנזשערייען אינעם קאָלווירט, געוואָרן דער בריגאַדיר פון די אויבסטציכטלער. פון דעם טאַטן איז די עסטאַפעטע איבערגעגאַנגען צו דער טאָכטער.

איינמאָל איז אין ביראָבידזשאַן ארויסגעטראָטן דער ארטיסט וואָלף מעסונג, א מענטש, וואָס איז אויסגעוועזן א וועלט. בעשאַס א קאָנצערט האָט ער איבערגעגעבן א דאַנק דעם קעכער פונעם רעסטאָראַן אינעם האָטעל, ווו ער האָט געלעבט, דעם מײַסטער פון קולינאַריע יאַקאָוו בלעכמאַנען. א סאַך דאַנקבאַרקײַטן האָט באַקומען דער קעכער פאַר זײַן לאַנג לעבן — אפילע (אין 1934 יאָר) פונעם מאַרשאַל בליוכער. בלעכמאַן האָט געשאַפן רעצעפּטן פון געקעכצן, וועלכע זײַנען באַרימט אין ביראָבידזשאַן, אינערגעץ האָב איך ניט געגעסן אַזאַ געשמאַק פליישמײַכל, ווי אין ביראָבידזשאַן.

אין דער אָפּטיילונג פונעם בוך „דער צויבער פאַר די אויגן" איז פאָרגעשטעלט די ווונדערבאַרע נאַטור פון דער געגנט, ווו ס׳זײַנען ביז איצט אײַנגעהיט פיל רעליקטן. איינעם פון די דאָזיקע געוויקסן — בראַזעניא שראַבערא — רופט מען „די שוועסטער פונעם לאָטאָס". אין דער פאַרצייכענונג פון סוועטלאַנע שלאָטגאַוער אין „רעליקטן־וואַלד" איז באַשריבן אָט די נאַטור־זעלטנהײַט.

א ריי פאַרצייכענונגען און רעפּאָרטאַזשן שילדערן די דערגרייכונגען אין קולטורעלן לעבן פון דער געגנט. די קונסט פונעם ייִדישן מוזיקאַלן קאַמערטעאַטער, פון דעם פידלער־אַנסאַמבל, פונעם טאַנץ־קאָלעקטיוו „יונגקײַט", פון דער צירק־סטודיע „פּערל" (זשעמטשוזשינע) און אַנדערע.

אַף די זײַטן פונעם אַלמאַנאַך לעבט אויף די פאַרגאַנגענהײַט פון דער געגנט, איר געשיכטע. אַף איר טעריטאָריע געפינט זיך, ווי באַוווּסט, די באַרימטע סאָפּקע „יון־קאָראַן". מיט 60 יאָר צוריק, בא וואָלאָטשײַעווקע, האָבן די רעוואָליוציאָנערע סאָלדאַטן אונטער דער אָנפירונג פון בליוכערן צעקלאַפּט די ווײַסגוואַרדייער און אינטערווענטן. וועגן דער אויסבילדונג פון דער ראַטנמאַכט דערציילט אין אירע מעמואַרן וו. אַבייעווא, דער געוועזענער פּאָרזיצער פונעם ביכער־פאַרלאַג צו די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און קולטור־דערגרייכונגען פון דער אווטאָנאָמער געגנט.

א. טשערניאַווסקי

■ ■ ■

בירעבידזשאנער שטערן

מענטשן · געשעענישן · פאקטן

מיטן פאטאפאראט איבער דער געגנט

פריאמורסק — דער יישעוו פון די סיליקאטשיקעס

פריאמורסק איז דער סאמע יונגער באזעלקערטער פונקט בא אונדז אין געגנט. ער איז אויסגעוואקסן אפ א נייעם ארט נישט ווייט פונעם אמור, וואס איז רייך מיט ווערטפולן רויווארג פאר דער אויסארבעטונג פון בוי־מאטעריאלן.

פאר די פארגאנגענע צוואנציק יאר איז פריאמורסק געווארן א שיינער און וווילגעארדנטער יישעוו. די סיליקאטשיקעס לעבן אין גערוימע, ליכטיקע דירעס מיט אלע קאמונאלע באקוועמלעכקייטן. אין די הינטערהייפן זענען אויסגעוואקסן מאגאזינען. אין פאראן א ברייטער אסארטימענט סכוירעס. דא איז אויך פאראן א קולטורהויז, א שפיטאל, גארטנס, אן אפטייק, א סטאדיאן, א פארבינדונגס־קנופ, ספארטזאל א. א. וו.

די קינדער פון די ארבעטער לערנען זיך אין ליכטיקע און גערוימע קלאסן פון דער אכטיעריקער שול. דא זענען פאראן גוטע אויסגעשטאטעטע לערן־קאבינעטן, פראדוקציע־ווערקשטאטן און אראנזשעריע.

קימאט אלע איינוווינער פונעם יישעוו זענען פארבונדן מיט דער אויסארבעטונג פון סיליקאט־ציגל, וועלכע ווערן אפגעשיקט פאר די נייבויונגען פון געגנט און קראי. מיט די ציגל פון פריאמורסק זענען אויסגעבויט די נייע הייזער אין כאבאראווסק, קאמסאמאלסק־אפן־אמור, בירעבידזשאן, אבלוטשיע, פון פיל דערפער פון געגנט. אפן זאוואד זענען אויס־



געוואקסן דערפארענע מייסטערס פון דער פראדוקציע, אזעלכע ווי וואלענטינע סטוקינא, לודמילע מאקסימאוא, וואלענטינע וואסילענקאווא און פיל אנדערע. די געניטע הענט פונעם אפעראטאר וואסילענקאווא, אסטייגער, נעמען אראפ פאר אן אומבייט ביז 20 טויזנט שטיק ציגל, וואליע איז א שולערין פון קאמוניסטישער מי.

⊙

אפ די בילדער: אין אזעלכע הייזער לעבן די ארבעטער פונעם זאוואד פון סיליקאט־ציגל; אינעם האנדלס־זאל פון א נייעם מאגאזין מיט אן אימפעטלעכן שטראם ווערן אפגעשיקט די ציגל פאר די נייבויונגען.

טעקסט און פאטא פון

א. גרינשטיין.



אין א נײַער פּאָליקליניק

פֿאָטאָרעפּאָרטאַזש

אין ביראָבידזשאַן האָט אויף דער װאָראָשילאָװסקער אָנגעהויבן פֿונקציאָנירן א נײַע סטאָמאַטאָלאָגישע פּאָליקליניק [illegible]

[illegible]

[illegible]

ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפרייטער פון ס״ה

דער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ שלוימע בלייניס אָבאָנירט אפן זשורנאַל א נײַעם לייענער. קיִעוו, 22 אָקטיאַבער, 1981

איך שטעל זיך א ציל

אף דעם גרויסן ליטעראַרישן אָוונט, וועלכער איז פאָרגעקומען פאָריקן האַרבסט אין קיִעווער שרײַבער־הויז און איז געווען געווידמעט דעם צוואַנציקסטן יאָרטאָג פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, האָב איך אבאָנירט 20 נײַע לייענער. לעצטנס האָב איך אונטערגעשריבן אף דעם זשורנאַל נאָך 12 לייענער אין טאַשקענט, דניעפּראָפּעטראָווסק, לענינגראַד און קיִעוו. אין סאַכאַקל האָב איך געשאַפן 142 לייענער.

דאָס איז נאָך ניט דער סאָף פון מײַנע באַמיִונגען. איך שטעל זיך א ציל — אבאָנירן אפן זשורנאַל 200 לייענער.

ש. בלייניס, קיִעוו

אין ליטין שרײַבט אויס „סאָוועטיש היימלאַנד“ קימאַט יעדע יִדישע מישפּאָכע

איך לאָז אײַך צו וויסן, אז אין דער שטאָט וויניצע האָבן אלע כאַווײרים, אבאָנענטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, פּראָלאָנגירט זייער אבאָנירונג אף דער צווייטער העלפט פון הײַנטיקס יאָר. איך בעט אָפּמערקן מיט א גוט וואָרט מײַנע געהילפן, די פּראָפּאַגאַנדיסטן פונעם יִדישן וואָרט — דעם אינזשעניער וולאַדימיר אנאַפּאָלסקי, דעם פאַרוואַלטער פון אן אטעליע סיאָמע סאָראָקע, דעם פּענסיאָנער הערשל שוואַרצמאַן.

ס׳וואָלט אויך געווען יוישערדיק צו באַדאַנקען דעם אומדערמידלעכן געזעלשאַפטלעכן טוער און פאַרשפּרייטער פונעם זשורנאַל אין ליטין און אין כמעלניק דעם כאַווער יאַנקל נאַכליס. אין ליטין, לעמאָשל, שרײַבט אויס „סאָוועטיש היימלאַנד“ קימאַט יעדע יִדישע מישפּאָכע.

בעסאַכאַקל פאַרמאָגט די וויניצער געגנט העכער צוויי הונדערט אבאָנענטן פונעם זשורנאַל. איך מיין, אז אונדזערע מעגלעכקײַטן זײַנען נאָך ניט אויסגעשעפּט.

ג. קאַסאַי, וויניצע

שוועריקײַטן און דערגרייכונגען

די אבאָנירונג אפן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ גייט ניט טאָמיד אזוי, ווי עס ווילט זיך, די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער האָבן ניט ווייניק דײַגעס. אז איך קום צו אן אבאָנענט, וועלכן איך קאָן לאַנגע יאָרן, מיט וועמען ס׳איז מיר געווען אָנגענעם פון מאָל צו מאָל זיך דורכצושמועסן, און איך דערוויס זיך, אז ער איז שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע, ווערט מיר שווער אפן האַרצן. כ׳האָב היאָר אויך אָנגעווירן פיר מײַנע לאַנגאָניקע אבאָנענטן, ווײַל בא זיי איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די ריִע. איין אבאָנענט איז אריבערגעפאָרן פון דאָנעצק קיין מאָסקווע.

א געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער טאָר אָבער ניט פאַרלירן זײַן מוט. אין אָנהייב 1982 האָב איך געשאַפן דרײַ נײַע לייענער. די אבאָניר־קאַמפּאַניע אפן צווייטן האַלב יאָר האָב איך פאָרגעזעצט מיט מאַזל. ס׳איז מיר געלונגען פאַרגרעסערן די צאָל אבאָנענטן — זיבן נײַע לייענער באַקומט דער זשורנאַל.

ז. אלטערמאַן, דאָנעצק

ס׳איז אן אינטערעסאַנטע ארבעט

איך בין נאָך א יונגער געזעלשאַפטלעכער פאַר־שפּרייטער. די דאָזיקע פליכט האָב איך פרײַוויליק גענומען אַף זיך מיט א יאָר צוריק. אדאַנק מײַן מי זײַנען אין 1982 צוגעקומען אין לוואָוו 17 נײַע לייע־נער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״.

כ׳האָב ניט כאַראַטע, וואָס כ׳בין געוואָרן א גע־זעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער. ס׳איז אן אינטערע־סאַנטע ארבעט. אינאיינעם מיטן שרײַבער א. ליזען שמועסן מיר מיט די ייִדיש־ריידנדיקע טוישווים פון אונדזער שטאָט, דערציילן זיי וועגן דעם זשורנאַל, וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. צווישן די צוגעקומענע אַבאָנענטן איז פאַראַן איינער א זיבן־און־דרײַסיקיאָריקער כאַווער, וואָס לייענט נאָך דערוויל שוואַכלעך, העלף איך אים דערלערנען די שפּראַך, און דאָס ברענגט א סאַך באַפרידיקונג.

ב. גלוזמאַן, לוואָוו

זײַט באַקאַנט מיט די מאַלאַכאָווקער לייענער

דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ פּאָפּוליאַ־ריזיר איך, זינט ער איז געגרינדעט געוואָרן. עס וועט ניט זײַן איבערגעטריבן, אויב כ׳וועל זאָגן, אַז איך בין באַקאַנט פּערזענלעך מיט אַלע, אָן אויסנאַם, מאַלאַכאָווקער לייענער פונעם זשורנאַל.

א געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער איז קוידעם־קאָל באַלעסטיקט מיט פליכטן, מיט צוגאָבלעכע הוי־צאָעס, מיט איבעריקע כלאָפּאָטעס, אָבער דאָס זײַ־נען בעקאָוועדיקע פליכטן, פרײַוויליקע היסכײַוועסן, טײַערע דײַגעס. באַזונדערס בין איך צופרידן, וואָס די ארבעט פון א געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער דערלויבט מיר זיך באַגעגענען מיט מענטשן — ליב־האָבער און פאַרערער פונעם ייִדישן וואָרט. א גע־זעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער איז ניט געגליכן צו א בריוונטרעגער, וועלכער וואַרפט אַרײַן אין פּאָטשטקעסטל לויטן אָנגעוויזענעם אַדרעס די קאָ־רעספּאָנדענץ און, ווי נאָר ער קערעוועט זיך אָפּ, פאַרגעסט ער דעם אַדרעסאַט. מיר, פאַרשפּרייטער פונעם ליטעראַרישן וואָרט, באַגעגענען זיך מיט אונדזערע אַבאָנענטן ווי מיט גוטע פרײַנט, כ׳וואָלט אפילע געזאָגט, ווי מיט קרויווים, גאַנץ אָפּט אין היימישע באַדינגונגען, אויג־אַף־אויג און האַרץ צו האַרץ. וועגן וואָס שמועסן געפינען מיר. ריישיס, פאַרשטייט זיך, באַהאַנדלען מיר די ווערק, וועלכע זײַנען אָפּגעדרוקט אינעם אָרדנטלעכן נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״, מיר טוישן זיך מיט געדאַנ־קען, וואָס די דאָזיקע ווערק רופן ארויס, מיט גע־פילן, וועלכע זיי וועקן, מיט דעם פאַרגעניגן, וואָס מיר באַקומען.

גוטע לייענער פאַרמאָגט דער זשורנאַל באַ אונדז אין מאַלאַכאָווקע, מענטשן, וועמענס מי עס באַרײַ־כערט איצט דאָס היימלאַנד. צווישן זיי זײַנען פאַראַן יונגעלײַט, פאַרהעלטניסמעסיק גוויינלעך, און מענטשן באַיאָרטע. וועגן איינעם פון די מאַלאַכאָוו־קער טוישווים — שימען ראָזין, וואָלט איך וועלן דאָ זאָגן עטלעכע ווערטער אַלס געזעלשאַפטלעכער פאַר־שפּרייטער. שימען ראָזין איז דרײַ מאָל א וועטע־

שימען ראָזין פון מאַלאַכאָווקע

ראַן: א וועטעראַן פון דער גרויסער פּאַטערלענדי־שער מילכאָמע, א וועטעראַן פון מי, און... א ווע־טעראַן־לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״. איין און צוואַנציק יאָר עקזיסטירט דער זשורנאַל, און אַזוי־פיל צײַט לייענט אים שימען ראָזין. ער איז בײַגע־ווען פאַראַיאָרן אַפן פײַערלעכן אָוונט, געווידמעט דעם צוואַנציקסטן יוּוויל פונעם זשורנאַל — אַף אָט דעם פּרעכטיקן יאָמטעוו, וועלכן ס׳האָט אײַנגעאָרדנט אין צענטראַלן מאָסקווער ליטעראַטן־הויז דער שרײַ־בער־פאַרבאַנד פון פּססר. און געקומען אַפן אָוונט איז ער ניט אַליין — מיט דער גאַנצער מישפּאָכע. איך האָב אים געזען אין צושוויער־זאַל, א פרײדיקן, א באַנײַטן. כ׳וואָלט בעשום־אויפן ניט געגלייבט קיי־נעם, אַז אָט־אָט ווערט ער אַלט זיבעציק. ווען איך זאָל ניט וויסן, אַז יאָ, ער ווערט אינדערעמעסן אײַנ־גיכן א בען־שיווים.

זײַנע זיבן צענדליק האָט שימען ראָזין דורכגע־מאַכט ווירדיק. א היפּשע צײַט געאַרבעט אַלס גע־אָלאָג־מאַרקשיידער, געפאָרשט די ערד־סטרוקטור, פעסטגעשטעלט פּלאַסטן, אַף וועלכע מע קאָן בויען פאַבריקן און זאַוואָדן. אין די יאָרן פון דער צווײַ־טער וועלט־מילכאָמע איז ער געווען א סאַפּיאָר. טיילווײַז האָט ער, פּויזענדיק, געשלעפּט אַף זיך די מינעס — צעשטעלט דעם טויט פאַר די פאַשיסטן דאָרטן, וווּ עס איז געווען נייטיק. געמאַכט אומ־שעדלעך די פײַנטלעכע אַמאַנאַל־פּאַסטקעס. נאָך דער מילכאָמע האָט ער טויזנטער מינעס, אָנגעפּאַקטע מיט טויט־געפאַר, ארויסגעשאַרט פון דער ערד. זײַ־נע געניטע הענט האָבן קיינמאָל קיין טאָעס ניט דערלאָזט — ווי ס׳איז באַוווּסט, קאָן א סאַפּיאָר זיך טויע זײַן בלויז איין מאָל...

איצט איז שימען ראָזין אין מאַלאַכאָווקע דער פאַרזיצער פונעם אָרטיקן סאָוועט פון די מילכאָמע־וועטעראַנען. ער זאָגט זיך אָפּ צו גיין אַף פּענסיע און אַרבעט הינטער מאָסקווע אין דערפל קאָרעניאָוווע אַף א ציגל־זאַוואָד. אויב איר וועט ערגעץ־ווו אין מאָסקווע זען א מויער פון ווײַסע ציגל, זאָלט איר וויסן, אַז אין זיי האָט א כיילעק ראָזין.

שימען ראָזין זאָגט, אַז מיט צוויי זאַכן וועט ער זיך קיינמאָל ניט צעשיידן — מיט זײַן אַרבעט און מיטן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". איך בין באַוואָרנט, אַז אַזוי וועט עס טאַקע זײַן.

ווײַל אין דעם ליטעראַרישן זשורנאַל, וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע לייענער, ווי שימען ראָזין. גליקלעך איז דער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער, אין וועמענס אַקטיוו עס זײַנען פאַראַן אַזעלכע אַבאָנענטן.

ר. מילנער, מאַלאַכאָווקע, מאָסקווער געגנט

דרוקן אין דער בײַלאַגע די קלאַסיק

א גרויסן דאַנק דער רעדאַקציע פאַר דער רובריקע „בריוו פון לייענער". אַדאַנק איר דערוויסן מיר זיך אינקורצן וועגן פיל טשיקאַווע זאַכן. מײַן מיינונג: ס'וואָלט זייער גוט געווען צו דרוקן אין דער ביכער־בײַלאַגע צו „סאָוועטיש היימלאַנד" ווערק פון אונדזערע קלאַסיקער. איך וואָלט מיט פאַרגעניגן געלייענט „בלאָנדזענדע שטערן", „דאָס ווינטשפינגערל" און אַנדערע שעדעווערן פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

א. טראַכטענגאַרץ, קיִעוו

מיט דער מאַמעס מילך

טײַערע רעדאַקציע, איך בעט אײַך פאַרעפנטלעכן מײַן פאָטאָ־שפּאַס. כ'האָף, אַז דאָס ייִנגעלע, וועלכן איר זעט אויף דער פאָטאָגראַפיע, וועט אויסנעמען בײַ די לייענער כאָטשבי דערמיט, וואָס מיט דער צײַט וועט ער אויך ווערן אַ פאַרערער פון אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אַ סימען האָט איר — ער פּרוּווט שוין זיך פאַנאַנדערקלײַבן אינעם באַטײַט פון די ווערטער, וואָס זײַנען אָנגעדרוקט אויף דער הילע.

א גליקלעך, מאַזלדיק לעבן זאָלסטו האָבן, אליאַשע!

ל. קריוואָרוצקי, לענינגראַד

די יוגנט וויל לייענען די ייִדישע ליטעראַטור

אין ראַטנפאַרבאַנד וווין איך זינט 1939. כ'האָב זיך באַזעצט הי נאָך דער אינוואַזיע פון דער היטלערישער אַרמיי אין פּוילן.

שוין פיל יאָרן אַבאָניר איך דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". איך בין גליקלעך, וואָס כ'האָב אַ מעגלעכקײַט צו לייענען די גרויסאַרטיקע ליטעראַטור אויף מײַן מוטער־שפּראַך. אָבער ניט נאָר אַ לייענער בין איך. כ'פּראָפּאַגאַנדיר „סאָוועטיש היימלאַנד" צווישן די ייִדן פון ניזשני טאַגיל. אין מײַנע בריוו צו פרײַנט און כאַווערים, וועלכע וווינען אין אַנדערע שטעט, דערמאָן איך דעם זשורנאַל, קעדיי יענע זאָלן באַצײַטנס אויסשרײַבן אים.

באַזירנדיק זיך אויף מײַן פּערזענלעכער דערפאַרונג, באַשטעטיק איך, אַז די ייִדישע יוגנט, אין געגעבענעם פאַל אויפן אינדוסטריעלן אוראַל, האָגאַם זי באַהערשט ניט די מוטער־שפּראַך, ציט זיך פונדעסטוועגן צום זשורנאַל. און ס'וואָלט געווען ווינטשנסווערט טאָן אַלץ, וואָס איז מעגלעך, קעדיי מיטהעלפן איר צו געפינען אַ וועג צו דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

די פראַגע פונעם צוקינפטיקן לייענער באַאומרויִקט מיך. עפשער וואָלט מען געקאָנט פאַרגרעסערן די צאָל זײַטן פונעם רעזומע אויף רוסיש?

א. יאַקובאָוויטש, ניזשני טאַגיל, סווערדלאָווסקער געגנט

דער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אין דער שטאָט קראַסנאָדאַר, דער פּאָלקאָווניק אווערעטינער סעמיאָן באָריסאָוויטש

ברענגען נוצן דעם זשורנאַל

פון מײַנע 59 יאָר לייען איך שוין 21 „סאָוועטיש היימלאַנד". כ'האָב ליב מײַן מוטער־שפּראַך, זי פאַרשאַפט מיר פיל פאַרגעניגן אויך איצט, ווען איך, אַ פּראָפעסיאָנעלער מיליטערמאַן, אַ פּאָלקאָווניק, בין איבער פאַרשטענדלעכע סיבעס מיט איר ווייניקער פאַרבונדן.

ניט לאַנג צוריק בין איך געקומען קיין מאָסקווע צוליב פּערזענלעכע ענייאָנים. איך האָב באַשטימט באַזוכן דאָס הויז אויף קיראָוו־גאַס, וווּ עס איז טעטיק די רעדאַקציע פון מײַן באַליבטן זשורנאַל. כ'בין געוואָרן פאַרכידעשט, וואָס אַזוי פרי, מאַמעש פאַרטאָג, זײַנען שוין די מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע בײַ זייערע שרײַבטישן. דערנאָך, ווען איך בין אַ צווייט מאָל אַרײַן אין רעדאַקציע, שוין צום סאָף טאָג, האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז די זעלבע מיטאַרבעטער פאַרלאָזן זייערע שרײַבטישן גאַנץ שפּעט.

איך האָב באַשטימט אַליין זיך ווידמענען אין אַ געוויסער מאָס דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" — ווערן זײַן געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּריי־

טער אין דער שטאָט קראַסנאָדאַר. דעם ערשטן פּרווו אין דעם נײַעם פאר מיר איניען האָב איך פֿאַרגענומען נאָך אין מאָסקווע, אַבאָנירנדיק מײַנע א קרוי־ווע, וועלכע וועט אים, כ'בין איבערצײַגט, לייענען מיט פאַרגעניגן.

ס'איז נאָך ניט קיין צײַט זיך באַרימען, אָבער איך ווייס אפּגעוויס, אַז די צאָל לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" וועט זיך הײַנטיקס יאָר אין קראַסנאָדאַר פאַרגרעסערן.

ס. אווראַטינער, קראַסנאָדאַר

כאָטש כ'בין שוין אַלט

איך לעב אף דער וועלט אכט און זיבעציק יאָר. העכער פופציק פון זיי בין איך א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פינף און זעכציק — ערלעך אָפּגעאַרבעט, ביז עס האָט מיר פאַרבאָטן עס צו טאָן די מעדיצין. איצט, ווען איך בין אף פּענסיע, האָב איך א סאַך צײַט צו לייענען. איך אַבאָניר זיך אף „סאָוועטיש היימלאַנד" פונעם 1962, און אַלע זשורנאַל-נומערן זײַנען בא מיר אָפּגעהיט. דאָס איז ניט בלויז לעשעם זיך אליין — כ'זאָל האָבן א מעגלעכקײַט, ווען עס פאַרגלוסט זיך, נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אַרײַנקוקן אין איינעם פון די ווערק, וואָס האָבן זיך פאַרגעדענקט. די זשורנאַל-נומערן נוץ איך אויס אלס געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער.

דאָס לעבן האָט באַוויזן, אַז סײַ דעם זשורנאַל, „סאָוועטיש היימלאַנד", סײַ די ייִדישע ביכער דאַרף מען טראָגן צו דעם לייענער. אליין וועלן זיי צו אים ניט קומען.

א. גאָראָדעצקי, אוסט־קאַמענאָגאָרסק

מיר באַגריסן אונדזער אַלטן לערער

אין 1974, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין קיִעוו לעבט דער אַמאָליקער דירעקטאָר פון דער עמעלטשינער ייִדישער זיבניאָריקער שול מיכאַיִל ברײַמאַן, האָבן מיר, זײַנע 42 געוועזענע שילער, אײַנגעאָרדנט א באַגעגעניש מיט אים. שווער איבערצוגעבן, וויאַזוי מיר זײַנען אַלע גליקלעך געווען. מיר האָבן זיך דערמאָנט אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט, אפילע געזונגען די קינדערשע לידעלעך „יאַנקעלע וויל א יעגער זײַן", „א שנייעלע פליט, א שנייעלע פאַלט" און אַנדערע.

בייס דער באַגעגעניש האָט מיכאַיִל בענציאָנאָוויטש אונדז דערציילט, אַז ער איז א שטענדיקער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד". מיר האָבן זיך לויט זײַן איניציאַטיוו אַבאָנירט אפן זשורנאַל. דערנאָך — אליין געוואָרן געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער.

אין אָקטיאַבער כוידעש ווערט מ. ברײַמאַן אַלט אכציק יאָר. אף דעם יאָמטעוו קלײַבן זיך בײַזײַן 50 — 60 זײַנע אַמאָליקע שילער, וועלכע וווינען אין קיִעוו, כאַרקאָוו, לוואָוו, איוואַנאָ־פראַנקאָווסק, טשערנאָוויץ, קאַלינינגראַד, זשיטאָמיר, גאָרקי, קאָראָסטען, נאָוואָגראַד־וואָלינסקי, עמעלטשין.

מיר ווינטשן געזונט און לאַנגע יאָר דעם אומדערמידלעכן געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", אונדזער לערער, דעם כאַווער ברײַמאַן.

כ. קעצעלמאַן, קיִעוו

כ'וועל, אימירצעשעם, זיך אויך אויסלערנען לייענען פון רעכטס אף לינקס...

■ ■ ■

דאקטױרים און פאציענטן װערן געטריבן צו אן אױספארשונג אין צידון.

צ׳יוניסטישע פארברעכנס אין ליװאן

ממראות ההרס בלבנון — מניפולציות ציוניות במספרי ההרוגים והפליטים

ביירוט אין רוינען

אײנװױנער פון מערב־ביירוט שלעפן ארױס א קינד פון אונטער די חורבה.

שבויים פלשתינאיים מובאים לחקירה — ההבדל הדק שבין שבויי מלחמה ל„עצירים מינהליים"...

גרטמן — „הומניטה"

א צייכענונג־קאָמענטאר אין דער פראנצויזישער צײַטונג „הומאניטע"

ציִוניסטישע פארברעכנס
אין ליוואן

לעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

„סאָוועטיש היימלאַנד" האָט ניט איין מאָל געשריבן וועגן דעם פּאַרלאָזטן צושטאַנד סײַ אין קינסטלערישקײַט, סײַ אין דער באַציִונג צום הײַנטצײַטיקן לעבן, וועלכער האָט אין די לעצטע יאָרצענדליקער באַהערשט די בורזשואַזע ייִדישע ליטעראַטור. עס טרעפט, אַז אַליין די טוער פון אָט דער ליטעראַטור זײַנען געצוווּנגען עס אַנערקענען. אופהייבנ־דיק אַן אַליאַרעם אַרום דער פּאַקטישער לאַגע אין זייער סוויווע, לייגן די אַווטאָרן פון אַזעלכע אָפענע רייד ניט פאָר, געוויינלעך, קיין שום אויסוועג.

מיר ברענגען דאָ געקירצט אַן אַרטיקל פון איינעם פון די ייִדיש־בירגערלעכע אַוו־טאָרן — שמואל איזבאַן, איבערגעדרוקט פון די „אַוסטראַלישע ייִדישע נײַעס".

אַפּיקאָרסישע רייד אין אונדזער מאַכנע

די קולטור־יִאַדע און אירע דייעזאָגערס

זיי האָבן ניט ליב, די אַליין־געקרוינטע דייע־זאָגערס, ווען מע זאָגט אַרויס זעלבשטענדיקע מיי־נונגען. זיי פאַרטראָגן ניט אַ ווידערשפּעניק וואָרט. אָבער דאָס רעכט צו זײַן ווידערשפּעניק קאָן אַ קליי־נער דעספּאָט צי אַ קולטור־באָס אין אונדזער גע־זעמל (אין דער בירגערלעכער ייִדישער ליטעראַטור) ניט אַוועקנעמען.

די, וואָס פּרעטענדירן צו זײַן וועגווײַזערס און מאַדריכים (דערציִער) אין דער הײַנטיקער אײַנגע־שרומפּענער ליטעראַרישער סוויווע, די, וועלכע פּיל־דערן אין דער אַזויגערופענער קולטור־יִאַדע, זײַנען זיך נויהעג אָפּט צו דערמאָנען, אַז די מיסיע פון ייִדישע שרײַבער איז צו זײַן מויכיכים (שטראָפער) און נעוויִים פאַר אַנדערע. אָבער, מאַשמאָעס, זיי האָבן פאַרגעסן, אַז ווען די עמעסע נעוויִים און מויכיכים זײַנען אַרויס שטראָפן דאָס פאָלק, האָבן זיי ניט געשוינט די פירשטן. דער הייליקער ציל איז געווען אויפצודעקן קאָרופּציע און דעמאַסקירן פאַלשקײַט. פאַראַן צווישן די הײַנטיקע מויכיכים אין דער ליטעראַרישער מאַכנע אַזעלכע, וואָס שטראָפן די שוואַכע און שיצן די ווילדע יונגען, די מאַכערס, די אויסטויגערס, די צוואַניאַקעס, די פּליי־צע־קלאַפּערס. ניט נאָר זיי באַשיצן יענע באַלע־דייעס, נאָר זיי כאַנפענען זיי אויך, זיי קריכן פאַר זיי אַף אַלע פיר.

אַ שאָד, וואָס מע רעדט אַזוי ווינציק און אַזוי זעלטן וועגן יענע מאָראַליסטן. ס'איז שוין לאַנג צײַט געווען צו מאַכן אַ מערידע קעגן אַזעלכע אַליין־געזאַלבטע פּריידיקער, בײַ וועמען ווידער־שפּעניקײַט איז אַ זינד, געוואַגטקײַט האָט דעם נאָ־מען: פרעכע כוצפּע, און אָנשטענדיקײַט ווערט באַ־צייכנט ווי אומפאַרשעמטקײַט.

אַ טייל פון דעם סאָרט פּריידיקערס זײַנען אויך די בוכהאַלטערס פון דער ייִדישער ליטעראַטור. זיי זײַנען אָבער בוכהאַלטערס — פעלדשערס. זיי גאַנווע־נען ציפערן און זיי מעקן אויס נעמען, און ווען דער בוכהאַלטער, וואָס זײַן אויפגאַבע איז האַלטן דעם רעקאָרד ערלעך און צו רעגיסטרירן נעמען און ווערק לעדוירעס, אויב אַזאַ בוכהאַלטער איז אַ פעל־שער, דאַרף מען אים אַרויסקלאַפּן די פעדער פון האַנט. ס'איז אָנגענומען אין ראַיעלע פירמעס, אַז ווען מע כאַפּט אַ בוכהאַלטער אַ מאַרעווויכער, האַקט מען אים איבער די הענט און מע שיקט אים אַהין, ווו עס באַלאַנגט. נו, אַ פעלשער, אַ מאַרעווויכער אין דער ליטעראַרישער סוויווע וועט מען ניט אַרײַנ־זעצן אין כאַד־גאַדיע, אָבער דעמאַסקירן אים פאַר דער עפנטלעכקײַט איז אַ הייליקע פליכט.

די צאָרע איז, וואָס אָט די כעזשבוינעס־מאַכערס, די בײַזוויליקע אָפּנאַרערס ווילן אויך ווערן די, וואָס רעקאָרדירן די דויערהאַפטיקע ווערטן אין דער לי־טעראַטור. זיי פּרעטענדירן צו זײַן — און זיי רופן זיך אַליין אויך — ליטעראַטור־פאָרשער און ליטעראַ־טור־היסטאָריקער. אָבער וואָס פאַר אַ בילד וועט זיך באַקומען, ווען זיי וועלן רעקאָרדירן פאַר דער צוקונפט דעם סכום ווערטפולע שאַפונגען אין דער ייִדישער ליטעראַטור?

מע זאָגט אונדז, אַז ס'איז ניטאָ הײַנט מיט וועמען זיך צו קריגן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אָדער אַז מע טאָר זיך ניט קריגן, מאַכמעס דעם בידנעם מאַצעוו און דער האַסטיקער יערידע אין אונדזער גײַסטיקער סוויווע. ווי האָט מען אַ כוצפּע

אזוי צו טאָן אין א צײַט פון יערידע און געלאָפּירנדיקן בארג־אראָפּ? אָבער די גוטע, ווייכהארציקע ייִדן מאכן זיך ניט ווינסדיק, אז דאפקע אין א צײַט, ווען דאָס קליינווארג איז ארויסגעשווומען אף דער שוימיקער אויבערפלאך און א טייל פון זיי וויל נעמען אף זיך די ראָליע פון ראָשיי האמעדאברים, איז א פליכט אויסצושײַגעצן אזעלכע אומגעבעטענע פאָרשטייער און זיי פארטרײַבן מיט כארפּע פון אונדזער געזעמל.

און זאָל מען דאָ ניט פארמישן די יויצרעס. קאָװעד צו יענע אויסנאמען, וועלכע זײַנען בארופן און קאָמפּעטענט צו לאָזן הערן זייער וואָרט וועגן אונדזער קינסטלערישער וואָרט־שאפונג. זיי פארדינען די פולע אנערקענונג. האלעווײַ זאָלן זיך מערן די ווידערשפּעניקע יעכידים און זיי זאָלן מיט א הילכיק קאָל מאָנען אָנצוּווענדן אן ערלעכן מעסטשטאָק באם שאצן די ווערט און קוואליטעט פון די שאפונגען, וואָס באווײַזן זיך הײַנט אפן ביכערמארק.

ס׳איז אונדז שוין אויסגעקומען, בא פריִערדיקע געלעגנהײַטן, אָנצוּווײַזן. אז ס׳איז פאראן הײַנט־צו־טאָג בלויז א קליין הײַפל ענטוזיִאסטן צווישן די, וואָס שטעלן זיך די אופגאבע צו שרײַבן ערנסט וועגן די נײַע ווערק און מאכן פּיירושים אף הײַנטצײַטיקע ליטערארישע דערשײַנונגען. מע הערט זעלטן אן אינדיווידועל קאָל. אלפּי־ראָוו זינגען די פלינקע רעצענזענטן דאָס כאָראלע געזאנג. ס׳איז א מיזמער פון דרויב, פון קאָל האנאָרים (פון אלדאָס קליינווארג). יאווען זיך פּיפּיקע רעוויו־שרײַבער, שנעלע איבערזיכטלער, וואָס דערלאנגען פּובליסיטי אָנשטאָט געוויסנהאפטיקער קריטיק. אָפט ווערן דורכשניטלעכע ביכער ארויסגעשטעלט ווי מוסטערן און מיטלמעסיקײַטן ווערן באצייכנט ווי פיגורן אין דער ליטעראטור. און יענע צווישן די מער ערנסטע, וועלכע האָבן באשלאָסן זיך צו פארנעמען מיט פאָרשן און באלײַכטן די ייִדישע ליטעראטור אין איר אלזײַטיקײַט און פולן פארנעם אין דעם אָפּגעלאָפענעם יאָרהונדערט, זײַנען ווײַטער פון די קלאסיקער ניט דערגאנגען.

אָבער די ייִדישע ליטעראטור האָט זיך דאָך ניט געענדיקט מיט מענדעלען, שאָלעם־אליײכעמען און פּערעצן.

פאראן א גאנצער ייִדישער ערדקײַלעך זינט ברייטשיס, וואָס די ליטעראטור דארף דעקן. די ליטעראטור בא ייִדן אין ביידע לעשוינעס שטעלט גרויסע פאָדערונגען דעם הײַנטיקן שרײַבער. דער קינסטלער — ווי פרײַ ער זאָל זײַן אין דער בכירע (אינעם אויסוואל) — דארף ער שענקען זײַן ענערגיע און טאלאנט די נאציִאָנאלע מאָטיוון, וואָס זײַנען אלצײַטיק און אלוועלטלעך.

ווי אף מוסטערן, וואָס האָבן פריִער דערפילט אזא שליכעס, קאָן מען אָנווײַזן אף יעכידים־קינסטלער, די אָנזעעוודיקסטע צווישן זיי זײַנען פּערעץ אין ייִדיש, אגנאָן אין איווריט. אגנאָן, וועלכער האָט אָנגעהויבן זײַנע שאפונגען אין ייִדיש און איז איבערגעגאנגען צו זײַנע רײַפע הויך־סטיליזירטע ווערק אף העברעיִש — ער געהערט צו די אכרײַעסדיקע ייִדישע קינסטלער, וואָס האָבן זיך פארמאָסטן דורכצופירן די שרײַבערישע מיסיִע בישליימעס.

די האסקאָלע־שרײַבער — צווישן זיי מאפּו, יעהודע־לייב גאָרדאָן און אנדערע — האָבן אָפּגעהיט אינעם שרײַבן דעם שטרענגן טאנאכישן נוסעך. זיי זײַנען געווען צו פּעדאנטיש, זיך געשראָקן צו ווערן א ביסל עלאסטיש אין זייער שפּראך־באנוץ, און דעריבער איז בא זיי געווען א מאנגל אין די אויסדרוק־פאָרמען, וואָרעם זיי האָבן פארוואָרפן די לעבעדיקע טערמינאָלאָגיע פון זייער צײַט. מענדעלע מויכער־ספאָרים האָט דערשפּירט דאָס אשירעס פון א דוירעסדיקן לאָשן און געשעפּט דערפון פולע זשמעניעס. ער האָט סטיליזירט פארשיידענע נוסעכן, און ס׳איז ארויסגעקומען א מענדעלע־סטיל, אויסגעגאָסן, אויסגעהאמערט.

די סעניאָרן אין דער ליטעראטור און זייערע יאָרשים

מע האָט קיינמאָל ניט געקאָנט שאָלעם מאכן מיט דעם געדאנק, אז די סעניאָרן אין דער ייִדישער ליטעראטור האָבן זיך אוועקגעשטעלט אין דער פּאָזע פון פארגליווערטע געטשקעס, און אזוי אײַנגעגליווערט האָבן זיי שוין געוואָלט בלײַבן.

ווער זײַנען זיי געווען, די שטרויס־פייגל, וואָס האָבן זיך געמאכט נישט צו זען זייערע יאָרשים? איך גיב אוועק פּופּציק שורעס מעכײַעדיקע פּראָזע פון א יונגן דערקוויקנדיקן דערציילער פאר אלע צוויי טויזנט געמלאָכעדיקע סקיצן פון א ליטערארישן באלעגוף, וואָס איז אין זײַן זיקנע געוואָרן א סקלעראָזער שוואכלינג, א פאבריקאנט פון שלאָפקײַט־מײַסעס.

פאראן שרײַבער ליטערארישע פּאָליטיקאנען, וואָס אָנשטאָט צו שרײַבן גוטע ווערק, זײַנען זיי נאָכאנאנד פארנומען אין יאָגעניש נאָך רום דורך אײַנכאזערן טערמינען און פּלוידערײַען וועגן אומשטערבלעכקײַט, און זיי טראכטן טאָג און נאכט וועגן פארכאפּן זיך־ערטער אין דעם פּאנטעאָן.

אויב אזא שרײַבער מיינט, אז די ייִדישע אומע וועט אוועקלייגן אלע זאָרגן פארן קיִעם, פאר נאציִאָנאלער אופריכטונג און וועט האָבן בלויז איין־און־איינציקע זאָרג — צו העלפן אים קריכן שטאפּל נאָך שטאפּל איבערן לייטער פון רום־יאָגעניש, בלויז קעדיי צו באפרידיקן זײַנע עגאָיִסטישע אמביציעס, אויב דער שרײַבער מיינט אזוי, איז ער, נעמעך, א געשטראָפטער טאם.

דאָס פאָלק, די קונסט־געניסער צווישן פאָלק, טראָגן אכטונג צום שעפערישן מענטש, ניט צום ליטעראטור־פּאָליטיקאן. בלויז עכטע ווערק קאָנען דערצידירן דעם שרײַבערס אָנזען באם פאָלק. געדונגענע צי פרײַוויליקע שאמאָסים פון א שרײַבער א יעגער נאָך רום — זיי קאָנען ניט ענדערן דעם סטאטוס פון דעם עכטן קינסטלער און, לעהאוודל, פון דעם קוואזי־ליטעראט.

שעפּערישע שרײַבער און ליטעראַרישע פּאָליטיקאַנטן

פאַראַן רעצענזענטן אין דער ייִדיש־ליטעראַטור, איבערזיכטלערס, רעוויוערס, וואָס זייערע אַרעמע טרוקענע מויכעס קוועטשן אַ לעבן לאַנג ווײַן פון דער מאָגערער מענאַכעם־מענדל־ראַזשינקע אָדער פון מענדעלעס אויסגעצערטער קליאַטשע.

פאַראַן ליטעראַטור־פּאָליטיקאַנטן אָדער פּאָליטיק־מאַכערס, פאַרפירטע פון דער אײַנרעדעניש, אַז זיי זײַנען קריטיקער, וואָס ווען עס לוינט זיי, רעדן זיי אָפּט וועגן רײַפע טאַלאַנטירטע שריפטשטעלער מיט באַלײדיקנדיקע ווערטער ווי וועגן שוואַכע, וואַקלדיקע אָנפאַנגערס. דאָס איז אַ טייל פון זייער כיטרער שפּיל, פון די טרייפענע שמאַד־שטיק, קעדיי מאַכן צונישט באַגאַבטע שרײַבער, וואָס האָבן געהאַט דעם קויעך און די האַזע צו ראַמען זיך אַ וועג צו די לייענער איבער די קעפּ פון די אַליין־געזאַלבטע ליטעראַטור־מעווינים. און זאָלן דאָ קיין טערוצים ניט גילטן. די אַלע אויסגעריבענע פּילפּולים נוצן ווי אַ וואָפן קעגן שרײַבער, וועלכע האָבן דעם קוראַזש צו באַקעמפן אײַגננוץ און פּאַרורטייל.

פלינקע רעוויוערס, פּיפּיקע איבערזיכטלער האָבן אַ טעווע צו מיסברויכן מיט זייער ביסל דייזאַגע־רײַ. זיי זײַנען אַפילע גענוג ציניש אָפן זיך מוידע צו זײַן אין דעם. ווי לעכערלעך פאַרליבט זיי מוזן זײַן אין זייערע אייגענע זאָגעכצן! זיי זײַנען פול מיט אייגנליבע און אייגנלויב, מיט גוואַלדיקער זעלבסט־האַנאָע איבער זייער אויסגעדוכטער מאַכט, וואָס זיי האָבן דערוואָרבן פאַר זיך אין שרײַבערײַ.

די צאָרע איז, וואָס די דייזאַגערלעך פון דעם סאָרט ווערן אויך אָפּט געלויבט אָדער געכאַנפעט פון שרײַבער, וואָס פאַראַכטן זייער אייגענעם קאָוועד און דעם קאָוועד פונעם געדרוקטן וואָרט. זיי טוען דאָס ווי אַן אָדערוף פאַר אַ לויב־וואָרט, אַ קאָמפּלימענט, וואָס ער — דער רעצענזענט — מײַסע נאָגיד אָדער פילאַנטראָפּ, וואַרפט זיי צו פון צײַט צו צײַט. די ווייכהאַרציקע שרײַבער טאָלערירן און לויבן דעם רעצענזענט מיט דער אויסרעכענונג צו קריגן מיט יענעמס הילף אַן אויסגעדוכטן כיילעק פונעם לעוויאָסן אָף דעם ליטעראַרישן אוילעמהאַבע.

די האַסקאָמע־געבערס ווייסן די פאַלשקײַט פון די אייגענע רייד, זיי הערן דעם אומעט, וואָס ווײַנט אַרויס פון די איבערטרײַבונגען, און דעריבער באַגלייטן זיי אַלע לויב־ווערטער פאַר דעם סאָרט קריטיקער מיט באַוואָרענישן, אַז דאָס, וואָס זיי טוען, טוען זיי פון ראַכמאָנעס צו אונדזער בידנער מאַראַכע און ראַק צו דינען מיט גרויס אײַנזעעניש אונדזער ליטעראַטור.

ווען דער קריטיקער, וואָס פעלשט, רעדט צום לייענער, איז ער גרימירט ווי אַן אַקטיאָר, און אין גרים קאָן מען זיך אויסטאָן פון זיך אַליין, מע ווערט אַנטבלויזט. דאָס וואָרט־פּליטערל און דאָס כיינדעלע, דאָס שעקערל און דאָס כאַניפעלע און דאָס כעזשבנדל אַהין און אַהער — דאָס אַלץ איז אַ ווערטער־רעקוויזיט אַן אַכרײַעס.

וועגן שרײַבער, אָפּגעפרעמדטע פון נאַציאָנאַלע מאָטיוון

די יאָרן לעשן אויס די פײַערן פונעם מויעך און די קויכעס פון דעם גוף. די יאָרן, דער לאַנגזאַמער גאַנעוו, שעפּן אויס די קוואַלן פון כּויס, אָבער ניט בײַ אַלעמען.

די אַלע פאַנאַטישע פאַרלייקענער פון אַ ריאַלן ייִדיש־ליטעראַרישן ווידערגעבורט האָבן ערשט אין זייער זיקנע זיך אַרומגעזען, אַז זיי זײַנען אַזויפיל יאָרן געווען די וואַרטזאָגערס פון אַ דעקאַדענטישער מאַכנע, דינער פון אַלערליי פאַלשע גלויבנס. זיי קומען איצט צוריק מיט אַ קוויטש. זיי פּילדערן אָף דער העכסטער אָקטאַווע אַזוי זיסלעך: „ווי שיין זײַנען דײַנע געצעלטן, ייִסראָעל”. פאַרוואָס טומלען זיי? פאַרוואָס ליאַרעמען זיי אַזוי הויך און רײַסן זיך באַלד צו ווערן מאַנהיגים און דייזאָגערס? צו גיך יאָגן זיי זיך אַרײַנצוקומען אין דער נאַציאָנאַלער געניזע. אין גרויס אײַלעניש, און מיט דער הילף פון שטאַדלאָנים און אונטערשטופּערס, באַשטימט מען ספּעציעלע קאָמיסיעס און מע לאָזט זיך איבערזעצן אָף העברעיִש, קעדיי צו פאַרזיכערן פאַר זיך אַן אָרט אין דעם פּאַנטעאָן פון די אומשטערבלעכע. ווי נאַיוו! פאַרשטייען זיי דען ניט, אַז רעקאָמענדאַציעס פון קאָמיסיעס וועלן דאָ ניט העלפן?

קאָפּ־דיכטונג און האַרץ־פּאָעזיע

עס מעג קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, אָבער עס דרייען זיך אַרום אין דעם פּאָעטישן וועלטל אויך הידראַגען־דיכטער — אָדער הײדראַדזשין־פּאָעטן — וואָס עס מיינט: פּאָעטן מיט וואַסער־קעפּ, פּאָעטן, וואָס שטויסן וואַסער, קעדיי אַרויסצוקוועטשן אַ מעליצע, אַ וואָרט־פּליטערל. דאָס זײַנען די אייביקע צוזאָגנדיקע טאַלאַנטן, וואָס ווילן באַרעכטיקן זייער נודנעקײַט, אומפאַרשטענדלעכקײַט און טאָקע פּוסטקײַט מיט קאָפּ־פּאָעזיע.

צי איז דען גענוג, אַז אַזאַ שוואַכזיניקער פערזן־פלעכטער זאָל מעגן אויסבעטלען אָנערקענונג נאָר דערפאַר, ווײַל ער האַלט זיך אָן בײַ דער פּאָלע פון אַנדערע בעעמעס שעפערישע דיכטער, ווײַל סוויווע־אומשטענדן האָבן אים מיט זיי צונויפגעפירט?

פאַראַן אויך קאַזיאָנע פּאָעטן, וואָס זײַנען גילטיק פאַר אַלע סעזאָנען. זיי זײַנען, לויט דעם באַנאַלן נוסעך, פילזײַטיק אָדער אַלזײַטיק. זיי באַווײַזן זיך ווי אונטערפירערס בײַ ליטעראַרישע באַנקעטן, יובײליי־פײַערונגען, פּרעמיע־אויסטיילונגען און, לעהאַוודל, בײַ לעווייעס צו האַלטן העספּאָדים.

אָבער די דאָזיקע קאַזיאָנע באַנקעט־רעדנערס — ניט ווי קיין אָדלערס פליִען זיי אָן, נאָר ווי פלעדערמײַז.

פאַראַן אויך אין די איצטיקע טעג מאַנערס, וואָס זוכן אַ צענטראַלן אַדרעס פאַר דער ייִדישער קולטור, און פאַראַן קלאָגערס, וועלכע לאָזן הערן טענער פון ייִעש. וועמען וויל מען נאַרן? — פרעגן זיי. — מע האָט רעדוצירט אַ שטיק הײַנטיקע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור־שאַפונג אין ייִדיש צו אַ נאָטיצן־רעגיסטער אין טאָג־צײַטונגען און אין זשור־

נאַלן. און מיט אָט דער ליטעראַרישער כראָניק דאַרף מען לעבן און שעפּן פרייד און נאַכעס. די דאָזיקע טרוקענע פאַרצייכענונגען דאַרפן וועקן פרייד און אופהיטן דאָס פייַער פון דער נעשאָמע, ווען דער גוף ווערט כאָרעוו.

אפן יאַריד איז טאַקע א מעהומע. אן איבערפּראָדוקציע אין שרייַבן, א פאַרפלייצעניש אפן ביכערמאַרק אין א צייַט, ווען די קוואַליטעט איז אייַנגעצערט. מע קאָן אויסציילן אף די פינגער די געבענטשטע אויסנאַמען, בא וועמען די שרייַבערישע קויכעס זייַנען ניט אָפּגעשוואַכט און זיי וויקלען אָן זייערע נייַע פרישע טעמעס ווי אף א פאַרביקער וויקלראָד, בייס די מידע וויגן זיך פלעגמאַטיש, און זייערע קעפּ רוען אף די ווייכע קישנס פון זכוסאָוועסדיקייַט (פון דער פּראָטעקציע פון די פּאָרגייער).
דאָס שטערט אָבער לעגאַמרע ניט די טומלדיקע גאַבאָ׳ים, וואָס שוויצן אַרום אין דער הייַנטיקער קולטור׳אַדע.

די ייִדישע שרייַבער אין איצטיקן דאָר, די שעפערישע, די אכרייַעסדיקע, וועלכע ווילן ניט, אז די ייִדישע ליטעראַטור זאָל בלייַבן בלויז א רעלאַטיווער באַגריף, דאַרפן אופוואַכן פון דער לעטאַרגיִע, אָנצינדן די שייַן־וואַרפערס און אַראָפּטרייַבן פונעם ליטעראַרישן אָמעד די אימפּאָטענטע פען־האַלטערס און זייערע שופער־בלאָזער, וועלכע מאַכן שאָפל די איידלקייַט פון ייִדיש און אירע שאַפונג־אויצרעס.

שמועל איזבאַן

כראָניק

טעאַטער און עסטראַדע

מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל אף דער בינע פונעם סטאַניסלאַווסקי־טעאַטער

אין די לעצטע טעג פון נאָיאַבער פאַריקן יאָר איז דער מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל אַרויסגעטראָטן מיט א סעריע ספּעקטאַקלען אף דער בינע פונעם באַוווּסטן הויפּטשטאָטישן דראַמאַטישן טעאַטער אף סטאַניסלאַווסקיס נאָמען (גאָרקיגאַס, 23), ווו ער האָט באַוויזן זייַנע צוויי נייַע פאָרשטעלונגען: אַלעקסאַנדער באָרשטשאַגאָווסקיס דראַמע „דער דאַמען־שנייַדער" און „קאָמעדיִאַנטן" — א נייַע אייַנסצענירונג לויט שאָלעם־אַלייכעמס „בלאָנדזנדע שטערן" (רעזשיסער פון ביידע פאָרשטעלונגען — יאַקאָוו גובענקאָ).

די אַרויסטרעטונגען פונעם אַנסאַמבל, וועלכע זייַנען פאַרפרִיער געווען געמאָלדן אין דער אָוונטצייַטונג „וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ", זייַנען פאָרגעקומען בא איבערגעפולטע זאַלן.

דערפאָלגרייַכע גאַסטראָלן אין גרוזיע

אין גרוזיע האָט א פילקעפּיקער אוילעם לעצטנס באַזוכט די ספּעקטאַקלען פונעם בירָאָבידזשאַנער ייִדישן מוזיקאַלן קאַמערטעאַטער.

דער יונגער שעפערישער קאָלעקטיוו האָט אין מעשעך פון צען טעג באַוויזן אף דער בינע פונעם גרויסן קאָנצערט־זאַל פון דער גרוזינישער מעלוכישער פילהאַרמאָניע דריי ספּעקטאַקלען פון זייַן רעפּערטואַר: די אָפּערע־מיסטעריע „א שוואַרץ צייַמל פאַר א ווייַס פערדל", דעם באַלעט „די לעצטע ראָל" און דעם קאָנצערט „לאָמיר אַלע אינאיינעם".

פון אונדזער פאָטאָ-אַרכיוו

אירמע דרוקער (איינע פון די לעצטע פאָטאָגראַפיעס)

פון רעכטס אויף לינקס: בער אָרשאַנסקי, כאַיִם גילדין, איציק פעפער, אהרן קושניראָוו
(אָנהייב 30־ער יאָרן)

די אַרטיסטקע סאָפיע סײַטאַן טרעט אַרויס אויף אַ ליטעראַרישן דאַנערשטיק אין רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ (1976)

פון לינקס אויף רעכטס: דער קינסטלער וו. מידלער, די שרײַבער א. וואָוויאַרקע, ש. גאָדינער, ש. וועריטע אין די 30־ער יאָרן (דער לעצטער — אומבאַוווּסט)

קארטאָפל און בראנפן

צוויי יעשיווע־באָכערים, וואָס „עסן טעג״ בא שטעטלשע באלעבאטים, האָבן איינמאָל פארפירט צווישן זיך א כקירע־שמועס:

— מע דערציילט, — זאָגט איינער דעם צווייטן, — אז בראנפן קומט ארויס פון קארטאָפל, אונדזער שפּײַז באשטייט דאָך קימאט פון איין קארטאָפל. איז פארוואָס עפּעס קיינמאָל פילן מיר זיך ניט שיקער?

— מינאסטאם, — ענטפערט דער צווייטער, — דערפאר, וואָס מיר עסן קארטאָפל ניט צו זאט.

צוליב אויספאָרשן דאָס נעמען זיי אָן אזא העסקעם: איינער פון זיי וועט דורכפירן א טאָנעס־טאָג, דער צווייטער וועט אופעסן ביידנס כאלאָקים קארטאָפל, וועט מען זען, צי ער וועט ווערן שיקער. געוואָרפן גוירל, און דער גליקלעכער שלינגט מיט טאם אריין ביידנס פּאָרציעס. באם צווייטן רינען סליונקעס, ער קוקט אָנגעשטרענגט אף זײַן כאווער און פרעגט מיט אומגעדולד:

— נו, ווי פילסטו זיך איצט, שוין געוויס שיקער?

— זאָגן — שיקער, בין איך ניט, — ענטפערט אים דער גליקלעכער, — אָבער פריילעכער איז מיר געוויס איצט געוואָרן...

וועגן א קאפּיטל טילים

איינער א ייִד איז געקומען צו זײַן רעבן זיך האלטן אן אייצע:

— מײַן זון וועט אין עטלעכע וואָכן ארום גערופן ווערן צום פּריזיוו. איז וואָס טוט מען, רעבע, מע זאָל אים ניט אוועקנעמען אין יעוואָנים?

דער רעבע הערט אים פארטראכט און ענטפערט:

— טילים, טילים זאָל ער זאָגן. יעדן טאָג ניט ווייניקער פון א קאפּיטל, און גאָט וועט העלפן.

דער ייִד איז אוועק פונעם רעבן א צופרידענער: ניט שווער איז עס אויספילן, ער וועט שוין נאָכקוקן, אז דער זון זאָל זאָגן טילים!

אין א צײַט ארום קומט ער ווידער צום רעבן א צעטראָגענער:

— רעבע, ער האָט געזאָגט יעדן טאָג טילים, נאָר ס׳האָט ניט געהאָלפן, מע האָט אים געזאָגט „גאָדיען״.



דער רעבע קוקט עטוואָס פארוווּנדערט.

— נו, און א קילע, — פרעגט ער, — האָט דײַן זון אויך געמאכט?

— ניין, רעבע, — ענטפערט יענער, — נאָר טילים האָט ער געזאָגט יעדן טאָג, ווי איר האָט געהייסן.

— עך, — מאכט דער רעבע, — צי דען האָב איך געדארפט וויסן, אז דו ביסט אזא שויטע און דו ווייסט ניט, אז צו דעם קאפּיטל טילים דארף מען האָבן אויך א קילע?!

דער רעבע און זײַן שאמעס

א ייִדענע איז געקומען צום רעבן מיט א געוויין:

— רעבע, העלפט מיר! שוין א צײַט, אז מײַן מאן האָט מיך פארלאָזט און קומט צו מיר ניט. העלפט מיר, רעבע, ער זאָל זיך אומקערן!

דער אלטיטשקער ראָוו ווענדט ניט אָפּ זײַנע אויגן פון א סייפער און ענטפערט:

— וויין ניט, טאָכטערקע, גאָט וועט געבן, און דײַן מאן וועט זיך אומקערן. איך זאָג דיר, ער וועט זיך אינגיכן אומקערן.

די ייִדענע פארלאָזט דעם ראָווס הויז, נאָר פארן ארויסגיין בארימט זי זיך פאר דעם שאמעס, וואָס באדינט דעם ראָוו:

— דער רעבע האָט געזאָגט, אז מײַן מאן וועט זיך אינגיכן אומקערן.

— ניין, ער וועט זיך ניט אומקערן, — ענטפערט איר דער שאמעס.

— וואָס הייסט? — האָט אויסגעשריגן מיט פארדראָס די ייִדענע. — דער רעבע זאָגט, אז ער וועט זיך אומקערן, און דו — אז ניין. ווער ווייסט מער — דו צי דער רעבע?!

— ווייסן ווייסט טאקע מער דער רעבע, — האָט איר געענטפערט דער שאמעס, — נאָר דער רעבע הייבט דאָך ניט אוף זײַנע אויגן פון זײַנע ספאָרים, און איך זע גוט, וואָס פאר מײַנע אויגן געפינט זיך. ער וועט זיך ניט אומקערן!

(די וויצן האָט פארשריבן אונדזער לייענער מוישע ליאכאָוויצקי)

אז מע לערנט טוירע

א ייִד א לערנער איז געזעסן איבער א סייפער. מיטאמאָל האָט אים גענומען דורשטן. איז ער אוועק נעמען א טרונק וואסער. ער קומט און געפינט ניט זײַנע ברילן. האָט ער אָנגעהויבן אונ־טערברומען:

— ווער האָט געקאָנט צוגאַנווע־נען מײַנע ברילן? טראָגט ער ברילן, האָט ער דאָך ברילן, איז צו וואָס האָט ער געדאַרפט גאַנ־וועגען מײַנע ברילן? טראָגט ער, ווידער, ניט קיין ברילן, האָט ער דאָך אוואדע ניט געדאַרפט מײַנע ברילן. האָט ער זיי גענומען צו פאַרקויפן, איז ווידער די אייגע־נע מײַסע: דער, וואָס טראָגט ברילן, האָט דאָך ברילן, צו וואָס זשע דאַרף ער קויפן פרעמדע ברילן? טראָגט ער ניט קיין ברילן, איז צוליב וואָס זאָל ער קויפן ברילן? מוז מען דאָך זאָגן, אַז יענער האָט פּאַשעט פאַרגעסן, אַז ער האָט אַרופגערוקט זײַנע ברילן אַפן שטערן... (גיט זיך א כאַפּ באַם שטערן) זע נאַר, אַט זײַנען דאָך מײַנע ברילן!..

די נעשאָמע

א גרופּע מענער זײַנען געזעסן און זיך געכקירעט, דורכוואַנגען ס'גייט אַרויס די נעשאָמע, ווען א מענטש שטאַרבט:

— פון די אויגן. א סימן: ווען בא א מענטשן גייט אַרויס די נעשאָמע, מאַכן זיך בא אים צו די אויגן.

אַן אַנדערער האָט געטײַנעט, אַז א סאַך מענטשן, ווען זיי שטאַרבן, זײַנען בא זיי גראָדע אָפן די אויגן. און ביז נעכטן באַנאַכט האָט ער טאַקע ניט גע־ווּסט, פונוואַנען די נעשאָמע גייט אַרויס. אָבער איצט ווייסט ער שוין... ווײַל נעכטן, שפּעט בא־נאַכט איז אים אויסגעקומען פאַרבײַגיין דעם גאַלעכס הויז, האָט ער געזען, ווי דער גאַלעך האָט אַרויסגעלאָזט א מיידל דורכן פענצטער און א זאָג געטאָן זייער שטיל: „גיי, נעשאָמע מײַ־נע”...— ווייס איך איצט, אַז די נעשאָמע גייט אַרויס דורכן פענצ־טער...

דאָס יאָר זאָל זיך שוין איבערמוטשען

נאָך דעם, ווי א פרוי האָט זיך אויסגעוויינט אַף איר מאַנס קיי־ווער און אים דערציילט, אַז זי און די קינדער לײַדן הונגער און נויט, האָט זי אַרײַנגעשטעקט א ביסל גראָז אין דער מאַצייווע און איז אוועק. זי האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט, אַז זי האָט פאַר־געסן זאָגן איר מאַן, אַז זי האָט ניט קיין האָלץ אַף ווינטער און וועט נאָך מיט די קינדער לײַדן קעלט אויך. אָבער נאָך דעם, ווי מע גייט אוועק פון דער מאַציי־ווע, טאָר מען זיך ניט אומקערן... האָט זי געבעטן דעם קוואָרעס־מאַן, ער זאָל גיין זאָגן איר מאַן, אַז זי האָט ניט קיין האָלץ אַף ווינטער, און זאָל ער זיך מײַען פאַר איר און זײַנע קינדער.

ווען דער קוואָרעסמאַן איז גע־קומען צוריק פון דער מאַצייווע, האָט ער איר געזאָגט, אַז דער מאַן האָט זי געבעטן הײַנטיקס יאָר זיך איבערמוטשען, און, מיר־צעשעם, איבעראיאָר וועט ער זי נעמען צו זיך...

דאָס איז טשיקאַווע

ווער זײַט איר, ראָבינזאָן קרוזאָ?

אפֿן קאַלענדאַר־בלעטל איז אָנגעוויזן די דאַטע: 250 יאָר זינט ס'איז געשטאָרבן דער ענגלישער שרײַבער דאַניעל דעפֿאָ (1660—1731). ראָבינזאָן קרוזאָ—דער העלד פֿון זײַן ראָמאַן מיטן זעלבן נאָמען — איז הײַנט באַוווּסט אין דער גאַנצער וועלט. פֿאַר די, וועלכע וואַקסן אונטער און לייענען מיט האַנאָע דעם מערקווירדיקן בוך, איז קעדײַ צו דערמאָנען, אַז ראָבינזאָן קרוזאָ האָט געהאַט אַ רעאַלן פּראָטאָטיפּ. דאָס איז אַלעקסאַנדער סעלקירק, וועלכער איז געבוירן אין 1676 אין דער שטאָט לאַרגאָ, שאָטלאַנד, אין אַ מישפּאָכע פֿון אַ שוסטער. פֿון די יונגע יאָרן אָן איז ער געוואָרן אַ מאַטראָס, און ווען דער אַדמיראַל וויליאַם דאַמפּיער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ פּריוואַטער ים־עקספּעדיציע (אָדער פּאָשעט — אַף פּיראַטן־רויב) אין די דאָרעמדיקע יאַמען, האָט סעלקירק זיך אָנגעדונגען צו אים אַף דער שיף אַלס שטורמאַן.

אין דעקאַבער 1704, ווען די שיף איז צוגעקומען צו איינעם פֿון די אינדזלען פֿונעם אַרכיפּעלאַג כואַן־פֿערנאַנדעס נאָך טרינק־וואַסער, האָט אַלעקסאַנדער סעלקירק זיך צעקריגט מיטן קאַפּיטאָן און געפֿאָדערט, אַז יענער זאָל אים אַרויסזעצן אַפֿן ברעג. דאָס איז געווען אַ אומבאַוווינט אינדזל — מאַס־אַ־טיעראַ, וועלכן מע האָט שפּעטער אָנגערופֿן מיט ראָבינזאָנס נאָמען. דער שטורמאַן האָט צוגענומען זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן, אַרײַנגערעכנט די נאַוויגאַציע־מאַכשירים און ביכער. אָנשטאָט דעם האָט מען אים געגעבן דאָס סאַמע נייטיקע: אַ ביקס, פּולווער, דרויב און קוילן, אַ מעסער, אַ האַק, אַ קעסל, טאַבעק, מע האָט אים באַזאָרגט אויך מיט דער ביבל, מיט וועש, קאָלדרעס און אַ קישן. אין אַ טאָג אַרום האָט דער מאַטראָס געוואָלט זיך אומקערן אַף דער שיף, נאָר מע האָט אים ניט גענומען. מער פֿון פֿיר יאָר האָט ער אָפּגעלעבט אין איינזאַמקײַט.

דאָס אינדזל געפֿינט זיך אין שטילן אָקעאַן, 450 קילאָמעטער פֿון די ברעגן פֿון דאָרעם־אַמעריקע. אין יענע צײַטן איז עס געווען באַדעקט מיט אייביק־גרינע געוויקסן. דער קלימאַט — אַ סובטראָפּישער. ס'זײַנען דאָרט ניט געווען קיין גיפֿטיקע שלאַנגען און רויב־כײַעס, טרעפֿן פֿלעגן זיך ווילדע ציגן. מיט דער צײַט האָט סעלקירק עטלעכע ציגן פֿאַרהיימישט און שוין געהאַט מילך און קעז.

אַלעקסאַנדער סעלקירק איז ניט אַרײַנגעפֿאַלן אין ייִעש און האָט ניט פֿאַרלאָרן די פֿייִקײַט צו אַקטיווער טעטיקײַט. ער האָט זיך אויסגעבויט צוויי הײַזקעס פֿון האָלץ, באַדעקט זיי פֿון אויבן מיט גראָז און אינווייניק — מיט ציגן־פֿעל. ער פֿלעגט אָפּמערקן די טעג מיט צייכנס אַף דער טיר, פּונקט אַזוי, ווי ס'איז געשילדערט אין ראָמאַן. ער האָט געמאַכט פֿישפֿאַנג־האַטשיקעס פֿון טשוועקעס, געפֿונענע אין דעם ברוך פֿון די שיפֿן, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אַפֿן ברעג, אויסגעמײַסטרעוועט אַ ווענטקע פֿון פּאַלמעבײַוול און געכאַפּט מיט איר פֿיש. אַפֿן אינדזל האָט ער געפֿונען אַ ווילדן פֿלוימען־בוים און געוויקסן פֿון טורנעפּס און פֿעפֿער. אין דער פֿרײַער צײַט האָט ער געלייענט.

ער האָט אויסגעפֿאָרשט יעדעס שטיקל ערד, אויסגעבויט אַף הויכע ערטער צוויי לײַכט־טורעמס, אין דעם פֿאַל, אויב ס'וועט זיך באַווײַזן אין דער ווײַט אַ שיף.

דעם 31 יאַנוואַר 1709 האָט מען סעלקירקן סאָפּקאָלסאָף אַראָפּגענומען פֿונעם אינדזל. זײַן רעטער, דער קאַפּיטאַן פֿונעם ענגלישן קאָרוועט „דיוק" ווודס ראָדזשערס, האָט דאַן געמאַכט אַ רײַזע אַרום דעם ערדקײַלעך. ער האָט אָפּגעמערקט אין זײַן טאָגבוך פֿאָלגנדעס: אַלעקסאַנדער סעלקירק האָט אַף אַזויפֿיל פֿאַרגעסן די מוטערשפּראַך, אַז ווען ער איז אַרויף אַף דער שיף, האָט ער ניט געקאָנט נאָרמאַל רײדן, מוירע געהאַט פֿאַר מענטשן, געהאַלטן זיך פֿונדערווײַטנס. אַפֿילע שוין אינדערהיים, ווו־הין סעלקירק האָט זיך אומגעקערט אין 1712 און וווּ די עלטערן האָבן אים באַגעגנט מיט גרויס פֿרייד, פֿלעגט ער אויסמײַדן זיך באַגעגענען מיט מענטשן. אין אַ ווינקל פֿונעם היימישן גאָרטן האָט ער געמאַכט אַ מין הייל און דאָרט געלעבט. געשטאָרבן איז סעקלירק אין 1721.

נ. קאָלפּאַקאָוו

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

קאַהאַן, עליע
(1909 — 1944)

— פּראָזאַיִקער. געבוירן אין מינסק. נאָכן פאַרענדיקן די מיטלשול זיך געלערנט אין א שוסטערשער פאַבריק־זאַוואָדישער שול. די ערשטע דערציילונג אָפּגעדרוקט אין מאָסקווער „עמעס“־זשורנאַל (1928) — וועגן דעם לעבן פון דער יוגנט אף א שוך־פאַבריק. נאָכן דערשײַנען פון זײַן ערשטן בוך הומאָריסטישע דערציילונגען (1934) גיט ער זיך אײַנגאַנצן אָפּ דער ליטעראַרישער אַרבעט. אין 1935 געפינט ער זיך אין א שעפערישער קאָמאַנדירונג אף די נײַ־בויונגען אין מאַגניטאָגאָרסק. אין רעזולטאַט פון אָט דער קאָמאַנדירונג באַווײַזט זיך זײַן בוך „א שטאָט אָן קלויסטערס“. פאַר דער מילכאָמע אַרבעט ער אלס ליטעראַרישער רעדאַקטאָר אין זשורנאַל „שטערן“. אין אָנהייב פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע גייט ער אוועק אפן פראָנט. צוערשט דינט ער אין דער פעכאָטע, דערנאָך אין א מיליטערישער צײַטונג. זומער 1944, בײַס אײַנעם אָן ארויספאָר אף דער פאָדערשטער ליניע, קומט ער אום מיט א העלדישן טויט.

ווערק: **דערציילונגען און מיניאַטיורן, מינסק, מעלוכע־פאַרלאַג, 1932; א שטאָט אָן קלויסטערס, דערציילונגען, קיִעוו—כאַרקאָוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1936; בעטינקע, א מײַסעלע פאַר קינדער, אָדעס, קינדער־פאַרלאַג, 1937; א לעבעדיק געזינדל, דערציילונגען, כאַרקאָוו—אָדעס, קינדער־פאַרלאַג, 1937; פאַרשיידענע דערציילונגען, מינסק, מעלוכע־פאַרלאַג, 1940.**

ביבליִאָגראַפיע: מ. דאַניִעל, זשורנאַל „רויטע וועלט“, כאַרקאָוו, נום. 4, 1929; א. פלאַטנער, וועגן עליע קאַהאַנען, „סאָוועטיש היימלאַנד“, נום. 3, 1979; ז. קאַהאַן, מײַן ברודער עליע קאַהאַן, „סאָוועטיש היימלאַנד“, נום. 2, 1969.

קאַיאַ, איסאַק
(סאַק־יודאַ, 1887 — 1956)



— פּעדאַגאָג, עטנאָגראַף, פאָלקלאָריסט. געבוירן אין פעאָדאָסיע, קרים, אין אַן אָרעמער מישפּאָכע. שטאַמט פון די קרימטשאַקעס — א קליינצאָליקער טאָטעריש־ריידנדיקער עטנישער גרופּע פון ייִדן. אין 1909 פאַרענדיקט דעם ווילנער לערער־אינסטיטוט, געאַרבעט אלס לערער אין דער סימפעראָפּאָליער טאַלמעטוירע, שפּעטער געשאַפן אפן גרונט פון דער קאַראַסובאַזאַרער קרימטשאַקישער טאַלמעטוירע די ערשטע וועלטלעכע שול פאַר קרימטשאַקעס און געווען איר פאַרוואַלטער פונעם 1911 ביזן 1921. פאַרטיידיקט די דיפּלאָם־אַרבעט אף דער טעמע „די קרימטשאַקעס, זייער שטייגער און זייערע קסאָווים“. באַהערשט העברעיִש, טערקיש, געווען דער אַווטאָר פון א לערנבוך פון דער קרימטשאַקיש־טאָטערישער שפּראַך. פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע צײַטשריפטן א ריי אַרטיקלען איבער עטנאָגראַפיע, געשיכטע און פאָלקסבילדונג פון די קרימטשאַקעס. פאַרופנדיק זיך אף זײַנע אַרבעטן, האָבן וו. פילאָנענקאָ, יע. פּייסאַך און אַנדערע געלערנטע שפּעטער אָנגעשריבן זייערע פאָרשונגען וועגן די קרימטשאַקעס. אין 1913 אָרגאַניזירט ער די ציילונג פון די קרימטשאַקעס אין רוסלאַנד (די מאַטעריאַלן געפינען זיך אינעם לעניגראַדער מוזיי פון עטנאָגראַפיע).

ווערק: **די כאַנישע יאַרליקן, וועלכע זײַנען געגעבן געוואָרן די קרימטשאַקעס (אף רוסיש) — זשורנאַל „יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ“, 1914, העפט 1; די קרימטשאַקעס, עטנאָגראַפישע פאַרצייכענונג (אף רוסיש) — זשורנאַל „יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ“, 1916; די קרימטשאַקעס אין קרים און זייערע בילדונגס־אינײַאָנים (אף קרימיטש־טאָטעריש) זשורנאַל „אָקו אישלערי“, 1926, נום. 8—10; וועגן אײנעם א קרימטשאַקישן קסאָוויאַד (רוסיש) — זשורנאַל „איזוועסטיִאַ טאַוורישעסקאָגאָ אָבשטשעסטוואַ איסטאָריִי, אַרכעאָלאָגיִי אי עטנאָגראַפיִי“, 1927, ב. 1.**

ביבליִאָגראַפיע: **יע. פּייסאַך, קרימטשאַקעס, „סאָוועטיש היימלאַנד“, 1974, נום. 7.**

⟡ ⟡ ⟡

ДЛЯ ИЗУЧАЮЩИХ ИДИШ
Окончание урока XVIII

פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש
סאָף פֿונעם לימעד XVIII

§ 34а. Глагол [hалтн (hоб геhалтн, вэл hалтн)] также многозначен. Употребляясь самостоятельно, глагол [hалтн (зих)] соответствует русскому «держать(ся)», например:

1. Он **держит** книгу в **руке**.	1. **ער האַלט א בוך אין דער האַנט.**
2. Молодой пловец **держится** хорошо на воде.	2. **דער יונגער שווימער** האַלט זיך **גוט אויפֿן וואַסער.**

§ 34б. В сочетании с безличным местоимением **[эс]** и с предлогом **[мит]** глагол **[hалтн]** употребляется в значении «каково положение», «как обстоят дела», «как поживает...», например:

1. **Как** у него **дела?** (Как он поживает?)	1. **ווי** האַלט עס מיט **אים?**
2. С выполнением плана у нас **дела обстоят** неплохо.	2. מיטן **אויספֿילן דעם פּלאַן** האַלט עס **בא אונדז ניט שלעכט.**

§ 34в. Перед союзом **[аз]** или в сочетании с предлогом **[фар]** глагол [hалтн] имеет значение «считать, что...», «быть мнения, что...», или соответственно, «считать кого-то (что-то) кем-то (чем-то)», например:

1. Мы **считаем,** что расистская политика израильских правителей вредит не только палестинцам, но угрожает самому существованию самого государства Израиль.	1. מיר האַלטן, אַז די ראַסיסטישע פּאָליטיק פֿון די ייִסראָעלדיקע הערשער ברענגט שאָדן ניט בלויז די פּאַלעסטינער, נאָר באַדראָעט דעם עצם קיום פֿון מעדינאַס־ייִסראָעל גופֿא.
2. Мы **считаем недопустимым** как стремления искусственно устранить национальные особенности, так и тенденции искусственно их раздувать.	2. מיר האַלטן פֿאַר אומדערלאָזבאַר סײַ די טענדענצן קינסטלעך אָפּצושאַפֿן די נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן, סײַ די טענדענצן קינסטלעך זיי צו צעבלאָזן.

§ 34г. Сочетание **[hалтн фун]** означает «быть хорошего мнения о ком-то (чем-то)», например:

1. Я очень **хорошего мнения** о нем.	1. **איך** האַלט פֿון אים **זייער.**
2. Я о нем **не высокого** мнения, (Я не очень ценю его).	2. **איך** האַלט ניט פֿון אים.

§ 34д. В сочетании с предлогом [ба(м)] (=«у», «при», «около») глагол [hалтн] имеет значение достижения какого-то предела в действии или же приближения к нему, например:

1. Он (находится, стоит) еще в самом начале работы.	1. **ער** האַלט **נאָך** באַם **סאַמע אָנהייב** פֿון **דער אַרבעט.**
2. Я уже читаю последнюю главу романа (остановился на последней главе).	2. **איך** האַלט שוין באַם **לייענען דעם לעצטן קאַפּיטל פֿונעם ראָמאַן.**

Во всех вышеперечисленных случаях глагол [hалтн] имеет самостоятельное значение. Наряду с этим [hалтн] может выполнять роль **вспомогательного** глагола, а именно:

§ 34е. В конструкции **«[hалтн] ... [ин]+неопределенная форма основного глагола»,** глагол [hалтн] лишь указывает на то, что действующее лицо **в данное время продолжает выполнять действие,** выраженное основным глаголом, например:

1. „איצט האַלט דער קאָלעקטיוו אין פאַר־ענדיקן אַ וויכטיקן פּראָיעקט, וואָס דאַרף פאַרמינערן דעם געברויך פון ענערגיע“ (י. בורג)

2. ער איז געווען זייער פאַרנומען, ער האָט געהאַלטן אין צונויפשטעלן זײַן ייִדיש־רוסישן ווערטערבוך.

1. Сейчас коллектив **(как раз) заканчивает** важный проект, который должен уменьшить расход энергии (И. Бург).
2. Он был очень занят — он **продолжал составлять (как раз составлял)** свой еврейско-русский словарь.

§ 34ж. Чаще всего вышеуказанная конструкция дополняется словом [эйн], которое стоит между [ин] и неопределенной формой основного глагола (т. е. «[hалтн ... ин **эйн**]+неопределенная форма»). Такой оборот подчеркивает, что действующее лицо беспрерывно, непрестанно продолжает выполнять действие, обозначенное основным глаголом, например:

1. דאָס קינד האַלט אין איין וויינען.

2. זי (די מאַמע) האַלט אין איין יאָמערן און אין איין חלשן בײַ מײַן ברודער עליע אויף די הענט. (שלום־עליכם)

1. Ребенок **продолжает беспрерывно плакать.**
2. Она (мама) только то и **делает,** что **беспрерывно** вопит (стенает) и **падает в обморок** на руках у моего брата Эле. (Шолом-Алейхем)

אויפגאַבע 3*: **שרײַבט אַרויס די נײַע ווערטער, לייענט און זעצט איבער די פֿאָלגנדיקע פראַגמענטן:**

נײַע ווערטער: 1) **אויסקויפן** (אויסק קויפן); 2) **בוקן זיך**; 3) **דאָס בערדל, ־עך**; 4) **טענהן**; 5) **דער טרויער**; 6) **חלילה**; 7) **ספֿרים** (מערצאָל פון „דער ספֿר“); 8) **דער פאַקנטרעגער, ־**; 9) **די פֿרייד, ־ן**; 10) **פֿאַרשטיין**; 11) **פֿאַרשטייט זיך**; 12) **צושיקן**; 13) **קינדער האָבן**; 14) **קראַצן**, 15) **שיטער**; 16) **די שיף, ־ן**; 17) **שכנים** (מערצאָל פון „דער שכן“); 18) **די שכנה, ־ס.**

1) откупить, купить; 2) кланяться, бить поклоны; 3) бородка, -и; 4) аргументировать, спорить, возражать; 5) печаль; 6) «не дай бог»; 7) книги религиозного содержания; 8) книгоноша; 9) радость, -и; 10) понимать; 11) само собой разумеется; естественно; конечно; 12) прислать; 13) I. иметь детей; II. рожать детей; 14) чесать, почесывать; 15) редкий (лес, волосы); 16) корабль, -и; 17) соседи (мн. число от «сосед»); 18) соседка, -и.

טעקסטן: 1) **די ספֿרים האָט אויסגעקויפט מיכל דער פאַקנטרעגער, אַ ייִד מיט אַ שיטער בערדל,** וואָס האַלט **דאָס** אין איין קראַצן. 2) **אין איין האַלבע שעה ניסן שוין אַלע אונדזערע שכנים און שכנות... — די גאַנצע גאַס** האַלט אין איין ניסן (**שלום־עליכם**). 3) **אין איר גיכן שווימען** האַלט **די שיף** אין איין בוקן זיך. 4) **וואָס ווילט איר פון מיר? איר האָט זיך דאָ אַוועקגעשטעלט..., איך זאָל אויף אײַך** האַלטן אין איין קוקן? 5) זי האָט געהאַלטן אין איין טענהן: **— וואָס זשע? מיר האָבן חלילה ניט? די קינדער האָבן אונדז צוגעשיקט צוויי אַטעסטאַטן.** (**י. בערגעלסאָן**). 6) **סײַ אין פֿרייד און סײַ אין טרויער/הײַזער** האַלט מען אין איין בויען,/ 7) קינדער האַלט מען אין אײַן האָבן,/ **און... פֿאַרשטייט זיך, גריבער גראָבן.** (**ש. האַלקין... כאַ־לאַדענקאָ**).

Ключи к уроку XVIII

שליסלען צום לימוד XVIII

К заданию 3: 1) Книги купил книгоноша Михл, еврей с редкой бороденкой, которую он постоянно почесывает. 2) Через полчаса чихают уже все наши соседи и соседки... вся улица беспрерывно чихает. 3) В своем быстром плавании корабль все время (беспрерывно) то соскальзывает вниз, то взбирается на гребень волны (дословно: «беспрерывно бьет поклоны»). 4) — Чего Вы хотите от меня? Вы встали здесь..., чтобы я неотрывно (только то и делал, что) смотрел на Вас? 5) Она беспрестанно возражала: — Что же (в самом деле)? Разве мы, не дай бог, ничего не имеем (—«у нас ничего нет»)? Дети прислали нам два аттестата. 6) Как в (дни) радости, так и в (дни) печали (люди) продолжают все строить дома, 7) все продолжают рожать детей, и ... само собой, копать могилы.

דאַצענט — ש. סאַנדלער

Краткий разговорник

4. *Разговор по телефону* *Тэлефо́н-гешпрэ́х*		4. טעלעפאָן־געשפּרעך
Борис Исаакович: Я вас слушаю	их hэр айх гутно́внт, Борис Исаакович.	באָריס איסאַקאָוויטש: איך הער אײַך.
Н: Добрый вечер, Борис Исаакович.		נ: גוטנ׳אָוונט, באָריס איסאַקאָוויטש.
Б. И: Это ты? Натан	Дос бисту Натан?	ב. אי: דאָס ביסטו, נאַטאַן?
Н: Да, это я.	йо, дос бин их.	נ: יאָ, דאָס בין איך.
Б. И: Что вы скажете (ты скажешь), дорогой?	Вос вэ́сту зогн, та́йерэр?	ב. אי: וואָס וועסטו זאָגן, טײַערער?
Н: Привет вам от моих родителей, они просят, чтобы встреча происходила у нас дома	а грус айх фун ма́йнэ э́лтэрн, зэй бэтн, аз ди бабе́гениш зол ф'оркумен ба ундз ин штуб	נ: א גרוס אײַך פון מײַנע עלטערן; זיי בעטן, אַז די באַגעגעניש זאָל פאָרקומען בא אונדז אין שטוב.
Б. И: У вас дома? В котором часу?	ба айх ин штуб? вифл азэ́йгер?	ב. אי: בא אײַך אין שטוב? וויפל אזייגער?
Н: В шесть часов вечера, это возможно?	зэкс азэ́йгер ино́внт, дос из мэ́глэх?	נ: זעקס אזייגער אינאָוונט, דאָס איז מעגלעך?
Б. И: конечно возможно, Натан, договорились	авадэ из мэглэх, Натан, о́пгерэт.	ב. אי: אוואַדע איז מעג־לעך, נאַטאַן, אָפּגערעדט.
Н: Большое спасибо, спокойной ночи.	а гройсн цанк, а гу́тэ нахт.	נ: א גרויסן דאַנק, א גוטע נאַכט.
Б. И: Не за что. Будь здоров.	Нито фарвос. Зай гезунт.	ב. אי: ניטאָ פאַרוואָס. זײַ געזונט.
6. *Знакомство*	6. *бакантшафт*	6. באַקאַנטשאַפט
(Приходят друзья Натана: Дина, Ева Лазаревна, Яков Михайлович)	(эс ку́мэн натанс фрайнт: Динэ, Евэ Лазарэвнэ, Яков Михайлович)	(עס קומען נאַטאַנס פרײַנט: דינע, יעווע לאַזאַרעוונע, יאַקאָוו מיכײַלאָוויטש)
Н: Это звонят мои гости. Я иду открывать.	дос кли́нген ма́йнэ фрайнт. их гей э́фэнэн.	נ: דאָס קלינגען מײַנע פרײַנט. איך גיי עפענען.
Гости: Добрый вечер, Натан.	гутно́внт, Натан.	געסט: גוטנאָוונט, נאַטאַן.
Н: Добрый вечер. Очень рад, что вы пришли. Разденьтесь, пожалуйста. Входите в комнату.	Гутно́внт. Зэйер цуфри́дн, вос ир зайнт геку́мэн. Тут зих ойс, би́тэ, кумт ара́йн ин ци́мэр	נ: גוטנאָוונט. זייער צופרידן, וואָס איר זײַנט געקומען. טוט זיך אויס, ביטע, קומט אַרײַן אין צימער.
(Все входят)	(алэ ку́мэн ара́йн).	(אַלע קומען אַרײַן)
Н: Папа, познакомься, пожалуйста. Это Ева Лазаревна, а это её муж, Яков Михайлович.	та́тэ, баке́н зих, би́тэ, дос из Евэ Лазарэвнэ, у дос из ир ман, Яков Михайлович.	נ: טאַטע, באַקען זיך, ביטע, דאָס איז יעווע לאַזאַרעוונע. און דאָס איז איר מאַן יאַקאָוו מיכײַלאָוויטש.
М. Х: Очень приятно познакомиться с вами. Моя мама меня звала Мойшэ, а моего отца звали Хаим — получается Мойшэ Хаимович. Не так ли?	зэйер а́йнгенэм зих мит айх цу баке́нэн. майн ма́мэ hот мих геру́фн Мо́йшэ, ун майн фо́тэр hот гэhэйсн Ха́им — кумт ойс мо́йшэ Ха́имович. Нит азой?	מ. כ: זייער אײַנגענעם זיך מיט אײַך צו באַקענען. מײַן מאַמע האָט מיך גערופן מוישע, און מײַן פאָטער האָט געהייסן כאַיִם — קומט אויס מוישע כאַיִמאָוויטש. ניט אזוי?
Я. М. Так. Это очень хорошо звучит. Мойшэ Хаимович.	озо́й. дос кли́нгт зэйер шэйн: Мо́йшэ Ха́имович.	יאַ. מ: אזוי. דאָס קלינגט זייער שיין: מוישע כאַיִמאָוויטש.

А. Герцберг

a theatre historian. We are publishing the article as a tribute to the memory of a distinguished figure in Jewish culture who died in fascist captivity.

The hundredth birthday anniversary of poet, prose writer and essayist Moishe Taich is marked by a selection of his poems. An article by Max Goldin, Professor at the Riga Conservatoire, "A Major Study of Jewish Folk—Lore", tells about Moishe Beregovsky, distinguished Soviet ethnographer, musicologist and author of a three-volume work, "Jewish Folk Music" and much else besides.

Under the heading, "Manuscripts Discovered", the reader will find the beginning of a documentary novel by prose writer and poet Mira Khenkina (1900-1960), "In Petlyura's Country". The action takes place in a city in the south Ukraine during the Civil War. Power in the town has temporarily been seized by the Ukrainian nationalists under Petlyura. The novel describes the atrocities committed by these bandits and the courageous struggle fought with them by the communist underground.

We are publishing the first part of the memoirs of Chaim Tamarkin of Moscow, "Through Years and Events", about cultural and literary life during the early post-revolutionary years in Kiev.

David Belkin of Gorky is the author of notes entitled "Jewish Subjects in the Lermontov Encyclopedia". He refers, in particular, to an article by I.Rodnyanskaya, "Biblical Motifs in Lermontov", and also articles about translations of Lermontov into Yiddish and Hebrew by N.Motovilov and G.Gluskina respectively. As is shown in the Encyclopedia, the first work of Lermontov to be translated into Yiddish (as early as in 1900) was "The Fatalist", and the first translator of his verse was a founder of Soviet yiddish poetry, the remarkable lyricist Osher Shvartzman. Among the other translators of Lermontov were M.Khashchevatsky, A.Kushnirov, Ya.Zeldin, E.Kazakevich and I.Slonim. Lermontov's poem "Mtsyri" had a considerable influence on Chaim Bialiks "The Fellow Wayfarer".

We are publishing a review by Zalman Libinson of a new book, "Nokhemke Esreg", by Alexander Lizen, and also a critique by Alexander Chernyavsky of Khabarovsk devoted to the second book of an anthology, "On the Banks of the Bira and the Bijan".

"Sovietish Heimland" ends its first number of the New Year with the traditional features, "Public Distributor's Corner", "Items of Interest", "Humour", "Material for a Lexicon of Soviet Jewish Literature" and "An Aid to those learning Yiddish".

Supplement to the issue:
U. Guralnik "The deep roots"

RÉSUMÉ

"Sovietish heimland" ("The Soviet Homeland") No. 1, January, 1983.

The first number of "Sovietish Heimland" for 1983 begins with the traditional New Year address to our readers. Here is an excerpt:

"You will receive this issue of our magazine in the first days of 1983, when our Soviet people and our socialist homeland have already entered the third year of the llth five Year Plan. The historic advance of progressive mankind towards communism and the struggle for peace and social justice are becoming more and more powerful and triumphant. We hope, dear comrades, that your dreams of a peaceful and happy life will come true in the New Year".

In our feature "Theory Conference", we are printing an article by well-known publicist Albert Belyaev of Moscow entitled "The Paradoxes of Ronald Hingley", about the fabrications of an English "Sovietologist" in his book, 'Russian Writers and Soviet Society. 1917-1978". Belyaev writes: "Mankind has entered the 80s of the 20th century. From the very first days of the new decade, American imperialism has been subjecting the achievements of detente of severe trials. Arrogantly expropriating the right to so-called world leadership, the ruling circles of the USA risk taking the world to the brink of another world war. That is why it is essential to continue unmasking the military ambitions of American imperialism, to show up its hostility to the cause of peace and to denounce its misarthropic policy, intended to sow hostility between countries and peoples.

In the foreword to a book about the urgent problems of USSR foreign policy, recently published in the FGR, L.I. Brezhnev wrote:"...To countries with different social systems, at least a minimum of detente is vitally necessary. Needless to sap, we are divided, and will continue to be divided, by opposing ideologies. But our non-acceptance of bourgeois ideology does not prevent us from treading on the firm ground of reality and patiently seeking agreement..."

Books by H.Smith, R.Keiser, R.Hingley and many other Western Sovietologists are poisoning the international atmosphere and are intended to destroy the "climate of trust" between countries.

But just as no one has ever succeeded in covering the sun with the palm of his hand and plunging the world into darkness, so no one will ever bar the way to the truth about real socialism, the Soviet people and their way of life".

Our poetry section includes a further selection from the cycle "Links", by Aron Vergelis of Moscow, and poems by Pine Plotkin of Bobruisk.

Contemporary prose includes new short shories by Tev'ye Gen and novellas- "The Two Banks" by Hirsh Dobin and "Warm Rains" by Yevgenia Malakhovskaya (all three writers live in Moscow).

Of particular interest is an article by N.Prilutsky, "A Dialectological Phenomenon". Noah Prilutsky (1882-1941) was an authority on folk-lore, a linguist and

1941), был фольклористом, лингвистом, театроведом. Предлагаемая публикация дань памяти этого видного деятеля еврейской культуры, погибшего в фашистской неволе.

Столетию со дня рождения поэта, прозаика, очеркиста Мойше Тайча посвящена публикуемая в номере подборка его стихотворений. Статья профессора Рижской консерватории Макса Гольдина «Капитальное произведение о еврейском фольклоре» рассказывает о творчестве Мойше Береговского, замечательного советского этнографа, музыковеда, автора трехтомного труда «Еврейский музыкальный фольклор» и ряда других работ.

Под рубрикой «Найденные рукописи» читатель найдет на страницах журнала начало художественно-документального романа поэтессы и прозаика Миры Хенкиной (1900—1960) «В вотчине Петлюры». Действие романа происходит в одном из городов юга Украины во время гражданской войны. Власть в городе временно захвачена украинскими националистами во главе с Петлюрой. О зверствах бандитов и об отважной борьбе с ними коммунистов — подпольщиков рассказывает роман.

Журнал публикует первую часть мемуаров Хаима Тамаркина (Москва) «Сквозь годы и события», освещающих культурную и литературную жизнь в первые послереволюционные годы в Киеве.

Давид Белкин (Горький) выступает с заметками «Еврейские сюжеты в «Лермонтовской энциклопедии», касаясь, в частности, статьи И. Роднянской «Библейские мотивы у Лермонтова», статей Н. Мотовилова о переводах стихов Лермонтова на идиш и Г. Глускиной о переводах на древнееврейский язык. Как указывается в энциклопедии, первым произведением Лермонтова, переведенным на идиш еще в 1900 году, был «Фаталист», а первым переводчиком его стихов стал зачинатель советской еврейской поэзии, замечательный лирик Ошер Шварцман. Среди других переводчиков Лермонтова — М. Хащеватский, А. Кушниров, Я Зельдин, Эм. Казакевич, И. Слоним. Поэма Лермонтова «Мцыри» оказала значительное влияние на Х.-Н. Бялика при создании им поэмы «Спутник».

В номере опубликованы две критические рецензии — Залмана Либинзона (Горький) о новой книге Александра Лизена «Нохемке Эсрег» и хабаровчанина Александра Чернявского на вторую книжку коллективного сборника «На берегах Биры и Биджана».

Заключают первый номер «Советиш геймланд» традиционные рубрики «Уголок общественного распространителя», «Это интересно», «Юмор», «Материалы для лексикона еврейской советской литературы», «В помощь изучающим идиш».

Приложение к номеру:
У. Гуральник «Глубокие корни»

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 1, январь, 1983 г.

Первый номер «Советиш геймланд» за 1983 год открывается по традиции новогодним обращением к читателям.

В нем говорится:

«Этот номер журнала Вы получите в первые дни нового, 1983 года, когда наш советский народ, наша социалистическая Родина уже вступили в третий год 11-ой пятилетки. Историческое шествие прогрессивного человечества к коммунизму, борьба за мир и социальную справедливость становится все мощнее и победоноснее. Желаем Вам, дорогие товарищи, чтобы в новом году осуществились лучшие Ваши мечты о жизни мирной и счастливой».

В разделе «Теоретическая конференция» печатается материал Альберта Беляева (Москва) под заголовком «Парадоксы Рональда Хинли» — об измышлениях английского «советолога», содержащихся в его книге «Русские писатели и советское общество. 1917—1978». Известный советский публицист пишет:

«Человечество вступило в 80-е годы XX столетия. И с первых же дней нового десятилетия американский империализм начал подвергать серьезным испытаниям достижения разрядки. Самозванно присваивая себе право на так называемое мировое лидерство, правящие круги США рискуют привести мир на грань новой мировой войны. Вот почему необходимо неустанно разоблачать милитаристские устремления американского империализма, показывать его враждебность делу мира, разоблачать человеконенавистническую его политику, направленную на то, чтобы сеять вражду между странами и народами.

Товарищ Л. И. Брежнев в предисловии к книге по актуальным вопросам внешней политики СССР, выпущенной недавно в ФРГ, писал: «...Странам, принадлежащим к различным социальным системам, необходим как воздух хотя бы минимум доверия. Разумеется, нас разделяет и будет разделять противоположность идеологических воззрений. Но наше неприятие буржуазной идеологии не мешает нам оставаться на почве реальностей и терпеливо искать согласия...».

Книги К. Смита, Р. Кайзера, Р. Хинли и многих других западных советологов отравляют международную обстановку и направлены на разрушение «климата доверия» между странами.

Но как никому не удавалось ладошкой прикрыть солнце и погрузить мир во мрак, так никому не удастся преградить дорогу правде о реальном социализме, о советском человеке и его образе жизни».

Поэтическая рубрика номера включает новые стихи Арона Вергелиса (Москва) из цикла «Звенья» и подборку стихов Пини Плоткина (Бобруйск).

Современная проза представлена новыми рассказами Тевье Гена, повестями Гирша Добина «Два берега» и Евгении Малаховской «Теплые дожди» (все три автора живут в Москве).

Значительный интерес для читателей представит статья Н. Прилуцкого «Диалектологический феномен». Ноях Прилуцкий (1882—

11—1646

(Советская родина)
СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

На еврейском языке
Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор А. ВЕРГЕЛИС

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 29.10.1982. Подписано к печати 17.12.1982. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 80 коп. Зак. 1646.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд» 1983 г.

Цена 80 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Материалы внеочередного Пленума ЦК КПСС 12 ноября 1982 г. Речь товарища Ю. В. Андропова. Речь товарища К. У. Черненко. Юрий Владимирович Андропов.

Г. Марков. Партия — наш рулевой.

Теоретическая конференция «Советиш геймланд». А. Беляев. Парадоксы Рональда Хинли.

Стихи А. Вергелиса, П. Плоткина.

Рассказы Т. Гена, Г. Добина, Е. Малаховской.

Памятные литературные даты (Н. Прилуцкий, М. Тайч, М. Береговский).

Найденные рукописи. М. Хенкина. В вотчине Петлюры (роман).

Воспоминания. Х. Тамаркин. Сквозь годы и события.

Литература и искусство. Д. Белкин. О Лермонтовской энциклопедии.

Новые книги. Краткие рецензии З. Либинзона, А. Чернявского.

Уголок общественного распространителя. Листая газеты и журналы. Хроника. Веселые строки. Это интересно. Материалы для лексикона еврейской советской литературы. В помощь изучающим идиш.

Резюме на русском и английском языках.

1983

№ 1